STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00774

# IKH BIN DER KORBN UN DER EYDES

Aaron Twersky

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Wolf & Esther Teitelbaum*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אהרן טווערסקי

# איך בין דער קרבן און דער עדות

ניו-יאָרק
1947

*Copyright*, 1947, *by*

AARON TWERSKY

231 West 96th Street
New York 25, N. Y.

All rights reserved. No part of this book in any form may be reproduced without permission in writing from the author.

PRINTED IN THE U. S. A. BY
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 EAST 4TH STREET NEW YORK 3, N. Y.

# אינהאַלט


זייט

אַ פּאָר ווערטער פון ה. לייוויק........................................ V
הקדמה פון דעם מחבר........................................
די לאַגערן „פּיטיווי און באָן לע ראָלאַן“ אין פראַנקרייך........................................ 1
די קאָנצענטראַציע־לאַגערן קאַמפּיען און דראַנסי אין פראַנקרייך........................................ 3
די געלע פלעקן מיט מגן דוד׳ס........................................ 7
די גרויסע אויסזידלונג פון די פּוילישע אידן........................................ 9
די דעפּאָרטירונג (אויסזידלונג)........................................ 13
די דעפּאָרטירונג פון רומענישע אידן........................................ 14
אַקציע קעגן אַנדערע אויסלענדישע אידן........................................ 16
„יציאת פּאַריז“........................................ 18
אונזער ערשטער אַרעסט........................................ 22
מיין פרויס אַרעסט און מיין נקמה נעמען........................................ 27
אָפּגעפּירט קיין „דראַנסי“........................................ 33
די אויפנאַמע אין דראַנסי לאַגער........................................ 37
טרעפע נומער אַכצן........................................ 40
שמחת תורה אין לאַגער........................................ 43
די פּאַרבערייטונג צו דער דעפּאָרטאַציע........................................ 46
די רייזע אין די פי־וואַגאָנען........................................ 55
די פגישה אין אוישוויץ........................................ 61
די אויפנאַמע אין דעם לאַגער........................................ 67
דער ערשטער טאָג אין אוישוויץ........................................ 74
ידיעות וועגן דער גאַז קאַמער........................................ 84
פון צוויי הונדערט און און דריי און זיבעציק זיינען געבליבן בלויז דריי און זיבעציק פּערזאָן........................................ 92
אונטער דעם טעראָר פון שיילאַק........................................ 95
געשפּרעכן מיט רוסן וועגן די הריגות פון די אידן אין אוקראַינע........................................ 101
אין קאַראַנטין אויפן בוידעם........................................ 104
ענדע מיט דעם קאַראַנטין און אין רשות פון די „קאַפּאָס“........................................ 101
ווידער אַ בחירה פון קרבנות פאַר דער גאַז־קאַמער........................................ 121
דער היגיענישער אינסטיטוט „רייסקאָ“........................................ 127
די קראַנקן־באַראַקן־שפּיטאָל אין אוישוויץ........................................ 138
קראַנקהייטן און מעדיצינישע באַהאַנדלונגען........................................ 144
די סעלעקציע אין שפּיטאָל פאַר דער גאַז־קאַמער........................................ 158
שווינונגס בלאָק נומער ניין און פרויען בלאָק נומער צען........................................ 165
מען דערוואַרט דעם אַנקום פון אונגאַרישע אידן........................................ 170
מען האָט געמוזט גנבענען ביי די נאַציס שפּייז און קליידער כדי צו קענען בלייבן לעבן........................................ 178

זייט


| | |
|---|---|
| די אַדמיניסטראַציע אין דעם פּליאַשאווער לאַגער | 183 |
| דאָס אַרט לעבן אין לאַגער | 187 |
| דער מרחץ און אונזער באַשעפטיקונג | 196 |
| דאָס אָנקומען פון די אונגאַרישע אידן און מיין קאָנפליקט מיט דעם בלאָק־עלטסטן | 202 |
| די שטיינברוך קאָמאַנדע און די געמיינשאַפטן | 208 |
| די בוי און מויער קאָמאַנדעס פון אונגאַרישע אידישע קינדער | 214 |
| דער באגוסלאווער דראביטשער טראַנספּאָרט און דאָס אָנקומען פון די אונגאַרישע מיידלעך | 217 |
| די ליידן פון די אונגאַרישע מיידלעך | 221 |
| די כעמיקער קאָמאַנדע און מיין באַקענען זיך מיטן אַרעסט הויז „בונקער" | 225 |
| אונזער וויסנשאַפטס אַרבעט און די ביכער פאַרשער | 231 |
| די פּאַניק צווישן די „עס.־עס" לייט אין לאַגער | 237 |
| דאָס אויסגראָבן פון די אַלטע קרבנות און די אויפגעשטעלטע תליה | 242 |
| דאָס דערמאָרדן פון אידישן לאַגער עלטסטן, זיין פרוי, זיין געהילף און זיין משפחה | 246 |
| אַ ווענדונג צו אידישע כעמיקער אויסצוגעפינען אַ גאַז אויף צו געווינען דעם קריג | 250 |
| דער פלאָסענבורגער לאַגער און אונזער נסיעה | 254 |
| די פגישה אין לאַגער און דער ערשטער קרבן | 257 |
| אונזערע ערשטע עינויים קשים אין פלאסענבורגער לאַגער | 259 |
| מיין שטראָף און דאָס אָנקומען פון די אונגאַרישע אידן | 264 |
| דער אַכצנטער בלאָק מיט דעם אידנפרעסער ווילי | 267 |
| די כינים און פלעקן טיפוס אין פלאסענבורגער לאַגער און מיין חלום | 272 |
| דאָס געלע בענדל פאַר אידן און דער שיקזאַל פון די כעמיקער | 277 |
| די מיליטער סודות פון דייטשן פּאַטענטן־אַמט | 281 |
| די לעצטע וואָכן אין לאַגער | 283 |
| „פינף מינוט פאַר צוועלף וועל איך אַלע אידן פאַרניכטן" האָט היטלער פאַרשפּראָכן | 286 |
| „די ווייסע פאָן" און אונזער אַנטוישונג | 289 |
| די ליקווידאַציע פונ׳ם לאַגער אין פלאָסענבורג | 292 |
| דער „טויט־מאַרש" | 294 |
| קאָנצענטראַציע־לאַגער דאַכאַו | 304 |
| ענדלעך איז געקומען די ישועה | 304 |
| וואו זענען געווען די פאַרטרעטער פון דעם אידישן פאָלק | 311 |
| איך בין אַן אמתער בראָדיאַגע | 314 |
| דער דייטשישער חורבן | 318 |
| דער קאָנטראָל־פונקט מילהויז | 321 |
| מיין נסיעה קיין פאַריז | 325 |
| די געשיכטע פון מיין פרוי און קינד | 331 |
| וועגן דעם מחבר פון בוך — ל. סלוצקי | 337 |

# אַ פּאָר ווערטער

— — — צי דאַרף אַזאַ בוך, ווי ס'איז א. טווערסקיס, אַן הקדמה? צי דאַרף אַזאַ דאָקומענט פון אַן עד־ראיה אַן הסכמה? — אַז יעדעס וואָרט אינעם דאָקומענט ברענט מיט אַלע פייערן„ דורך וועלכע דער קרבן, און דער עדות צוגלייך, איז אַדורך, מיט אַלע פּיינען, וואָס ער האָט אַריבערגעטראָגן און מיט דער גאַנצער ערלעכקייט צו וועלכער ער האָט זיך דערהייבן.

אַחוץ דעם, ווי קאָן גאָר איינער, וואָס איז ניט געווען דאָרט וואו א. טווערסקי איז געווען, האָבן דעם מוט, זאָל זיין אַפילו שרייבעריש, צו זיין גלייך אויף גלייך מיט אַ מענטשן, וואָס איז אַדורך דעם גאַנצן דייטשישן גהינום — אַדורך, און אַרויסגעקומען גייסטיק גאַנץ און געלייטערט.

אלא וואָס דען? — מיינע עטלעכע באַגלייט־ווערטער זאָלן טאַקע זיין נאָר אַן אויסדרוק פון יראת־הכבוד פאַר דעם אידישן וואונדער־כוח, וואָס האָט דאָס אַלץ, וואָס ווערט דאָ באַשריבן, געקענט דערטראָגן צו אונז מיט אַזויפיל גערירטקייט און ציטעריקייט.

ניטאָ קיין פאַרביטערונג אין דער דאָזיקער כראָניק. יעדעס מאָל, ווען דער געפּייניקטער עד־ראיה און קרבן דער־שפּירט אין זיך דעם אָנפלייץ פון פאַרצווייפלונג און יאוש־סם, שטרענגט ער אָן זיינע לעצטע כוחות אָפּצואווענדן עם פון זיך. די טיפע דערקענטעניש פון איד־גורל באַגלייט אים אומעטום און הייבט אים אַריבער איבערן פינצטערן תהום פון מענטש־לעכער רשעות.

און רשעות — אזוי פיל, אזוי פיל, רשעות פון יעדן מינדסטן שטאַרקן לגבי דעם שוואַכן אידישן קרבן. יעדער מינדסטער שטאַרקער האָט זיך געטוליעט צום געדוכטן גרויסן שטאַרקן, צום אַרכי נבזה-האַר אַליין, צום דייטש — צום נאַצי, — געטוליעט זיך און איינגעזונקען געוואָרן מיט אים אינ-איינעם אין ברודיקן מפלה-חורבן.

דער איד-קרבן, דער שוואַכסטער פון די שוואַכע — ער האָט טאַקע פאַרלאָרן זיינע נאָענטסטע, זיינע טייערסטע, ער האָט צוגעזען דעם אומקום פון מיליאָנען פון זיין פאָלק, אָבער אויב ער איז לעבן געבליבן, איז עס אין זכות פון דער שליחות וואָס ער דאַרף אויספירן — דערציילן דער וועלט, עדות זאָגן פאַר דער ערד און פאַר די הימלען וועגן אַלץ וואָס ער האָט מיט זיינע אויגן געזען און אויף זיין לייב דורכגעטראָגן.

די בלעטלעך פון א. טווערסקי, און טווערסקי אַליין, און יעדער אָפּגעראַטעוועטער און געקומענער פון דאָרט, זיינען אויסשטראַלונגען פון אָט דער שליחות.

ה. לייוויק

מאי, 1947

# הקדמה

דער לייענער זאָל מיר מוחל זיין, וואָס דורך מיין באַשרייבונג וועלן זיך אין אים דערוועקן די גרויסע ליידן וועלכע די געשעענישן אין יאָרן 1940—45 האָבן פאַראורזאַכט.

איך האָב ניט קיין שום צוועק מיט מיין באַשרייבונג אַרויסצו־רופן ביי מיינע ברידער און שוועסטער טרערן און יסורים אין באַצי־אונג צו די אידישע קרבנות. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז ביי אונז אייראָ־פעאישע אידן איז כמעט „אין בית אשר אין שם מת", יעדע משפחה האָט נעבעך איר אַנטייל אין דער גרויסער אידישער טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דעם לעצטן קריג.

מיר וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן דאָס, וואָס מיר האָבן אויף אונזערע אייגענע קערפּערס געהאַט צו פאַרטראָגן דורך אונזערע ווילדע שונאים, די דייטשישע רוצחים. מיר וועלן אויך קיינמאָל ניט אויס־ראָטן פון אונזער האַרץ די ליבע און געפיל צו אונזערע אומגעבראַכטע אויף קידוש־השם עלטערן, קינדער, פרויען, שוועסטער, ברידער און בכלל אידן.

מיט מיין שרייבן וויל איך אַלס אַן עדות, וועלכן דער אויבערשטער האָט געשענקט דאָס לעבן, נעמען אויף זיך די פליכט אויפצוקלערן דער גאַנצער וועלט — ניט נאָר דער אידישער, נאָר אויך די אומות־העולם — דעם אמת וועגן דער דייטשער סיסטעם פון דער אידן־פאַר־ניכטונג אין אייראָפּע, און זאָל די געשיכטע באַצייכענען די יאָרן 1940—1945 אַלס די בלוטיקסטע פאַר דעם אידנטום.

איך מוז ליידער קאָנסטאַטירן, אַז ניט נאָר די אומות העולם, נאָר אויך מיר אידן — נאָך זייענדיק ביי זיך אין די וואוינונגען, ווי אין פאַריז, וואו עס איז קיין באַזונדערע קאָנצענטרירונג און איזאָלירונג פון די אידן ניט פאַרגעקומען, אָדער אַפילו אויך אין פוילן, וואו די אידן האָבן שוין זינט 1939 געוואוינט אין געטאָס — האָבן בשום אופן ניט געוואָלט גלויבן, אָדער האָבן איבערהויפּט ניט געוואוסט, וואָס די דייטשן טוען אויף מיט די אידן אַרויסגעפירטע פון זייערע היימען.

די דייטשן האָבן אַלע פאַרניכטונגס־אַקציעס (אַזוי האָט מען גערופן צווישן די אידן די דייטשישע אַבלאַוועס) קעגן די אידן אין איי־

ראַפּע, איבעראַל וואו זיי האָבן זיך געפֿונען, אָנגעהויבן אין דעם זעלבן חודש יולי, 1942, און האָבן זיי דורכגעפירט לויט אַן אויסגעאַרבעטן סיסטעם, וואָס איז אייגנטלעך באַשטאַנען אין אַ מאַסן־פאַרניכטונג פון אידן, אָבער תמיד פאַרדעקט, בכדי די איבערגעבליבענע זאָלן באמת דענקען, אַז די אוועקגעפירטע זיינען גענומען געוואָרן אויף אַרבעט אָדער איבערגעזידלט געוואָרן אין זייער געבורטסלאַנד. אַזוי־אַרום האָט יעדער איינער געדאַכט, אַז צו אים וועט עס ניט דערגרייכן.

מיר אידן אויף דער פרייהייט, אַלס נאָרמאַלע מענטשן, מיט מענטשן־געפילן, האָבן איבערהויפּט ניט געקאָנט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז אין 20טן יאָרהונדערט, אין דער ציוויליזירונגס־עפּאָכע, זאָלן קאָנען פאָרקומען עפנטלעכע פאַרניכטונגס־עקסצעסן קעגן אומשולדיקע פרויען און קינדער און די עפנטלעכע מיינונג זאָל וועגן דעם פאַרשוויגן.

איך איצט, ווען פאַר דער גאַנצער וועלט איז שוין אויפגעדעקט געוואָרן די גאַנצע שוידערלעכקייט פונעם היטלער־סיסטעם, ווען אַלע קאָנצענטראַציע־לאַגערן זיינען מיט אַקטן און באַווייזן אָפּגעפּילמט געוואָרן, זיינען נאָך פאַראַן מענטשן, וועלכע קומען מיך פרעגן, צי אַלץ איז אמת, וואָס מען צייגט און מען שרייבט.

איך קאָן מיך דערמאָנען, ווי מען האָט אין פאַריז, נאָך דער גרויזאַמער אַקציע אין יולי, 1942, קעגן פּוילישע אידישע משפחות, דערציילט, אַז די דייטשן נעמען אַוועק די קינדער פון די אידישע עלטערן, גיבן זיי נומערן און שמד'ן זיי אָפּ, ווי דער רוסישער צאַר ניקאָלאַי דער ערשטער האָט געטאָן — אַפילו דאָס האָט מען ניט געוואָלט גלויבן, אַז עס איז אמת. גראָד איז דאָס טאַקע געווען פאַלש. אָבער ווער פון אייך וואָלט דען דאַן געגלויבט, אַז די רוצחים זיינען פעאיק צו פאַרגאַזן און פאַרברענען די קינדער צוזאַמען מיט זייערע מוטערס גלייך ביים אָנקום קיין אַשוויץ אָדער מאַידאַנעק? אמת, קיינער!

איינמאָל האָט די ענגלישע ראַדיאָ דערציילט, אַז די דייטשן האָבן אַ גאַז אויסגעפּרואווט אויף אַ צוג פון צען טויזנט אידן און אַלע זיינען אומגעקומען. עס איז מסתמא אמת. אָבער פאַרוואָס האָבן די אַליאירטע ניט אויפגעדעקט דעם ריכטיקן וועג, אויף וועלכן די אידישע

משפחות זיינען אין מיליאָנען געפירט געוואָרן צום טויט אויף אַ שויד־דערלעכן אופן?

איך בין זיכער, אַז זייערע אינפאָרמאַציע־קוואַלן האָבן דאָס גע־וואוסט, אָבער זייער נאָרמאַלער מענטשלעכער געפיל האָט ניט געקאָנט באַגרייפן, אַז דאָס זאָל שטימען מיט דער ווירקלעכקייט — און זיי האָבן דאָס אַ געוויסע צייט פאַרשוויגן.

איצט, ווען איראָפּע איז באַפרייט פון דעם דייטשישן טעראָר און די וועלט איז ווידער אָפּן, וועלן די אויגן פון אַלעמען קאָנען זען און זיך איבערצייגן, אַז אונזער נאָרמאַלע פאַנטאַזיע האָט איבערהויפּט ניט געקאָנט צוקלערן און צולאָזן, אַז אַזאַ שוידערלעכער טעראָר זאָל קאָנען פאָרקומען בשתיקה קעגן אַ גאַנץ פאָלק.

יאָ! מיינע פריינט, ליידער איז געשען אַ גרויסע בלוט־באָד, וואָס האָט אונז אידן געקאָסט אין מענטשלעכע קרבנות טייערער ווי אַלע אַנדערע פעלקער.

מיר האָבן אויף אַ שוידערלעכן אופן פאַרלוירן אין פוילן דריי־און־אַ־האַלב מיליאָן אידן — דער אמת׳ער נאַציאָנאַל־געשטימטער טייל פון דעם אידנטום! איין מיליאָן אידן אין רוסלאַנד און איין מיליאָן רומענישע, אונגאַרישע, פראַנצויזישע, בעלגישע, האָלענדישע אידן.

מיך האָט דער גורל געוואָרפן פון איין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין אַ צווייטן. ערשטנס, אָשוויץ, (אָשווענטשים) אין הויך־שלעזיע; שפּעטער קראָקע, אין פוילן. אַזוי־אַרום האָב איך מיך געטראָפן מיט אידן פון וואַרשע, קראָקע, טאַרנאָוו און אויך פון אַנדערע לענדער, ווי בעלגיע, האָלאַנד, גריכנלאַנד, מיט וועלכע איך האָב מיך גוט באַפריינדט און פעסטגעשטעלט פאַלן וועלכע קאָנען אפשר האָבן אַ באַדייטונג פאַר דער אידישער געשיכטע.

איך וועל שרייבן אָן שום פּראָפּאַגאַנדע צוועקן, נאָר טאַטזאַכן, וועגן מיין אייגענעם לעבן און אַלץ, וואָס איך האָב געזען.

ליידער וועל איך אין מיין שרייבן מוזן וואַרפן אַ טרויעריקן שיין אויף אַ גאַנץ קליינעם טייל פון אחינו בני ישראל, וועלכע האָבן צוליב עגאָאיסטישע צוועקן, אָדער איבער קורצזיכטיקייט, אומדירעקט זיך

## הקדמה

באַנומען שלעכט אין באַציאונג צו זייערע אייגענע ברידער און שוועסטער.

דאָס איז, ליידער, דאָס טרויעריקע קאַפּיטל פון די יאָרן 1942—1945.

דער שונא האָט תמיד געזוכט די קרימינעלע עלעמענטן צווישן די אידן, בכדי זיי אויסצונוצן אויף צו וואַרפן קוילן אין דעם שייטער, וואָס דינט צו פאַרברענען אונזערע אייגענע עלטערן, פרויען, קינדער.

אין מיין באַשרייבונג וועל איך אויך ניט פאַרגעסן די טרויעריקע ראָלע, וואָס די פוילישע באַפעלקערונג האָט געשפּילט, מיטהעלפנדיק דער נאַצישער מאַכט אויפצוזוכן און אויסצוראָטן די אידן און אויך די באַנעמונג פון די פוילישע זאַגענאַנטע פּאָליטישע, מ׳שטיינס־געזאָגט, אינטערנירטע אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן צו די אידן גופא. די לעצטע האָבן אַ גרויסן און אַקטיוון אַנטייל גענומען אין דער אַדמי־ניסטראַציע פון די לאַגערן און אַפּט פאַראַנטוואָרלעכע פּאָסטנס פאַר־נומען, ווי „קאַפּאָ“ (אַרבעט־סטעף), „בלאָק־עלטסטער“, און האָבן געטאָן אַלץ מעגלעכעס, כדי דאָס ביסל אידנטום, וואָס האָט זיך נאָך געפונען אין די לאַגערן, אומצוברענגען.

נאָך לעצטנס האָט אַ פּאָליאַק, אַ שרייבער פון דעם 19טן בלאָק אין דאַכאַו, דערקלערט אַ פוילישן אידן, אַז ער באַדויערט וואָס דאָך זיינען דורך די אַמעריקאַנער אַביסל אידן געראַטעוועט געוואָרן.

ווייל איך באַזיץ פולקאָם די רוסישע שפּראַך, האָב איך אויך געהאַט די מעגלעכקייט צו רעדן מיט פיל רוסן, וועלכע האָבן זיך גע־פונען אין די זעלבע לאַגערן אַלס פּאָליטישע געפאַנגענע. דאָס רוב פון זיי זיינען געווען אוקראַאינער מיט אַ גרויסער שנאה צום אידנטום, און אויף יעדן טריט און שריט האָט מען נאָר געהערט דאָס וואָרט „זשיד“ — דאָך זיינען געווען עלעמענטן, מיט וועלכע מען האָט געקאָנט רעדן, און איך האָב באַקומען ידיעות וועגן דער פאַרניכטונג פון די אידן אין רוסלאַנד.

ווי ווייט מעגלעך וועל איך אויך וועגן דעם שרייבן.

**א. טווערסקי**

קאַפּיטל 1

# די לאַגערן „פּיטיווײַ און באָן־לע־ראָלאַן" אין פראַנקרייך

די ערשטע אַקציע מצד דער נאַצי־מאַכט קעגן די אידן אין פראַנקרייך איז געמאַכט געוואָרן אונטער דער פאָן פון רייך־מאַכן פאַריז פון שעדלעכע אויסלענדישע אידן און איז פאָרגעקומען בלויז קעגן פוילישע אידן, נאָר מענער אין עלטער ביז פערציק יאָר.

די דאָזיקע אַקציע איז פאָרגעקומען דעם 5טן מאַי, 1941, און איז דורכגעפירט געוואָרן גאַנץ זעלבסשטענדיק דורך דער פראַנצויזישער פּאָליציי אין פאַריז.

די פּאָליציי האָט צוגעשיקט איינלאַדונגען צו יעדן פון די, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער פאָראויס צוזאַמענגעשטעלטער ליסט, מיט דער אָנווייזונג, אַז דער באַטרעפנדער זאָל זיך מעלדן אויף מאָרגן אין זיין ענטשפּרעכענדן קאָמיסאַריאַט־פירטל, בכדי זיינע פּאַפּירן זאָלן קאָנטראָלירט ווערן.

יעדער איינער, וואָס האָט די שוועל פון דעם קאָמיסאַריאַט באַ־טראָטן, איז שוין מער צוריק ניט אַרויסגעלאָזט געוואָרן. אויף אַזאַ אופן זיינען אין דעם דאָזיקן היסטאָרישן טאָג אַרום 5,000 אידן דורך דער פּאָליציי פאַרהאַלטן געוואָרן. די דאָזיקע, אַזוי־גערופענע, שעד־לעכע עלעמענטן זיינען אינטערנירט געוואָרן און די אויפסניי אויס־געבויטע צוויי לאַגערן: „פּיטיווײַ" און „באָן־לע־ראָלאָן".

דאָס לעבן און דער רעשוזים אין די צוויי לאַגערן איז פאַרלאָפן געוואָרן אויף אַ גאַנץ מילדן אופן. די אינטערנירטע האָבן געקאָנט זיך

דורכשרייבן מיט זייערע משפחות, די פרויען זיינען געפּאָרן זיך זען מיט די מענער און איייניקע האָבן אַפילו געהאַט די מעגלעכקייט אַפּט צו באַזוכן זייערע פאַמיליעס אין פּאַריז.

אַזאַ רעזשים האָט, קאָן מען זאָגן, פאַרנאַרט די מערהייט פון די אינטערנירטע, ווייל עס איז געווען זייער לייכט צו אַנטלויפן, און אַ געוויסע צאָל האָבן דאָס אויך פאַרווירקלעכט. די מערהייט האָט אָבער לידער באַשלאָסן צו פאַרבלייבן אין די לאַגערן און זיי האָבן נעבעך שפּעטער באַצאָלט מיט זייער לעבן.

זייענדיק שוין אין אַשוויץ, האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ פּאַריזער שיך־פאַבריקאַנט, וועלכער איז אויך געווען איינער פון די פּיטיווייער אינטערנירטע. ער האָט מיטגעמאַכט פערצן חדשים אין פּיטיווי און אין יוני, 1942, איבערגעשיקט געוואָרן קיין אַשוויץ.

ער איז געווען איינער פון די איינצלנע וואָס מען האָט געקאָנט אויף די פינגער איבערציילן, וועלכע האָבן פון די פּיטיווייער נאָך אין יאָר 1944 אין אַשוויץ געלעבט. מיט אים האָב איך זיך אין חודש אַפּריל, 1944, געטראָפן אין שפּיטאָל, וואוהין ער איז געבראַכט געוואָרן פון אַ קוילן־גרוב נאָך אַן אומגליקספאַל.

יאָ, זאָגט ער צו מיר, זייענדיק אין פּיטיווי, האָב איך מיך געפילט אין זיכערקייט און האָב תמיד געזאָגט צו מיין פרוי, וועלכע איך האָב באַזוכט, אַז ביי די אינטערנירונגס באַדינגונגען איז מיר ליב ביז צום סוף פון דעם קריג דאָ צו בלייבן. ווער אָבער, זאָגט ער, האָט געקאָנט וויסן וואָס די דייטשן האָבן געהאַט בדעה מיט אונז ווייטער צו טאָן. פּאַרלויפיק קאָן איך, זאָגט ער, קאָנסטאַטירן, אַז פון 1,800 מאַן, געבראַכטע פון פּיטיווי קיין אַשוויץ אין חודש יוני, 1942, זיינען נאָר איינציקע לעבעדיק געבליבן צום היינטיקן טאָג.

צום באַדויערן איז דער מאַן נאָך ביז היינט קיין פּאַריז ניט צוריקגעקומען, און ווער ווייס זיין טרויעריקן סוף.

## קאַפּיטל 2

# די קאָנצענטראַציע לאַגערן קאָמפּיען און דראַנסי אין פראַנקרייך

אין חודש אויגוסט, 1941, האָט ווידער די פּאַריזער פּאָליציי, אונטער דער באַשולדיקונג פון דעם 11טן פירטל פון פּאַריז אין קאָמוניזם, אַרומגערינגלט אַלע גאַסן פון דער געגנט און אַוועק־געשטעלט ביי יעדן הויז אַ וואַך. באַזונדערע אַגענטן האָבן באַזוכט די אידישע וואוינונגען, מיטגענומען אַלע מענער, אומאָפּהענגיק פון עלטער, און באַלד איבערגעשיקט אין אַ שטעטל קאָמפּיען, וואָס איז באַקאַנט פון דעם קריג 1914—1918, וואו עס איז פאָרגעקומען די קאַ־פּיטולאַציע פון דער דייטשער אַרמיי אין יאָר 1918. דאָרט האָבן די דייטשן, אַלס סימבאָל, געגרינדעט אַ קאָנצענטראַציע לאַגער פאַר פּאָ־ליטישע פאַרברעכער.

די אידן זיינען אין קאָמפּיען ניט לאַנג געבליבן. מען האָט זיי סעפּאַרירט פון די אַרישע אינטערנירטע און אַוועקגעשיקט אין דראַנ־סי־לאַגער.

דראַנסי איז אַ שטעטל, וואָס געפינט זיך נאָרדלעך פון פּאַריז אַרום צוואַנציק קילאָמעטער. דאָרט זיינען פאַראַן גרויסע מיליטערישע קאַזאַרמעס און די געביידע אין אין דער פאָרם פון ח׳, אויסגעבויט אַלס אַ פיר־שטאָקיג הויז. אַרום דער געביידע געפינען זיך גרויסע טורעמס, פערצן שטאָק די הייך, וואו די דייטשן האָבן אַריינגעזעצט די פראַנצויזישע זשאַנדאַרמען אַלס וואַכמענער און אין דער „חית״־געביידע געמאַכט דעם לאַגער.

די אינטערנירטע אידן האָבן די ערשטע דריי חדשים געליטן אין דעם דראַנסי־לאַגער שרעקלעכן הונגער, ווייל קיין שום הילף איז דורך דער פּאָליציי ניט צוגעלאָזט געוואָרן און די פראַנצויזן, וועלכע האָבן באַדאַרפט אויף זייער חשבון אויסהאַלטן די אינטערנירטע, האָבן זיך ניט ערנסט באַצויגן צו זייער אויפגאַבע.

דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז הונדערטער מענטשן זיינען קראַנק געוואָרן און האָבן זיך געניויטיקט אין שנעלער מעדיצינער הילף.

גלייכצייטיק איז דורך דער ווישי־רעגירונג אויפגעשטעלט געװאָרן אַ קאָמיטעט אונטער דעם נאָמען „אוזשואיף", אין װעלכן עס האָבן זיך געפונען באַקאַנטע אידישע פּערזענלעכקייטן, װאָס האָבן באַדאַרפט פאַרטרעטן דאָס פראַנצויזישע אידנטום און שאַפן סאָציאַלע הילף פאַר די נויט־באַדערפטיקע אידן.

כדי דער אידישער קאָמיטעט זאָל האָבן אַ געוויסן קאָנטאַקט מיט דער דייטשער מאַכט, איז דורך זיי נאָמינירט געוואָרן אַ באַקאַנטער אידישער זינגער מיטן נאָמען איזר, װאָס איז פאַקטיש אַראָפּגעבראַכט געוואָרן מיט די דייטשן פון ווין, כדי צו גרינדן אין פּאַריז אַ אידישע קהילה.

די דייטשן האָבן וואָרשיינלעך פאַרשטאַנען, אַז אין פראַנקרייך, וואו די אידן האָבן געהאַט פולקאָמע גלייכבאַרעכטיקונג און זיינען קיינמאָל ניט געווען געצוואונגען זיך צו מעלדן אין דער קאָנסיסטאָריע, וועט זיין זייער שווער אויסצוגעפינען אַלע אידן. דעריבער האָבן זיי אַראָפּגעבראַכט דעם אויבנדערמאָנטן זינגער און נאָך איינעם פון ווין, און די ביידע מרגלים האָבן געגרינדעט אַ אידיש בלעטל, און קיינער האָט ניט געוואוסט אויף וועמעס געלט.

כאַראַקטעריסטיש איז פאָלגנדיקער פאַקט, וואָס די דאָזיקע צוויי לייט האָבן געהאַט די העזה גאַנץ אומזיסט יעדן אידן צוצושיקן אַזאַ בלעטל מיט אַ בקשה זיך אָנצושליסן אין זייער אָרגאַניזאַציע, דער אַזוי־גערופענער קהילה.

יעדער איינער האָט זיך געפרעגט: פון וואַנען האָבן זיי די אידישע אַדרעסן באַקומען, אויב ניט פון דער פּאָליציי, וועלכע האָט שוין געהאַט דורכגעפירט דאָס איינשרייבן פון אַלע אידן?

איך וועל זיך ניט אָפּשטעלן אויף די צוויי אידן, וועלכע האָבן צום אָנהייב געשפּילט אַ טונקעלע ראָלע אויף דער טרויעריקער אידישער גאַס איז פּאַריז, ווייל שפּעטער, ווען דורך דער ווישי־רעגירונג איז גאַנץ לעגאַל, אונטערן דרוק פון דער דייטשער מאַכט, געגרינדעט

געוואָרן דער שוין דערמאָנטער „אוזשואיף", האָבן די דאָזיקע צוויי פאַרשוינען פאַרנומען גאַנץ פאַראַנטוואָרטלעכע פאָסטנס.

דער זינגער איז געווען דער אָפיציעלער פאַרמיטלער פון דעם „אוזשואיף" אין דער דייטשער „געשטאַפּאָ". ער האָט געהאַט פרייען צוטריט צום שעף פון דער „געשטאַפּאָ" און האָט גאַנץ אָפט אינטערווענירט לטובת אַ טייל אידן און האָט געהאַט דאָס רעכט צו באַזוכן דעם לאַגער דראַנסי.

מיט דער גרינדונג פון דעם דאָזיקן אידישן קאָמיטעט האָבן די אינטערנירטע אין דעם לאַגער דראַנסי באַקומען אַ פאַרמיטלער, כדי זיך צו קאָנען פאַרבינדן מיט זייערע משפחות, וועלכע זיינען נאָך געווען אויף דער פריי, און צו באַקומען פון זיי שפּייז־פּעקלעך.

מען קאָן ניט אָפּלייקענען אַז די סאָציאַלע הילף פון דעם „אוזשואיף" און זיינע פאַרמיטלונגען האָבן פאַרבעסערט די לאַגע אין לאַגער און דורך דעם געראַטעוועט פיל נפשות. לאַנגזאַם זיינען די לעבנס־באַדינגונגען אין דראַנסי־לאַגער, אַ דאַנק דער דערהאַלטונג פון שפּייז־פּעקלעך, אַביסל פאַרבעסערט געוואָרן. די אינטערנירטע האָבן געהאַט די מעגלעכקייט יעדע פערצן טעג, דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם אידישן קאָמיטעט, אַרויסצושיקן די שמוציקע וועש צו זייערע קרובים (אויב זיי האָבן אין פּאַריז גופא געהאַט אַזעלכע) און שפּעטער מיט אַכט טעג באַקומען צוריק ריינע וועש. אויף דעם וועג זיינען אויך בריוו געשמוגלט געוואָרן.

אַזוי־אַרום האָבן זיך די אינטערנירטע אין דראַנסי אידן און זייערע משפחות ווידער באַרואיקט און געטרוימט איבערצולעבן דעם קריג, וועלכער וועט שוין לאַנג ניט דויערן, אַפילו אין אַזעלכע לאַגער־באַדינגונגען ווי דראַנסי.

דערצו איז צוגעקומען די באַפרייאונג פון עטלעכע הונדערט שטאַרק־קראַנקע אידן, וואָס האָט נאָך מער צוגעגעבן מוט, ווייל ווער פון די אינטערנירטע איז דען אייגנטלעך געזונט? — אַזוי־אַרום וועט מען דערלעבן אין גיכן די אויפלייזונג פון דעם לאַגער.

איך ווייס ניט, צי דאָס איז אַ חסרון פון דעם אידישן פאָלק,

אָבער איך מוז אָנערקענען, אַז די אמונה און דעם בטחון, וואָס מיר אידן האָבן פאַרמאָגט בשעת די אַלע רדיפות פון די דייטשן, האָבן אונז צום באַדויערן געקאָסט זייער טייער.

די פוילישע אידן, וועלכע זיינען געווען אין פוילן פאַרמאַכט אין זייערע געטאָס און זיך געפונען צווישן אַ פאָלק פון שונאים, האָבן סיי־ווי גאָר ניט געקאָנט אונטערנעמען כדי זיך צו ראַטעווען, און פאַר זיי איז די אמונה אין דער מפלה פון די דייטשן געווען פשוט אַ סגולה לייכטער איבערצוטראָגן די אַלע צרות, אָבער אין פראַנקרייך, וואו דער איד האָט זיך געפונען אין אַ מינדערהייט און ניט פאַרשלאָסן אין זיינע ד׳ אמות, איז פאַר אַ געוויסן טייל אידן, וואָס האָט פאַרמאָגט מאַטע־ריעלע מעגלעכקייטן, יאָ געווען אַ סם אָט די זיכערקייט אין זיין גורל.

די צייט האָט געוויזן, אַז אויב אין פראַנקרייך איז נאָך ברוך־השם געבליבן אָביסל אידן, איז דאָס נאָר אַ דאַנק זייער פאַנישן צו־שטאַנד, וואָס האָט זיי געטריבן פון פאַריז צו פאַרשטעקן זיך ערגעץ־וואו און ניט באַווייזן דעם אידישן פרצוף.

געוויינלעך זיינען פאָרגעקומען שפעטער פאַלן, ווען מען האָט נעבעך אַרויסגענומען אידן פון זייערע באַהעלטענישן דורך אַ מסירה אָדער אַן אומגליקספאַל, אָבער זייער געוויסן איז ריין — זיי האָבן מקיים געווען דעם פסוק „שמור לך ואשמור לך״. דאַקעגן אָבער זיינען געווען אידן מיט מאַטעריעלע מעגלעכקייטן, וואָס האָבן פשוט ניט געוואָלט גלויבן, אַז דעם רשע היטלער זאָל זיך איינגעבן אויסצופירן זיין בייזן ווילן און הבטחה אויסצוראָטן די אידן אין אייראָפּע.

צו דער קאַטעגאָריע האָבן אויך געהערט די אינטערנירטע אידן אין דראַנסי, און איצט ווייסן מיר, אַז דער רוב פון זיי האָט נעבעך באַצאָלט מיטן לעבן.

בשעת די אידן אין פראַנקרייך האָבן געלעבט מיט בטחון, האָט דער טייוול הינטער זייערע פּלייצעס געאַרבעט ווייטער, אויף אויסצו־זוכן נייע באַגרענעצונגען און האָט סיסטעמאַטיש צוגעגרייט די ווייטערע פאַרניכטונג פון אידן.

## קאַפּיטל 3

# די געלע פלעקן מיט מגן־דוד׳ס

גאַנץ אומדערוואַרטעט האָבן זיך באַוויזן באַפעלן אין חודש יוני, 1942, וואָס האָבן פאַרפליכטעט אַלע אידן, אפילו קינ־דער פון 6־יאָריקן עלטער, אָנצוטייען געלע פלעקן אויף דעם מלבוש, פונקט אויף דער שטעלע פון דעם האַרץ.

דער דאָזיקער באַפעל האָט זיך נאָר באַצויגן אויף אידן פון דעם אַזוי־גערופענעם באַזעצטן פראַנצויזישן געביט.

דער ענטוזיאַזם און שטאָלץ, וואָס די אידן אין פּאַריז האָבן אַרויסגעוויזן ביים אָנטייען די געלע פלעקן אויפן האַרץ, פאַרדינען ווירקלעך גרויסע אָנערקענונג. די יוגנט האָט דעם געלן פלעק אָנגע־טייט נאָך פאַר דעם 7טן יוני, וואָס איז געווען דער טערמין פון דער דייטשישער מאַכט, און האָט גרופּנווייז דעמאָנסטראַטיוו דורכשפּאַצירט די גרויסע בולוואַרן אין פּאַריז.

די פראַנצויזישע באַפעלקערונג האָט זיך באַצויגן מיט גרויס סימפּאַטיע אין דעם מאָמענט צו די אידן, און עס זיינען געווען פאַקטן, וועלכע האָבן דעמאָנסטראַטיוו געוויזן דעם ציוויליזאַציע־ניוואָ פון דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג.

איך פערזענלעך האָב געוואוינט אין אַ קריסטלעכן געגנט פון פּאַריז, און ווען איך האָב זיך דעם 7טן יוני באַוויזן אויף דער גאַס מיט מיין זעקס־יאָריקן זון מיט די מגן־דוד׳ס אויפן האַרצן, האָבן מיך פיל קריסטן באַגריסט און אייניקע האָבן מיר די האַנט געדריקט און צו־געגעבן פיל מוט, מיט דער דערקלערונג, אַז דאָס זאָל ניט באַטראַכט ווערן פאַר אונז אידן אַלס שאַנדע.

דעם מאָראַל און מוט, וועלכע די פראַנצויזישע באַפעלקערונג האָט אונז אין אַזאַ טרויעריקן מאָמענט דורך זייער סימפּאַטיע באַוויזן, זאָל דורך דער געשיכטע ניט פאַרגעסן ווערן. דאָס האָט געצייגט און

באַשטעטיקט די גרויסע ראָלע, וואָס דאָס פראַנצויזישע פּאָלק וועט שפּילן אין דער צוקונפט אויף דעם געביט פון ציוויליזאַציע.

איך פערזענלעך בין געווען ביי דער מיינונג, אַז מיר האָבן זיך וויניק וואָס צו פרייען מיט אונזער מאָראַלישן דערפאָלג, ווייל איך האָב פאָראויסגעזען, אַז די דאָזיקע גזירה איז אַ פרעליוד צו ווייטערדיקע עקסצעסן קעגן אידן.

לײדער האָב איך געהאַט רעכט, ווייל פונקט מיט אַ וואָך שפּע־טער איז אַרויסגעקומען אַ נייע גזירה, לויט וועלכער די אידן האָבן נאָר איין שעה אין טאָג צו מאַכן זייער איינקויף פון שפּייז־פּראָדוקטן, און נאָך אַנדערע באַגרענעצונגען, וועלכע זאָלן מאַכן דאָס לעבן פון דער אידישער באַפעלקערונג אומדערטרעגלעך.

ביי די שווערע באַדינגונגען, וועלכע האָבן צו דער צייט גע־הערשט אין פּאַריז אין באַציאונג צו לעבנס־מיטלען, ווען אַ הויז־פרוי, בכדי צו באַזאָרגן די משפּחה מיט שפּייז־מיטלען, האָט געמוזט שטונדנ־ווייז שטיין אין דער ריי כדי עטוואָס צו באַקומען, און דאָס זעלבע איבער'חזר'ן ביי פאַרשידענע געשעפטן, איז פאַרשטענדלעך גאַנץ אומ־מעגלעך געווען אין משך פון איין שעה פאַר אַ אידישער פרוי עטוואָס צו באַקומען, בפרט ווען די דאָזיקע איינציקע שעה איז מיט אַבזיכט באַשטימט געוואָרן פון 11 ביז 12, ווען אין די געשעפטן איז שוין אַלץ אויסגעפאַרקויפט געוואָרן.

דורך דער דאָזיקער באַגרענעצונג האָט די דייטשע מאַכט, ער־שטענס, געוואָלט אויסהונגערן די אידישע באַפעלקערונג, און דער עיקר האָט זי געהאַט בדעה צו צווינגען דאָס פראַנצויזישע אידנטום אויסצו־פילן אַ פאַרברעכן, ד. ה. גיין איינקויפן ניט אין דער באַשטימטער שעה, און דורך דעם זיי אַלס שטראָף אַריינוואַרפן אין לאַגער.

די דייטשן האָבן גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דער הונגער וועט צווינ־גען די אידישע פרוי צו געפינען אַן אויסוועג, כדי גובר צו זיין די דאָזיקע גזירה, און זיי האָבן מיט דער הילף פון דער פראַנצויזישער פּאָליציי, וועלכע איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטערין פון די דייטשן, גע־גרינדעט אַ ספּעציעל ציווילע פּאָליציי פון „דאָריאַ־יוגנט“, וועלכע האָט

געהאַט די אויפגאַבע צו שפּאַצירן איבער פּאַריז און קאָנטראָלירן די פּאַפּירן פון די וואָס גייען אין די געשעפטן און האָבן אַ אידישן אויסזען.

צום באַדויערן זיינען אויף אַזאַ אופן פיל אידן אַריינגעפאַלן און זיינען באַלד איבערגעפירט געוואָרן אין דעם לאַגער דראַנסי.

די צאָל פון די דראַנסי־אינטערנירטע האָט זיך אַ דאַנק דער נייער גזירה אָנגעהויבן צו פאַרגרעסערן, אָבער נאָר אויפן חשבון פון די פראַנצויזישע אידן, וועלכע האָבן געוואוינט אין די קריסטלעכע פערטלען פון פּאַריז, ווייל אין די אמת־אידישע פערטלען, וואָס זיינען געדיכט באַוואוינט פון אידן האָבן די דייטשן דערלויבט דעם אידישן קרעמער האַלטן אָפן אַ גאַנצן טאָג זיין געשעפט און באַדינען די אי־דישע קונים צו יעדער צייט.

אַזוי־אַרום, אַלס איראָניע, האָבן די דייטשן געמאַכט, אַז די גזירה זאָל נאָר טרעפן איין טייל פון אידנטום, כדי עס זאָל זיך אָנהייבן אַ פיינטשאַפט מצד דעם פראַנצויזישן אידן צום אויסלענדישן אידן, וואָס האָט בטבע געוואוינט אין די אידישע פערטלען.

דער טייוול האָט נאָך געוואָלט צוגרייטן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פון דער באַפעלקערונג צו די ווייטערע גזירות, וועלכע האָבן ניט פאַרשפּעטיקט צו קומען מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, און וועלכע האָבן מיט זייער גרויזאַמקייט איבערשטיגן די פריערדיקע גזירות.

## קאַפּיטל 4

# די גרויסע אויסזידלונג פון די פוילישע אידן

נאָך דער גזירה, וואָס האָט באַגרענעצט די צייט פאַר אידן צו מאַכן דעם איינקויף פון שפּייז־פּראָדוקטן, זיינען פאַריבער דריי וואָכן רואיק, ביז ס'האָט זיך דערנענטערט דער אומגליקלעכער טאָג פאַר די פוילישע אידן, דער 16טער יולי.

שוין נאָכמיטאָג ערב דעם 16טן יולי, 1942, האָט מען אין אי־

דישן פערטל געוואוסט, געווינלעך דורך די אַגענטן פון דער פּאָליציי, אַז אויף מאָרגן 5־6 אַזייגער פאַרטאָג וועט מען מאַכן אַן איבערפאַל אי־בער די וואוינונגען פון די פּוילישע אידן אין פּאַריז און פּאַמיליעַנוויז, אַן אויסנאַם פון פרויען און קינדער, וועלן די אידן דורך פּאָליציי מיט־גענומען ווערן, כדי זיי אויסצוזידלען צוריק קיין פּוילן.

מיר אַליין האָט אויף דער גאַס אָפּגעשטעלט דעם זעלבן טאָג אַ פראַנצויז אין עלטער פון 45־50 יאָר און מיר געזאָגט, אַז לויט מיין געלן מגן־דוד זעט ער, אַז איך בין אַ איד, דעריבער געפינט ער פאַר נויטיק מיך צו אינפאָרמירן, אַז מאָרגן, ד. ה. דעם 16טן יולי, וועט פאָרקומען אַ טרויעריקער טאָג פאַר די פּוילישע אידן, און „גיב איבער, זאָגט ער, די ידיעה ווייטער, כדי יעדער זאָל זיך ראַטעווען ווי נאָר ער קאָן; דער עיקר, די טיר ניט אויפעפענען בשעת די פּאָליציי וועט קומען”.

אויף דער פּויליש־אידישער גאַס איז פאַרשטייט זיך געוואָרן אַ בהלה. אין יעדער משפחה האָט מען די פראַגע דיסקוטירט, כדי צו באַשליסן וואָס צו טאָן.

איניקע האָבן ניט געוואָלט גלויבן, אַז מען וועט בכלל נעמען קינדער און פרויען, און אַזוי ווי לויט זייער מיינונג איז נאָר דער מאַן געווען אין געפאַר, האָבן זיי די מענער אַוועקגעשיקט פון דער היים צו אַ באַקאַנטן אידן, אויף וועלכן די גזירה האָט ניט געהאַט די שליטה, אָדער צו אַ קריסט. די דאָזיקע האָבן מיט גרויס זיכערקייט אויפגע־עפנט די טיר פאַר דער פּאָליציי און זיינען נעבעך מיט די קינדער צוזאַמען אַוועקגענומען געוואָרן פון שטוב און אַוועקגעפירט געוואָרן צוערשט אין דער געביידע פון דער געמיינדע.

דער מאַן און פאָטער פון אַזאַ פאַמיליע, נאָכדעם ווי ער איז געוואויר געוואָרן דעם גורל פון זיין משפחה, האָט זיך דעם זעלבן טאָג פרייוויליק געמעלדעט, כדי מיטצופאָרן מיט זיין משפחה.

עס זיינען געווען משפחות, וועלכע האָבן בכלל גלייכגילטיק באַ־שלאָסן אויסצוזידלען צוריק קיין פּוילן, כדי צוזאַמען מיט זייערע קרובים, פון וועלכע זיי האָבן לעצטנס באַקומען גוטע בריוו, איבער־

צולעבן דעם קריג. די דאָזיקע האָבן בכלל ניט געזוכט קיין מעגלעכקייט אויסצומיידן די פּאָליציי.

די קאַטעגאָריע פון פּוילישע אידן, וועלכע האָבן גענומען ערנסט די התראות, האָבן געפונען מיטלען ניט אַריינצופאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי, וואָס האָט זיך ווירקלעך דעם 16טן יולי, 1942, צעלאָזט ווי מלאכי חבלה איבער גאַנץ פּאַריז אין אויטאָמאָבילס אויסצורייניקן די שטאָט פון די געפערלעכע פּוילישע אידן.

אין דעם טאָג זיינען צוזאַמענגענומען געוואָרן אַרום 35,000 נפשות, וועלכע זיינען קאָנצענטרירט געוואָרן אין דעם באַקאַנטן גרויסן „וועלעדראָם ד׳איווער״, וואו אין די גוטע צייטן זיינען פאָרגעקומען גרויסע ספּאָרט־פאָרשטעלונגען און פאַרשידענע פאַר־קאָנטעסטן.

ביי דער דאָזיקער פּויליש־אידישער אַקציע האָבן ־די דייטשן, בכדי צו פאַרבלענדן די אויגן פון דער געזעלשאַפט, אויסגעאַרבעט אַ אידן־סטאַטוט, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין פיל עקזעמפּליאַרן, אַזוי אַז יעדער פּאָליציסט, וועלכער האָט זיך אַריינגעריסן אין אַ אי־דישער וואוינונג האָט געמוזט אויספירן די דירעקטיוון פון דעם דאָזיקן סטאַטוט. אין דעם סטאַטוט איז גאַנץ קלאָר געווען אָנגעוויזן, אַז אַרעס־טירט זאָלן ווערן נאָר אידן פון פּוילישער בירגערשאַפט און נאָר אין באַשטימטן עלטער: מענער ביז 50 יאָר, פרויען ביז 45 יאָר. אַ פרוי, וועלכע איז שוואַנגער אין די חדשים איבער פינף, אָדער וואָס פאַר־מאָגט אַ קינד אינגער פון צוויי יאָר, דאַרף ניט מיטגענומען ווערן. קינדער אינגער פון פופצן יאָר, וועלכע האָבן פראַנצויזישע בירגער־שאַפט, האָבן דאָס רעכט אויסצוקלייבן זייער גורל — מיטצוגיין מיט די עלטערן, אָדער צו בלייבן; אין עלטער פון איבער אַכצן יאָר, מיט פראַנצויזישער בירגערשאַפט, דאַרפן ניט גענומען ווערן.

די מיטגענומענע אידן האָבן געקאָנט מיטנעמען מיט זיך ביז דרייסיק קילאָגראַם באַגאַזש יעדער איינער. די פּאָליציי האָט געהאָט געדולד און האָט צוגעלאָזט, אַז יעדע משפחה זאָל מאַכן דאָס געפּעק, אויב אַ איד האָט ניט געוואָלט מיטנעמען מיט זיך געפּעק האָט דער

פּאָליציסט כמעט געצוואונגען, אַז מען זאָל מיטנעמען מיט זיך לכל־הפּחות עסן אויף דריי טעג און אַ פּאָר מלבושים.

די דייטשן זיינען געבליבן אומצופרידן מיט דער אַרבעט פון דער פראַנצויזישער פּאָליציי. ווייל לויט זייער רעכענונג האָבן געזאָלט צונויפגענומען ווערן לכל הפּחות ביי זעכציק־טויזנט נפשות, ניט קיין פינף־און־דרייסיק־טויזנט, ווי עס איז געשען.

עס איז ווינשנסווערט צו אָנערקענען, אַז די דאָזיקע אַקציע, ווייל זי האָט באַרירט פרויען און קינדער, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן רייניקן פּאַריז פון פרעמדע עלעמענטן, איז געווען גאַנץ אומפּאָפּולער ביי דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג און אַפילו ביי דער פראַנצויזישער פּאָליציי.

די פרעסע האָט אינגאַנצן פאַרשוויגן די דאָזיקע אַקציע, און צווישן די פּאָליציסטן זיינען דאָס רוב געווען מענטשן, וועלכע האָבן אויך געהאַט קינדער, און זיי האָבן אַזוי־אַרום אויסגעפירט דעם באַפעל פון זייערע שעפן נאָר דאָרט, וואו די אידן האָבן אַליין אויפגעעפנט די טיר פון דער וואוינונג.

איך ווייס פון פאַלן, וואו די פּאָליציסטן, זעענדיק דעם צאָרן פון דער אידישער משפחה, וואוהין זיי זיינען אַריינגעקומען, האָבן געהייסן צוגרייטן דעם באַגאַזש און האָבן געפונען אַן אויסרייד, אַז זיי וועלן שפּעטער צוריקקומען. אויב די אידישע משפחה האָט פאַרשטאַנען דעם אויסרייד און האָט זיך געוואָלט ראַטעווען, האָבן די מענטשן פון דער משפחה תיכף פאַרלאָזט דאָס הויז, נאָר איידער די פּאָליציסטן זיינען צוריקגעקומען.

איך מוז אונטערשטרייכן, אַז דאָס זיינען געווייגלעך געווען זעל־טענע פאַלן, אָבער זיי זיינען גאַנץ כאַראַקטעריסטיש און ציינגן, ווי די פראַנצויזן פון דער אַלטער שולע, ניט די יונגע גענעראַציע, האָט זיך באַצויגן צו דער דייטשער ברוטאַליטעט.

די דייטשן האָבן דאָס אויך געוואוסט און זיי האָבן דעריבער די שפּעטערדיקע אַקציעס פאַרטרויט דער ספּעציעל געגרינדעטער פּאָליציי. אַ גרויסער טייל פון די אינטערנירטע אידן איז נאָך דעם זעלבן

טאָג אָפּגעפירט געוואָרן אין די לאַגערן קיין דראַנסי, און פרויען מייסטנס מיט קינדער זיינען איבערגעפירט געוואָרן קיין „פּיטיווייִ", וועלכע איז פריער באַפרייט געוואָרן פון די דאָרט אינטערנירטע מענער. די לעצטע זיינען אַ פּאָר טעג פריער איבערגעפירט געוואָרן קיין דראַנסי און תיכּף פון דאָרט דעפּאָרטירט געוואָרן אין אַן אומבאַשטימטער ריכטונג.

אין „וועלאָדראָם ד'איווער" זיינען פאַרבליבן די קראַנקע, און די באַדינגונגען, אין וועלכע זיי האָבן זיך דאָרט געפונען, זיינען געווען ממש האַרצרייסנדיק. עס האָט דאָרט געהערשט הונגער און נויט, און דאָס איז ליידער געווען די התחלה פון די וייטערדיקע ליידן, וועלכע האָבן געפירט צו זייער פולקאָמער פאַרניכטונג.

## קאַפּיטל 5

# די דעפּאָרטירונג (אויסזידלונג)

די ערשטע דעפּאָרטאַציע איז אייגנטלעך פאָרגעקומען נאָך אין אָנהייב פון 1942. זי איז אויסגעפירט געוואָרן אויף אַ פּאָר טויזנט פראַנצויזישע אידן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דראַנסי־לאַגער אַלס אינטערנירטע פון דעם 11טן פּערטל פון פּאַריז, ווי איך האָב פריער באַשריבן.

אין פּאַריז זיינען אָפט פאָרגעקומען אַטענטאַטן קעגן דייטשע אַרמיי־מענטשן און די אָקופּירטע מאַכט האָט נאָך יעדן אַטענטאַט אַלס אַ שטראָף דערשאָסן אַ געוויסע צאָל פון די אַרעסטירטע קאָמוניסטן און אידן, העלפּט אויף העלפּט.

צום סוף פון 1941 זיינען נאָך אַ געוויסן אַטענטאַט דערשאָסן געוואָרן פוציק אידן און פופציק קאָמוניסטן, און לויט דעם עפנטלעכן באַפעל פון דער דייטשער מאַכט האָבן געזאָלט נאָך הונדערט דערשאָסן ווערן. די ווישי־רעגירונג האָט דאַן אינטערווענירט און אַלס רעזולטאַט האָט דער קאָמענדאַנט פון גרויס־פּאַריז דערקלערט אין אַ באַפעל, אַז

אויף ווייטער וועלן נאָך יעדן אַטענטאַט קאָמוניסטן און אידן אָוועקגע־שיקט ווערן קיין מזרח (אָסטען) אויף אַרבעט, און זעלבסטפאַרשטענד־לעך, אַז די אידן זיינען געווען די ערשטע כפרה־הינדלעך, ווייל פון דראַנסי זיינען באַלד אַוועקגעשיקט געוואָרן אַ פּאָר טויזנט אידן אויפן רוסישן פראָנט אין די אמת׳ע ווינטער־חדשים, ווען די קעלטן זיינען געווען זייער גרויס.

פון די אויסלענדישע אידן וואָס זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן די ערשטע פון פראַנקרייך, זיינען געווען די, וועלכע האָבן זיך זינט מאַי, 1941, געפונען אין די לאַגערן פון „פּיטיווי״ און „באָן־לאַ־ראָלאַן״.

זיי זיינען קיין דראַנסי געבראַכט געוואָרן און פון דאָרט אין לאַסט־וואַגאָנען מיטן צוג, צו זעכציק און אַכציק פּערזאָן אין אַ וואַגאָן, געשיקט געוואָרן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג.

וועגן זייערע רייזע־באַדינגונגען און זייער שיקזאַל האָט מען אין פּאַריז ווייניק געוואוסט, אָבער דורך זייער אָפּרייזע זיינען די צוויי לאַגערן באַפרייט געוואָרן און אַהין זיינען אויף זייער פּלאַץ געבראַכט געוואָרן די פרויען מיט די קינדער.

צו אונז זיינען געקומען זייער טרויעריקע ידיעות וועגן זייער לעבן אין די לאַגערן, און נאָך מער טרויעריקע ידיעות וועגן זייער אָפּרייזן.

ווייטער וועל איך באַשרייבן גענויער די באַדינגונגען אין לאַגער דראַנסי און אויך וועגן די באַדינגונגען פון דער דעפּאָרטאַציע, וואָס איך אַליין האָב שפּעטער דורכגעמאַכט.

## קאַפּיטל 6

# דעפּאָרטירונג פון רומענישע אידן

אין צווישן האָבן די דייטשן דעם אויסגעאַרבעטן אידן־סטאַטוט אַנולירט און האָבן דעם 26טן אויגוסט, 1942, דורכגע־פירט אַן אַקציע קעגן די רומענישע אידן.

ערב דעם 26טן אויגוסט האָט די פראַנצויזישע פּאָליציי באַזוכט אויף וואריז גאַס דעם דאָרט איינגעריכטן אידישן אַזיל און מיטגענומען אַלע דאָרט געפונענע אידן, אומאָפּהענגיק פון עלטער.

אויף מאָרגן האָבן זיי אויך אויף אַן אַכזריות׳דיקן אופן אויסגע־ליידיקט דעם ראָטשילד מושב זקנים און אַפילו מיטגענומען אידן, וואָס האָבן זיך שוין ניט געקאָנט באַוועגן, אין עלטער פון ניינציק און הונ־דערט יאָר.

די פּריוואַטע וואוינונגען פון די רומענישע אידן זיינען מיט קראַפט אויפגעעפנט געוואָרן, טירן אויפגעבראָכן און געמאַכט ממש אַ פּאָגראָם. אין דער אַקציע האָבן שוין גענומען אַן אָנטייל די מיטגלי־דער פון דער ניי־געגרינדעטער דאָריאָ־פּאָליציי, ווייל די דייטשן, ווי איך האָב שוין געשריבן, האָבן פאַרלוירן דעם צוטרוי צו דער אַלטער פּאָליציי.

נאָך דער אויסרייניקונג פון די רומענישע אידן האָבן נאָך גע־קאָנט בלייבן לעגאַל איז פּאַריז פראַנצויזישע, באַלטישע, גריכישע און איטאַליענישע אידן, וואָס אַרבעטן אין אַרישע ווערקשטאַטן פאַר דער דייטשער אַרמיי.

די לעצטע גרופּע איז פון די ווערקשטאַטן שטאַרק עקספּלו־אַטירט געוואָרן, אָבער די צוקונפט האָט געצייגט, אַז די אידן האָבן דערמיט פאַרשפּעטיקט דעם משפּט איבער זייער לעבן, און איך גלויב, אַז פילע פון זיי האָבן געוואוסט ווי אַזוי דעם מאָמענט אויסצונוצן, כדי זייער לעבן צו ראַטעווען, און עס קומט זיי דערפאַר אַ יישר־כוח.

די דייטשן האָבן דעם סיסטעם פון אויסנוצן די ניצלעכע קרעפטן, זאָל זיין אַפילו אידישע, איבעראַל אַנגעווענדט. זיי האָבן אין די געטאָס אין פּוילן איינגעפירט פאַרשידענע קאַטעגאָריעס פון אַרבעטער און האָבן ביז צום לעצטן מאָמענט פון דער געטאָ־ליקווידירונג איבערגע־לאָזט די מער ניצלעכע עלעמענטן.

אויך אין די קאָנצענטראַציע פאַרניכטונגס לאַגערן איז דער דאָ־זיקער סיסטעם אָנגעווענדט געוואָרן. זיי האָבן באַטראַכט די אידן אַלס

אַ שפּילצייג אין זייערע הענט, און אַזוי לאַנג ווי דאָס שפּילצייג איז פֿאַר זיי געווען וויכטיק, האָבן זיי אים אָנגעהאַלטן.

זיי זיינען געווען זיכער, אַז צו יעדן מאָמענט קאָנען זיי די פֿאַרבליבענע אידן פֿאַרניכטן, טאָ פֿאַרוואָס ניט אויסנוצן זייערע וויסנשאַפֿטלעכע און אַרבעטס־קרעפֿטן.

צום באַדויערן קאָן איך קאָנסטאַטירן, אַז אַלע זייערע סאַדיסטישע מחשבות און טאַטן האָבן זייווירקלעך אויסגעפֿירט און עס איז טרויעריק, וואָס דער אידישער מזל האָט זיי געגעבן צייט און מעגלעכקייטן דאָס אַלץ צו פֿאַרווירקלעכן.

## קאַפּיטל 7

# אַקציע קעגן אַנדערע אויסלענדישע אידן

דעם 10טן אָקטאָבער האָבן די דייטשן זיך גענומען פֿאַר די אידן פֿון די באַלטישע לענדער. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך זיינען די מיטלען פֿון דער פּאָליציי ביי די אַקציעס ערנסטער געוואָרן. די טירן פֿון די אידישע וואוינונגען זיינען פֿאַרזיגלט געוואָרן און שפּעטער האָט זיך די אַדמיניסטראַציע באַשעפֿטיקט מיט אויסראַמען די מעבל פֿון די וואוינונגען.

אין פּאַריז האָט מען אויפֿגעהערט צו זען אידן מיט געלע פֿלעקן אין גאַס — אַלץ איז אויף דער אידישער גאַס אָפּגעשטאָרבן.

די פֿראַנצויזישע אידן האָבן פּאַריז פֿאַרלאָזט און זיינען מערסטענס איבערגעפֿאָרן אומלעגאַל אין דער אַזוי־גערופֿענער פֿרייער זאָנע. דאָרט האָט די פּאָליציי אָן שום שטערונגען זיי געלאָזט וואוינען אין יעדן שטאָט און דאָרף, אויסער דער שטאָט ווישי. דאַקעגן, די אויסלענדישע אידן, וועמען עס איז געלונגען פֿאַר גרויסע געלטער צו שמוגלען די „דעמאַרקאַציע ליניע", האָבן באַקומען פֿון דער פּאָליציי אַ

שטראָף און האָבן געמוזט בלייבן אונטערן קאָנטראָל פון דער פּאָליציי אין אַ באַשטימטן אָרט, וואָס איז פון דער פּאָליציי אָנגעוויזן געוואָרן.

די אידן וועלכע עס איז געלונגען זיך אַריבערצוכאַפּן אין דרום־פראַנקרייך, פאַר זיי איז גאָר גוט געווען. ניצע און דער גאַנצער ברעג ביים ים איז געווען באַזעצט פון אידן, און אייניקע האָבן געלאָזט וויסן, אַז זיי וואוינען אונטער דער איטאַליענישער מאַכט, ווי אין תל־אָביב.

מיר פּערזענלעך האָבן שוין אין דראַנסי דערציילט מיינע באַקאַנטע, וועלכע זיינען שפּעטער אין ניצע פאַרנומען געוואָרן פון די דייטשן, אַז די איטאַליענער האָבן אַפילו געשיצט די אידן קעגן דער פראַנצויזישער פּאָליציי.

ליידער האָט זיך די דאָזיקע גינסטיקע לאַגע פון די אידן אין דער פרייער זאָנע (געביט) בכלל און אויף דעם אַזיור־ים־ברעג בפרט שטאַרק געענדערט נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון דער איטאַליענישער באַדאָליאָ־רעגירונג.

אין חודש אָקטאָבער, ווען די אַמעריקאַנער אַרמיי האָט זיך אַרויסגעזעצט אין מערב־אַפריקע, האָט די דייטשע אַרמיי תיכף די פרייע „זאָנע" באַזעצט מיליטעריש. זיי האָבן קיין שום אַקציע קעגן די אידן ניט אונטערגענומען ביז פּאַקטיש די איטאַליענער האָבן נאָך דער קאַפּיטולאַציע געמוזט באַפרייען דעם געביט, וואָס זיי האָבן אין יאַנואַר, 1940, באַזעצט.

אַ פּאָר טעג שפּעטער, נאָכדעם ווי די איטאַליענער האָבן פאַרלאָזט פראַנקרייך, מיט וועלכע עס זיינען אויך פיל אידישע משפחות מיטגעפאָרן האָט זיך די דייטשע געסטאַפּאָ אַ לאָז געטאָן קיין ניצע און אומגעגנט צו אַרעסטירן די דאָרטיקע אידן.

אין די חדשים סעפּטעמבער און אָקטאָבער, 1943, האָבן די אַגענטן פון דער דייטשער געסטאַפּאָ פאַרכאַפּט צענדליקער טויזנטער אידן אין דעם פריערדיקן פרייען געביט, איבערהויפּט אין דרום־פראַנקרייך.

## קאַפּיטל 8

# „יציאת פּאריז"

ביז איצט האָב איך אין מיין שרייבן געגעבן אַ קורצן, אָבער ווי ווייט מעגלעך, אַ קלאָרן איבערבליק איבער די געשע־ענישן אין פראַנקרייך אין באַציאונג צו די אידישע פאַרפאָלגונגען דורך די דייטשן. איצט הייב איך אָן צו באַשרייבן מיינע פּערזענלעכע לײדן און די ליידן פון מיין פרוי און קינד ביז איך בין אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די נאַציס און וואָס איך בין שפּעטער אויסגעשטאַנען אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון פּוילן און דייטשלאַנד.

דער לייענער זאָל מיר מוחל זיין, וואָס איך וועל באַשרייבן אַלע איינצלהייטן פון מיין לאַגער־עטאַפּ. אייניקע פּרטים וועלן אפשר שיינען דעם לייענער אַלס איבערפליסיק, אָבער די אַלע, וועלכע האָבן מיט מיר דורכגעמאַכט די אַלע ליידן און האָבן ווי איך זוכה געווען איבער־צולעבן דאָס אַלץ וועלן באַשטעטיקן, אַז יעדע קלייניקייט פון אונזער לעבן אונטער דעם רשות פון די נאַציס האָט פאַר אונז אַ גרויסע ראָלע געשפּילט, ווייל פון דעם איז געווען גאַנץ אָפּהענגיק די פראַגע פון לעבן און טויט.

סוף חודש מאַי 1940, ווען די דייטשישע מאָטאָריזירטע אַרמיי האָט דורכגעבראָכן דעם פראַנצויזישן פראָנט און איז געלאָפן בליץ שנעל אין דער ריכטונג פון פּאַריז, האָב איך מיך דאַן געפונען ביי דער אַרבעט אין אַ מיליטערישן לאַבאָראַטאָריום אַלס כעמיקער, וואו־הין איך בין צוגעטיילט געוואָרן, נאָכדעם ווי איך האָב מיך אַלס פריי־וויליקער געמעלדט צו גיין אין מיליטער אויף אויסצופילן מיין חוב.

איך האָב דערפילט דאָס געפאַר, וואָס הענגט איבער דעם אידנטום אין פראַנקרייך בכלל און אויף מיין משפחה בפרט. איך האָב אָבער גאָרניט געקאָנט אונטערנעמען, בכדי זיך צו ראַטעווען, כל־זמן ס'איז ניט געווען קיין באַפעל פון דער מיליטער־מאַכט אויף צו עוואַ־קואירן דאָס לאַבאָראַטאָריום.

די פראַנצויזישע רעגירונג האָט שוין צו דער צייט פאַרלאָזט פּאַריז און איז איבערגעפאָרן קיין באָרדאָ, אָבער די שטאָט פּאַריז האָט געזאָלט לויט איר באַפעל אַרויסשטעלן אַ ווידערשטאַנד און קעמפן ביזן לעצטן מענטשן. מענער פון דער ציוויל באַפעלקערונג אין עלטער פון 18—48 האָבן ניט געטאָרט פאַרלאָזן די שטאָט.

יעדער וואָס איז אַרויסגעפאָרן האָט באַדאַרפט קריגן אַ דער־לויבעניש פון דער פּאָליציי און די קאָמיסאַריאַטן זיינען געווען באַ־לאַגערט פון פרויען מיט קינדער, וואָס האָבן געפאָדערט אַן עוואַקו־אירונגס־שיין.

וועגן די מיליטער אַנשטאַלטן איז איבערהויפּט ניט געווען קיין פראַגע וועגן עוואַקואירן זיך. ערשט דריי טעג איידער די דייטשן זיינען אַריין קיין פּאַריז האָט זיך די באַפעלקערונג אַלאַז געטאָן אין וועג אַריין אָן שום דערלויבענישן און ביי דער דאָזיקער פּאַניק האָב איך באַקומען דעם באַפעל פון מיין שעף־קאַפּיטאַן פ. צו פאַרלאָזן מיין פּאָסטן און זיך ראַטעווען מיט מיין משפחה.

איך האָב אויך גיך איינגעפּאַקט די נייטיקע זאַכן אין מיין פּריי־וואַטן אויטאָ און האָב מיט מיין פרוי און קינד פאַרלאָזט פּאַריז.

אַלע וועגן, וואָס האָבן געפירט פון דער שטאָט זיינען שוין געווען פאַרפּלייצט מיט אויטאָס, פוסגייער און מער ווי פינף מייל אין אַ שטונדע האָט מען זיך ניט געקאָנט באַוועגן.

די פאַרפּלייצטע שליאַכן דורך דער איבערגעשראָקענער ציוויל־באַפעלקערונג האָבן אויך פאַרשאַפט גרויסע שוועריקייטן דער פראַנ־צויזישער מיליטער און זי האָט בשום אופן זיך ניט געקאָנט איבער־גרופּירן און צוריקטרעטן מיט אַ געוויסער אָרדענונג.

איך בין מיט מיין אויטאָ אַנגעשלאָסן געוואָרן אין אַ קלעם. די זאַפּאַסן פון עסנוואַרג און וואַסער האָבן אָנגעהויבן ביי די רייזנדע צו ווערן וואָס שפּעטער מיט אַ טאָג וויניקער און דער עולם האָט אָנגעהויבן צו הונגערן.

קינדער האָבן געוויינט און געלעכצט נאָך אַ טרונק און די עלטערן זיינען ניט געווען אין כוח זיי צו העלפן.

גאַנצע משפחות האָבן דאַן איבערגעלאָזט אויף די וועגן זייערע אויטאָס און האָבן זיך געלאָזט צו פוס איבער וועלדער און פעלדער, בכדי זיך קאָנען צושלאָגן צו אַ ישוב.

די טויט שטייענדע אויטאָס האָבן שוין אין גאַנצן פאַרשטאָפּט דעם וועג און מ׳האָט זיך ניט געקאָנט באַוועגן ניט רעכטס און ניט לינקס.

אויסער די ליידען פון הונגער און דורשט איז אויך געווען גרויס די שרעק פאַר באָמבעס, וואָס קאָנען קומען פון דער לופט.

די איטאַליענישע פאַשיסטן האָבן שוין דאַן דערקלערט קריג פראַנקרייך און האָבן באַוויזן זייער העלדישקייט דורך באָמבאַדירן די ציוויל באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך געפונען אין געפּאַקטע מאַסן אויף די שליאַכן.

נאָך דריי טעג זיינען אויך אונזערע זאַפּאַסן פון שפייז און וואַסער אויסגעגאַנגען און דאָס קינד האָט אָנגעהויבן צו ליידן הונגער און דורשט.

מיר האָבן דערפילט אַז ביז מיר וועלן זיך ראַטעווען פון די דייטשן וועלן מיר צוערשט מוזן ברענגען אונזער קינד פאַר אַ קרבן.

קיינער פון די אידישע עלטערן זאָל אין זיין לעבן ניט געשטראָפט ווערן צו זען, זיין קינד פאַלן אין חלשות פאַר הונגער און דורשט.

מיר האָבן דאָס איבערגעלעבט און דאָס איז פאַר אונז געווען דער ערשטער נסיון, וועלכן מיר האָבן באַדאַרפט מיט מוט און אָפּפערוויליקייט איבערטראָגן.

מיר האָבן דאַן געמוזט פאַרגעסן אין דעם אויטאָ און אין די גרויסע זאַכן, פאַר וועלכע מיר האָבן אַזוי לאַנג געאַרבעט. די הויפּט־ציל איז געווען צו ראַטעווען דאָס לעבן פון אונזער בן־יחיד.

מיר האָבן זיך געשלעפּט איבער וועלדער און פעלדער. יעדע מינוט האָט ביי אונז אויסגעזען אַ שעה ביז מיר זיינען ענדלעך געקומען צו אַ ישוב.

ווי גליקלעך זיינען מיר געווען צו קריגן פאַרן קינד אַ ביסל וואַסער און אַ שטיקל ברויט. ס׳האָט אונז באמת אָפּגעקאָסט אַ שלל מיט געלט, ווייל יעדער האָט שוין דאַן פאַרלוירן דעם מענטשלעכן חוש און האָט געזוכט אויסצונוצן די ליידן פון די אומגליקלעכע פּליטים.

ווער ס׳האָט ניט צוגעזען אָדער איבערגעלעבט „יציאת־פּאַריז״ און די פאַרצווייפלטע לאַגע פון פראַנקרייך, דער קאָן זיך לחלוטין ניט אָפּגעבן קיין דין־וחשבון פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט דאַן געטראָפן דעם פראַנצויזישן פאָלק.

די דייטשן האָבן זיך געטאָן זייער אַרבעט. זיי זיינען געלאָפן בליץ שנעל מיט זייערע מאָטאָריזירטע כוחות און האָבן ניט פאַר־שטאַנען, פאַרוואָס די פראַנצויזישע באַפעלקערונג לויפט מיט אַזאַ מורא פון זיי אַוועק און וויל ניט אַריינפאַלן אונטער זייער הערשאַפט.

ווי מיר האָבן ניט געוואָלט זיך ראַטעווען פון דער דייטשישער בעסטיע, זיינען מיר שוין געווען אין זייערע הענט. ס׳איז ניט געבליבן איבעריגס ווי צו זוכן אַ וועג אויף זיך אומצוקערן צוריק קיין פּאַריז און זיך ניט וואַלגערן מיטן קינד אויפן שטרוי אין אַ שטאַל.

נאָך צוויי וואָכן פון גרויסע מאַטערנישן האָט זיך אונז איינ־געגעבן צו קריגן אַ מעגלעכקייט אויף צו פאַרלאָזן דאָס דאָרף און צוריקקומען קיין פּאַריז אין אונזער וואוינונג.

די 150 טויזנט אידן, וועלכע די דייטשן האָבן דערנאָך פאַר־פאָלגט אין פּאַריז זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן אין דער נעץ, נאָר אַדאַנק וואָס פראַנקרייך איז אַזוי שנעל באַזיגט געוואָרן.

יעדער פון אונז האָט געמוזט מיושב ווערן מיטן געדאַנק אַז מיר זיינען אין דעם שונא׳ס הענט און מיר האָבן אויף זיך גענומען בעל־כרחך איבערצוטראָגן די וייטערדיקע גזירות.

## קאַפּיטל 9

# אונזער ערשטער אַרעסט

ענדע 1941, ווען די רוסישע קעלטן האָבן אָנגעטאָן צרות דער דייטשישער אַרמיי, האָבן די נאַציסטישע פירער פאַרטראַכט אויסצונוצן די רייכע פראַנצויזישע פּראָדוקציע אין קראַליקעס (רעבעטס) אויף צו מאַכן פיטער־לייבלעך פון זייערע פעלעכלעך.

פראַנקרייך האָט דאַן פּראָדוצירט נײַנציק מיליאָן קראַליקעס און די דייטשישע אָקופּירטע אַרמיי האָט באַלד רעקוויזיציאָנירט 50 מיליאָן פון זיי פאַר דעם אויבנדערמאָנטן צוועק.

מיין פאַבריק, וועלכע האָט נאָך פאַר דעם קריג אויסגעאַרבעט (געדרעסט) און געפאַרבן אַ באַדייטיקן חלק פון דעם דאָזיקן מין פעל איז שוין זינט אָנהייב 1941 געווען אונטער דעם קאָנטראָל פון אַן אַרישן קאָמיסער.

דער דאָזיקער קאָמיסער איז ניט געווען אַ קענער פון מיין פאַך, אָבער אַלס אינזשעניר טעכנאָלאָג פון אַ פראַנצויזישער אַריסטאָקראַטישער משפחה מיט גרויסע פּאָליטישע פאַרבינדונגען אין די קרייזן פון דער „ווישי־רעגירונג" האָט ער באַקומען אונטער זיין קאָנטראָל אַ טייל פון דער פראַנצויזישער אינדוסטריע, וואָס האָט זיך געפונען אין אידישע הענט.

מיט מיר איז ער געווען גאַנץ קאָרעקט און ער פלעגט זיך כמעט ניט אַריינמישן אין די אינערלעכע ענינים פון דער פאַבריק, כל־זמן ער האָט זיינע מאָנאַטלעכע שכירות באַקומען רעגלמעסיק. ווי נאָר די דייטשן האָבן רעקיזיציאָנירט די פעל פון די קראַליקעס פאַר זייער געברויך, האָבן זיי תיכף אַרויפגעצוואונגען אויף די פאַבריקן, וואָס האָבן פאַר דעם קריג זיי אויסגעאַרבעט, אַז מ'זאָל אַרבעטן פאַרן מיליטער.

אונזער אָרגאַניזירטער סינדיקאַט אין וועלכן איך בין געווען איינגעשלאָסן אַלס מיטגליד זינט 1930 האָט באַלד אינטערווענירט ביי

דער דייטשישער מאַכט און ער האָט מיט איר הסכמה איינגעטיילט די פאַבריקן אין צוויי קאַטעגאָריעס.

אַ קאַטעגאָריע, וואָס זאָל אַרבעטן פאַר דעם דייטשישן מיליטער און אַ קאַטעגאָריע, וואָס זאָל פּראָדוצירן פאַר דער פראַנצויזישע ציוויל באַפעלקערונג.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אויסגעקליבן די צווייטע קאַטעגאָריע, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס די ערשטע קאַטעגאָריע האָט באַקומען גרויסע פּריווילעגיעס אין הינזיכט פון קריגן אומבאַגרענעצטע כעמישע שטאָפן און קוילן, וועלכע האָבן שוין צו יענער צייט אויסגעפעלט אויפן מאַרק.

איך האָב מיך באַנוגנט מיט אַ קלענערער פּראָדוקציע, אָבער איך בין געווען צופרידן, וואָס מיינע אַרבעטער האָבן געקאָנט פאַרדינען אויף זייער לעבן.

אין 1943 נאָכדעם ווי דייטשן האָבן געליטן די שווערע מפּלה ביי סטאַלינגראַד האָבן זיי געענדערט זייער שטעלונג צו אונזער סינדיקאַט און האָבן אויפגעלייזט די צווייטע קאַטעגאָריע.

אין מיין פאַבריק איז אויך אַראָפּגעקומען אַ קאָמיסיע פון דער דייטשישער אינטענדאַנס און האָט ארויפגעצוואונגען צו נעמען פעל. ווי נאָר אַ פּאַרטיע פעל איז אַריינגעקומען פון די דייטשן אין דער פאַבריק, האָב איך איבערגעגעבן די שליסלען צו מיין אַרישן קאָמיסער און האָב אויפן סמך פון געוויסער פאַראָרדענונג פון דעם קאָמיסאַריאַט פאַר אידישע ענינים, מיך אָפּגעזאָגט אַריינצוקומען אין דער פאַבריק.

איך האָב באַלד צוגעגרייט אַ וועג אויף צו פאַרלאָזן פּאַריז מיט מיין משפחה אויף אַן אומלעגאַלן אופן.

דעם 18טן מערץ, פּונקט אין דעם טאָג ווען מיר האָבן געזאָלט פאַרלאָזן בשתיקה אונזער וואוינונג, האָב איך פינף אַזייגער פאַרטאָג דערהערט ווי מ׳קלאַפּט אין אונזער טיר. ס׳איז מיר גאָרניט געקומען אויפן געדאַנק אַז דאָס זאָל זיין פּאָליציי, ווייל אין דעם טאָג האָבן מיר ניט דערוואַרט קיין שום אַקציע אויף אידן.

איך בין געבליבן אַ דערשמעלעטער און האָב זיך אין גאַנצן פאַרלוירן.

ס׳איז ניט געווען קיין אַנדער אויסוועג ווי צו עפענען די טיר און זיי אַריינלאָזן.

צוויי פּאָליציאַנטן זיינען געקומען מיט אַ ספּעציעלן אָרדער פון דער „געסטאַפּאָ" אויף צו נעמען מיך, מיין פרוי און דאָס קינד.

בקשות און טרערן האָבן ניט גערירט זייערע הערצער, אויך געלט האָט ניט געהאָלפן. זיי האָבן בשום אופן ניט געוואָלט לאָזן דאָס קינד און האָבן אונז באַגלייט אין זיין שלאָף־צימער, בכדי אים אויפ־צוּוועקן פון זיין טיפן זאָרגלאָזן קינדערשן שלאָף.

וויפיל די מוטער האָט זיך ביי זיי געבעטן אַז זיי זאָלן ניט איבערשרעקן דאָס קינד און זאָלן איר אַליין לאָזן אויפוועקן אים, האָט דאָס ניט געהאָלפן, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט אונז אָפּצולאָזן פון זיי־ערע אויגן.

דאָס קינד, איז דעמאָלט אַלט געווען זיבן יאָר און האָט שוין געטראָגן דעם געלן מגן־דוד צוגענייט צו זיין מלבוש.

ער האָט גוט געוואוסט, וואָס מ׳טוט מיט די אידן און דאָס וואָרט „דראַנסי" איז שוין געווען איינגעקריצט טיף אין זיין קינדערשן מוח, ווייל ער פלעג זיך מיט אויפמערקזאַמקייט צוהערן צו די געשפּרעכן, וועלכע פלעגן פּאָקומען אין אונזער הויז מיט אונזערע פריינט און סתם באַזוכער.

ער פלעג אָפט פרעגן וואָס מ׳טוט מיט די אידן אין דראַנסי? פאַרוואָס טאָר ער ניט זיין אין דרויסן נאָך 8 אַזייגער אין אָוונט, ווען אַלע קינדער פון די אַרומיקע שכנים שפּילן זיך נאָך און געניסן פון דער פרישער הארבסט־לופט?

פאַרוואָס טאָר ער ניט באַזוכן די מוּאַוויס אָדער קינדער־טע־אַטער? זיין קינדערש האַרץ איז תמיד געווען אומרואיק און אונזערע תשובות האָבן אים ניט צופרידנגעשטעלט.

פלוצים וועקט מען אים אויף און ער דערזעט פאַר זיך צוויי פּאָליציאַנטן, וועלכע שטייען איבער זיין בעט.

ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און איז אַריינגעפאַלן אין אַ היסטערישן געוויין.

וויפיל מוט און כוח האָט באַדאַרפט פאַרמאָגן זיין מוטער, בכדי צו פאַרבאַרגן פון אים איר אייגענעם צער און זוכן אים צו באַרואיקן.

דאָס קינד, וואָס איז תמיד געווען לוסטיק און אַקטיוו איז גע־בליבן גאַנץ הילפלאָז און האָט זיך געלאָזט טאָן מיט זיך וואָס מ׳האָט נאָר געוואָלט.

די פּאָליציסטן האָבן אונז שטאַרק צוגעאײַלט, ווי מיר וואָלטן פאַרלוירן אַ גרויס געווינס.

אין איילעניש האָבן מיר פאַרגעסן מיטצונעמען די סאַמע וויכ־טיקסטע זאַכן, וואָס זיינען נייטיק פאַרן קינד און פאַר אונז.

ווען מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען פון אונזער הויז איז די גאַס נאָך געווען איינגעטונקען אין אַ טיפן רואיקן שלאָף. קיינער פון די קריסטלעכע שכנים האָט ניט צוגעזען אונזער ווייטיק און שאַנד ווי מ׳פירט אונז אַלס ריכטיקע אַרעסטאַנטן און פאַרברעכער.

די עסנווארג געשעפטן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו עפענען און זייערע בעלי־בתים, וועלכע האָבן אונז גוט געקאָנט, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אונטער די טירן און אויסגעמיטן אונז צו זאָגן אַ גוט וואָרט.

זיי האָבן דערנאָך דערקלערט זייער טאַט מיט דעם, וואָס זיי האָבן אונז ניט געוואָלט פאַרשעמען, זעענדיק ווי צוויי פּאָליציאַנטן פירן אונז, אָבער אין דעם מאָמענט האָבן מיר שטאַרק געוואָלט זאָגן אַ פּאָר ווערטער צו די פאַרשטייער פון דער פראַנצויזישער באַפעל־קערונג און זייער אויסבאַהאַלטן זיך האָט אונז באַוויזן אַז עס זיינען ניטאָ קיין פריינט צווישן די אומות העולם פאַר דעם אידישן פאָלק, ווען ער געפינט זיך אין אַן עת צרה.

מ׳האָט אונז אָפּגעפירט אין פּאָליציי — קאָמיסאַריאַט פון אונ־זער באַצירק און אונז איבערגעגעבן אין די הענט פון אַנדערע שומרים, מיט דעם האָבן די צוויי פּאָליציאַנטן אויסגעפילט זייער הייליקע שליחות און זיינען צופרידענע אַוועק צו זייערע פרויען און קינדער.

דאָס קינד האָט ניט פאַרלאַנגט קיין טרונק אָדער עסן, ער האָט בשלימות איבערגעטראָגן די שטראָף וועלכע איז אויסגעפאַלן אויפן פאָלק ישראל.

צעבראָכענע זיינען מיר עלטערן געזעסן און געוואַרט אויף אונזער וייטערן גורל.

דאָ איז פאָרגעקומען אַן אינצידענט, וועלכער האָט אונז אַרויס־געבראַכט פון אונזער גלייכגעוויכט.

דעם קינד האָט זיך פאַרגלוסט משתן צו זיין. ער האָט זיך אָפּ־געריסן פון אונז און איז אַן שום כוונה צוגעלאָפן צו דער טיר.

דער פּאָליציאַנט, וועלכער האָט געהאַט די שמירה איבער אונז האָט פאַרדעכטיקט אַז דאָס קליינע נפש'ל וויל מאַכן די פליטה. ער איז נאָך אים נאָכגעלאָפן און האָט אים מיט כוח פאַרהאַלטן.

דאָס קינד האָט ניט פאַרשטאַנען די ברוטאַליטעט פון דעם פּאָ־ליציאַנט אָבער מיר עלטערן האָבן אויף אים אויסגעגאָסן אונזער שווער האַרץ.

דער דאָזיקער עפּיזאָד האָט אונז באַשטעטיקט די אַחריות, וועלכע מיר עלטערן טראָגן פאַר דעם לעבן פון אונזער קינד, וועמענס חטא ס'באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן אַ איד.

נאָך פיר שעה זיין אונטערן אַרעסט האָט זיך באַוויזן אין קאָמי־סאַריאַט, דער אַרישער קאָמיסאַר פון מיין פאַבריק מיט אַ דייטשישן „געסטאַפּאָ"־מאַן.

דאָ האָט זיך באַלד אויפגעקלערט די סיבה פון אונזער אַרעסט. דער אַרישער קאָמיסאַר, האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם אַחריות וואָס פאַלט אויף אים פאַר די פעל, וואָס ליגן אין מיין פאַבריק און ער האָט באַלד נאָך מיין אַוועקגיין אינטערוועגירט אַז מ'זאָל מיך אויפפאָדערן צו קומען אַרבעטן.

זיי האָבן מיר פאָרגעשלאָגן אַרויסצוקומען אין דער פאַבריק און אויסאַרבעטן די פעל. אויב ניט וועלן מיר אַלע דריי נאָך היינט איבער־געשיקט ווערן קיין דראַנסי.

מיין פרוי האָט מיר ניט געוואָלט באַאיינפלוסן אין מיין באַשלוס

אָבער די טרערן, וועלכע האָבן געפלאָסן פו אירע אויגן און דאָס אײַ־בערגעשראָקענע פּנים פון מײַן קינד האָט מיר אינסטינקטיוו אונטער־געזאָגט די געפאַר וועלכע הענגט איבער אונזערע יונגע לעבנס.

איך האָב גוט געוואוסט אַז מיט די געמאַכטע פּעל אין מײַן פאַבריק קאָנען די דײַטשן דעם קריג ניט געווינען, אָבער מײַן אידישער געוויסן האָט מיר ניט דערלויבט צו אַרבעטן פאַר די דאָזיקע רוצחים.

די אַפּיטרופּסים זײַנען געשטאַנען איבער מײַן קאָפּ און פאַר־לאַנגט אַן ענטפער. אין דעם מאָמענט האָט מיר די שנאה, וועלכע איך האָב פאַרבאָרגן אין מײַן האַרץ אונטערגעזאָגט דעם געדאַנק פון „נקמה״.

נקמה נעמען פון זיי, פאַר דעם אידיש פאַרגאָסענעם בלוט און גלײַכצײַטיק ראַטעווען די לעבנס פון מײַן פרוי און קינד.

דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיר געגעבן מוט אויף צו גיין צו־ריק אין מײַן געוועזענע פאַבריק.

די טירן פון דעם קאָמיסאַריאַט האָבן זיך באַלד ברייט געעפנט פאַר אונז. דאָס קינד האָט דערפילט די פרייהייט און איז מיט גרויס אימפּעט אַרויס אין דרויסן, וואו ס׳האָט געשײַנט די זון און וואו די בלויע הימלען האָבן צוגעגעבן חן דער פאַרשאָלטענער ערד.

איך מיט מײַן פרוי זײַנען געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און שווײַגנדיק האָבן מיר זיך אײַנער דעם צווייטן פאַרשטאַנען.

## קאַפּיטל 10

# מײַן פרוי׳ס אַרעסט און מײַן נקמה נעמען

איך האָב געאַרבעט אין מײַן פאַבריק און מײַן פרוי האָט זיך אין גאַנצן איבערגעגעבן דער וואוילטעטיקער אַרבעט.

זי האָט באַזאָרגט מיט אויסבאַהאַלטענישן אייניקע משפחות און האָט זיי אויך באַזאָרגט מיט שפּײַז.

ס׳זיינען אויך געווען פאַלן, ווען זי האָט געמוזט ברענגען אַ דאָקטאָר צו אַן אויסבאַהאַלטענעם און פאַרשאַפן אים מעדיקאַמענטן.

איר אויפגאַבע איז געווען ניט פון די לייכטע, ווייל ערשטנס איז די פּראָבלעם פון קריגן שפייז געווען איינע פון די שווערסטע ביי די באַדינגונגען, וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט אין פּאַריז, צווייטנס זיינען געווען געוויסע באַגרענעצונגען איינגעפירט פאַר אידן.

ווען זי האָט שוין אפילו געפונען די נייטיקע שפייז־פּראָדוקטן האָט זי געמוזט זיין זייער פאָרזיכטיק ביים אַריבערברענגען זיי צו די אויסבאַהאַלטענע.

איך פלעג באַוואונדערן איר מפקיר זיין זיך לטובת די געליטענע און האָב געשעצט איר שטאַרקן ווילן צו העלפן אונזערע אומגליקלעכע ברידער און שוועסטער.

אַגב אורחא איז כדאַי איצט צו באַמערקן אַז לײדער זיינען ניט אַלע משפחות, וועמען מיין פרוי האָט געהאָלפן געראַטעוועט געוואָרן, אָבער דער טייל, וועלכער איז געבליבן לעבן, ווייסט ווי צו שעצן דעם חלק וועלכן מיין פרוי האָט צוגעטראָגן צו זייערע לעבנס.

איך פון מיין זייט האָב פאַרווירקלעכט מיין נקמה נעמען און האָב אַריינגעפירט אין די האָר פון די פעל וועלכע זיינען אין דער פאַבריק אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ געוויסן סם און האָב קיינעם ניט פאַרטרויט מיין סוד.

מיר האָבן שוין פאַרבאַרייטערט אַ באַהעלטעניש פאַר אונז, אָבער איך האָב אָפּגעצויגן דאָס איבערציען זיך, ביז איך וועל האָבן מיין ציל דערפירט ביז צום סוף.

איך האָב געוואָלט אַריינפירן דעם סם און וואָס מער פעל. דער סם האָט נאָר געקאָנט ווירקן אין פאַל ווען דער סאָלדאַט וואָס טראָגט אים זאָל פאַרלעצט ווערן און זיין בלוט זאָל קומען אין קאָנטאַקט מיט די האָר פון דער פעל.

ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן ווען דריי חדשים נאָך אונזער ערשטן אַרעסט, כאַפּ איך מיך אויף פון שלאָף ביי צוויי אַזייגער פאַרטאָג און דערהער ווי מ׳רייסט ביי אונז די טיר פון דער וואוינונג.

מיר האָבן ניט געהאַט קיין צייט אַראָפּ פון די בעטן ווי נאָכ־אַמאָל צוויי פּאָליציאַנטן זיינען שוין געשטאַנען אין אונזער וואוינונג.

זיי האָבן זיך צו אונז אַריינגעריסן און ס׳האָט אין זיי געברענט די רציחה, פאַרוואָס מיר האָבן ניט אויפגעמאַכט די טיר. ווער האָט דען געקאָנט טראַכטן צו בעטן מחילה ביי די דאָזיקע צוויי פאַרשטייער פון דער מאַכט?

דאָס מאָל זיינען זיי געקומען מיטן צוועק, צו נעמען מיין פרוי אַליין. דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף און ער איז באַלד אַן איבערגעשראָקענער געשטאַנען אין אונזער שלאָף־צימער.

איך האָב באַוואונדערט די העראָאישע האַלטונג פון מיין פרוי. זי האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין שום ווידערשטאַנד און האָט זיך צוגע־איילט אויסצופילן דעם באַפעל.

איר מוטער הארץ האָט זיך געפרייט, וואָס מ׳לאָזט כאָטש איבער דאָס קינד מיטן פאָטער.

דאָס בילד פון דער שיידונג מיט מיין פרוי שטייט נאָך איצט פאַר מיינע אויגן. איך האָב געוואָלט מיט איר מיטגיין, אָבער זי האָט מיך באַשוואוירן צו בלייבן אין שטוב, בכדי צו רעטן דאָס קינד.

די צעבראָכענע טיר איז נאָך איר אַוועקגיין געבליבן הענגען אָן אָפענע און איך האָב דעמאָלט דערפילט דעם גאַנצן אַחריות וואָס פאַלט אויף מיר.

אייניקע נאָענטע פריינט פון די קריסטלעכע שכנים זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן און האָבן געפּרואווט צו טרייסטן מיך מיטן קינד, אָבער ווי האָב איך געקאָנט געפונען אַ טרייסט, נאָכדעם ווי מ׳האָט אַזוי מערדערליך אָפּגעריסן פון מיר מיין נשמה.

דאָס קינד האָט געוויינט נאָך דער פאַרלוירענער מוטער און איך האָב געפילט אַז איך וועל משוגע ווערן.

איך האָב געהאַט טענות צו גאָט פאַר דער אומגערעכטיקייט וועלכן ער באַגייט צו אַזאַ אידישער מוטער און גוטע נשמה, וואָס איז זיך מקריב פאַר אנדערע אומגליקלעכע אידן.

מיט גרויס מאַטערנישן האָב איך קאָם דערצויגן צו דערלעבן

דעם פרימאָרגן און אַוועקלויפן אין קאָמיסאַריאַט אַריין. מ׳האָט מיך לײדער ניט צוגעלאָזט נאָענט צו איר, אָבער פון דערווייטנס האָב איך פאַר זיך דערזען דאָס אויסגעמאַטערטע פנים פון מיין פרוי און דעם טרויער וואָס באַדעקט איר ליכטיק שיין פנים.

די פרוי, וועלכע איז ערשט מיט פיר שעה צוריק געווען אַזוי שטאַרק און העראָאיש איז פאַר דער קורצער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דערשלאָגענעם קראַנקן מענטשן.

פאַר מיינע אויגן האָבן זעקס פּאָליציאַנטן זי אָפּגעפירט קיין דראַנסי און איר לעצטער אויסגעשריי:

זיי אַ מוטער צום קינד! הילכט נאָך אַף היינט אין מיינע אויערן.

מיטן צונעמען פון מיין פרוי האָב איך פאַרלוירן דעם גאַנצן טעם און חשק צום לעבן. איך בין מיט מיין קינד באַלד איבערגעגאַנגען אין דעם באַהעלטעניש און האָב זיך שוין מער ניט באַוויזן אין דער פאַבריק.

די באַדינגונגען פון אונזער באַהעלטעניש זיינען געווען זייער פיינלעכע, סיי אין הינזיכט פון דעם שטח, וואָס דאָס צימער האָט פאַרמאָגט, און אויך אין דעם, וואָס עס האָבן געפעלט די עלעמענטאַרסטע זאַכן, וואָס זיינען נויטווענדיק צום לעבן. דאָך זיינען מיר געווען גליקלעך צו קריגן אַזאַ מקום מקלט.

די הויז־וועכטערין איז געווען אינפאָרמירט וועגן דעם, און מיר האָבן זיך געקאָנט פילן מער אָדער ווייניקער געשיצט קעגן דעם דייטשן טעראָר. לײדער איז אין חודש סעפּטעמבער געענדערט געוואָרן די הויז־וועכטערין אויף אַן איטאַליענערין און בכדי צו וויסן אונזער לאַגע האָב איך זיך געשטעלט מיט איר אין פאַרבינדונג און איר גאַנץ אָפן אויפגעקלערט אונזער סיטואַציע.

די איטאַליענערין האָט אַרויסגעוויזן אַ געוויסן מיטגעפיל און האָט מיר פאַרזיכערט, אַז זי וועט אונזער מקום מקלט דער פּאָליציי ניט אַרויסגעבן. ווי איבערראַשט זיינען מיר אָבער געוואָרן, ווען דעם 18טן אָקטאָבער, 1943, אַרום 10 אַזייגער אין אָוונט, קלאַפּט מען אָן אין אונזער טיר.

איך בין געבליבן דערשטוינט און האָב לכתחילה ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. קיינעם האָבן מיר ניט דערוואַרט און דאָס קלאַפּן האָט מיר אָנגעזאָגט אַ שלעכטע בשורה. דאָס קלאַפּן האָט זיך איבערגע־חזר׳ט און אונז איז ניט געבליבן קיין אַנדער וועג, ווי נאָר צו זוכן אַן אויסוועג זיך צו ראַטעווען.

דאָס קינד האָב איך באַלד אַרויסגעשטופּט דורכן פענצטער אויף אַ באַלקאָן, וואָס האָט געפירט צום שכן ווען איך האָב דורך קלאַפּן אין דער וואַנט מודיע געווען וועגן אונזער געפאַר, ווי ס׳איז געווען פריער אָפּגערעדט און איך האָב באַדאַרפט נאָכקומען. ליידער האָט די פּאָליציי די טיר גלייך אויפגעריסן און בכדי ניט אַרויסגעבן מיין קינד האָב איך שוין ניט ריזיקירט צו שפּרינגען דורך דעם פענצטער.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן בזיונות און זידלערייען, זיי האָבן גע־וואָלט אומבאַדינגט, אַז איך זאָל זיי זאָגן וואו מיין קינד איז פאַר־שוואונדן. אָבער דאָס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן. ס׳איז זיי ניט גע־בליבן קיין אַנדער אויסוועג, ווי מיך אַליין מיטצונעמען און אָפּפירן אין קאָמיסאַריאַט פון אונזער באַצירק.

איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז פאַרגעקומען אַ פאַרראַט מצד דער נייער איטאַליענישער הויז־וועכטערין.

מיר איז געבליבן ניט מער ווי מיטצונעמען די וויכטיקסטע זאַכן און מיטצוגיין מיט די צוויי פּאָליציסטן. אויף אַזאַ אופן איז פאַר־געקומען מיין צעשיידן זיך מיט מיין קינד. אָן אַ זיי־געזונט בין איך אויסגעכאַפּט און אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין די הענט פון אונזערע אמת׳ע מלאכי־חבלה.

אין קאָמיסאַריאַט בין איך, איין־איינציקער איד, געבליבן זיצן די גאַנצע נאַכט ביז צומאָרגנס עלף אַזייגער מיטאָג־צייט. די באַהאַנ־דלונג אין קאָמיסאַריאַט איז געווען אַ מענטשלעכע. מיך האָט מען ניט איינגעשפּאַרט ווי אַ קרימינעלן פאַרברעכער אונטער גראַטעס, נאָר איך בין געבליבן זיצן ביים טיש מיט די פּאָליציסטן, וואָס זיינען אויף נאַכט־דינסט.

בכדי צו מאַכן די צרות פאַרגעסן און די נאַכט פאַרלויפן, האָבן מיר דיסקוטירט איבער פּאָליטישע און קריגס־פּראָבלעמען. די געפילן פון די דאָזיקע פּאָליציסטן, וואָס זיינען געווען אויף זייער גאָסן־דינסט, זיינען געווען פאַר אונז, אידן, גאַנץ גינסטיקע. יעדער פון זיי איז געווען זיכער, אַז דער קריג וועט זיך ענדיקן מיט דערפאָלג פאַר די אַליאירטע און אַז מיר, אידן, וועלן צוריק אונזערע לעבנס־רעכט געווינען.

אויב אַפילו איך בין אין האַרצן געווען איינשטימיק מיט זיי, האָב איך צום באַדויערן ניט געפילט די זיכערקייט ווי זיי, אַז איך וועל אויך דערלעבן צו זען די מפּלה פון אונזער לעבנס־שונא.

די בענקשאַפט נאָך מיין איינציקן זון, וועלכער איז געבליבן אַ לעבעדיקער יתום און נאָך מיין פרוי, האָבן מיר אַריינגעוואָרפן אין אַ שווינדערלעכער שטימונג און די צייט האָט זיך פאַר מיר אָן אויפהער געצויגן.

איך האָב זיך ערשט דעמאָלט אָפּגעגעבן אַ ריכטיקן דין־וחשבון וועגן אונזער גורל און האָב אין געדאַנק געהאַלטן אַ גאַנצע דין־תורה מיטן רבונו־של־עולם:

מיט וואָס האָבן מיר, אידן, זיך פאַרזינדיקט, וואָס אַזעלכע בשר־ודמ׳ס, וואָס גלויבן אין דעם מענטשלעכן גאָט, זאָלן איבער אונז הערשן און קאָנען האָבן דאָס רעכט אויף אונזער לעבן, אויפן לעבן פון אונ־זערע אומשולדיקע קינדערלעך.

דאָס אויסרופן מיין נאָמען האָט מיך געבראַכט צו דער ווירק־לעכקייט. דער אויטאָ פון דער יורידישער פּאָליציי איז געקומען ספּע־ציעל אָפּצונעמען דעם אידישן פאַרברעכער און אַריינצוואַרפן אים אין די הענט פון די דייטשע מלאכי־חבלה.

## קאַפּיטל 11

# אָפּגעפירט קיין „דראַנסי"

האַלב נאָך עלף בייטאָג איז געקומען דער אויטאָ פון דער „פּרעפעקטור דע־פּאָליס" מיט אַן אָרדער מיך מיטצונעמען. מ'האָט מיך, אונטער דער באַגלייטונג פון פיר פּאָליציילייט אין אוני־פאָרם, אויפגעלאָדן אין אַ געשלאָסענעם אויטאָ, וועלכער באַשטייט אין דער מיט פון אַ שמאָלן דורכגאַנג און פון ביידע זייטן פון טירן, וועלכע פירן אין אָפּגעזונדערטע קאַבינען.

מיך האָט מען פאַרשלאָסן אין איינעם פון די דאָזיקע קאַבינען, וואו עס איז נאָר פאַראַן אַ זיץ־פּלאַץ פאַר איין פּערזאָן, און עס איז ניטאָ קיין שום מעגלעכקייט צו באַוועגן זיך. אַרום און אַרום איז געווען טונקל און איך האָב ניט געהאַט קיין שום באַגריף וואוהין מען פירט מיך. ענדלעך איז דער אויטאָ געבליבן שטיין און מען האָט מיך, אונטער דער אויפזיכט פון צוויי רייען פּאָליציסטן, ווי אַ ריכטיקן פאַרברע־כער, אַריינגעפירט אין אַ גרויסער געביידע, וואו עס איז צוערשט פאַר־געקומען דער קאָנטראָל פון מיין נאָמען, און דערנאָך אין אַ גרויס צימער, וועלכער איז אָפּגעטיילט פון דעם קאָרידאָר דורך אַ וואַנט פון בלויז אייזערנע שטאַנגען. אַ הינערשטייג אין אַ גרויסן פאָרמאַט.

אין דער שטייג האָב איך שוין געפונען זיצן אויף זייער געפּעק אַ פּאָר אידן, וועלכע האָבן מיר דערקלערט, אַז מיר געפינען זיך אין דער געביידע פון דער יורידישער פּאָליציי ביי דער פּרעפעקטור, און זי ווערט גערופן „סיטע".

דאָס איז די צענטראַלע פאַר אַלע עלעמענטן, סיי געוויינלעכע, אָדער פּאָליטישע פאַרברעכער, וואָס ווערן פאַרהאַלטן דורך דער פּאָ־ליציי. ניט־אידן ווערן איבערגעשיקט פּשוט אין די טורמעס, און מיר, אידן, האָבן דאָס גליק איבערגעשיקט צו ווערן קיין „דראַנסי".

אין דער שטייג, אַן עסן, בין איך געבליבן ביז פיר אַזייגער

נאָכמיטאָג, און פאַר דער צייט האָבן זיך, קיין עין הרע, צונויפגעזאַמלט אַ פּאָר מנינים אידן.

דער געררויש און געפּידלער איז געווען גרויס, קינדער האָבן געבעטן עסן, און די עלטערע האָבן גע׳חקירה׳ט צווישן זיך וועגן אונ־זער צוקונפט.

פּונקט אין דער צייט האָט מען אויפגעמאַכט די טיר פון דער שטייג און, אויסרופנדיק די נעמען, אַרויסגעלאָזט איינציקווייז, תמיד אונטער דער וואַך פון צוויי רייען פּאָליציסטן.

אין אַרויסגאַנג זיינען אונז אַקעגנגעקומען פרויען און קינדער, טייל פרויען מיט זויג־קינדער אויף די הענט, צעבראָכענע, אויסגע־הונגערטע און פאַרמאַטערטע.

דאָס זיינען געווען אידישע פרויען. אייניקע האָבן געהאַט זייערע מענער צווישן אונז אָדער ברידער, אָדער סתם קרובים.

די פּאָליציי האָט באַוויזן אַ גרויס מילדקייט און דערלויבט די מענער זיי זאָלן ווידער זיך פאַרבינדן מיט זייערע משפחות און מאַכן די וויטערדיקע רייזע צוזאַמען.

די מענער, וואָס האָבן קיין ווייבער דאָרט ניט געהאַט, האָט מען ווידער אויפגעלאָדן אויף אויטאָס מיט איזאָלירטע קעבינס. אָבער איצט האָב איך מיר שוין געפונען נאָך מיט אַ אידן אין איין קעבין, און אַזוי ווי עס איז ניט געווען קיין פּלאַץ אַפילו פאַר איינעם, האָבן מיר זיך איינגעדריקט איינער אין צווייטן און מיר האָבן שוין געזאָגט וידוי ווייל אונזערע כוחות האָבן אונז אָנגעהויבן לחלוטין צו פאַרלאָזן...

מיר האָבן פּשוט ניט געהאַט מיט וואָס צו אָטעמען און מיר האָבן באמת געזען דעם טויט פאַר זיך. קיין קלאַפּן אין דער טיר האָט ניט געהאָלפן. דער פּאָליציסט, וואָס איז זיך באַקוועם געזעסן אין שמאָלן קאָרידאָר, האָט זיך געמאַכט טויב, ווייל ער האָט שוין געהערט צו דער ניי־געגרינדעטער פּאָליציי, און פאַר אים האָבן די אידישעליידן געדינט ווי אַ פאַרוויילונג...

דער וועג האָט זיך אונז געדאַכט איז גאָר אַ סוף. מיטאַמאָל

האָבן מיר געפילט דעם צופלוס פון לופט און דאָס האָט אונז ממש געראַטעוועט.

אַ שטויס פון דעם פּאָליציסט האָט אונז ווידער וואַכעדיק גע־מאַכט, און מיר האָבן פאַר זיך דערזען די ווירקלעכקייט: דער אויטאָ איז שוין געשטאַנען, און מען האָט אונז ממש אַרויסגעשמיסן מיט אונ־זערע זאַכן.

מיר האָבן זיך שוין געפונען אין אַ גאַנץ אַנדערער וועלט — אין לאַגער דראַנסי.

מיר האָבן פאַר זיך דערזען אַ גרויסן הויף, מיט אַ פיר־שטאָקיג הויז אין דער פאָרם פון אַ „חית". פון אַלע פענצטער האָבן זיך באַוויזן פּנים'ער פון אידישע מענער און פרויען.

איך האָב געזוכט מיט מיינע אויגן און האָב געוואָלט געפינען צווישן זיי מיין פרוי.

אונזער גרופּע איז תיכף אַרומגערינגלט געוואָרן פון דער אי־דישער פּאָליציי אין לאַגער. זיי האָבן געטראָגן ציווילע קליידער ווי מיר, נאָר אויף דעם לינקן אָרעם האָבן זיי געטראָגן אַ ווייסן באַנד מיט די אותיות „עם עס" (מיסיאָן ספּעציאַל, אין פראַנצויזיש).

דאָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ זייער שלעכטן איינדרוק. וועגן דער אידישער פּאָליציי אין דראַנסי האָבן מיר שוין פריער געהאַט ידיעות. דאָס זיינען אידיש־פראַנצויזישע אַסימילירטע יונגעלייט, וועמען דער היטלער־רעזשים האָט דורך זיינע ראַסן־גזירות צוריק פאַר־וואַנדלט אין אידן.

זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין לאַגער אויך איבער דעם, וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט אויספילן די באַפעלן און באַגרענעצונגען קעגן די אידן, און זייער סימפּאַטיע צום אידישן פאָלק בכלל איז געווען זייער אַ קליינע, אויב ניט אַ נעגאַטיווע.

ביז יאַנואַר, 1943, האָט די פראַנצויזישע יורידישע פּאָליציי געהאַט דעם קאָנטראָל איבערן לאַגער דראַנסי. און אויב דאָס עסן איז געווען שלעכט און קנאַפּ, זיינען דערפאַר געווען אַנדערע תנאים, וואָס האָבן געהאַט פאַר די אינטערנירטע אַ פּאָזיטיוון ווערט.

די אינטערנירטע האָבן קיין שום אַרבעט אין לאַגער ניט געטאָן און האָבן געהאַט דאָס רעכט צו שרייבן איין מאָל אין זעקס וואָכן און באַקומען שפּייז־פּעקלעך דורך דעם „אוזשיאוף״.

אין יאַנואַר, 1943, איז דורך דעם באַוואוסטן הימלער אַראָפּ־געשיקט געוואָרן קיין פּאַריז אַ באַשטימטער אידן־פרעסער בראַנער, וועלכער איז געווען זיין פּאַרטרויאונגס־מאַן, און וועלכער האָט זייער אַקטיוו דורכגעפירט די „רייניקונג״־אַקציע פון אידן — צוערשט אין ווין און שפּעטער אין בערלין.

דער דאָזיקער בראַנער האָט אין דער ערשטער רייע אַרויסגע־נומען דעם קאָנטראָל איבער דראַנסי פון די הענט פון דער פראַנצוי־זישער פּאָליציי און האָט אַריינגעפירט אַ פּאָר פון זיינע פּאַרטרויאונגס עס־עס מענער, ווי וויזעל און אַנדערע, בכדי איינצופירן „אָרדענונג״ אין לאַגער.

פּאַקעטן און בריוו זיינען באַלד אָפּגעשאַפט געוואָרן, און אַלס צוגאָב האָט ער איינגעפירט די אידישע פּאָליציי מיט דעם בענדל „עם עס״.

די דאָזיקע יונגעלייט האָבן באַדאַרפט אויפּפּאַסן אויף דער „אָר־דענונג״ אין לאַגער און דערצו נאָך מיטהעלפן דער געשטאַפּאָ אויפ־צוזוכן די משפּחה־מיטגלידער פון די אידן, וואָס געפינען זיך שוין אין דראַנסי.

דאָס הייסט: ווען די געשטאַפּאָ האָט ביים אַרעסט געפונען נאָר איין מיטגליד פון דער פּאַמיליע, ווי, צום ביישפּיל, ביי מיר איז געווען דער פאַל, האָט זי אויפן צווייטן טאָג אַרויסגעשיקט אַ פּאָר אידישע פּאָליציסטן אויף דעם אָנגעוויזענעם אַדרעס, בכדי מיטצוברענגען די אויסבאַהאַלטענע מיטגלידער.

די דאָזיקע פּאָליציסטן האָבן שפּאַצירט אין פּאַריז אָן שום וואָך, אַפילו טראָגנדיק דעם אידישן מגן־דוד אָבער אָן דעם ווייסן בענדל אויפן אָרעם. אַזוי אַרום, ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין אַ אידיש הויז, האָט די הויז־וועכטערין געהאַט צו זיי צוטרוי אַלס אידן, און האָט ריכטיק אָנגעגעבן וואו די געזוכטע אידן געפינען זיך. אָבער נאָכדעם ווי זיי

האָבן מיט זיך מיטגענומען די געפונענע אידן קיין דראַנסי, טיילמאָל מיט דער מאַכט פון דער געשטאַפּאָ (ווייל דאָרט, וואו די אידן האָבן אַרויסגעוויזן אַ ווידערשטאַנד, איז איינער געבליבן אין דער וואוינונג, און דער צווייטער איז געגאַנגען רופן די דייטשע פּאָליציי), — האָבן שוין אַלע אידן אין פּאַריז געוואוסט ווי זיך צו פאַרהאַלטן צו די דאָזיקע אידישע פּאָליציסטן.

איצט, אין דראַנסי, זעענדיק ווי די „עם עס" לייט באַלעבאַטעווען אַרום אונז, אונטער דער אויפזיכט פון אַ יונגן דייטשן עס־עס מאַן, איז מיר געוואָרן ווירקלעך פינצטער פאַר די אויגן.

די „עם־עס"־מענער האָבן אונזער גרופּע אויסגעשטעלט צו פינף, און נאָכדעם ווי די צאָל געבראַכט „שעפסן" האָט געשטימט, האָט מען אונז אַריינגעפירט אין אַ הילצערנעם באַראַק, וואָס איז לעצטנס אויסגעבויט געוואָרן ספּעציעל פאַר די ניי־אָנגעקומענע.

## קאַפּיטל 12

# די אויפנאַמע אין דראַנסי לאַגער

אונזער גרופּע, יעדערער מיט זיין געפּעק האָט באַדאַרפט דורכגיין אַן אונטערזוכונג אָדער פרייוויליק אָפּגעבן געלט און ווערטזאַכן. פאַר דעם צוועק איז איינגעריכט געוואָרן אויף ביידע זייטן פון דעם געצעלט,ביים אַרויסגאַנג, אַ טיש, ביי וועלכן עס האָבן זיך געפונען די אידישע פּאָליציסטן. אַזוי ווי די פּראָצעדור האָט גענומען פיל צייט, ווייל זיי האָבן ווירקלעך גאַנץ ערנסט זייער אַרבעט געטאָן, האָבן מיר פאַרלויפיק געקאָנט זיך צוזעצן אויף די אויסגעשטעלטע בענק פון ביידע זייטן.

צום אָנהייב האָב איך געמיינט, אַז די בענק זיינען טאַקע געמאַכט געוואָרן אַלס הומאַניטעט, צום סוף האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן

אויך געהאַט אַן אַנדער צוועק, ווייל תיכף האָט זיך באַוויזן דער יונגער דייטשער עס־עס מאַן, וואָס האָט אונז שוין אָפּגעציילט אויפן הויף, בכדי אונז יעדן באַזונדער גוט אָנצוקוקן. ערשטנס, האָט ער זיך גע־וואָלט איבערצייגן וואָס פאַר אַ מענטשן־מאַטעריאַל די פּראָנצוויזן האָבן אים געשיקט, צווייטנס, אויסצוגעפינען א סיבה, כדי צו געבן אַ אידן אַ ריכטיקן „ברוך הבא״.

ווער עס איז געפונען געוואָרן אַן אַ מגן־דוד אויפן האַרץ, האָט אים דער עס־עסניק מכבד געווען מיט אַ רוצח׳ישן פּליאַסק אין פּנים.

נאָכדעם ווי זיין אינספּעקציע האָט זיך געענדיקט, האָט ער פאַר־לאָזט מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל דאָס געצעלט און אונז איבערגע־לאָזט אין רשות פון אונזערע אידישע אויפזעער.

יעדער איינער איז גוט באַזוכט געוואָרן דורך דעם עם־עס מאַן, און יעדענ׳ס באַגאַזש איז קאָנטראָלירט געוואָרן דורך און דורך.

איך האָב געהאַט דעם „כבוד״ אריינצופאַלן אין די הענט פון קאַפּיטאַן דרייפוס (אַן אייניקל פון דעם אמת׳ן קאַפּיטאַן דרייפוס). מיין אויסזען האָט אויף אים געווויס געמאַכט אַן איינדרוק, אַז איך באַזיץ גרויסע סומעס געלט. ניט קוקנדיק, וואָס איך אַליין האָב מיין פאַר־מעגן אָפּגעגעבן, האָט עס אים ניט באַפרידיקט. ער האָט מיך בכבודו ועצמו גוט באַזוכט, אַפילו די שיך און זאָקן אַרונטערגעצויגן פון מיינע פיס, דעם קאָלנער און לאַצן איבערגעדרייט, אויך אַלע אינטימע שטעלן. פאַר פאַרדראָס האָט ער ביי מיר צוגענומען מיינע לעצטע פינף סיגאַרעטן.

דערמיט איז נאָך אַלץ ניט פאַרטיק. ער האָט זיך גענומען גאַנץ ערנסט צו די געפעק, בכדי דאָרט עטוואָס ווערטפולעס צו געפינען. אַלע שמוק־זאַכן, ווי זייגערלעך, פינגערלעך און געלט־זאַכן זיינען קאָנפיס־קירט געוואָרן. אויף דעם געלט האָט מען אונז באמת געגעבן אַ קבלה און דאָס געלט אין אַ קאָנווערט אַריינגעלייגט.

ווי מיינע מיטליידנדיקע ברידער האָבן מיר דערציילט, זיינען ביים אַנדערן טיש די זוכער געווען פול מילדער, ווי ער, אָבער איך בין אים איצט מוחל. ער איז שפּעטער אויך אויסגעוויזן געוואָרן ווי

אַלע אַנדערע אידן און איז אַלס דאַנק פון די דייטשן אומגעקומען אין אַ לאַגער.

נאָך דעם באַזוכן זיינען מיר גרופּנווייז צו פיר אָדער זעקס אַרויסגעלאָזט געוואָרן מיט דעם צוואָרפּענעם געפּעק פון דער געביידע און ווידער אונטער דער וואַך פון די מ. ס. מענער געפירט געוואָרן צו דער קאַנצעלאַריע פון דעם לאַגער. ס'איז שוין געווען גאַנץ טונקל און ס'האָט מיך איבערראַשט די באַלויכטונג פונעם לאַגער, אַלע פינף מי־נוט האָבן גרויסע פּראָזשעקטאָרן געוואָרפן אַ ליכט־שיין אויפן לאַגער פון די הויכע וואַך־טורמען פון דער פראַנצויזישער זשאַנדאַרמעריע.

קיינער פון די איינוואוינער פון לאַגער האָט ניט געהאַט קיין רעכט צוצוקומען נאָענט צו אונז, בשעת'ן צופירן אונז, אונטער דער וואַך פון עס־עס מענער, צום שרייב־שטוב פונעם לאַגער.

די סיבה איז מיר נאָך אויך איצט אומפאַרשטענדלעך, פאַרוואָס מען האָט אונז אַזוי באַוואַכט און איזאָלירט פון די שוין אינטערנירטע.

די ביוראָ פון דעם לאַגער האָט זיך געפונען אין אַ גרויס צימער, אין וועלכן עס זיינען געווען איינגעריכטעט פיל שרייב־טישן, וואו פרויען און מענער, אַלס אינטערנירטע אידן, האָבן געאַרבעט.

ביי איין טיש האָט אַ אידישער באַאַמטער אָפּגענומען ביי יעדן פון אונז אונזערע דאָקומענטן; ביי אַ צווייטן טיש — די שפּייז־קאַרטן, קליידער־קאַרטן און טאַבאַק־קאַרטע.

ביים דריטן טיש האָט מען אויסגעפילט אַן איינטריטס־קאַרטע און ענדלעך ביים לעצטן האָט מען אויף אַ שרייב־מאַשין אויסגעפילט אַ גאַנצן פראַגע־בויגן מיט פיל פראַגן. די הויפּט פראַגע, וועלכע האָט מיך שטאַרק באַרירט, איז געווען וואו געפינט זיך מיין קינד?

געוויינלעך האָב איך גלייך פאַרשטאַנען אין וואָס עס האַנדלט זיך און האָב ניט געגעבן קיין ענטפער, ס'האָט מיך אָבער געחידוש'ט וואָס זיי דערמאָנען גאָרניט וועגן מיין פרוי, וועלכע האָט דאָ באַדאַרפט זיין. שפּעטער איז מיין אַנטוישונג געווען גרויס, ווייל איך בין געוואויר געוואָרן אַז מיין פרוי איז געשיקט געוואָרן אויף אַרבעט און געפינט זיך מער ניט אין דראַנסי. ווער ווייסט וואָס מיט איר איז ווייטער געשען?

## קאַפּיטל 13

# טרעפּע נומער אַכצן

נאָך דעם רעגיסטרירן זיך זיינען מיר שוין באַפרייט געוואָרן פון דער אויפזיכט און איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פון דעם טרעפּן־עלטסטן פון דער טרעפּע נומער 18.

דער דאָזיקער שעף איז געווען אַ גאַנץ סימפּאַטישער אידישער פּראַנצויז און זיין אויפנאַמע איז געווען אַ גאַנץ העפלעכע.

יעדע טרעפּן־איינגאַנג איז באַשטאַנען פון פיר שטאָק מיט איין גרויס צימער אויף אַ שטאָק. די ערשטע צוויי שטאָק זיינען באַשטימט געווען פאַר פרויען און די לעצטע — דער דריטער און פערטער שטאָק — פאַר מענער.

איך האָב געקראָגן מיין צוטיילונג אויף דעם דריטן שטאָק, וואו ס׳האָט מיך ווידער באַגעגנט איינער משלנו, אַ שטובן־עלטסטער, און האָט מיר אָנגעוויזן מיין מקום מנוחה, דאָס הייסט אַ בעט, אויף וועלכן איך זאָל קאָנען דורכשטופּן די נאַכט, ווייל וועגן שלאָפן קאָן קיין רייד ניט זיין. וועגן דעם זאָרגן זיך שוין די וואַנצן. זיי קומען אין דער נאַכט אויסזויגן דאָס ביסל בלוט, וואָס די צוויי־פיסיקע מענטשלעכע וואַנצן האָבן נאָך דעם טאָג אונז איבערגעלאָזט.

אין דעם צימער האָבן זיך שוין געפונען אַנדערע לאָקאַטאָרן, וועלכע זיינען געקומען מיט אַ טאָג אָדער צוויי טעג פאַר מיר. מייסטנס זיינען דאָס געווען אידן, וועלכע די דייטשן האָבן אויסגעכאַפּט אין דעם אַזוי־גערופענעם אומבאַזעצטן געביט. ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט, און אונזער צימער, וואָס איז באַשטאַנען פון בלויז בעטן, איז איבערפילט געוואָרן פון מענטשן, וואָס זיינען געקומען אונז באַגריסן מיט אַ שלום־עליכם און געוואויר צו ווערן ווי עס שטייט מיטן קריג.

ס׳איז מערקווירדיק, וואָס פאַר אַן אינטערעס די אינטערנירטע האָבן אַרויסגעצייגט בנוגע דעם מיליטערישן מצב פון דעם קריג. זיי אַליין זיינען ערשט געציילטע טעג אין דעם לאַגער און זיינען שוין אויך

אַנגעשטעקט געוואָרן מיטן אָפּטימיזם וועגן די גרויסע דערפאָלגן פון די רוסן.

צווישן די, וואָס זיינען געקומען אונז באַזוכן, האָב איך, לײדער, געטראָפן פיל באַקאַנטע, מיט וועלכע איך האָב זיך זינט דעם יאָר 1940 ניט געזען.

די אַלע זיינען אַנטלאָפן פון פּאַריז באַצייטנס און האָבן געלעבט אי ביצע און אין אַנדערע שטעט, ווי אין ארץ־ישראל. צום אומגליק זיינען זיי איצט אויך אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשישע רוצחים און זייער פאַנטאַזיע האָט געאַרבעט זייער ווייט. לויט זייער רעכענונג האָבן די רוסן שוין געדאַרפט האָבן באַזעצט קיעוו און גייען איבערהויפּט אַזוי שנעל, אַז די דייטשן קאָנען זיך קיין רעכענונג ניט אָפּגעבן. דער שנעלער מאַרש פון די רוסן איז פאַר זיי געווען אַ לעבנס־פראַגע, ווי דאָס קאָן האָבן אַן איינפלוס אויף זייער איצטיקער לאַגע.

די ווירקלעכקייט איז, אָבער געווען פיל גרויזאַמער ווי די פאַנ־טאַזיע און דער ווילן פון דעם מענטשן, וואָס זוכט אַ הילף.

נאָך אַ מעת־לעת פאַסטן, בין איך געווען צופרידן, ווען איך האָב באַקומען אַ שטיקל ברויט פון אַ באַקאַנטן און געקראָגן די מעגלעכקייט זיך אַרומצוואַשן. דאָס מין וואַסער האָט, ב״ה, ניט געפעלט. אינעם זעלבן צימער האָבן זיך געפונען זעקס וואַסער־קראַנען, וואָס האָבן צו יעדער צייט געלאָזט פליסן דאָס וואַסער איבער אַ בלעכענעם קאַסטן און אַזוי אַרום האָט דער, וואָס האָט זיך געוואָלט האַלטן זויבער, גע־האַט דערצו די מעגלעכקייט.

עסן האָבן מיר, די ניי־אָנגעקומענע, נאָך נישט געהאַט דאָס רעכט צו באַקומען, ווייל מיר זיינען נאָך ניט געווען אויפן שטאַנד פון דעם לאַגער.

די מאַטערנישן און ליידן פאַר די לעצטע פיר־און־צוואַנציק שטונדן האָבן מיך אויף אַזוי פיל צעבראָכן, אַז דאָס נייע געלעגער האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווי אַ סאַניטאַריום, ווייל איך בין אַ הונגעריקער

שטאַרק איינגעשלאָפן, און האָב אָפילו ניט געפילט די ברוטאַליטעט פון די וואַנצן, מיט וועלכע דראַנסי איז געווען איבערגעפילט.

ווי נאָר איך האָב דורכגעמאַכט דעם ערשטן שלאָף, האָט מיך דער גערויש אויפן הויף אויפגעוועקט. דאָס זיינען געווען לאַסט־אויטאָס, וואָס האָבן געבראַכט פרישע אינטערנירטע פון דעם אומבאַזעצטן געביט.

דער פאַרקער אויף דעם הויף איז געווען פאַר די אינטערנירטע דערלויבט אַפילו אַ גאַנצע נאַכט, ווייל אין דעם הויז אין וועלכן מען וואוינט זיינען קיין בית־הכסאות ניט געווען און יעדער איינער האָט געמוזט, בכדי זיך צו באַפרייען, גיין דורך דעם גאַנצן הויף ביז מען איז צוגעקומען צו אַ ספּעציעל פאַר דעם צוועק איינגעריכטעטער אָפּע־נער געביידע. די אינטערנירטע האָבן די געביידע גערופן „שאַטאָ" — פּאַלאַץ.

די באַוועגונג די גאַנצע נאַכט צו דעם פּאַלאַץ, איבערהויפּט פון פינף אַזייגער פאַרטאָג, האָט מיך זייער איבערראַשט, אָבער דער קומענדיקער פרימאָרגן האָט מיך איבערצייגט, אַז ס'איז זייער ניצלעך זיך צו באַפרייען אין דער נאַכט, איידער אָפּצואוואַרטן אין דער פרי ביז ס'וועט קומען דיין ריי אויף אַ פּלאַץ.

דאָס אויפשטיין איז געווען באַשטימט אויף האַלב זיבן מאָרגנס און אין משך פון אַ האַלבער שעה האָט מען באַדאַרפט זיין געוואַשן און געפרישטיקט. דער פרישטיק איז באַשטאַנען פון אַ ביסל וואַרעם וואַסער, באַפאַרבט דורך ערזעץ־קאַפע, וואָס איז אַרויפגעבראַכט געוואָרן אין אַן אָפּענעם עמער, דורך די פון אונזערע, וואָס האָבן געהאַט דעם טאָג־דינסט.

פּינקטלעך זיבן אַזייגער האָט מען באַדאַרפט זיך שטעלן צום „אַפּעל". דער „אַפּעל" (קאָנטראָל פון דער צאָל אינטערנירטע) איז גע־מאַכט געוואָרן אָן שום צערעמאָניעס דורך דעם טרעפּן־שעף, אָבער בשעת דעם „אַפּעל", וואָס האָט געדויערט ביז אַ שטונדע צייט, האָט קיינער ניט געהאַט דאָס רעכט צו פאַרלאָזן דאָס צימער.

אונזער הויז־טרעפּ 18 האָט זיך גערעכנט אַלס אַ מין דורכגאַנגס־אַכסניה. אַלע ניי־אָנגעקומענע האָבן געמוזט דורכגיין פון 24 ביז 48

שעה. דורך דער צייט שיקט איבער די לאַגער שרייב־שטובע אונ־זערע רעגיסטריר־קאַרטן אין דער ביוראָ פון די דייטשע עס. עס. מענער, וועלכע באַשטימען די קאַטעגאָריע פון יעדן אָנגעקומענעם.

## קאַפּיטל 14

# „שמחת תורה" אין לאַגער

אין דראַנסי האָבן די דייטשן געשאַפן פיר קאַטע־גאָריעס פון אינטערנירטע, וואָס זאָלן פאַרבלייבן וואוינען אין לאַגער און זאָלן ניט דעפּאָרטירט ווערן, און אַ פינפטע קאַטעגאָריע פון פּשוט'ע בשר ודמ'ס, וואָס זייער שיקזאַל איז באַשטימט געוואָרן אויף דעפּאָר־טירט צו ווערן.

צו די ערשטע פיר קאַטעגאָריעס האָבן געהערט:

1. די וואָס אַרבעטן אין לאַגער אויף באַשטימטע פּאָסטנס, אָנ־הייבנדיק פון דעם קאָמענדאַנט פון דעם לאַגער און ענדיקנדיק מיט דעם געוויינלעכן שניידער אָדער שוסטער.

2. פרויען פון מענער, וועלכע געפינען זיך אין דייטשער קריגס־געפאַנגענשאַפט.

3. מענער, וועלכע זיינען פאַרהייראַט מיט אַרישע פרויען, אָדער פרויען, וואָס האָבן אַרישע מענער.

4. אידן, וואָס האָבן בירגערשאַפט פון לענדער, וואָס זיינען נאָך נייטראַל, אָדער וואָס האָבן אַמעריקאַנער בירגערשאַפט.

די ערשטע פּריווילעגירטע קאַטעגאָריע האָט זיך געפונען אין דער מזרח זייט פון דער געביידע און איז באַשטאַנען פון אַרום 1,500 נפשות. די קאַטעגאָריעס צוויי, דריי און פיר האָבן געוואוינט אין פאַר־שידענע טרעפּן אין דרום־זייט פון דער געביידע. דאַגעגן די פינפטע קאַטעגאָריע פון אידן האָט זיך געפונען אין די טרעפּן 6, 7, 8, 9 און

10 אויף דער צפון־זייט פון דער געביידע, וועלכע האָט אַזוי אַרום געבילדעט אַ חית.

די טרעפּן 1, 2, 3 4 און 5 — אויך אויף דער צפון־זייט פון דער געביידע — זיינען געשטאַנען אַ געוויסע צייט ליידיק, זיי זיינען באַשטימט געווען פאַר די, וואָס באַדאַרפן שוין ענדגילטיק פאַרלאָזן פראַנקרייך. דריי טעג פאַר דער באַשטימטער אומגליקלעכער רייזע, זיינען די אויבנדערמאָנטע טרעפּן באַזעצט געוואָרן דורך די איינוואוינער פון די טרעפּן 6, 7, 8, 9 און 10, וועלכע זיינען אַזוי אַרום ליידיק געוואָרן און האָבן געקאָנט ווידער אויפנעמען פריש אָנגעקומענע אידן.

די דעפּאָרטאַציע איז געשען יעדע דריי וואָכן און תמיד נאָכדעם ווי די צאָל איינוואוינער פון דער באַשטימטער קאַטעגאָריע, וואָס האָט געדאַרפט אָפּפאָרן, האָט איבערשטיגן איבער טויזנט נפשות.

דער ערשטער טאָג מיינער אין דראַנסי איז פאַריבער גאַנץ באַשעפטיקט דורך פאַרשידענע היגיענישע מאַטערנישן. ערשטנס, דורכגיין אַ מעדיציניש־ע קאָסולטירונג; צווייטנס, אָפּשניידן די האָר פון קאָפּ ביז אַ באַשטימטער קורצער מאָס און דריטנס, נעמען אַ „שאַהור". די דאָזיקע אַלע אָפּעראַציעס דויערן ניט לאַנג, אָבער דאָס וואַרטן ביז עס קומט אָן דיין ריי, איז ניט קיין גרויסער פאַרגעניגן. בנוגע דעם שאַהור מוזן אַלע אָנערקענען, אַז די באָד איז גאַנץ גוט געווען איינגעריכטעט, אָבער זייער אַ קליינע. און אַזוי ווי דער ווילן פון יעדן איז געווען יעדן טאָג צו קריגן אַ שאַהור, ניט ווי דייטשן האָבן אין זייער פּראָפּאַגאַנדע באַהויפּטעט, אַז די אידן זיינען שמוציק און אַז מען מוז זיי מיט צוואַנג טרייבן אין אַ באָד, האָט די דאָזיקע אינסטיטוציע געמוזט אַרבעטן זעכצן שעה אין טאָג.

דער מיטאָג איז פאַרטיילט געוואָרן אין דעם זעלבן צימער, וואו מיר זיינען געשלאָפן. ער איז אַהין אַרויפגעבראַכט געוואָרן פון דער קיך אין עמערס דורך אונזעריקע. דאָס איז געווען אַ זופּ מיט קאַרטאָפל. די פּאָרציעס זיינען געווען זייער קליינע. דערפאַר האָבן די אַלטע איינוואוינער פון דראַנסי צוגעגעבן, אַז איצט, נאָכדעם ווי מיטן לאַגער פירן אָן די עס. עס. מענער, האָט זיך דער מיטאָג פאַרבעסערט, ווייל

זיי גנב׳ענען ווייניקער ווי די פראַנצויזישע אַדמיניסטראַציע־לייט האָבן געגנבע׳ט. זיי זיינען אָבער פריער געווען מער צופרידן, ווייל, ערשטנס, איז ניט געווען פריער קיין פראַגע פון אַרבעטן, און צווייטנס, האָט מען געקאָנט באַקומען שפּייז־פּעקלעך.

דעם צווייטן טאָג נאָכמיטאָג האָט מען מיר אין צימער געמעלדעט, אַז איך געהער צו דער קאַטעגאָריע, וואָס דאַרף אין גיכן פאַרלאָזן פראַנקרייך, זאָל איך דעריבער שוין איבערגיין אין דעם הויז טרעפּ 8.

דאָרט האָט מיך ווידער באַגעגנט אַ שטובן־עלטסטער, וועלכער האָט מיר תיכף געצייגט מיין בעט. די שטימונג אין דעם צימער איז געווען אַ פּיל ערגערע, ווי אין דעם הויז 18. דאָ זיינען צונויפגעזאַמלט געוואָרן אידן פון פאַרשידענעם עלטער, און דאָס דערוואַרטן דעם טאָג, ווען מען מוז אינגאַנצן פאַרלאָזן פראַנקרייך, וואַרפט יעדן איינעם אין אַ שווידער. ביז דעם טאָג גייט מען יעדן טאָג אויף אַרבעט אין לאַגער גופא און מען פילט שוין דעם הונגער אין אַ שטאַרקער מאָס.

עס זיינען אָנגעקומען די צווייטע טעג סוכות. די רעליגיעזע אידן, וואָס האָבן זיך צו דער צייט געפונען אין לאַגער, האָבן באַקומען אַ דערלויבעניש אויף איינצוריכטן אַ זאַל און אין די טעג פון שמיני־עצרת און שמחת־תורה מאַכן דאָרט מנינים, און אָפּריכטן די טראַדיציאָנעלע שמחת־תורה הקפות. די מנינים אין דער פרי זיינען פאָרגעקומען פאַרן גיין צו דער אַרבעט (די אַרבעט האָט געמוזט פאָרגעזעצט ווערן), אָבער די נאַכט־תפילות האָבן ווירקלעך צוגעצויגן אַ גרויסן עולם.

אין לאַגער האָבן זיך דעמאָלט געפונען צוויי מאָדערנע קאָנסיסטאָריע רבנים פון ניצע און פון ליאָן, און עס איז ווירקלעך געווען אַן עונג יום־טוב צו הערן די דרשה פון דעם ליאָנער רב איבער דער פילאָזאָפיע פון שלמה המלך. ער האָט אין אַ זייער שיינער פראַנצויזישער שפּראַך דורכגעפירט די גאַנצע עוואָלוציע פון שלמה המלך, באַזירנדיק זיך אויף זיינע ווערק פון שיר השירים און קהלת. אַ גרויסן רושם האָבן געמאַכט אויף מיר די הקפות פון שמחת־תורה. דער זאַל איז געווען איבערגעפילט און האָט פשוט ניט געקאָנט אַריינגעמען די אַלע, וואָס האָבן געוואָלט זיך באַטייליקן. מען איז געשטאַנען אויף די טרעפּ

פון אַלע שטאָקן, וואָס האָבן געפירט צום זאַל, און יעדער איינער האָט געוואָלט עטוואָס געניסן. עס האָט זיךווירקלעך געפילט די ליבע פון דעם אידישן פאָלק צו זיין געליבטער כלה — די תורה. אַ ים מיט טרערן זיינען פאַרגאָסן געוואָרן און אַלע ווי איינער האָבן ביי זיך אין האַרצן באַשלאָסן זיך מקריב צו זיין אויף קידוש־השם פאַר דער הייליקער תורה.

קיינער האָט אונזער שמחה ניט געשטערט און מיר זיינען געווען גליקלעך צו נעמען אָפּשייד פון אונזער אייביקן פאַקל, וואָס לויכט טויזנטער יאָרן אויף אונזער שטעכיקן וועג.

פאַר דער איניציאַטיוו קומט ווירקלעך די אויבנדערמאָנטע רבנים אַ ישר־כוח.ליידער זיינען זיי שפּעטער צוזאַמען מיט זייערע משפחות דעפּאָרטירט געוואָרן, און לויט די ידיעות, וואָס איך האָב שוין באַקומען אין אוישוויץ זאָל דער יונגער, טיכטיקער געבילדעטער ליאָנער רב געווען אומגעקומען פון אַ קראַנקהייט ניט פיל שפּעטער נאָך זיין אָנקומען אין לאַגער.

## קאַפּיטל 15

# די פאָרבאַרייטונגען צו דער דעפּאָרטאַציע

מאָנטיק, דעם 25טן אָקטאָבער, 1943, זיינען אַלע אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט אַכט אַזייגער אין דער פרי, ווי יעדן טאָג. פריי פון דער אַרבעט זיינען געווען פרויען, וועלכע האָבן מיט זיך קינדער און קראַנקע מענער.

די דיסציפּלין ביי דער אַרבעט איז ניט געווען גרויס, אַזוי אַרום, אַז מען האָט געקאָנט צווישן זיך שמועסן און לאַנגזאַם מאַכן די אַרבעט. די שווערסטע אַרבעט אין לאַגער איז געווען די שטראָסן בוי־אַרבעט, אָבער עס האָבן ניט געפעלט קיין פּריווילֶיקע, ווייל יעדער אַרבעטער האָט געקראָגן אַ טאָפּלטע פּאָרציע זופּ.

פלוצלונג האָט זיך איבערן לאַגער פּינקטלעך 10 אַזייגער אָנ־געהויבן אַ פייפעריי, וואָס האָט באַדייט, אַז יעדער איינער זאָל תּיכף ומיד פאַרלאָזן די אַרבעט און זאָל צוריקגיין אין זיין צימער, ווייל די פאַרבאַרייטונג צו דער דעפּאָרטאַציע וועט זיך תּיכף אָנהייבן.

באַלד זיינען אָנגעקומען די עס־עס־מענער און האָבן אָנ־געהויבן צו טרייבן, אַז מען זאָל שנעלער גיין אין די צימערן. די אינ־טערנירטע זיינען אָבער ניט געווען איילִיק, ווייל קיינער פון אונז האָט ניט געהאַט קיין חשק צו פאַרלאָזן פראַנקרייך.

מען האָט אונז געטריבן, געיאָגט און עס האָט זיך זיי סוף־כּל־סוף איינגעגעבן, מיט דער הילף פון די טרעפּ־שעפּס, אונז צו גרופּירן אין הויף גופא לויט די נומערן פון די טרעפּן, 6, 7, 8, 9, 10.

זיי האָבן אונז אָפּגעציילט און ביי יעדער גרופּע צוגעשטעלט אַן אויפזעער. לויט דער קאָמאַנדע פון דעם אידישן לאַגער־קאָמענדאַנט, אַ געוועזענער אָפיצער פון דער פראַנצויזישער אַרמיי, קאָמענדאַנט בליום, האָבן מיר אַלע אָנגעהויבן מאַרשירן. מען האָט אונז אַרויסגע־פירט פון דעם געשלאָסענעם הויף אויף אַ גרויסן פעלד־פּלאַץ, באַ־דעקט מיט גרינעם גראָז און אויך אַרומגעצוימט מיט שטעכיקע דראָטן, און באַוואַכט מיט פראַנצויזישע זשאַנדאַרמען.

דורכגייענדיק דעם הויף האָב איך גוט באַמערקט, ווי ביי די פענצטער פון זייערע צימערן זיינען געשטאַנען די אַלע, וועלכע האָבן ניט געהערט צו דער דעפּאָרטאַציע, און פילע פון זיי האָבן פאַרגאָסן טרערן אויף אונזער גורל.

אויפן פעלד־פּלאַץ האָבן אונז די דייטשע עס־עס־מענער שוין באַגעגנט און באַפוילן אויסצושטעלן זיך לויט גרופּן צו זעכציק, און באַזונדער מענער, וואָס פאַרן אַליין. די גאַנצע פּראָצעדור פון גרופּירן די רייזנדיקע, דאָס ציילן און נאָכציילן האָט געדויערט אַרום פיר שעה און פאַר דער צייט האָט זיך דער הימל באַדעקט מיט שוואַרצע וואָלקנס און תּיכף באַגאָסן גאָט'ס ערד, וואָס די מענטשן באַשמוצן מיט זייערע ווילדע מעשים, מיט שווערע עמערס וואַסער. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז דער הימל פאַרגיסט זיינע טרערן אויף די צרות פון עם

ישראל. אָבער מיר אַלע שטייענדיקע אין דרויסן זיינען דערווייל דורכ־גענעצט געוואָרן ביז אין די ביינער און דער נאָכקומענדיקער ווינט האָט אונז יעדן אבער דורכגעדרונגען.

אויפן פּלאַץ איז אַן עלטערע פרוי געפאַלן אין חלשות, אָבער דער עס. עס. מאַן, וואָס האָט געטראָגן גוטע, קעגן רעגן געשיצטע מלבושים, האָט ניט דערלויבט די אומגליקלעכע פרוי צו נעמען אין שפּיטאָל. דערביי האָט ער געלאָזט וויסן, אַז עס איז בעסער פאַר איר דאָ צו שטאַרבן, איידער דעפּאָרטירט צו ווערן. שפּעטער האָבן מיר זיך איי־בערצייגט, אַז אויך אַ דייטש איז אַמאָל פעאיק צו זאָגן דעם אמת...

בכדי פול צו מאַכן די צאָל פון די דעפּאָרטירטע ביז 1,000 פּער־זאָן, האָט מען אויך די פּאַראַליזירטע פון דעם שפּיטאָל אַרויסגענומען און אויף דעם פּלאַץ אַרויסגעשלעפּט.

מיר אַלע האָבן זיך געפרעגט: צו וואָס מיטשיקן אַלטע, קראַנקע מענטשן, ווען עס האַנדלט זיך נאָר וועגן פאַרן אַרבעטן? דעם ענטפער דערויף האָבן מיר שוין באַקומען זייענדיק אין פּוילן.

ווי נאָר די גרופּן זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרן, האָט מען אונז דערקלערט, אַז מיר זאָלן אויסוויילן פון אונז איינעם, וועלכער זאָל זיין דער עלטסטער, שעף, איבער אונזער וואַגאָן, אין וועלכן מיר וועלן מאַכן די היסטאָרישע רייזע, און צו דעם שעף באַשטימען נאָך אַ געהילף־שעף.

אונזער גרופּע האָט באַלד אויסגעקליבן אַ יונגן געוועזענעם אָפיצער אין דער פראַנצויזישער אַרמיי אַלס שעף פון דעם וואַגאָן, און צו אים אַלס געהילף־שעף אַ רוסישן אידן שוין אין טיפן עלטער.

דאָס וויילן אַ שעף האָט צוגעגעבן אַ געוויסן מאָראַלישן ווערט אונזער רייזע. עס האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז מיר וועלן דאָס מאָל פאָרן ווי מענטשן, ווייל מיר האָבן דאָך אַן עלטסטן, וואָס זאָל זיך קימערן וועגן אונזערע באַדערפעניש אין וועג.

שפּעטער, שוין זייענדיק אין די וואַגאָנען, האָבן מיר דערפילט, אַז דאָס איז נאָר געווען אַ מין בלאָף, אַ פאַלשער מיטל פון די דייטשן

צו פאַרבלענדן די אויגן פון אייראָפּע, ווייזן דער וועלט ווי הומאַני־טאַריש זיי באַהאַנדלען די אידן ביים דעפּאָרטירן.

אונז אָבער האָט אָט־דער בלאָף געקאָסט טייער, ווייל די שעפן האָבן גאַנץ אומבאַוואוסטזיניק געבראַכט געוויסע נוצן דער דייטשער מאַכט.

די דייטשן האָבן שוין געהאַט גענוג פאַלן, ווען מענטשן זיינען בעת דער רייזע אַרויס פון די וואַגאָנען. דערפאַר האָבן זיי באַשלאָסן אויסצונוצן די דאָזיקע שעפן פון די וואַגאָנען אין זייער טובה. זיי האָבן פשוט פאַר דעם אָפּגיין פון צוג צונויפגעזאַמלט אַלע שעפן און זיי גע־געבן אַן התראה, אַז אויב ביים אָנקומען פון דעם צוג וועט אויספעלן עמיצער פון זייער וואַגאָן, וועלן זיי באַצאָלן מיטן לעבן. אַזוי אַרום איז דער שעף געוואָרן אַ שומר איבערן וואַגאָן.

אמת, ביים אָנקומען פון דעם צוג אין פוילן האָט קיינער גאָר־ניט געהאַט בדעה אונז נאָכצוציילן און צו קאָנטראָלירן. דאָס איז נאָר געווען אַ מיטל אָפּצושרעקן, אָבער די שעפן האָבן זייער פליכט אויס־געפילט.

אויב זיי האָבן זיך שוין שפּעטער געשלאָגן על חטא, איז דאָס שוין געווען צו־שפּעט פאַר זיי אַליין אויך.

בכלל מוז מען אָנערקענען, אַז די גאַנצע פאַרבאַרייטונג צו דער רייזע איז געמאַכט געוואָרן אין אַ הומאַניטאַרישער פאָרם און אויפגע־בויט אויף אַ סיסטעם פון פאַלשקייט און שווינדל.

נאָך פיר שטונדן קעלט, נעץ און הונגער האָט מען אונז שוין אָפּגעפירט אין די נייע וואַגאָנען, אויף די טרעפּן 1, 2, 3, 4 און 5, וועלכע זיינען געשטאַנען ליידיק, ווי כ׳האָב פריער דערקלערט, בכדי אונז אויפצונעמען, ווי די פאַר אונז אָפּפאַרנדיקע טראַנספּאָרטן. קיין ספּעציעלע פאַרבאַרייטונגען זיינען פאַר אונז ניט געמאַכט געוואָרן, און איז אויך ניט געווען נויטיק, ווייל אַזעלכע אומגעוואונטשענע עלעמענטן קאָנען שוין אָנהייבן שלאָפן אויפן באָדן.

מיין גרופּע האָט זיך געפונען אויף דעם דריטן שטאָק פון די טרעפּן נר׳ 1, און אַזוי אַרום האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז מיר וועלן זיין

אין דעם דריטן וואַגאָן פון דעם לאָקאָמאָטיוו, ווייל יעדעס צימער האָט אָנטשפּראָכן אַ וואַגאָן.

איך האָב באַלד געשלאָסן ענגע באַקאַנטשאַפט מיטן שעף פון אונזער וואַגאָן, וועלכער איז מיר געווען זייער סימפּאַטיש און האָט ביי מיר געוואונען צוטרוי.

מיר האָבן תיכף געשאַפן אַ קליינע גרופּע פון יונגע קרעפטן און באַשלאָסן אַריינצוברענגען אין אונזער וואַגאָן פאַרשידענע מכשירים, וואָס זאָלן אונז געבן אַ מעגלעכקייט אונטערוועגנס אויפצוברעכן אַ פלאַץ אין אונזער וואַגאָן און גיבן אַ מעגלעכקייט יעדן, וואָס וויל נאָר מאַכן די פּליטה.

דורך דעם באַשלוס איז די שטימונג ביי יעדן פון אונז געוואָרן אַן אַנגעשטרענגטע און מיר האָבן שוין דערוואַרט מיט אומגעדולד דעם טאָג, ווען מיר וועלן זיך געפינען אין דעם וואַגאָן.

ליידער האָבן זיך די פאַרבאַרייטונגען געצויגן דריי טעג. אויפן צווייטן טאָג, דינסטיק, האָט מען אונז שוין פון די טרעפּן ניט אַרויס־געלאָזט פריי אין הויף אַריין. מען האָט אונז גרופּנווייז, לויט די צי־מערן, אונטער דער אויפזיכט פון די אידישע עם־עס־מענער, געפירט צו דעם שרייב־הויז און דאָרט האָט מען ביי אונז צוגענומען דעם אַלטן לאַגער נומער, וואָס מיר האָבן אויף אונזערע קליידער געטראָגן, און אונז אַרויסגעגעבן אַ נייעם נומער, וואָס אַנטשפּרעכט דער רשימה פון דער גרופּע, וואָס באַדאַרף אָפּפאָרן.

דערביי האָט מען ווידער מיט אַן הומאַניטאַרישן, פאַלשן אַקט געזוכט צו געווינען דעם צוטרוי פון דעם אומגליקלעכן אידן, בכדי ביי אים אויסצונאַרן עפּעס וויכטיקעס.

מען האָט, צום ביישפּיל, יעדן פון אונז אַרויסגעגעבן אַ קוויטונג, אין וועלכער עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז מען זאָל דעם באַטרעפנדן אויסצאָלן אין זלאָטעס די סומע וואָס אַנטשפּרעכט די פראַנקען, וואָס מען האָט אין דראַנסי ביי אים קאָנפיסקירט. ווער זאָל אומקערן? — דאָס איז ניט געזאָגט געוואָרן. מסתמא, דער רבונו־של־עולם. גלייכצייטיק האָט מען ביי דעם באַטרעפנדן פון דער קוויטונג געפרעגט וואָס

נאָך ער האָט איבערגעלאָזט אין פראַנקרייך, וויפל צימערן ער האָט פאַרנומען און געווייגלעך דעם גענויעם אַדרעס פון זיין וואוינונג.

צווישן אונז זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע די דייטשן האָבן אַרעסטירט ערגעץ־וואו אין אַ דאָרף, אין דער פּראָווינץ, און זיי האָבן ניט געוואוסט פון זיין וואוינונג אין פּאַריז. דורך אָט דעם צוגאַנג האָבן פילע פאַרגעסן אין וואָס עס האַנדלט זיך און האָבן אָן שום חכמות אָנ־געגעבן זייערע פּאַריזער אַדרעסן.

די דייטשן האָבן שפּעטער ניט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און האָבן די אַלע וואוינונגען אויסגעליידיקט. איך ווייס ניט, צי דאָס אַלץ האָבן די דייטשן אויסגעקלערט, ווייל פאַר זייערע קעפּ איז דאָס ווירק־לעך צו פיל חכמה.

אונזערע טרעפּן־נומערן 1, 2, 3, 4, 5 זיינען דעם זעלבן טאָג אָפּ־געצאַמט געוואָרן און מיר אַלע האָבן שוין ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו באַזוכן אונזערע באַקאַנטע, וואָס זיינען געבליבן צווישן די גליק־לעכע קאַטעגאָריעס אידן.

די אַדמיניסטראַציע פון דעם לאַגער האָט זיך ענערגיש גענומען פאַרצובערייטן אונז אין וועג אַריין. מ׳האָט אונז אויך פאַרשאַפט שיך און וועש, אַפילו מאַנטלען פאַר די וואָס האָבן ניט געהאַט וואָס אָנצוטאָן.

די דייטשן האָבן פאַרלאַנגט, אַז דער „אוזשואיף" (אידישער קאָ־מיטעט) אין פּאַריז זאָל אַרויסגעבן יעדן איינעם אַ צודעק, דערצו זאָל מען אויפלאָדן עטלעכע וואַגאָנען מיט עסנוואַרג, ווי מעל, צוקער, אויבסט און אַנדערע זאַכן. זיי האָבן דערקלערט, אַז ערשטנס וועט מען אונז געבן עסן אינמיטן וועג, צווייטנס, וועלן מיר האָבן וואָס צו עסן די ערשטע פאַר טעג ביים אָנקומען אין דעם נייעם לאַגער.

אָבער וואוהין מיר פאָרן האָט קיינער גענוי ניט געוואוסט.

דאָס אַלץ איז ווידעראַמאָל געווען נאָר אַ בלאָף, ווידעראַמאָל די סיסטעם אָפּצונאַרן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג און גלייכצייטיק באַ־רויבן דעם אידישן קאָמיטעט.

מיר, אָפּרייזנדיקע, האָבן אין וועג און ביים אָנקומען אין לאַגער דעם אמת אויף זיך דערפאָרן. אָבער די וואָס זיינען געבליבן, האָבן ווי־

דער געגלויבט די דייטשן אַלץ וואָס זיי דערציילן, און דער סיסטעם איז ווייטער אַנגעגאַנגען אין פולן שווינדל.

אַ פרוי, צום ביישפּיל, וואָס איז געווען שוואַנגער אין לאַגער, האָט ניט באַדאַרפט אויסגעוויזן ווערן. די הומאַניטעט פון די דייטשן האָט פאַרלאַנגט, אַז אַזאַ פרוי זאָל בלייבן אין דראַנסי, ברענגען דאָס קינד אויף דער וועלט און ערשט ווען דאָס קינד וועט אַלט ווערן דריי חדשים זאָל זי צוזאַמען מיטן קינד דעפּאָרטירט ווערן.

אין דראַנסי האָט מען דאָס באַטראַכט אַלס מענטשלעך, ווייל זיי האָבן ניט געוואוסט, אַז די דאָזיקע אומגליקלעכע פרוי איז נעבעך באַלד נאָכן אָנקומען קיין אוישוויץ צוזאַמען מיטן קינד פאַרגאַזט געוואָרן. אָבער די דאָזיקע סאַדיסטן, די דייטשן, האָבן גוט געוואוסט וועגן דעם און האָבן גוט געשפּילט זייער אַקטיאָרישע מענטשלעכע ראָל, כדי צו פאַרבלענדן די אויגן.

דערביי איז כדאי צו באַמערקן אַן עפּיזאָד, וועלכער האָט פּאַסירט אין לאַגער אַ טאָג פאַרן אָפּפאָרן.

דער הויפּט־פירער פון די עס־עס־מענער אין לאַגער, אַ באַוואוסטער ברונער פון ווין, איז תמיד געווען פאַררייזט. ער האָט נעבעך געוואַנדערט איבער גאַנץ פראַנקרייך אויסצופירן דעם באַפעל פון זיין שעף און חבר הימלער, אויסצוזוכן אין יעדן ווינקל די באַהאַלטענע אידן און זיי ברענגען קיין דראַנסי. אָבער יעדן מאָל וואָס האָט געזאָלט פאַרקומען אַ טראַנספּאָרט פון דראַנסי איז ער געקומען בכבודו ובעצמו נאָכקאָנטראָלירן אויב די אַרבעט ווערט ריכטיק געטאָן, און דערצו האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט איינשליסן אויך אַזעלכע וואָס האָבן געהערט צו די אַנדערע, שוין פּריווילעגירטע קאַטעגאָריעס.

ערב אונזער אָפּרייזן האָט דער דאָזיקער המן, אָנגעטאָן אין ציווילע מלבושים, געמאַכט אַ שפּאַציר פאַר אונזערע טרעפּן און האָט אויפגענומען ביטעס פון די, וואָס האָבן נאָך געהאָפט אויף אַ ישועה. אַ שוועגערין פון מיינעם אַ באַקאַנטן האָט מיט זיך אין לאַגער געהאַט אַ מיידל פון פערצן יאָר, אַ טאָכטער פון אירן אַ ברודער, וועלכער איז נאָך אין יאָר 1942 דעפּאָרטירט געוואָרן צוזאַמען מיט זיין פרוי. זי

האָט באַשלאָסן צו בעטן דעם ברונער'ן, אַז מ'זאָל דאָס קינד איבערלאָזן אין דראַנסי. די אונטערהאַנדלונג מיט דעם דאָזיקן המן האָט געדויערט צימלעך לאַנג. ער האָט זי גלייך געפּרעגט אויב זי דערקענט אים, ווייל ער איז געווען צווישן די דריי עס. עס. מענער, וואָס האָבן זי מיטן מאַן, שוואָגער (מיין באַקאַנטן) און ברודער'ס טאָכטער מוצאי יום־כפּור, צוועלף אַזייגער ביינאַכט, אַרויסגעשלעפּט פון זייערע געלעגערס און זיי טראַנספּאָרטירט פון אַ פאַרוואָרפן שטעטל אין פראַנקרייך קיין דראַנסי.

„אייער ביטע — זאָגט ער צו איר — קאָן איך ניט דערפילן. און מיינט איר אַז ווען זי בלייבט אין דראַנסי נאָך צוויי־דריי וואָכן וועלן שוין פאַר דער צייט די אַליאירטע קומען זי באַפרייען? ניין! איר מאַדאַם מיט אייער משפחה האָט צו פאַרדאַנקען — זאָגט ער — דאָס, וואָס איר געפינט זיך איצט אין דראַנסי, נאָר אייערן אַ אידן, וואָס איז געשמד'ט. ער האָט אונז צו אייער וואוינונג געבראַכט, כדי זיך אַליין צו ראַטעווען. מיר, דייטשן, זאָגט ער ווייטער, קאָנען ניט מוחל זיין קיין ברודער־פאַרראַט, און בכדי אייך צו באַפרידיקן וועל איך אייך תיכף ווייזן, אַז דער דאָזיקער טיפּ וועט גלייך מיט אייך מאָרגן דעפּאָרטירט ווערן, טראָץ דעם וואָס ער געהערט צו אַ קאַטעגאָריע וועלכע זיינען פאַרהייראַט מיט אַרישע פרויען און באַדאַרף בלייבן אין דראַנסי".

כך הוה. ער האָט באַלד צוגערופן אַן עס. עס. מאַן און אים געגעבן אַ באַפעל און מיט צען מינוטן שפּעטער האָט זיך אין אונזער צימער באַוויזן דער געשמד'טער פּוילישער אינטעליגענט, וועלכער האָט געוואָלט אומברענגען אַ אידישע משפחה כדי צו זיכערן זיין עקזיסטענץ.

פיר נפשות האָבן נעבעך באַצאָלט מיט זייערע לעבנס און דער דאָזיקער מסור איז אויך אומגעקומען אין אַ קוילן־גרוב. אָבער דער דאָזיקער עפּיזאָד איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די נאַצים.

דעם זעלבן טאָג איז דער גאַנצער לאַגער געווען באַשעפטיקט מיט צוגרייטן אונזער אָפּפאָר. אַ ספּעציעלע גרופּע פון יונגע מענער

און מיידלעך, וועלכע לאָזן אַלס גאַראַנטיע זייערע עלטערן אין לאַגער, האָט באַדאַרפט נאָך פיר אַזייגער נאָכמיטאָג אַרויספאָרן צום באַנהויף „בורזשע" צוגרייטן די וואַגאָנען פאַר אונז. די צוגרייטונג איז באַשטאַנען אין פאַרשליסן די פאַראַנענע אָפענע לעכער, וואָס זיינען געווײנלעך פאַר לופט אין די וואַגאָנען וואָס פירן בהמות, מיט דראָטן און אַריינשטעלן אין יעדן וואַגאָן אַן עמער מיט וואַסער.

אַזוי ווי די וואַגאָנען ווערן בשעת דער רייזע פאַרשלאָסן פון דרויסן, זאָלן די דאָזיקע עמער דינען, נאָכן אויסטרינקען דאָס וואַסער אַלס בית־הכסאות.

די דאָזיקע גרופּע איז ביז אַכט אַזייגער אין אָוונט ניט אַרויסגעפאָרן, און עס האָבן זיך שוין אין צווישן־צייט פאַרשפרייט פאַנטאַסטישע ידיעות, אַז די דייטשן האָבן ניט קיין וואַגאָנען פאַר אונז. לויט דער אידישער השערה און בטחון האָט געקאָנט דורך דעם קומען די הילף... ליידער האָבן די „עס־עס" מענער געקראָגן אַלץ פון דער מיליטער־מאַכט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער פאַרניכטונג פון די אידן.

די פראַגע וועגן דעם וואוהין מען פאָרט האָט אויך אינטריגירט די רייזנדע. די פירערס פון דעם לאַגער האָבן געלאָזט פאַרשפרייטן אַ ידיעה גאַנץ געווײנטלעך און אָפיציעל, אַז מ׳פאָרט קיין מעץ. און מ׳האָט אַפילו דערציילט, אַז עס זיינען פאַראַן בריוו פון די פריערדיקע טראַנספּאָרטן אין וועלכע זיי שרייבן, אַז שוין איבער 20 טויזנט אידן פון פראַנקרייך זיצן און קאָנען ווייטער ניט פאָרן.

דאָס אַלץ האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן פאַר אַ פאַלשער פאַנטאַזיע, אָבער פאַר די וואָס האָבן געוואָלט גלויבן איז דאָס געווען אַ נחת־רוח.

די לעצטע נאַכט אין דראַנסי איז געווען אַ רוישנדיקע און ס׳איז פאָרגעקומען אַן אַוואַנטיורע וואָס האָט געקאָנט קאָסטן פיל קרבנות. אַזוי ווי אַ סך פון די וואָס האָבן באַדאַרפט אָוועקפאָרן האָבן געהאַט קרובים אָדער סתם־באַקאַנטע צווישן די וואָס זיינען געבליבן, האָבן די לעצטע אויסגענוצט די פינצטערניש פון דער נאַכט כדי זיך דורכ־

צושמועסן און נעמען אָפּשייד. דער צאָם וואָס האָט אונז אַרומגעשלאָסן אַלס מחיצה איז ממש באַלאַגערט געוואָרן.

אַרום צען אַזייגער ביינאַכט איז פּלוצלונג אָנגעקומען איינער פון די עס. עס. מענער אין לאַגער. ווי נאָר ער האָט דערזען דעם המון אין דרויסן אויפן הויף האָט ער גלייך אָנגעהויבן צו שיסן. עס איז געוואָרן אַ גרויסער פּאַניק, אָבער אין דער מינוט איז אויסגעלאָשן געוואָרן די ליכט אין לאַגער. דאָס האָט געראַטעוועט אַ סך פון דעם טויט. מען האָט דערנאָך דערציילט, אַז דאָס האָט דער אידישער עלעקטריקער אין דעם לאַגער געטאָן אויף זיין אַחריות; אויב עס איז טאַקע אמת, קומט אים אַוודאי אַ יישר־כוח.

## קאַפּיטל 16

# די רייזע אין די פי־וואַגאָנען

פיר אַזייגער פאַרטאָג האָט מען אונז אויפגעוועקט און יעדן פון אונז געגעבן צידה לדרך, וואָס איז באַשטאַנען פון 1250 גראַם ברויט, פיר געקאָכטע קאַרטאָפל, 200—250 גראַם געקאַכט פלייש, אַ שטיקל קעז און אַ פלאַש מיט קאַלטן ערזאַץ־קאַפע פליסיקייט. מיט אַ האַלבער שטונדע שפּעטער האָט מען שוין באַדאַרפט זיין מיטן געפּעק אונטן אין הויף פאַר דער טיר פון אונזערע טרעפּ, וואו די אידישע עס־עס־מענער אין דער שפּיץ מיט דעם קאַפּיטאַן דרייפוס האָבן אונז ווידער איבערגעציילט און אַפילו אויסגערופן פון דער רשימה יעדןביים נאָמען.

דער גרויסער המון, עס. עס. מאַן ברונער, אין זיין יוניפאָרם מיט דעם באַשטימטן צייכן פון אַ ריכטיקן מענטשן־פרעסער — אַלע אמת׳ע עס. עס. מענער האָבן געהאַט אויף דעם קאָלנער און אויפן הוט אַ סקעלעט פון אַ מענטשן אַלס צייכן — האָט פאַר אונז נאָכן אָפּציילן, געהאַלטן אַ קורצע דרשה אין דייטש, וועלכע איז איבערזעצט געוואָרן דורך דעם אידישן איבערזעצער. די דרשה האָט געלויטעט:

„איר אַלע זענט געווען ביז איצט פרייע מענטשן. איר האָט גענאָסן פון אַלע עולם־הזה׳ טעמים אין דער צייט ווען אַלע אַריער האָבן בלוט פאַרגאָסן און זעצן פאַר צו קעמפן פאַר דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע. איצט איז געקומען ד צייט איר זאָלט אויך אויספּרואוון אייערע כוחות און צייגן דער וועלט צו וואָס איר זענט פעאיק. איר פאַרט איצט אויף גרויסע און שווערע נסיונות. די פון אייך, וואָס וועלן זיין אַקטיוו און טיכטיק, וועלן דאָס פאַרטראָגן, די איבעריקע וועלן האָבן אַ טרויעריקן סוף״.

די פינצטערקייט פון דער נאַכט האָט פאַרוואַנדלט די מאַסע לעבעדיקע מענטשן אין שאָטנס. ס׳האָט אויסגעזען ווי מ׳שטייט אויף אַ בית־הקברות און מיר אַלע זיינען די מתים, וואָס זיינען אַרויס פון זיי־ערע קברים. דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט אַ פאַרשטיקט געוויין, אָבער אין אַלגעמיין איז די מאַסע געווען דיסציפּלינירט און גרייט אויסצופאָלגן יעדן באַפעל פון די דריי יונגע מלאכי־חבלה.

אין צווישן האָט אָנגעהויבן זיך דורכצורייסן דער מאָרגן־שטערן, אָנזאָגנדיק דער לעבעדיקער וועלט וועגן דעם קומענדיקן ליכטיקן פרייען טאָג. אָבער אין אונזערע הערצער איז געווען בלויז יאוש און צאַרן.

די טויערן פון דעם לאַגער האָבן זיך אויפגעעפנט און די גרויסע, באַקוועמע פאַריזער גאַסן־אויטאָבוסן, וואָס האָבן זינט דעם באַזעצן פאַ־ריז דורך די דייטשן אויפגעהערט צו קורסירן איבער דער שטאָט, האָבן אָנגעהויבן אַריינצופאָרן אין הויף פון דעם לאַגער. יעדער אויטאָ־בוס איז געפירט געוואָרן דורך אַ פראַנצויז, אַ ציוויל־שאָופער פון דער שטאָטישער פאַרקער־קאָמפּאַניע, אָבער אינעווייניק האָבן זיך געפונען צוויי פראַנצויזישע זשאַנדאַרן.

עס איז מיר באַלד דורכגעגאַנגען אַ געדאַנק, אַז די בעסטע רעטונג פאַר אונז וואָלט געווען, ווען די מאַסע וואָס איז באַשטאַנען פון איבער טויזנט נפשות זאָל זיך ווי איין מענטש אַ וואַרף טאָן צו די אָפענע טויערן, כדי צו אַנטלויפן, אויב אַפילו עס וואָלטן געווען אַ פאַר קרבנות, וואָלט אויך כדאי געווען צו ווייזן דער ציוויליזירטער וועלט, אַז די אידן לאָזן זיך ניט פירן ווי שעפסן צו דער שחיטה. לײדער איז דאָס ניט

פאַרגעקומען. יונגע און אַלטע האָבן באַשלאָסן צו גיין נאָכן גורל, און דורך דעם האָבן זיי נאָר פאַרלייכטערט די דייטשן אויסצופירן איבער אונז זייערע סאַדיסטישע מעשים.

מ׳האָט אונז, מיט דער הילף פון דער אידישער אויפזיכט־פּאָליציי, איינציקווייז און ווידער געצוי אָפּגעציילט (ס׳זאָל חלילה קיינער ניט פעלן), אויפגעלאָדן אין די אויטאָבוסן. יעדער אויטאָבוס האָט אויפגענומען זעכציק פערזאָן, וועלכע האָבן זיך פריער געפונען צוזאַמען אין איין צימער און וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן צו פאָרן ווייטער צוזאַמען מיט זייער שעף אין דעם זעלבן לאַסט־וואַגאָן. די שמירה איז באַשטאַנען פון צוויי זשאַנדאַרן אויף אַן אויטאָבוס.

ווען אַלע אַכצן אָדער צוואַנציק אויטאָבוסן זיינען אָנגעשטאָפּט געוואָרן, האָבן זיי אויף איינמאָל פאַרלאָזט דעם לאַגער דראַנסי כדי צו ברענגען די אומגליקלעכע צום באַנהויף בורזשע. די רייזע האָט געדויערט אינגאַנצן פון צען ביז פופצן מינוט, ווייל די שטרעקע איז אַ גאַנץ קורצע. מיר וואָלטן דאָס געקאָנט דורכמאַכן צופוס, אָבער די דייטשן האָבן מורא געהאַט, אַז מיר וועלן זיך אונטערוועגנס צעלויפן.

אויפן באַנהויף האָט מען אונז, אונטער אַ שמירה פון דייטשער פּאָליציי „שופּאָ", תיכף אויפגעלאָדן אין די פי־וואַגאָנען און אונז אויך מיטגעגעבן אונזער געפּעקס. ווי נאָר מיר זיינען געבליבן צווישן זיך אַליין, האָט יעדער געזוכט ווי צו מאַכן זיך באַקוועמער, מ׳שטיינסגעזאָגט. און דער קאַמף פאַר אַ שטיקל פּלאַץ איז געווען אַ לעבנספראַגע: עפּעס אַ קלייניקייט, מיטצומאַכן אַ רייזע אין אַ פי־וואַגאָן אָן שום בענק און אָן שטרוי אויפן באָדן און דערצו נאָך אין אַזאַ ענגשאַפט.

אין וואַגאָן האָבן זיך שוין געפונען דריי גרויסע עמערס מיט וואַסער, און דער אידישער קאָמיטעט האָט אונז אויך באַזאָרגט מיט אַ פּעטראָל־לאָמפּ, וואָס איז אונז זייער צונוצגעקומען.

די טיר פונעם וואַגאָן איז צום אָנהייב געבליבן אָפן און תמיד באַוואַכט דורך אַ „שופּאָ". אויף איינמאָל האָט מען אַרויסגערופן אַלע שעפן פון די וואַגאָנען צו דעם עס. עס. מאַן ברונער נאָך אינסטרוקציעס.

נאָך צען מינוט אָפּוועזנהייט איז אונזער וואַגאָן־שעף געקומען אין אַ זייער געדריקטער שטימונג.

דער דייטשער מערדער ברונער האָט פאַרגעזעצט דעם שאַנ־טאַזש פון אָפּשרעקן די וואַגאָן־שעפס, אַז זיי וועלן באַצאָלן מיט זיי־ערע קעפּ אין פאַל זיי וועלן לאָזן עמיצן מאַכן די פליטה.

ליידער האָבן דאָס אַלע גענומען ערנסט, אויסער אונזער שעף, וועלכער האָט בסוד פאַרזיכערט אונזער אָרגאַניזירטע קליינע גרופּע, אַז צו דער נאַכט וועלן מיר מאַכן אונזער עפענונג אין וואַגאָן, בכדי צו באַפרייען די יעניקע, וועלכע וועלן נאָר האָבן דעם ווילן צו מאַכן די פליטה.

די וואַגאָנען זיינען באַלד פון דרויסן פאַרריגלט געוואָרן און דער צוג האָט אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן דעם באַנהויף „בורזשע". ביי יעדן פון אונז האָט זיך אַ שטיק געזונט אָפּגעריסן מיט דעם אָפּגאַנג פון דעם צוג. טרערן האָבן יעדן געשטיקט פאַר ווייטיק און בענקשאַפט נאָך די, וואָס זיינען צוריקגעבליבן, אָבער קיינער פון אונז האָט ניט געוויינט.

דורך פעלדער און שטעט האָט אונז דער צוג געטראָגן. ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ מעגלכקייט, האָט באַזעצט אַ שפּאַלט אָדער אַ לאָך, וואָס האָבן זיך געפונען אין די ווענט, כדי אַרויסצוקוקן פון דער פינ־צטערניש אויף גאָטס וועלט.

פאַר אונזערע אויגן זיינען פאַרבייגעלאָפן שטעט און שטעטלעך. די שנעלקייט, מיט וועלכער דער צוג איז געלאָפן, האָט אונז אַלעמען ממש איבערראַשט.

מיר האָבן גלייך פאַרשטאַנען די טאַקטיק פון די דייטשן: שנעל, אין משך פון טאָג, דורכלויפן די פּראָווינציאַלע טעריטאָריע, כדי אין דער נאַכט זאָל מען זיך שוין געפינען אויף דעם דייטשן באָדן, וואו אַ איד וועט ניט האָבן די העזה צו מאַכן די פליטה, ווייל ער וועט באַלד דער־שאָסן ווערן.

אונזער גרופּע האָט דאָס שטאַרק דענערווירט און עס איז אונז געווען שווער אָפּצוואַרטן די קומענדיקע נאַכט.

דאָך האָט דער צוג זיך נאָך געפונען אויפן עלזאַסער באַדן, ווען דער טאָג האָט אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן. צוויי פון אונזער גרופּע האָבן תיכף אָנגעהויבן בויערן דעם באָדן. דער רעש און דאָס קלאַפּן פון די רעדער האָבן פאַרטויבט דעם ריטם פון דעם בויער־אינסטרו־מענט. אָבער ווי נאָר זיי האָבן זיך גענומען אונטערזעגן די ברעט, האָט זיך צווישן די רייזנדיקע אויפגעהויבן אַ דיסקוסיע. די אינגערע האָבן געוואָלט, אַז מען זאָל די אַרבעט פאַרזעצן, אָבער די מערהייט, וואָס איז באַשטאַנען פון עלטערע, האָט שטאַרק פּראָטעסטירט.

די יוגנט וואָלט אפשר גובר געווען, אָבער דאָ האָט זיך אַרייַנ־געמישט דער געהילף פון אונזער וואַגאָן־שעף, וועלכער האָט אונז גע־שראָקן, אַז ער וועט דורך קלאַפּן אין דער טיר רופן די אויפמערקזאַמ־קייט פון דער דייטשער „שופּאָ". ער האָט שטאַרק מורא געהאַט, אַז דורך אונזער אַנטלויפן וועט ער מוזן באַצאָלן מיט זיין לעבן.

קיינער פון אונז האָט אים ניט געקאָנט איבערצייגן, אַז, ערשטנס, איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן, און צווייטנס, קאָן ער דאָך מיט אונז מיטגיין.

זיין התראה האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע אומצופרידנקייט צווישן דער יוגנט און דער קאָנפליקט האָט געקאָנט אַרויסרופן גאַנץ טרוי־עריקע אינצידענטן. דער צוג איז ווייטער געפאָרן, און אַזוי ווי מיר זיינען שוין געווען ווייט פון מעץ האָבן מיר זיך געמוזט אָפּזאָגן פון אונזער גאַנצער אונטערנעמונג. אַזוי אַרום האָט געפּלאַצט אויף איינ־מאָל אונזער האָפענונג זיך צו ראַטעווען.

ליידער איז דער געהילפס־שעף, דער הויפּט־שולדיקער אין דעם דורכפאַל פון אונזער איניציאַטיווע, מיט אונז אין לאַגער ניט אַרייַנגע־קומען. ווען ער וואָלט יאָ אַרייַנגעקומען, וואָלט ער זיכער געווען גע־קראָגן פון אונז זיין שכר, אָבער ער האָט נעבעך פאַר זיין נאַאיוויטעט און צוטרוי צו דער דייטשער התראה באַצאָלט טייער, זייער טייער.

דער ערשטער טאָג פון אונזער רייזע איז פאַראיבער אָן שום באַזונדערע שוועריקייטן. ערשטנס, האָט יעדער געהאַט וואָס צו עסן, און דער עיקר צום טרינקען; צווייטנס, האָבן נאָך פילע פון אונז גע־

האַפּט, אַז מיר וועלןווירקלעך בלייבן אין מעץ, ווי מען האָט אונז דערציילט אין דראַנסי.

אָבער דער אינצידענט אין וואַגאָן און דאָס ווייטער פאָרן האָט יעדן פון אונז אומגעוואַנדלט אין אַ געוויינלעכן בשר ודם, וואָס דאַרף נאָר דענקען וועגן זיך.

די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע, און אַזוי ווי עס איז ניט געווען קיין פּלאַץ, אַז אַלע זאָלן קאָנען ליגן, האָבן נאָר די שטאַרקערע אין כאַראַקטער אויסגעקעמפּט אַ פּלאַץ.

די עמערס מיט וואַסער זיינען ביסלעכווייז אויסגעליידיקט געוואָרן און מען האָט אָנגעהויבן זיי אויסצונוצן אַלס בית־הכסאות. דער שטינקענדיקער גערויך פון די אומרייניקייטן איז ממש געווען ניט צו דערטראָגן. דערצו האָט זיך דער צוג ווייטער געטראָגן מיט אַ גרויסער שנעלקייט און עס האָט אונז ממש אונטערגעוואָרפן מיט די כלים.

די מאַסע האָט זיך גאָר ניט געקימערט, נאָר אַ גרופּע פון אינטעלעקטואַלן, ווי דאָקטוירים און אינזשעניִרן, האָבן אויף זיך גענומען די איניציאַטיווע צו מאַכן אַביסל אָרדענונג אין וואַגאָן.

מיר האָבן איבערגרופּערט די שלאָפנדיקע אויף אַזאַ אופן, אַז יעדער זאָל קאָנען האָבן זיין פּלאַץ, און מיר האָבן באַשטימט באַאָבאַכטער איבער די כלים, וואָס זיינען שוין געווען אָנגעפילט מיט די אומרייניקייטן. די נאַכט איז געווען זייער אַ שווערע און פול מיט מאַטערנישן, אָבער מיר האָבן געהאָפט צו דערציען ביז צו מאָרגנס, גלויבנדיק, אַז מיר וועלן קריגן די מעגלעכקייט אויסצוליידיקן די עמער. ליידער זיינען אונזערע האָפענונגען געבליבן אין דער לופט.

מיר זיינען געפאָרן דריי טעג און צוויי נעכט, און קיינער האָט זיך אין אונז ניט דערמאָנט. אויף די סטאַנציעס, וואו דער צוג איז געשטאַנען, האָבן מיר געקלאַפּט אין דער טיר, גערופן די וואַך, אָבער די „שופּאָ" איז געבליבן טויב צו אונזערע פאַרצווייפלטע געשרייען. מיר האָבן געהערט די וואַך פאַרבייגיין, אָבער זייערע דייטשע הערצער זיינען געבליבן פאַרשטיינערט.

די לעבער, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין באָדן פון וואַגאָן,

בכדי צו מאַכן אַן עפּענונג, האָבן אונז געדינט אויף אַרויסצושמייסן די אומרייניקייטן, אָבער טראָץ דעם איז דער גאַנצער באָדן שוין געווען באַדעקט מיט דער ניט־היגיענישער פליסיקייט.

פילע פון אונז זיינען פון דורשט גאַנץ אָפּגעשוואַכט געוואָרן און געבליבן ליגן איינגאַנצן אין אומּמאַכט אויפן באָדן, ניט פילנדיק די שמוץ אונטער זיך. מענטשן זיינען פאַר דער צייט גרייז־גרוי געוואָרן. אייניקע זיינען ר״ל משוגע געוואָרן. אונזער וואַגאָן האָט אויסגעזען ווי אַ שטאַל מיט ווילדע חיות. די שטאַרקסטע פון אונז, וועלכע האָבן געוואָלט פאַרלייכטערן דעם שיקזאַל פון אַלע אַנדערע, האָבן אָנגעהויבן פאַלן פון די פיס.

ווען די רייזע זאָל געווען דויערן נאָך אַ פּאָר טעג, וואָלטן געוויס פּונקט פּראָצענט פון די רייזנדיקע געווען געבליבן טויט אין די וואַגאָנען און די דייטשע מלאכי חבלה וואָלטן שפּעטער געווען געהאַט ווייניקער אַרבעט. אָבער דער גורל האָט געוואָלט, אַז די אידן זאָלן אומקומען אויף אַן אַנדער אופן, און דער צוג איז געבליבן שטיין. מיר האָבן אינסטינקטיוו דערפילט, אַז די רייזע איז שוין געקומען צום סוף.

## קאַפּיטל 17

# די פּגישה אין אוישוויץ

די גענויע צייט האָבן מיר ניט געקענט פעסטשטעלן, אָבער ס'איז געווען מוצאי־שבת, ווען דער צוג איז געבליבן שטיין, פּונקט אין דער צייט ווען פרומע אידן ריכטן אָפּ די מלוה־מלכה און אונזערע זיידעס פלעגן אָפּריכטן חצות.

מען האָט אונז געלאָזט וואַרטן אַ פּאָר שטונדן ביז מען האָט זיך גענומען אויפעפענען די טירן. מיר האָבן נאָר געהערט לויפן הין און צוריק, און פון דעם געשפּרעך צווישן די שומרים האָבן מיר פאַר־

שטאַנען, אַז מיר זיינען אָנגעקומען צום באַשטימטן אָרט, וואָס הייסט אוישוויץ (אָשוועגטשים).

דאָס איז געווען פאַר דער מלחמה אַ קליינע שטאָט אין אָבער־שלעזיע אונטער דעם נאָמען „אָשוויענטשים". ווען דער דאָזיקער טייל פון אָבער־שלעזיע האָט געהערט צו פוילן, איז דער נאָמען אויך געווען אַ פוילישער. די מערהייט איינוואוינער זיינען געווען אידן, אַרום צוואַנציק־טויזנט נפשות.

די דאָזיקע ידיעות האָבן אונז געגעבן אַ פּאָר פּוילישע אידן פון קראָקוי, וועלכע זיינען מיט אונז מיטגעפאָרן פון דראַנסי. אַזוי־אַרום האָבן מיר געקאָנט האָפן, אַז מיר זיינען אָנגעקומען אין אַ אי־דיש־פּויליש שטעטל, ווייל דעם שיקזאַל פון די אידישע איינוואוינער פון „אָשוועגטשים" האָבן מיר ניט געוואוסט.

אומגעפער נאָך צוויי שעה וואַרטן האָט מען זיך אָנגעהויבן צו באַשעפטיקן מיט דער טיר פון אונזער וואַגאָן, וועלכע האָט נאָך עטלעכע טעג פון איינפרירן ניט געוואָלט לייכט נאָכגעבן און זיך עפענען.

ענדלעך איז די טיר אויפגעעפנט געוואָרן און עס האָט זיך דער־הערט אַ געשריי:

— אַלעס אַרויס!

יעדער פון אונז האָט געכאַפּט זיין קלומעק, ווייל עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָן דעם קאָן מען ניט עקזיסטירן, בפרט די יעניקע, וועל־כע האָבן נאָך מיטגעבראַכט מיט זיך עסנוואַרג.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטופּעריי און אַ שטויסעריי, ווייל אין דער טונקלעניש האָט מען ניט געקאָנט געפינען די זאַכן.

די עס. עס. מענער האָבן פאַרלאָרן דעם געדולד און אָנגעהויבן צו שרייען: „שנעלער, פאַרפלוכטע הונדע", און דערביי אַראָפּגעשלעפּט און אַרויסגעוואָרפן פון דעם וואַגאָן. ווער עס האָט מיט זיך געטראָגן זיין פּעקל, האָט געקראָגן מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ, ווייל אַלץ האָט באַדאַרפט בלייבן אין וואַגאָן.

איך האָב אויסגעמיטן דעם שטעקן, ווייל איך בין פון די ערשטע

אַרויסגעשפּרונגען פון דעם וואַגאָן און האָב פאַר זיך דערזען, אַ גרויסן, שטאַרק באַלויכטענעם פּלאַץ, ווי טאָג־ליכט, און אַרומגערינגלט דורך בלויז עס. עס.־מענער מיט זייער טויטן קאָפּסקעלעט אויף די מלבושים.

איך וועל קיינמאָל אין לעבן ניט פאַרגעסן דאָס בילד, וואָס איך האָב מיט מיינע אויגן געזען אויף דעם דאָזיקן פאַרשאָלטענעם פּלאַץ, און וואָס איך האָבן דאַן איבערגעלעבט, צוזעענדיק וואָס מען טוט מיט אונז, מיט אונזערע שוועסטער און קינדער.

מענער זיינען געטריבן געוואָרן אויף רעכטס, פרויען — אויף לינקס, פרויען מיט קינדער — באַזונדער. דאָס געוויין און געשריי פון די משפחות, וועלכע זיינען אין איין מינוט צעריסן און געשלאָגן געוואָרן, האָבן געקאָנט עפענען די הימלען, אָבער די דייטשע מלאכי חבלה האָבן זייער אַרבעט געטאָן אָן שום רחמנות.

אויף אַ שטח פון צען מעטער פון מיר איז געשטאַנען אַ הויכ־געוויקסיקער דייטשישער אָפיציר אין קליידער פון אַן עס. עס.־מאַן מיט אַ שטאָק אין דער האַנט און האָט געגעבן אינסטרוקציעס זיינע מיטהעלפער.

הינטער זיינע פּלייצעס זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט פיר גיגאַנטישע לאַסט־אויטאָס. צו איינעם פון זיי איז געווען אַ לייטער צו־געשטעלט, ווייל די פּלאַטפאָרמע איז געווען זייער הויך פון דער ערד.

צום דייטשישן אָפיציר איז צוגעקומען אַ גרופּע פון צוואַנציק מאַן, אָנגעצויגן אין געשטרייפטע קליידער מיט מיצן אויף די קעפּ. איינער פון זיי האָט אַ געשריי געגעבן: „אַכטונג!" און די גרופּע האָט באַלד אַרונטערגעוואָרפן די מיצן פון די קעפּ.

זיי האָבן געטראָגן נומערן אויפן האַרץ פון דעם מלבוש מיט אַ רויטן ווינקל און אות „פּ". מיט זייערע שטרענגע פּנים׳ער און הלבשה האָבן זיי געמאַכט דעם איינדרוק פון ריכטיקע נאַכט־רויבער.

לויט דעם באַפעל פון דעם אָפיציר זיינען די מענער אין די געשטרייפטע קליידער זיך צעלאָפן ווי האָזן איבער די אָנגעקומענע וואַ־גאָנען. אייניקע מינוטן שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן צוריקקומען מיט זייער רויב־מאַטעריאַל. ווער פון זיי האָט מיטגעשלעפּט ביי די פיס אַ

האַלב־טויטן קערפּער פון אַן אַלטן אידן, ווער עס האָט געטראָגן פאַר די פיס און הענט אַ פאַראַליזירט קינד, ווי אַ הינדל צו דער שחיטה, און ווער עס האָט זיך באַשעפטיקט מיט פרויען.

די יללה פון די האַלב־טויטע און פון די קינדער איז געווען ממש אַ האַרץ־רייסנדיקע, אָבער די געשטרייפטע מענער האָבן זיי גאַנץ ענערגיש צוגעשלעפּט צו די פיס פון דעם אָפיציר און אַוועקגעוואָרפן.

נאָכדעם ווי מען האָט אים געמעלדעט, אַז אין די וואַגאָנען איז מער קיינער ניט געבליבן, האָט ער געגעבן אַ באַפעל אויפלאָדן די פרויען מיט די קינדער אויף דעם ערשטן אָפענעם לאַסט־אויטאָ.

אַלץ האָט באַדאַרפט צוגיין בליץ־שנעל, ווייל די דייטשן האָבן ליב אַלץ צו מאַכן בליץ־שנעל, ווי זייער בליץ־קריג. די געשטרייפטע מענער האָבן געשלעפּט און געשטופּט די פרויען, אַזוי אַז מוטערס האָבן פאַרלוירן זייערע קינדער און קינדער די מוטערס. ווען דער אויטאָ איז שוין געווען גאַנץ איבערפילט (אַלע האָבן געמוזט אין אים שטיין), איז דער לייטער צוגענומען געוואָרן פונעם אויטאָ און דאָס זייטיקע ווענטל צוגעשלאָסן געוואָרן. די פאַרלוירענע קינדער האָט מען פּשוט איבער די קעפּ פון די שטייענדיקע פרויען אין אויטאָ אַריינגעוואָרפן, ווי מען וואַרפט אַריין קאַרטאָפל.

איך האָב געמוזט צומאַכן די אויגן און פאַרשטאָפּן די אויערן, כדי ניט צוצוזען און ניט צו הערן די יללות.

דער ערשטער אויטאָ איז באַלד אָפּגעפאָרן און דער לייטער איז צוגעשטעלט געוואָרן צום צווייטן אָפענעם אויטאָ.

די אויפלאָדונגס־אַקציע איז אָפּגעשטעלט געוואָרן און מיר האָבן געמיינט, אַז עס וועט זיך אָנהויבן אַ קאָנטראָל, לויט די רשימות צו־געשיקטע פון דראַנסי.

די געשטרייפטע מענער האָבן אָנגעהויבן אונז אויסצושטעלן צו פינף אין אַ שורה און דער דייטשישער אָפיציר (אין לאַגער האָבן מיר שפּעטער דערפאַרן, אַז דאָס איז געווען דער הויפּט־שטורעמטרופּער פון דעם לאַגער, שוואַרץ,) האָט אָנגעהויבן דורכצוקאָנטראָלירן אונזער אויסזען.

ער האָט איינגעטיילט די מענער אין צוויי גרופּן: די אינגערע פון אונז אויף רעכטס, און די עלטערע — אויף לינקס. אונזער געהילפס־שעף פון דעם וואַגאָן איז אַריינגעפאַלן אין דער גרופּע פון די עלטערע, און איך ווייס ניט, צי ער האָט גלייך פאַרשטאַנען זיין באַגאַנגענעם פעלער אין וואַגאָן, ווייל די עלטערע האָבן געגאָסן פון דער „גוטהאַר־ציקייט" פון די דייטשן און זיינען אויך, ווי די פרויען מיט די קינדער, אָפּגעפאָרן מיט דעם לאַסט־אויטאָ, און ער מיט זיין נאַאיוויטעט האָט דאָס געוויס אָנגענומען פאַר אַן הומאַניטאַרישן אַקט מצד די דייטשן.

אָבער,ליידער, זיינען די אַלע אָפּגעפאָרענע אין אויטאָס גלייך אַריינגעפירט געוואָרן קיין בירקענהאַו, וואו עס האָבן עקזיסטירט די גאַז־קאַמערן מיט די קרעמאַטאָריומס.

דאָס האָט מען ערשט שפּעטער, שוין זייענדיק אין לאַגער, זיך דערוואוסט, אַזוי ווי מען האָט אונז אויך דערציילט, אַז ניט אַלעמאָל מאַכט דער דאָזיקער סאַדיסט שוואַרץ זיין אַרבעט רעגלמעסיק, ווי מיט אונזער טראַנספּאָרט.

פיל מאָל, צום ביישפּיל,ביים אָנקום פון דעם צוג, מאַכט ער אויסרופן, אַז דער לאַגער געפינט זיך אויף אַ שטרעקע פון צען קילאָ־מעטער פון דעם באַנהויף, און די, וועלכע פילן זיך שוואַך און קאָנען ניט גיין צופוס, זאָלן זיך שטעלן באַזונדער.

אַלס רעזולטאַט שטעלן זיך צווישן די שוואַכע אויך געזונטע, ווייל זיי ווילן ניט איינשפּאָרן דעם דייטשישן ברען־שטאָף און אומזיסט זיך ברעכן די פיס.

דער סוף איז אָבער פאַר די, וועלכע פאָרן מיט די אויטאָס, זייער אַ טרויעריקער, און די, וועלכע האָבן באַשלאָסן צו גיין צופוס, מאַכן נאָר צוויי קילאָמעטער, ווייל דער לאַגער איז גאַנץ נאָענט.

דערויף איז נאָר פּעאיק אַזאַ סאַדיסט ווי שוואַרץ, דער פאַר־שטייער פון דייטשישער מעדיצינישער וועלט.

דאָס מאָל איז אויך די פּראָצעדור פון אָפּטיילן אויף רעכטס און לינקס אויך צווישן די פרויען דורכגעגאַנגען שנעל.

נאָכן אָפּפאָרן פון די אויטאָס מיט די עלטערע מענער און פרויען

האָב איך באַמערקט ווי אַ גרופּע פון אומגעפער 150 פרויען זיינען געבליבן אויפן פּלאַץ און זיינען אונטער אַ שמירה אַוועקגעגאַנגען צופוס.

אונזער מענער גרופּע איז אָפּגעציילט געוואָרן און איז באַשטאַנען פון 273 מאַן. עס האָבן זיך אויך געפונען צווישן אונז אַ פּאָר עלטערע מענטשן, וועלכע האָבן זוכה געווען, אַדאַנק זייער פּאַך, ווי דאָקטוירים און כעמיקער, צו פאַרבלייבן צווישן אונז.

יונגע עס. עס.־מענער האָבן אונז גאַנץ געדיכט אַרומגערינגלט און דער אָפיציר האָט געגעבן דעם באַפעל:

— „מאַרשירן!"

אויסער די טויטע און האַלב־טויטע, וואָס זיינען נאָך געבליבן אויפן פּלאַץ זיינען נאָך געבליבן די מענער אין די געשטרייפטע קליידער, ווייזט אויס, צו מאַכן אָרדענונג.

די נאַכט איז געווען אַ טונקעלע און עס האָט געדרעגנט. דער וועג איז באַשטאַנען פון ליימיקער ערד, וואָס האָט זיך שטאַרק אָנגעקלעפּט אין אונזערע זוילן פון די שיך, און דאָס האָט געשטערט צו גיין. די עס־עס־מענער האָבן אָבער פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן גיין שנעל און דערביי ניט געקאַרגט קיין קלעפּ. איך בין געווען דער ערשטער פון דער דריטער שורה און דער עס. עס.־מאַן האָט זיכער געוואָלט מיך אומוואַרפן. ער האָט מיך געשלאָגן אין געזיכט און אין רוקן, אײַבערהויפּט אין בויך מיט זיינע שטיוול, אָבער איך בין ווייטער געגאַנגען, באַגיסנדיק זיך מיט בלוט. אינצווישן האָט זיך אים איינגעגעבן אומצואוואַרפן אַן אַנדערן און ער איז געווען באַשעפּטיקט אים אויפצושטעלן צוריק אויף די פיס מיט זיין ביקס...

דער וועג האָט אפשר אינגאַנצן געדויערט אַ האַלבע שעה צייט, אָבער אונז האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אומענדלעך לאַנג. מיר האָבן פון ווייטנס געזען גרויסע באַלויכטענע הייזער. דאָס זיינען געווען פאַבריקן, אין וועלכע מען האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט.

ענדלעך זיינען מיר צוגעקומען צו אַן אייזערנעם טויער, אויף וועלכן עס איז געווען אַן אויפשריפט מיט אייזערנע גרויסע אותיות:

„אַ ר ב י י ט מ אַ כ ט פ ר י י!"

שפּעטער האָבן מיר געזען די איראָניע פון דעם אויפשריפט און דעם ציניזם פון דער דייטשישער „פרייהייט דורך אַרבעט".

## קאַפּיטל 18

# די אויפנאַמע אין דעם לאַגער

די שמירה ביים טויער האָט אונז אָפּגעציילט, און די טויערן פון דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אוישוויץ האָבן זיך געעפנט, אויפצונעמען דאָס ביסל פראַנצויזישע אידן.

ווי נאָר מיר האָבן אַריבערגעטראָטן די טויער־שוועל, האָבן אונז באַגעגנט מענער אין געשטרייפטע קליידער, וועלכע האָבן אונז ווידער איבערגעציילט, ווי אַ טייערע סחורה, אָבער שוין אין פּויליש, און אונז געפירט ווייטער איבערן לאַגער.

אין לאַגער האָט געהערשט אַ נאַכט־שטילקייט. גאַנצע רייען אויסגעבויטע הייזער זיינען געשטאַנען צווישן ביימער, וועלכע האָבן זיך דורכן ווינט געבויגן איינער צום צווייטן און געזאָגט זייער תפילה צום רבונו־של־עולם. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי שיקן אונז זייער ברכה אויף אונזער שטעכיקן וועג, וואָס מיר אידן, געבראַכטע פון פראַנקרייך, האָבן ביז איצט דורכגעמאַכט און וועלן דורכמאַכן.

די פּוילישע אינטערנירטע, אָנגעטאָן אין גאַנץ פיינע געשרייפטע קליידער, מיט אָנגעפּרעסטע געזיכטער, האָבן זיך צו אונז גענומען, צו־ערשט אויסגעשטעלט אונז ווי דיסציפּלינירטע סאָלדאַטן, צו פינף אין אַ ריי, און האָבן געשריגן אין פּויליש: „פּאָ פּיענטש, זשידי" (צו פינף אידן).

די מערסטע פון אונז האָבן זייער שפּראַך ניט פאַרשטאַנען. באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן אויף אונזערע קעפּ שטעקנס און לעדערנע רימענס, וועלכע האָבן אונז געמאַכט צו פאַרשטיין וואָס זיי האָבן פון אונז פאַרלאַנגט.

איצט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מיר גייען איבער פון די עס.־עס.־מענער אין רשות פון די פוילישע רוצחים, וועלכע וועלן מיט אונז לערנען בלק, ווי מיט אידן אין זייער לאַנד. זיי האָבן אונז אין משך פון אַ לאַנגער שטונדע געציילט און איבערגעציילט און יעדעס מאָל געפונען אַ סיבה אַ קלאַפּ צו טאָן אַ אידן. זיי האָבן אָבער אויך ניט פאַרגעסן אונז אויסצונוצן. די דאָזיקע פּאָליאַקן האָבן אונז גלייך דערקלערט, אַז מיר געפינען זיך אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואָס הייסט אוישוויץ און מיר דאַרפן שוין זיין גליקלעך, וואָס מיר זיינען אַריינגעקומען אין דעם לאַגער, ווייל די אַנדערע פון אונזער טראַנספּאָרט וועלן איבערהויפּט קיין לאַגער אין זייערע אויגן ניט זען.

וואָס דאָס אַלץ באַדייט, האָבן מיר ניט פאַרשטאַנען. אויף יעדן פאַל האָבן זיי אונז געבעטן, אַז מיר זאָלן זיי איבערגעבן געלט און ווערט־זאַכן. חתונה־רינגען, וועלכע מען האָט אין דראַנסי איבערגעלאָזן אויף אונז, האָבן זיי מיט צוואַנגען פון די פינגער אַרונטערגעריסן ברוטאַל. (ניט אומזיסט האָב איך איצט געלייענט אין אַ צייטונג, אַז מען האָט געפונען אין דייטשלאַנד עטלעכע טאָן חתונה־רינגען — דאָס איז געווים אידיש גאָלד). זיי האָבן ביי אונז אַפילו צוגענומען די פאָונטען־פענס, מעסערלעך און אַנדערע זאַכן. און נאָכדעם ווי זיי האָבן אונז גוט אונטערזוכט, האָבן זיי אונז אַריינגעלאָזט אין אַ צימער.

ניט קוקנדיק אויף דער ענגשאַפט אין צימער, אויף דער מידקייט פון דער רייזע און די דורכגעמאַכטע נסיונות, זיינען מיר שוין געווען גליקלעך צו קריגן די מעגלעכקייט אַביסל צו דערוואַרעמען אונזערע דורכגעפרוירענע ביינער.

ליידער האָט מען אונז אָבער באַלד צוריק אַרויסגעטריבן אויפן הויף און ווידער אָנגעהויבן אויסצושטעלן צו פינף אין אַ ריי.

עס האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן און איך האָב דערזען אַרויסגיין פון די הייזער טרויעריקע, אויסגעמאַטערטע, שמוציקע נפשות, אָנגעטאָן אין גאַנץ שמוציקע געשטרייפטע קליידער. זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון מתים.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אויך אין די לאַגער־באַדינגונגען פון

אוישוויץ זיינען פאַראַן פאַרשידענע קלאַסן אינטערנירטע — אַזעלכע, וואָס עקספּלואַטירן און אַזעלכע וואָס ווערן עקספּלואַטירט.

ענדלעך האָט מען אונז אָנגעהויבן צוריק אַריינלאָזן אין דעם זעלביקן הויז, אָבער נאָר גרופּנווייז, צו פינף־און־צוואַנציק מענטשן.

מען האָט אונז שנעל אַריינגעטריבן אין דעם זעלביקן צימער, אין וועלכן מיר האָבן זיך פריער געפונען, און די פּאַליאַקן האָבן גענומען יעדן באַזונדער און באַפוילן תיכף זיך אויסצוטאָן נאַקעט. יעדער איינער האָט באַדאַרפט אין זיין מאַנטל איינוויקלען אַלע מלבושים, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיין קערפּער, און דאָס געמאַכטע פּעקל אַריינגעטראָגן אין אַנדער צימער און אַוועקלייגן אויף די שוין דאָרט זיך געפונענע זאַכן.

מען האָט נאָר געהאַט דאָס רעכט איבערצולאָזן זיך די ברילן (ווער עס האָט געטראָגן ברילן), דעם גאַרטל און די זייף.

דער באַפעל איז ווידער געגעבן געוואָרן אין פּויליש, און אַזוי ווי ניט אַלע פון אונז האָבן פאַרשטאַנען דעם באַפעל, האָט מען ווידער געקראָגן געשלאָגן.

קיין שום דאָקומענטן האָט מען ניט געהאַט דאָס רעכט מיטצו־נעמען — אַלץ האָט באַדאַרפט פאַרבלייבן אין די קעשענעס פון די מלבושים.

פינף מינוט שפּעטער בין איך שוין געשטאַנען אַ נאַקעטער, צו־זאַמען מיט אַלע אַנדערע פון מיין גרופּע, אין דעם לאַנגן קאָרידאָר מיט דעם שטייניקן באָדן. די טירן פון ביידע זייטן זיינען געווען גאַנץ אָפן. עס האָט אונז געוואָרפן אין אַ קעלט. מיר זיינען אַזוי געשטאַנען אַ שעה צייט, ביז אַלע אונזערע 273 מאַן האָבן זיך אויסגעטאָן די קליידער אין דעם היסטאָרישן צימערל. אין צווישן צייט זיינען דורכגע־גאַנגען פּוילישע אינטערנירטע מיט אָנגעפּרעסענע פּנים׳ער און האָבן איבער אונזערע אומגליקלעכע קערפּערס געשפּאָט.

אונזער שטיין האָט איבערגעריסן אַ קליינגעוויקסיקער מאָגערער פאָלקס־דייטש אין אויגן־גלעזער (פאָלקס־דייטשן האָט מען גערופן די יעניקע דייטשן, וועלכע האָבן געוואוינט אין אויסלאַנד פאַר דעם קריג,

אין 1939), וועלכער האָט אויך גערעדט פויליש. דאָס, זאָגט ער, זיינען אונזערע ניי־אָנגעקומענע פּראָנצויזין — אַלזאָ, אין „פּראָמענאַד".

צו פופציק האָט מען אונז נאַקעטע אַרויסגעטריבן אין דרויסן, און ביי דער נאַסער פרימאָרגן קעלט פון דעם לעצטן אָקטאָבער־טאָג האָט מען אונז געטריבן, מיר זאָלן באָרוועסע און נאַקעטע לויפן איבער דעם לאַגער, וואו די ערד איז געווען באַדעקט מיט קליינע, שפּיציקע, שאַרפע שטיינדלעך.

דורכמאַכנדיק דעם דאָזיקן סאַדיסטישן פּראָמענאַד, האָט מען אונז אַריינגעטריבן אין אַ לאָקאַל, וואָס טראָגט דעם נאָמען „וועשעריי".

מיר האָבן זיך ממש מחיה געווען, וואָס מיר האָבן זיך ענדלעך שוין געפונען אין אַ וואַרעמען צימער. אָבער דאָ זיינען ווידער געקומען נייע פיזישע און מאָראַלישעליידן.

דער פאָלקס־דייטש, וועלכער האָט אונז פריער געטריבן, האָט געטראָגן אויפן לינקן אָרעם אַ רויט בענדל מיטן אויפשריפט „לאַגער־פריזער". ער האָט באַלד געגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל אַריבערברענגען די „פריזערס". די לעצטע זיינען באַשטאַנען אויך פון אינטערנירטע, אָנגעטאָן אין געשטרייפטע קליידער, און צווישן זיי האָבן זיך שוין אויך געפונען אַ פּאָר אידן, וועלכע האָבן אויך גערעדט פראַנצויזיש. דאָס זיינען געווען אייניקע פון די פּוילישע אידן, וועלכע מען האָט נאָך אין יאַנואַר, 1942, דעפּאָרטירט פון פראַנקרייך.

מען האָט אונז ווידעראַמאָל אויסגעשטעלט אין שורות און די ערשטע שורה האָט אויפגעשטיגן אויף אַ באָד־באַנק. די פריזירערס, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף דער אַנדערער זייט פון דער באַנק, האָבן מיט ראַזיר־מעסערס און ראַזיר־אַפּאַראַטן אָנגעהויבן צו שניידן די האָר פון דעם גאַנצן קערפּער. עס האָט ניט באַדאַרפט בלייבן קיין האָר אויף קיין שום שטעלע.

דער אָפּגעשוירענער האָט זיך ווידער געשטעלט אין אַן אַנדער ריי, כדי מען זאָל אים די האָר פון קאָפּ אַראָפּשניידן.

איך בין אַריינגעפאַלן צו אַ רוס, וועלכער האָט מיטגעכאַפּט מיט דעם ראַזיר־אַפּאַראַט אַ שטיקל פלייש פון מיין אייער־זעקל און דאָס בלוט

האָט געפּלאָסן. מײַנע פרײַנט האָבן מיר געֿעצה׳ט איך זאָל בעטן בײַם לאַגער־פּריזירער אַ מיטל אויף אָפּצושטעלן דאָס בלוט.

דער פאָלקס־דײַטש האָט מיך אַ גוטן שטויס געטאָן אַלס ענט־פער און מיר געזאָגט אויף דײַטש: דו פאַרפלוכטער יודע, וויפיל בלוט פאַרמאָגסטו אין זיך? אפשר פון איין ביז אַנדערהאַלבן ליטאָר, טאָ לאָז בעסער דאָס איצט אָפּפליסן און פון דיר וועט אין גיכן אַן ענדע נעמען! ״

איך האָב דעם שטויס און דעם ענטפער געמוזט אָננעמען באהבה, ווייל איך האָב שוין פאַרשטאַנען אין וועמעס הענט מיר געפינען זיך איצט.

נאָך מער האָט אונז פאַרצווייפלט און דערשלאָגן די אינפאַר־מאַציע, וואָס די אידישע פּריזירערס האָבן אונז געגעבן. זיי האָבן אונז מיט אַ רואיקן טאָן, אָבער דורכגעדרונגען מיט ווייטיק און צאָרן, דער־ציילט וויפל עס זיינען איבערגעבליבן פון די ביז איצטיקע טראַנספּאָרטן און וויפל זיי האָבן נאָך אויסצושטיין איצט, אָבער אויפדעקן דעם גאַנצן אמת איבער דעם פאַרניכטונגס־סיסטעם האָבן זיי, ווייזט אויס, ניט געהאַט דעם מוט אָדער האָבן פשוט מורא געהאַט.

דאָס שניידן די האָר האָט געדויערט ניט זייער לאַנג און מען האָט צו הונדערט אַריינגעלאָזט שוין אין באָד־צימער, וואו מען האָט אונז באַגאָסן דעם קערפּער מיט פּעטראָלעאום־פליסיקייט, וואָס האָט מיר שטעלנווייז, איבערהויפּט אויף דער אָפענער וואונד זייער שטאַרק געברענט.

אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם לאַגער־פּריזירער האָט מען אויף אונז אַ גאָס געגעבן שטאַרק־הייסע וואַסער און דער רוצח האָט שיר־ניט געפּלאַצט פון געלעכטער, זעענדיק אונזערע ברענענדיקע קערפּערס און אונזערעליידן.

די פון אונז, וועלכע האָבן געזוכט אויסצומיידן די הייסע וואַסער, האָבן געקראָגן מיט אַ לעדער־רימען איבערן קערפּער און מיר אַלע האָבן געמוזט בלייבן לענגער אונטערן וואַסער.

מיט וואָס אָפּצוואוישן דעם קערפּער האָבן מיר ניט באַקומען.

דערפֿאַר אָבער האָבן מיר זיך באַלד אויסגעשטעלט איינער נאָכן אַנ־דערן, כּדי דורכצוגיין לעבן אַ יונגן רוס, וועלכער האָט אונז צוגעוואָרפֿן אונזערע אַזוי גערופֿענע קליידער, וואָס מיר האָבן תּיכף ומיד געמוזט אויף זיך אָנציִען.

מיר איז, אויף מײַן גליק, אויסגעפֿאַלן צו באַקומען אַ צעריסן זײַדן העמדל, וואָס מען האָט מסתּמא אַראָפּגענומען פֿון אַ צוועלף־יעריק אידיש קינד; אונטער־הויזן האָב איך באַקומען לאַנגע און ברייטע, אין וועלכע צוויי אַזעלכע ווי איך האָבן געקאָנט אַריין.

אויף דעם אונטערוועש האָב איך אַרויפֿגעוואָרפֿן מײַנע מלבושים, וועלכע איך האָב באַקומען שוין פֿון צווייטן שגץ. זיי זײַנען באַשטאַנען פֿון אַ געשטרייפֿטן זומער־ראָק מיט הויזן אָן קנעפּ. ביידע זאַכן זײַנען געווען אין אַ זייער שמוציקן, מיט לאַטעס באַדעקטן, צושטאַנד. אויף די פֿיס האָב איך אַרויפֿגעצויגן הילצערנע שיך, גראָד אין אַ נישקשה־דיקן צושטאַנד, אָבער אָן שנירלעך.

אין אַזאַ צושטאַנד האָט מען אונז אַרויסגעטריבן אין דרויסן און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מיר פֿאַלן אַרויס פֿון אַ שוויץ־באַד אין אַן אײַז־קעלער. יעדן פֿון אונז האָט געוואָרפֿן אין שרעקלעכן פֿיבער און מיר האָבן ממש ניט געקאָנט אָפּשטעלן דאָס קלאַפּן פֿון די ציין.

צום פּלאַץ, וואו מיר זײַנען געשטאַנען, האָט קיינער ניט געהאַט דאָס רעכט צוצוקומען, און מיר האָבן טאַקע ניט געזען קיין אינטערנירטע.

איך האָב ניט געוואוסט, אַז אַ שפּיגל, ווי איך זע אויס נאָך אַט דעם טרויעריקן טעאַטער־שפּיל, אָבער פֿון דעם בילד פֿון מײַנע באַ־קאַנטע, וועלכע האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין קאָמענדיאַנטן מיט זייער קאָמישן אויסזען, און וועלכע עס איז מיר ממש געווען שווער צו דער־קענען, האָב איך שוין פֿאַרשטאַנען אין וואָס איך אַליין בין פֿאַרוואַנדלט געוואָרן.

איך האָב ניט געוואוסט פֿון וואַנען, נאָר לעבן מיר איז אויס־געוואַקסן אַ אינגל אין געשטרייפֿטע קליידער מיט אַ נומער און מגן־דוד אויפֿן האַרץ, זייער אָן אויסגעמאַטערטער און אויסגעמאָגערטער,

און פרעגט מיך, צי איך קען רעדן מאַמע־לשון, ווייל ניט אַלע פראַנ־צויזישע אידן קענען אידיש.

ער איז ממש גליקלעך געווען צו הערן אַ אידיש וואָרט פון מיר, אָבער איך האָב אַזוי געליטן פון קעלט און פיבער, אַז ער האָט גאָר ניט געקאָנט פאַרשטיין.

מיטאַמאָל איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן, אָבער ער איז צוריק־געקומען אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער, אַרויסגעשלעפּט פון אונטער זיין ראָק אַן אונטערוועש־לייבל און שטופּט מיר אין האַנט אַריין. דערביי זאָגט ער צו מיר, אַז איך זאָל תיכף אויסטאָן מיין ליידן העמדל און דאָס אַוועקוואַרפן, ווייל צוויי זאַכן טאָר מען ניט טראָגן אויפן לייב. איך האָב באַלד אַראָפּגעוואָרפן פון זיך מיין ראָק און בין ממש געווען גליקלעך אָנצוציען אויף זיך עטוואָס, וואָס קאָן אַביסל דערוואַרעמען מיין צי־טערדיקן גוף.

דאָס דאָזיקע אידיש אינגל איז דעמאָלט אַלט געווען אינגאַנצן זיבעצן יאָר. ער איז גענומען געוואָרן מיט זיינע עלטערן, שוועסטער און ברידער אין וואַרשע שוין ביים פאַרברענען די געטאָ. לויט ווי ער דערציילט, איז ער נעבעך געבליבן איינער אַליין פון זיין גאַנצער משפחה, וועלכע איז באַשטאַנען פון ניין נפשות.

זיין טרויעריקע שוואַרצע אויגן האָבן דערציילט פיל מער ווי זיינע ליפּן. דערביי האָט זיין קליין אידיש האַרץ אַרויסגעוויזן צו אונז זייער פיל רחמנות, איבערהויפּט צו מיר.

ווער ווייסט וואו ער איז נעבעך איצט? איך וואָלט פיל באַצאָלט, כדי אים אָפּצודאַנקען פאַר דעם שמוציקן וועש־לייבל, וואָס ער האָט מיר דאַן געבראַכט. אפשר האָב איך אַ דאַנק אים אויסגעמיטן קראַנק צו ווערן, ווי אייניקע פון מיינע חברים, וועלכע זיינען נעבעך דורך די אַלע ליידן אומגעקומען.

## קאַפּיטל 19

# דער ערשטער טאָג אין אוישוויץ

דאָס אויסערלעכע בילד פון דעם לאַגער האָט געמאַכט ניט קיין שלעכטן איינדרוק. אויף אַ פּלאַכן באָדן זיינען געשטאַנען אויסגעבויט דריי רייען ציגל־הייזער. די גאַסן זיינען געווען זויבער. ביי יעדער הויז איז געווען אַ טראָטואַר פון צעמענט און אַ קליינער גאָרטן מיט באַזעצטע ביימער.

אונזער גרופּע פון 273 מאַן איז פּאַרטיק געוואָרן מיטן באָדן זיך און איבערקליידן זיך און מיר האָבן זיך שוין אַלע געפונען אין דרויסן, וואו עס איז געווען אַ דורכנעמענדיקע קעלט.

ענדלעך האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז מען זאָל זיך אין אונז דערמאָנען. אַ מאַן פון גרויסן געוואוקס און מיט ברייטע פּלייצעס, אַנגעטאָן אָנשטענדיק אין אַ ציווילן ראָק און געשטרייפּטע הויזן, אויך מיט אַ נומער אויף זיין האַרץ, מיט אַ בענדל אויפן אָרעם און געדרוקטע אותיות B. A. 2A האָט זיך צו אונז דערנענטערט. ער האָט גערעדט דייטש און אונז באַפוילן, אַז מיר זאָלן אים נאָכגיין. ער האָט אונז צוגעפירט צום הויז בלאָק 2″ און געהייסן שורות ווייז אַהין אַריינגיין.

צוערשט זיינען מיר דורכגעגאַנגען אַ לאַנגן קאָרידאָר, ביים אַריינגאַנג פון וועלכן ס׳איז געהאַנגען אַ שילד מיטן אויפשריפט „מיצען אב״. דער קאָרידאָר איז געווען דעקאָרירט מיט פיין־פּאָלירטע פּאָרציילייַ־שטיינדלעך פון פאַרשידענע פאַרבן און דער באָדן איז באַשטאַנען פון ציגל. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ שפּיטאָל־הויז.

מען האָט אונז אַרויפגעפירט אויף דעם ערשטן שטאָק, וואו אויף אַ פּלאַטפאָרם פון צוויי קוואַדראַט מעטער האָבן זיך געפונען אין דריי ווענט דריי טירן. די טירן פון רעכטס און לינקס האָבן געפירט אין גרויסע צימערן. די דריטע טיר האָט געפירט אין אַ צימער מיט אַ שילד „בלאָקעלטסטער״. אַזוי אַרום האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די אותיות פון דעם

בענדל, וואָס דער מאַן האָט געטראָגן, האָבן באַדייטעט, אַז ער איז דער בלאָק־עלטסטער פון יענעם בלאָק.

אויבן איבער זיין טיר איז אויך געהאַנגען אַ שילד מיט דעם פאָלגנדיקן אויפשריפט:

„זויבערקייט, ערלעכקייט, פלייסיקייט, געהאָרכזאַמקייט מאַכט פריי״.

אונז האָט מען אַריינגעלאָזט אין דעם צימער פון דער לינקער האַנט. דאָס איז געווען אַ צימער פון 25 מעטער די לענג מיט הילצערנע דריי־שטאָקיקע בעטן אויסגעשטעלט אויף אַזאַ אופן, אַז אין דער מיט פון דעם צימער זאָל בלייבן אַ דורכגאַנג פון צוויי מעטער די ברייט איבער דער גאַנצער לענג פון דעם צימער.

מען האָט אונז אויסגעשטעלט אין דעם דורכגאַנג אין עטלעכע שורות איינע נאָך דער צווייטער.

די וואַרעמקייט, וואָס האָט געהערשט אין דעם צימער, די מיד־קייט פון דער רייזע און די דורכגעמאַכטע עינויים קשים האָבן אויף אונז געווירקט איינשלעפערנדיק און קיינער פון אונז האָט ניט געהאַט קיין כוח ווייטער צו שטיין אויף די פיס.

אונזער האָפענונג איז געווען, אַז מען וועט אונז דערלויבן זיך צוצוזעצן כאָטש אויפן באָדן, אָבער דער גורל האָט געוואָלט, אַז עס זאָל זיך פאַר אונז אָנהייבן אַ פריש קאַפּיטל פון מאַטערינשן און ליידן.

ס'האָט ניט געדויערט לאַנג, און מיט דעם פריער דערמאָנטן בלאָק־עלטסטן האָט זיך באַוויזן נאָך אַ מאַן פון דעם זעלבן וואוקס און שטאַרקן קערפּער פון אַ פּראָפעסיאָנעלן באָקסער, אָבער דער דאָזיקער האָט געהאַט אַ רויט פּנים און בלויע אויגן.

ביידע מענער זיינען צוגעקומען צו אונז און באַפוילן, אַז מיר זאָלן ווייטער שטיין, און קיינער זאָל זיך ניט זעצן אָן זייער דערלויבעניש.

זיי האָבן אונז אָפּגעציילט, און דער באַגלייטער פון דעם בלאָק־עלטסטן, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס זיין געהילף און אַלס מיטגליד פון פוילישן פאָלק, האָט אָנגעהויבן צו מאַכן אינספּעקציעס

פון דעם מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס ער האָט אַריינגעקראָגן אונטער זיין אויפזיכט.

ווער פון אונז עס האָט, לויט זיין מיינונג, געהאַט אַ בייכל אָדער איז ניט געשטאַנען אויסגעצויגן, דעם האָט ער תיכף דערלאַנגט מיט דער פויסט אין בויך אַריין אַזוי, אַז פון ווייטיק האָט מען זיך געקאָר־טשעט אין דרייען...

ער האָט אונז אין זיין דייטשישער שפּראַך געגעבן צו דער־קלערן, אַז מיר זיינען ניט אין פּאַריז (גלייך ווי מיר האָבן דאָס אַליין ניט געוואוסט), און געוואָרנט, אַז אויב מיר וועלן ניט זיין דיסציפּלי־נירט, וועלן מיר גאָר גיך גיין אין קרעמאַטאָריום. דאָס וואָרט „קרעמאַ־טאָריום" האָבן מיר פון אים דעם ערשטן דערהערט.

הכלל, מיר האָבן געמוזט אַזוי שטיין און שטיין אויסגעצויגן און „דיסציפּלינירט", ביז אונזערע כוחות האָבן אונז ממש פאַרלאָזט — ווייל דער גזלן האָט זיך געדרייט הין און צוריק און האָט פון אונז קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט.

מיר האָבן אַלץ ניט געוואוסט די גענויע שעה, אָבער די צייט איז פאַר אונז זייער לאַנגזאַם געגאַנגען. ענדלעך האָט מען אונז דער־קלערט, אַז מיר וועלן באַקומען אונזער זונטיק מיטאָג־עסן.

מ'האָט אונז פון דעם צימער אַרויסגעפירט און געפירט איבער די טרעפּ צום צווייטן שטאָק.

דאָס איז אייגנטלעך ניט געווען קיין שטאָק, נאָר אַ בוידעם, דער דאַך איז באַשטאַנען פון געברענטע געפורעמטע ציגל־שפּענדלעך, און דער באָדן פון בלויז ערד. קיין ווענט זיינען איבערהויפּט ניט געווען, ווייל דער דאַך האָט זיך פון דעם מיטלפּונקט אַראָפּגעלאָזט שיף צו די ווענט. נאָר אינדערמיט פון דעם בוידעם איז געווען אַ מעגלעכקייט צו שטיין גלייך.

פאַר דער טיר פון דעם בוידעם האָט מען יעדן באַזונדער גע־געבן אַ שמוציקן „גאַמעל", אַ שיסל אויסגעשמאַלצן פון שוואַרצן בלעך. אין זיין נייעם צושטאַנד איז ער מסתמא געווען באַדעקט מיט אַ דינעם שיכט עמיי. אָבער מיר האָבן נאָר געקאָנט האָבן אַ פאַרדאַכט וועגן דעם.

די, וואָס האָבן געקראָגן אַזאַ „גאַמעל”, האָבן זיך דערנענט צו אַ היל־צערנעם הונדערט־ליטער פאַס, וואו עס איז געשטאַנען אַ דיקער פּאָליאַק מיט אַ ראַזירטן קאָפּ. ער האָט מיט אַ גרויסן קאָדלעפל אַרויסגעצויגן אַ געדיכטע מאַסע פון פאַס און אַריינגעגאָסן אין דער שיסל. דאָס איז געווען אַ געמיש פון פאַרשידענע ווילדע בוריקעס מיט אַ פּאָר קאַרטאָפל.

קיינער פון אונז האָט ניט באַקומען קיין לעפל און פּאָר אונז איז געשטאַנען אַ שווערע פּראָבלעם ווי אַזוי אויסצולייִדיקן די דאָזי־קע שיסל.

דאָס פאַרטיילן פון דעם עסן איז צוגעגאַנגען זייער שנעל, אָבער נאָך שנעלער האָט געמוזט צוגיין דאָס עסן, ווייל אויף דער מאַסע פון 273 מאַן איז נאָר געווען 50 שיסלען.

יונגע רוסישע שקצים, אויך אינטערנירטע ווי מיר, האָבן אָנ־געהויבן שרייען, אַז מיר זאָלן עסן שנעלער. אייניקע פון אונז האָבן דאָס פּראָבלעם לייכט געלייזט: זיך פּשוט באַדינט מיט די פינגער. אָבער איך האָב געמוזט, נאָך פינף מינוטן שווערער אַרבעט, אָפּגעבן די שיסל, איידער צו קריגן מיט אַ שטעקן איבער מיין קאָפּ.

די לעצטע פופציק מאַן פון אונזער גרופּע האָבן איבערהויפּט ניט באַקומען קיין עסן, ווייל אין דער צייט, ווען עס איז געקומען זייער ריי צו באַקומען די פרייע שיסלען, האָט זיך דערהערט פון דרויסן מו־זיק־קולות און ביי אונז אויפן בוידעם איז געוואָרן אַ גערודער און אַ געשריי: „אַלעס צום אַפּעל איינטרעטן!”

דער פאַרטיילער פון עסן און זיינע געהילפן האָבן באַלד אַרויס־געריסן די שיסלען פון די יעניקע, וועלכע האָבן נאָך געקעמפּט מיט זייער אינהאַלט, און האָבן אונז אָנגעהויבן שטויסן און שטופּן, אַז מיר זאָלן זיך אויסשטעלן צו פינף איינער אונטערן צווייטן.

די ערשטע צוויי שורות האָבן נאָך געקאָנט שטיין אויסגעצויגן, אָבער די ווייטערע האָבן געמוזט שטיין אָנגעבויגן.

מען האָט אונז געציילט און איבערגעציילט און יעדעס מאָל האָט נישט געשטימט די צאָל, ווי אויף להכעיס, און מיר האָבן געדינט אַלס אַ שעיר־לעזאזל.

ענדלעך האָט די מוזיק אין דרויסן אויפגעהערט און דער בלאָק־עלטסטער האָט זיך באַוויזן אויפן בוידעם. עס האָט זיך באַלד דער־הערט דער געשריי „אַכטונג!״ באַלד נאָך אים האָט זיך באַוויזן אַ דיקער עס.־מאַן אין זיין יוניפאָרם.

אונזער בלאָק־עלטסטער, וואָס האָט אַלס סימבאָל תמיד געטראָגן זיין קעפּ אויפן קאָפּ, האָט דאָס מאָל די קעפּ אַרונטערגענומען און גע־מעלדעט דעם עס. עס.־מאַן די צאָל איינוואוינער אויף אונזער בלאָק.

דער געוויינלעכער דייטשישער פויער אין אַן עס. עס. יוניפאָרם האָט מיט גרויס שטאָלץ אויסגעהערט די מעלדונג, אונז שנעל איבער־געציילט און איז תיכף ומיד מיט זיין צאָל־העפט פאַרשוואונדן.

אונז האָט מען אָנגעהויבן גרופּירן לויט די אותיות פון לאַטייניש אַלף־בית און לויט דער אָרדענונג האָט יעדער באַדאַרפט צוגיין צו אַ טיש רעגיסטרירט צו ווערן און קריגן אַ העפטלינג־נומער.

איך, מיט מיין פאַמיליען־נאָמען, וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ „טי״, בין געווען כמעט פון די לעצטע, וועלכע זיינען רעגיסטרירט געוואָרן. דער שרייבער האָט מיר געגעבן דעם נומער 159795 שוין אויפגע־שריבן דורך אַ שרייב־מאַשין אויף אַ צעטל, און מיט דעם נומער בין איך צוגעקומען צו אַ צווייטן טיש, וואו אַ סלאָוואַקישער איד האָט מיט אַן אַפּאַראַט, וואָס האָט געהאַט אַ נאָדל, זייער געשווינד אויף מיין לינקער האַנט אָנגעשטאָכן מיט דער נאָדל און אויפגעשריבן מיין נומער.

דאָס טאַטואירן דעם נומער איז געווען קערפּערלעך ווייטיקדיק, אָבער נאָך מער האָט דאָס געווירקט אויף מיין מאָראַלישן צושטאַנד.

אין רוסלאַנד, בשעת׳ן צאַרישן רעזשים, האָט מען אַפילו אויף קרימינעלע פאַרברעכער אין דער קאַטאָרגע ניט אויסגעקריצט דעם נומער. דאָ באַגייט מען זיך מיט אונז פיל ערגער. מען באַצייכנט אונז ווי בהמות צו דער שחיטה. דער נומער פאַרבלייבט אויף דעם גאַנצן לעבן. עס איז ניטאָ קיין כעמישער מיטל דאָס אַראָפּצונעמען, סיידן דאָס אויסשניידן כירורגיש.

ווען איך האָב געקראָגן דעם נומער, איז שוין אין דרויסן געווען גאַנץ טונקל און דער לייענער קאָן זיך אָפּגעבן אַ חשבון וויפל קראַפט

יעדער פון אונז האָט באַדאַרפט באַזיצן, כדי אויסצוהאַלטן די אַלע יסורים פון קעלט, הונגער און פייניקונגען, צו וועלכע מיר זיינען געוואָרן אונטערוואָרפן זייט מיר זיינען אַרויס פון דעם צוג.

דאָס שטיין די גאַנצע צייט אויף די פיס האָט מיך ממש קראַנק געמאַכט.

מיינע אַלע באַקאַנטע, וועלכע זיינען ביז מיר דורכגעגאַנגען די פּראָצעדור, זיינען באַלד נאָכן באַקומען דעם נומער גרופּנווייז, צו פינף־און־צוואַנציק, אַוועקגעפירט געוואָרן און איך האָב צו דער צייט ניט געוואוסט וואָס מיר זיי האָט פּאַסירט.

מיך האָט מען אויך מיט דער לעצטער גרופּע פון 25 פּערזאָן אַרויסגעפירט פון אונזער בלאָק־הויז און געפירט צו אַן אַנדער בלאָק, וואו ס׳האָט זיך געפונען די פּאָליטישע ביוראָ.

די גאַסן פון דעם לאַגער זיינען געווען איבערפילט מיט אינטערנירטע, אָנגעטאָן אין געשטרייפטע קליידער. דער המון פון די אינטערנירטע האָט אויף מיר געמאַכט זייער אַ שווערן רושם. אַלע שלעכט געקליידט, פאַרשוואַרצט, אויסגעמאַטערט, און דער עיקר מאָראַליש אַזוי דערשלאָגן, אַז זיי זיינען גאַנץ גלייכגילטיק צו די ניי־אָנגעקומענע.

מען האָט גלייך געקאָנט אונטערשיידן אַ אידן פון ווייטנס, ניט זעענדיק דעם מגן־דוד מיטן נומער אויפן האַרץ. זיי האָבן אויסגעזען פיל ערגער ווי די אַנדערע אינטערנירטע און דערצו זיינען געווען פיל סיבות, ווי דער לייענער וועט ווייטער באַקאַנט ווערן מיט זיי.

איך האָב געמיינט, אַז איך וועל אין אוישוויץ געפינען אַ פּאָר באַקאַנטע אידן, וועלכע זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן פון פּאַריז. האָב איך זיך דעריבער שטאַרק צוגעקוקט צו דער מאַסע מענטשן, וועלכע זיינען געלאָפן הין און צוריק ווי ווילדע חיות.

די נאַסע קעלט און דער שלעכטער קלימאַט, וואָס הערשט אין דער צייט אין אָבער־שלעזיען, האָט אונז ווידער דורכגענומען אַלע גלידער, אָבער מיך האָט די שאַרפע לופט דערפרישט און איך האָב ווידער באַקומען כוחות צו פאַרטראָגן די ווייטערדיקע יסורים.

אין דער פּאָליטישער ביוראָ האָבן אויך געאַרבעט אינטערנירטע, אָבער אַלץ פּוילישע, וועלכע האָבן גערעדט דייטש.

מ'האָט פאַר יעדן פון אונז אויסגעפּילט אַ גרויסן בויגן מיט פיל פראַגעס. געוואונדערט האָט מיך ניט נאָר דער תוך פון די פראַגעס, נאָר וואָס מען גלייבט אונז אויפן וואָרט.

אויף מיין פראַגע וואו עס זיינען אונזערע דאָקומענטן, האָט מיר דער באַאַמטער געענטפערט, אַז אַלץ איז פאַרניכטעט געוואָרן און איך קאָן זיך אַ נייעם נאָמען געבן, אויב איך וויל.

דאָס אַליין האָט באַוויזן, אַז די גאַנצע רעגיסטראַציע האָט אײַ־בערהויפּט ניט קיין ווערט. זי מוז דאָך געמאַכט ווערן, כדי צו צייגן דער וועלט די צאָל פון די פּאָליטישע אינטערנירטע.

די רעגיסטראַציעס, וואָס זיינען מיט אַ טאָג שפּעטער פאַרגע־קומען, האָבן דאָך געהאַט אַ געוויסן צוועק, אויסער דער געוויינלעכער רעגיסטראַציע וועגן דעם געזונט־צושטאַנד פון דעם אינטערנירטן. ביי די דייטשן האָט שוין די רעגיסטראַציע געשפּילט אַ גרויסע ראָלע.

בשעת דער רעגיסטראַציע האָבן אייניקע געוואָלט אָנגעבן אַן אַנדער רעליגיע, אָנשטאָט דער אידישער, אָדער צוגעבן, אַז זייערע פרויען זיינען קריסטן, אָבער די באַאַמטע האָבן פאַר אַזעלכע ידיעות פּשוט געגעבן קלעפּ.

די פּאָליאַקן האָבן, פון זייער שטאַנדפּונקט, וויזט אויס, ניט געוואָלט פאַרשמוציקן זייער קאַטוילישע רעליגיע מיט אַזעלכע אומ־זיכערע עלעמענטן.

יעדער פון אונז האָט געמוזט געני וויסן דעם עלטער פון זיין פאָטער און מוטער, אויך פון די זיידעס און באָבעס, און דער עיקר זייער וואוינאָרט.

מען האָט אויך אַ גרויסן באַדייט צוגעגעבן דער בילדונג־פראַגע, וועלכע שולן מען האָט דורכגעמאַכט: מיטל־שולע, פּראָפעסיאָנעלע שולע, הויכשולע און געני די צייט, און אַפילו מיט וועלכן דערפאָלג מען האָט דורכגעמאַכט דעם שטודיום.

די איינציקע פּאָליטישע פראַגע, וואָס מען האָט געשטעלט, איז

געווען: צי מען האָט באַלאַנגט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אָדער צו אַן אַנדער אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע און ווי לאַנג.

ווי טראַגיש די לאַגע איז געווען, האָט זיך מיר דאָך געדאַכט צו קאָמיש וואָס מ׳שטעלט אונז אַזעלכע נאַאיווע פראַגן.

איך ווייס ניט וואָסער אידיאָט וועט אויף זיך אַליין אַרויסגעבן אַ טויט־שטראָף.

נאָך דער פּאָליטישער אַנקעטע בין איך מיט מיין גרופּע צוריק־געבראַכט געוואָרן אויף מיין בלאָק 2־איי, אין דעם זעלבן צימער, וואו מיר האָבן זיך אין דער פרי געפונען.

דאָרט האָב איך געפונען די גאַנצע פראַנצויזישע חבריה אויף די פיס, אָבער ניט אין דער מיט פון צימער, נאָר ענג צוזאַמענגע־שטופּט צווישן די בעטן און דער וואַנט. זיי זיינען געשטאַנען אין אַ ריי, כדי צו באַקומען דעם לאַנג דערוואַרטעטן נאַכטמאָל.

מיר האָבן געמאַכט האַלבע הקפות און מיר האָבן געדאַרפט דורכ־גיין אין מיטן פון צימער, וואו עס איז געשטאַנען אַ הילצערנע פּאַס מיט אַ פליסיקייט, וואָס מען רופט אין פויליש „הערבאַטאַ״, אַ מין ערזאַץ טיי. אויפן טיש זיינען געלעגן שוין צוגעשניטענע פּאַרציעס ברויט, אויף וועלכע עס איז געלעגן אַ דין רייפטל וואורשט.

באַקומענדיק דעם נאַכטמאָל פון דעם שטוב־עלטסטן, האָבן מיר באַדאַרפט פאַרזעצן צו גיין ווייטער און בלייבן שטיין צווישן די בעטן און דער וואַנט פון דער צווייטער זייט פון צימער.

אַזוי ווי עס האָבן ווידער אויסגעפּעלט שיסלען, האָט מען געגעבן אַ האַלבן ליטער פליסיקייט אויף צוויי פּערזאָן אין איין שיסל, אָבער ברויט האָט באַקומען יעדער איינציקער באַזונדער.

יעדער איינער פון אונז איז געווען אַזוי שרעקלעך הונגעריק און דורשטיק, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז יעדע מינוט וועט ער פאַלן אין חלשות.

ענדלעך האָבן מיר אָנגעהויבן צו מאַרשירן און איך האָב שוין מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט, אַז עס זאָל קומען מיין ריי אויף צו באַקומען דעם נאַכטמאָל.

דאָ האָט אונז דערוואַרט אַ נײַער סורפּריז, וועלכן די פּוילישע הערשער האָבן פאַר אונז צוגעגרייט. די ערשטע 150 פּערזאָן האָבן געקאָנט אַרײַן צווישן דער וואַנט און די בעטן. זיי זיינען אָבער געבליבן שטיין אין דער שרעקלעכער ענגשאַפט און דערמיט געשטערט די באַוועגונג פון די אַנדערע 120 מאַן.

עס איז ממש געווען אַ רחמנות צוצוזען ווי צוויי מענטשן זויגן דירעקט פון דער שיסל דאָס ביסל וואַרעמע וואַסער און שטופּן זיך אָן אויפהער, ווייל פון אַלע זייטן האָט מען געהערט שרייען: „ווייטער, ווייטער גיין!"

אַזוי ווי עס איז פּשוט ניט געווען קיין פּלאַץ ווייטער צו גיין, איז מען געבליבן שטיין. דאַן האָט אַ יונגער פּוילישער שגץ גענומען אַ גראָבן שטעקן און אָנגעהויבן שלאָגן די אומגליקלעכע מענטשן איבערן קאָפּ. די פּאַניק איז געוואָרן זייער גרויס. מען האָט באַלד פאַרגעסן אין דעם נאַכטמאָל און יעדער איינער האָט געזוכט אַ פּלאַץ וואו זיך צו באַהאַלטן.

די דאָזיקע ברוטאַליטעט האָט באַלד געבראַכט רעזולטאַטן, ווייל עס איז געוואָרן פּלאַץ אַרײַנצושטופּן די איבעריקע, אָבער שוין אָן דער פּליסיקייט. אַזוי־אַרום בין איך ווידער געבליבן שרעקלעך דורשטיק.

עס האָט אויסגעזען צו זיין שפּעט, ווייל באַלד איז געקומען אַ באַפעל, אַז מיר זאָלן גיין אין די בעטן מיט די מלבושים און מיט די שיך, אָבער נאָר אין די בעטן, וועלכע געפינען זיך אויף דער זייט, וואו מיר זיינען געשטאַנען ממש אָנגעקלעפּט איינער אין דעם צווייטן.

דער עולם האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן פאַר פרייד. מען האָט אָנגעהויבן קריכן אין די בעטן — ווער אויפן דריטן שטאָק, ווער אויפן צווייטן, ווער פון אונטן. די צאָל בעטן אויף איין זייט פון צימער איז באַשטאַנען פון הונדערט, אַזוי אַרום האָבן זיך, לויט אונזער צאָל, אַרײַנגעלייגט צו דריי מאַן אין איין בעט.

דאָס איז אָבער ניט געפעלן געוואָרן די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער אָפּעראַציע, און זיי האָבן תיכף באַפוילן, אַז מ׳זאָל צוריק אַראָפּ פון די בעטן. ווער עס האָט ניט פאַרשטאַנען דעם באַפעל,

האָט געקראָגן איבערן קאָפּ. ווידער אַ געדרענג און אַ שטופּעריי, ביז אַלע האָבן זיך געפונען אויף די פּיס.

גלייך איז געקומען אַ באַפעל, מען זאָל ווידער אַריין אין די בעטן, אָבער צו צוויי מאַן אין אַ בעט. אַזוי אַרום זיינען געבליבן 73 מאַן אָן בעטן. דאַן האָט ווידער געפאָלגט אַ באַפעל מען זאָל אַראָפּ פון די בעטן. ווידער אַ געדרענג און אַ שטופּעניש און אַ געשריי.

ווען אַלע זיינען צום צווייטן מאָל שוין געווען אויף די פּיס, האָבן זיי געהייסן דורך אַן איבערזעצער, אַז מען זאָל זיך אויסלייגן ווי מען וויל, צו צוויי אָדער צו דריי אין אַ בעט, אָבער די מלבושים זאָל מען אַרונטערנעמען און זיי זאָלן דינען אַלס צוקאָפּנס.

נאָך די דאָזיקע מאַנעוורעס האָבן מיר זיך ווי טויטע אויסגע־לייגט און איינגעשלאָפן אין אונזער׳ע נייע געלעגערס מיט אַ טיפן שלאָף.

איך ווייס ניט ווי לאַנג מיר זיינען געשלאָפן, אָבער אויף איינ־מאָל דערפיל איך אַ שטאַרקן קלאַפּ איבערן קאָפּ. איך עפן די אויגן און זע איבער מיר שטיין אַ פּאָליאַק.

„זאָפאָרט צום אַפּעל, אַרונטער, דו שמוציקער איד!" שרייט ער צו מיר.

איך האָב ניט לאַנג געטראַכט און בין אין מיין אונטערוועש אַראָפּ פון מיין בעט.

מען האָט געוועקט און געשלאָגן מיט שטעקנס און לעדערנע רימענס די טויט־מידע נפשות, וועלכע האָבן ניט פאַרשטאַנען פאַר־וואָס אויף איינמאָל אין דער נאַכט אַן אַפּעל.

מען האָט אונז געציילט און איבערגעציילט און אויסגעלאַכט די „זשידקעס", וואָס האָבן אויסגעזען ווי ווילדע ברואים אין דעם צעריי־סענעם, שמוציקן אונטערוועש.

ווען זיי האָבן שוין זייער סאַדיסטישן געפיל געהאַט באַפרידיקט, האָבן זיי ווידער באַפוילן מען זאָל צוריק אַריין אין די בעטן.

נאָך איידער מען האָט געהאַט צייט צו געפינען די בעט, וואו מען האָט איבערגעלאָזט די מלבושים, האָבן די רוצחים אויסגעלאָשן דאָס ליכט. אַזוי אַרום האָט מען זיך שוין אַוועקגעלייגט איינער לעבן

צוויטן אין פאַרשידענע בעטן. מען איז באַלד נאָך די יסורים ווידער איינגעשלאָפן און מיט דעם האָבן זיך געשלאָסן די עינוים קשים פון די ערשטע 24 שטונדן אין אוישוויץ.

## קאַפּיטל 20

# ידיעות וועגן דער גאַז־קאַמער

מאָנטיק, דעם 1טן נאָוועמבער, האָט מען אונז אויפגעוועקט האַלב נאָך פינף אין דער פרי און מיר אַלע האָבן באַדאַרפט באַלד זיך גיין וואַשן. דער וואַש־צימער האָט זיך געפונען צוזאַמען מיטן בית־הכסא אונטן אין קאָרידאָר. אַזוי ווי דער בית־הכסא האָט פאַרמאָגט נאָר פיר זיץ־פּלעצער, האָט זיך שוין געבילדעט אַ גאַנצע שורה פון מענטשן, וועלכע האָבן געוואַרט אויף זייער ריי.

יעדער פון אונז האָט געמוזט וואַשן זיין האַלבן קערפּער אין קאַלטן וואַסער, געוויינלעך אָן זייף. אין וואַש־צימער זיינען געווען אויסגעמאָלן אויף די ווענט פון איין זייט קראַנקע מענטשן, מיטן אויפשריפט: „דער אַנגסט פיר וואַסער מאַכט פערלויזט", און אויף דער אַנדערער זייט געזונטע קערפּערס, מיט דער אויפשריפט „זויבערקייט מאַכט פריי פון לויזן".

נאָכן וואַשן זיך האָט מען געדאַרפט צוריקגיין אין צימער מיטן נאַסן קערפּער און אַ דייטשישער העפטלינג, וואָס האָט ביים נומער געטראָגן אַ ווינקל מיט וויאָלעט פאַרב, ווייל ער האָט געהערט צו אַ סעקטע פון פּאַסיפיסטן אין דייטשלאַנד, די „ביבל־פאָרשער", האָט אונזער קערפּער קאָנטראָלירט, אויב דער קאָפּ און דער רוקן איז נאַס.

דער וואָס האָט זיך ניט ריכטיק געוואַשן (מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז צו דער צייט זיינען שוין אין מזרח די קעלטן און דאָס וואַסער איז ממש ווי אייז, אַזוי אַז ניט יעדער קערפּער און האַרץ האָט געקאָנט פאַרטראָגן אַזאַ קעלט), איז געשיקט געוואָרן צוריק עטלעכע

מאָל ביז דער קאָנטראָליאָר האָט זיך איבערצייגט, אַז דער באַטרעפנדער האָט זיך געוואַשן.

דאָס איז אויך שפּעטער פאָרגעקומען. אַזוי לאַנג ווי איך האָב זיך געפונען אויף דעם בלאָק נומער 2־איי, האָט מען יעדן פרימאָרגן נאָכן וואַשן קאָנטראָלירט אונזערע קערפּערס.

צום אָפּווישן דעם נאַסן קערפּער האָט מען אונז גאָר ניט גע־געבן און יעדער האָט געמוזט זיך אָפּווישן מיט זיין העמד און דאָס נאַסע העמד אָנטאָן אויף זיך.

נאָכן וואַשן האָבן מיר באַקומען צום טרינקען אַביסל וואַרעמע טיי, ביטער ווי גאַל, און ווידעראַמאָל אַ האַלבן ליטער אין איין שיסל פאַר צוויי פּערזאָן, דערנאָך אונז אויסגעשטעלט שורות׳ווייז איבער דער גאַנצער לענג פון דעם קאָרידאָר. ווי מען האָט אונז דערקלערט, זאָלן מיר נאָך דעם זעלבן טאָג ווייטער געשיקט ווערן אויף אַרבעט אין די קוילן־גרובן.

פון די אַלע עינוים קשים, וואָס מיר האָבן פאַר די 24 שעה געהאַט אויסצושטיין, זיינען פילע פון אונז קראַנק געוואָרן און באַקומען גרויס פיבער.

מען האָט באַלד געמעלדעט וועגן דעם אונזער בלאָק־עלטסטן, וועלכער איז מיט אַ פּאָר שטונדן שפּעטער אַריבערגעקומען צו אונז מיט אַ יונגען דאָקטאָר. דער דאָקטאָר איז אויך געווען אַ איד, אין עלטער פון 28 אָדער 30 יאָר, אָבער פון גריכנלאַנד. ער איז אויך געווען אָנגעטאָן אין געשטרייפטע קליידער, אויסגעזען זייער שלעכט און דער גאַנצער אידישער צייכן איז געלעגן אויף זיין פּנים. ער האָט זיך צו אונז באַצויגן זייער סימפּאַטיש, ווייל ער איז אין סאַלאָ־ניקי אויפגעצויגן געוואָרן אויף דער פראַנצויזישער קולטור און ער האָט ווירקלעך גוט געקאָנט די פראַנצויזישע שפּראַך.

נאָכדעם ווי ער האָט באַטראַכט די קראַנקע און פעסטגעשטעלט ביי אייניקע טיפוס, האָב איך זיך נאָך מיט אַ פּאָר באַקאַנטע געמעלדעט צו אים אַלס קראַנקע, כדי צו האָבן די מעגלעכקייטן פעסטצושטעלן

פון אַן אינטעליגענטן מענטשן, מיט וועלכן מיר קומען צום ערשטן מאָל אין קאָנטאַקט אין אוישוויץ, אייניקע איינצלהייטן וועגן לאַגער.

ער איז געווען זייער העפלעך אונז אויפצוקלערן, אַז אין לאַגער זיינען כמעט ניט פֿאַראַן קיין מעדיקאַמענטן, אַז עס פעלן אַפילו אויס די געוויינלעכע אַספּירין טאַבלעטן קעגן פיבער, וואָס מען געפינט אין יעדן פֿאַרוואָרפענעם ווינקל אין דער ציוויליזירטער פרייער וועלט.

די יעניקע, וואָס פאַלן קראַנק מיט אַן אינפעקציע־קראַנקהייט, שיקט מען אַוועק אין אַן איזאָלירטן בלאָק און זיי ווערן דאָרט איבער־געלאָזן אויף זייער אייגענעם גורל, אויב זיי ווערן ניט אינצווישן אַוועק־געשיקט קיין בירקענאַו, אין גאַז־קאַמער.

דאָס וואָרט „גאַז־קאַמער", וואָס מיר הערן איצט פון אונזערן אַ אידן, האָט אונז, חוץ שרעק, זייער שטאַרק פֿאַראינטערעסירט און מיר האָבן געוואָלט וויסן וואָס עס שטעלט מיט זיך ווירקלעך פֿאַר אוישוויץ און ווער אייגנטלעך ווערט געשיקט אין „גאַז־קאַמער".

ער האָט אונז בסוד דערקלערט, אַז אוישוויץ שטעלט מיט זיך אייגנטלעך פֿאַר אַ פֿאַרניכטונגס־לאַגער. לויט דער דייטשישער פֿאַר־ניכטונגס־סיסטעם ווערן תיכּף ביים אָנקומען פון די טראַנספּאָרטן 75 פּראָצענט גלייך געשיקט אין דער גאַז־קאַמער און די איבעריקע קומען אין לאַגער אויף אַרבעט און ווערן לאַנגזאַם פֿאַרניכטעט. דערפֿאַר זאָל מען זיך ניט מעלדן אַלס קראַנקע, ווייל נאָר געזונטע מ׳שטיינס געזאָגט קאָנען פֿאַרזעצן זייער שווערע עקזיסטענץ אין לאַגער.

נאָכדעם האָט ער אונז דערציילט, אַז ער מיט זיין גאַנצער משפחה, וואָס איז באַשטאַנען פון עלף נפשות, זיינען נאָך אין מערץ, 1943, געבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט די אַנדערע סאַלאָניקער אידן אין דער צאָל פון 50 טויזנט נפשות, און איצט קאָן מען מיט שוועריקייטן אי־בערציילן אין לאַגער ניט מער ווי טויזנט נפשות פון זיי. אַלע מיט־גלידער פון זיין משפחה זיינען באַלד ביים אָנקומען קיין אוישוויץ אומגעקומען דורך דער גאַז־קאַמער און נאָר ער איינער איז איבער־געבליבן אַ דאַנק זיין פּראָפֿעסיע אַלס דאָקטאָר. פֿאַרשטייט זיך, אַז זיין

האַרץ איז שטאַרק צעווייטיקט און ער באַדויערט וואָס ער איז ניט מיטגעגאַנגען מיט זיין משפּחה.

זיין אַרבעט אַלס דאָקטאָר איז פריער באַשטאַנען אין אויפ־רוימען דעם קאָרידאָר אין שפּיטאָל און וואַשען דעם בית־הכסא, אָבער פון היינט אָן איז ער שוין באַשטימט געוואָרן אַלס דאָקטאָר פון דעם בלאָק, אין וועלכן מיר געפינען זיך.

איך ווייס לײדער ניט מיט וואָס עס האָט זיך געענדיקט דער שיקזאַל פון דעם אומגליקלעכן, צעבראָכענעם אידישן דאָקטאָר, ווייל אין חודש מערץ, 1944, פּונקט אַ יאָר נאָכדעם ווי ער איז מיט זיין משפּחה געבראַכט געוואָרן קיין אוישוויץ, איז ער אַראָפּגענומען געוואָרן, פון זיין דאָקטאָר־שטעלע און אַוועקגעשיקט געוואָרן מיט אַנדערע 60 אידישע דאָקטוירים און פלעגער קיין באַנאַ אויף פיזישער אַרבעט.

די יעניקע צווישן אונז, וואָס זיינען אַריינגעקומען קיין אוי־שוויץ מיט זייערע פרויען און קינדער, זיינען זייער שטאַרק צעבראָכן געוואָרן פון די דערציילונגען פון דעם גריכישן דאָקטאָר, אָבער זייער מענטשלעכער אינסטינקט האָט ניט צוגעלאָזט צו גלויבן, אַז זייערע נאָענטע זאָלן אויף אַזאַ שוידערלעכן אופן אומקומען ווי פאַרגאַזט צו ווערן.

לויט זיינע ידיעות ווערן אין דער ערשטער ריי פאַרגאַזט פרויען און קינדער. דערנאָך קומען די עלטערע מענטשן, ווי מענער און אויך פרויען — בכלל די אַלטע, וואָס מען האָט פון דעם באַנהויף אַוועקגעפירט אין די לאַסט־אַטאָמאָבילן.

אין אַ קליינעם קרייז פון צוהערער, צווישן וועלכע איך האָב זיך אויך געפונען, האָט ער איבערגעגעבן די פּראָצעדור פון דער פאַר־גאַזונג.

די לאַסט־אויטאָס מיט די אומגליקלעכע קומען אַריין קיין ביר־קענאַו, וואו עס זיינען איינגעריכטעט די גאַז־קאַמער און די קרעמאַ־טאָריומס. אַלע רייזנדע גייען אַריין אין אַ קליינעם צוג, וואָס פירט דירעקט צום גאַז־אַנשטאַלט.

דער גאַז־אַנשטאַלט איז אויסערלעך באַפּוצט מיט ביימער און

בלומען און זעט אויס גענוי ווי אַ פרידלעכע בורזשואַזע ווילע. אינע־ווייניק איז אַלץ איינגעריכט ווי אין אַ באָד־צימער און דערפאַר וואָרפט עס ניט קיין שום חשד אויף די וואָס קומען אַהין אַריין.

די אָנגעקומענע אידן ווערן באַלד אַריינגעלאָזן אין פאָדער־צי־מער און אונטער דעם געשריי „שנעלער, שנעלער" וואַרפן זיי פון זיך אַרונטער די מלבושים און באַקומען אַפילו אַ שטיק זייף פאַר פיר אָדער פינף פערזאָן און ווערן אַריינגעלאָזט אין דעם באָד־צימער. די אומגליק־לעכע ווערן געטריבן און געיאָגט, אַזוי אַז זיי האָבן לחלוטין ניט קיין צייט זיך אַרומצוקוקן ווי זיי זיינען שוין צוזאַמענגעדרענגט און שטייען אין אַ שרעקלעכער ענגשאַפט. און דאַן, ערשט, דערפילן זיי דעם חשד, ווייל עס הייבן זיך אָן געשרייען און געשלעגן.

די מלאכי חבלה, וועלכע באַשטייען לײדער אויך פון העפט־לינגע, העלפן צו די עס־עס־מענער אַריינשטופן אין דעם צימער ביז 2,000 נפשות און די טירן ווערן שטייף, הערמעטיש צוגעשלאָסן.

דורך ספּעציעלע עפענונגען אין די ווענט ווערט תיכף אַריינ־געטריבן אַ גאַז אונטער אַ געוויסן דרוק און די אומגליקלעכע הייבן אָן זיך צו שטיקן.

פון וואָס דער גאַז באַשטייט האָט ער אונז ניט געקאָנט גענוי זאָגן, נאָר שפּעטער, שוין זייענדיק לענגער אין אוישוויץ, האָט מען מיר געזאָגט, אַז דאָס איז אויף דער באַזע פון שוועבל.

צוואַנציק מינוט ווערט רעזערווירט פאַר דער שרעקלעכער אינ־קוויזיציע. דערנאָך ווערט דאָס צימער געעפנט און אַ ספּעציעלע קאָ־מאַנדע, וועלכע ווערט גערופן „זאָנדער קאָמאַנדע", הייבט אָן זיך צו באַשעפטיקן מיט די קרבנות.

שוין פיל שפּעטער, אין חודש אַפּריל, 1944, האָב איך אין אויש־וויץ אין קראַנקן־הויז, וואו איך האָב זיך דעמאָלט געפונען, געמאַכט באַקאַנטשאַפט מיט אַ פּוילישן אידן, וועלכער איז שוין פריער געווען אין בירקענאַו און איז געווען געצוואונגען צו אַרבעטן עטלעכע חדשים אין דער דאָזיקער „זאָנדער קאָמאַנדע", אָבער ער איז ווי דורך אַ נס קראַנק געוואָרן און אָוועקגעשיקט געוואָרן אין אוישוויצער שפּיטאָל.

דער דאָזיקער איד האָט מיר באַשטעטיקט די אינפאָרמאַציע, וואָס עס האָט אונז געגעבן דער גריכישער דאָקטאָר, און האָט נאָך מוסיף געווען, כדי אויפצוקלערן וואָס מען טוט ווייטער מיט די קרבנות.

ער האָט מיר דערציילט, אַז בשעת די „זאָנדער קאָמאַנדע" ווערט אַריינגעלאָזט אין דער פאַרגאַזונגס־קאַמער, זיינען פיל פון די אומגליק־לעכע צוזאַמענגעקלעפּט אין זאַגאַר מיט די נעגל איינגעשלאָסן אין די קערפּערס פון דעם שכן. דאָס באַווייזט ווי שרעקלעך און לאַנגזאַם דאָס דערשטיקן קומט פאָר, אַז יעדער איינער, וואָס פאַרמאָגט נאָר אַ שטאַרק האַרץ און שטאַרקע לונגען, מאַכט אַ פאַרזוך זיך צו ראַטעווען אין דער פינצטערניש פון זייער אינקוויזיציע־צימער. ווי שרעקלעך און טיראַניש דער דאָזיקער טויט איז, זעט מען ערשט לויט דעם אויסזען פון די טויטע קערפּערס.

די מיטגלידער פון דער „זאָנדער־קאָמאַנדע" באַשעפטיקן זיך מיט די קרבנות ווייטער, כדי אָפּצושערן זיי די האָר און אַרונטערנעמען פון די פינגער די ווערט־זאַכן און אַרויסרייסן מיט צוואַנגען די גאָל־דענע ציין.

די פרויען האָר ווערן שפּעטער סאָרטירט און לויט זייער פיינ־קייט אויסגענוצט פאַר פאַרשידענע מיליטער־אַפּאַראַטן, איבערהויפּט פאַר די אונטערוואַסער־שיפן. פון די מענער־האָר האָבן די דייטשן געמאַכט אַ געדיכטע פליסיקייט, וועלכע מ׳האָט גערופן „מאַגי", און עס איז אונז אין די לאַגערן פאַרקויפט געוואָרן אין דער „קאַנטין". נאָר צו דעם וועל איך קומען שפּעטער, ווייל איך וויל ניט איבעררייסן דעם גאַנג פון די געשעענישן.

נאָכדעם ווי דער פאַרגאַזטער ווערט דורך דער "זאָנדער־קאָ־מאַנדע" באַרויבט פון זיין פאַרמעגן, ווערט זיין גוף מיט אַנדערע פינף אַרויפגעוואָרפן אויף אַ וועגעלע און מעכאַניש אַרונטערגעלאָזט אין אונטערשטן צימער, פון וואַנען זיי ווערן אַריינגעבראַכט אין די אויוונס פון דעם קרעמאַטאָריום.

איך האָב זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער פראַגע, אויב דער קערפּער פון דעם פאַרגאַזטן איז ווירקלעך אַ לעבנסלאָזער. דערויף

האָט מיר דער באַטרעפנדער געענטפערט אַז די טויטע ווערן קיינמאָל ניט באַטראַכט דורך מעדיקער, נאָר קומען אָן אויסנאַם גלייך אין קרע־מאַטאָריום. אָבער ווי ער אַליין האָט באַמערקט, זיינען געווען פאַלן, ווען דער טויטער קערפּער, קומענדיק אין אויוון, טוט זיך אַ ריר, וואָס דויערט אַ סעקונדע.

איך בין ניט קיין דאָקטאָר ביים פאַך, אָבער מיינע קאָלעגן, מיט וועלכע עס איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפן אין לאַגער, האָבן מיר דערקלערט, אַז די דאָזיקע באַוועגונג פון דעם טויטן קערפּער איז נאָך ניט קיין באַווייז, אַז דער גוף האָט אין זיך אַ געוויסן לעבנס־חוש.

אויף יעדן פאַל איז טרויעריק, וואָס ביז איצט האָט זיך נאָך ניט די וויסנשאַפטלעכע וועלט באַשעפטיקט מיט דער פראַגע, כדי פעסט־צושטעלן אויב עס זיינען ניט אין שייטער־אויוון געוואָרפן געוואָרן לעבעדיקע נפשות. עס איז כדאַי ביי דעם אויך צו באַרירן די פּסיכאָ־לאָגישע זייט, ווי אויך דעם גורל פון די אידן, וועלכע האָבן נעבעך געמוזט אַרבעטן אין דער „זאָנדער קאָמאַנדע" און אויספילן די שרעק־לעכע אַרבעט.

אויף דער אַרבעט אין דער „זאָנדער קאָמאַנדע" זיינען תמיד באַשטימט געוואָרן דורך די עס. עס.־מענער נאָר יונגע, קרעפטיקע מענער. קיינער איז ניט געגאַנגען פרייוויליק און כמעט אַלע האָבן גע־מאַכט פאַרזוכן אויסצומיידן די דאָזיקע קאָמאַנדע, אָבער אָן דערפאָלג. די מיטגלידער פון דער „זאָנדער קאָמאַנדע" זיינען געווען איזאָלירט פון דעם גאַנצן לאַגער. זיי האָבן באַקומען בעסער עסן דירעקט פון די עס. עס.־מענער און זיי אַליין האָבן אַ דאַנק די ווערט־זאַכן, וואָס זיי האָבן געפונען אויף די קרבנות און פאַרבאַהאַלטן פון די עס־עס־מענער, געפונען אַ מעגלעכקייט, דורך דער פאַרמיטלונג פון פּאָליאַקן (איך ווייס ניט גענוי אויף וועלכן וועג), צו באַקומען פון דער פרייער וועלט גוטע זאַכן צום עסן, און דער עיקר בראַנפן.

עס איז אַ טראַדיציע ביי אַלע פעלקער, אַז די באַגרעבער מוזן טרינקען פיל בראַנפן. דאָ אָבער האָט אויך די פּסיכאָלאָגישע זייט פון דער אַרבעט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. אויסער דעם, וואָס די אַרבעט

פֿאַר זיך אַליין איז געווען פּיזיש אַ שווערע און אומאָנגענעמע, האָבן די אויספֿירער געהאַט צו ליידן זייער פֿיל מאָראַליש.

מיין באַקאַנטער האָט מיר דערציילט, אַז זייער אָפֿט פֿלעגן די אַרבעטער געפֿינען צווישן די פּאַרגאַזטע, חוץ נאָענטע באַקאַנטע, אויך גאַנץ נאָענטע קרובים, און זעלבסטפֿאַרשטענדלעך האָבן אַזעלכע פֿאַלן געווירקט אויף זייער מאָראַלישן געפֿיל.

אויסער דעם איז שוין געווען באַקאַנט, אַז די אַלע, וואָס אַר־בעטן אין דער „זאָנדער־קאָמאַנדע״, מוזן פֿריער אָדער שפּעטער אַליין אומגעבראַכט ווערן.

איך האָב בשום אופֿן ניט געקאָנט באַגרייפֿן ווי אַזוי די דאָזיקע לייט האָבן ניט אין זיך קיין כאַראַקטער און שטאַרק אַנצונעמען אַ באַ־שלוס צו סאַבאָטאַזשירן די אַרבעט, אָדער אַרויסווייזן אַ געוויסן ווי־דערשטאַנד.

כדי זיך ווידעראַמאָל ניט אומקערן צו דער דאָזיקער פֿראַגע, וועל איך דערקלערן דעם לייענער, אַז שוין זייענדיק אין פֿלאָסענבור־גער לאַגער האָב איך אין חודש דעצעמבער, 1944, געקראָגן אַ געוויסן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע, וואָס האָט מיך אַזוי פֿיל געמאַטערט. בעמ־לעך, איך האָב דעמאָלט געטראָפֿן אַ באַקאַנטן דאָקטאָר, וועלכער איז געקומען מיט אַ טראַנספּאָרט פֿון אוישוויץ און ער האָט מיר דערציילט, אַז אין חודש נאָוועמבער, 1944, ווען די רוסישע אַרמיי האָט טיף אַריינגעדרונגען קיין פּוילן און האָט זיך דערנענטערט צו אָבער־שלעזיען, האָט די „זאָנדער־קאָמאַנדע״ אין בירקענאַו רעוואָלטירט און אַפֿילו מיט געווער אַרויסגעוויזן אַ ווידערשטאַנד.

צום באַדויערן האָבן די עס־עס־מענער אַלעמען דערשאָסן און זיי זיינען אומגעקומען ווי גבורים.

## קאַפּיטל 21

# פון צוויי הונדערט און דריי און זיבעציק זיינען געבליבן בלויז דריי און זיבעציק פערזאָן

נאָכן באַזוך פון דעם דאָקטאָר האָבן מיר באַקומען אונזער מיטאָג, וואָס איז באַשטאַנען פון דעם פערטל ליטער פליסיקייט, אין וועלכן עס זיינען אַרומגעשוואומען אַ פּאָר קרויט־בלעטער.

די אָרדענונג איז אָבער געווען אַ בעסערע, און איך מוז אויך אָנערקענען, אַז די באַציאונג פון אונזערע שרים האָט זיך אויך געבע־סערט.

נאָכן מיטאָג האָט מען אונז דערקלערט, אַז מיר גייען דאָך אַוועק אויף אַרבעט, אָבער ניט דעם מאָנטיק און ניט דינסטיק האָט מען אונז ערגעץ וואו געשיקט. די צוויי טעג זיינען פאַריבער אין אַ נייער רע־גיסטראַציע שוין פון דעם אַרבעטס־אַמט. יעדער פון אונז האָט ווידער געדאַרפט אָנגעבן זיין פאַך.

צום „אַפּעל" האָט מען אונז אויסגעשטעלט אַרום דריי אַזייגער בייטאָג און מיר זיינען געשטאַנען ביז זעקס אין אָוונט. נאָכדעם האָט מען אונז אויסגעטיילט דעם נאַכטמאָל, וואָס איז באַשטאַנען פון 250 גראַם ברויט און אַ דין ריפּטל וואורשט.

דינסטאָג, דעם 2טן נאָוועמבער, האָט מען אונז נאָכן „אַפּעל" קיין נאַכטמאָל ניט געגעבן, נאָר באַפוילן, אַז יעדער זאָל זיך אויסטאָן נאַקעט, כדי דורכצוגיין אַ מעדיצינישן קאָנטראָל.

אויף דער פּלאַטפאָרם פון די טרעפּ זיינען געשטאַנען צוויי עס־עס־אָפיצירן, איינער פון זיי איז, ווייזט אויס, געווען אַ דאָקטאָר, און יעדער פון אונז האָטביים אַרויסגיין פון צימער אַ וואָרף געטאָן דאָס פּעקל מלבושים אויפן באָדן און זיך אויסגעצויגן פאַר זיי אויף אַ שטרע־קע וויט פון זיי אויף דריי טריט.

דער דאָקטאָר האָט העפלעך געפרעגט די פּראָפעסיע ביי יעדן

און געהייסן זיך אומדרייען, כדי צו ווייזן דעם קערפּער. דערביי האָט ער אויך געפרעגט, צי מען האָט זיך צו באַקלאָגן אויף אַ קראַנקהייט.

ווען עס זאָל ניט געווען זיין דער פּחד פאַר דער גאַז־קאַמער, וואָלט מן הסתם יעדער איינער פון אונז געהאַט צו מעלדן וועגן עפּעס אַ קראַנקהייט, איצט אָבער האָט יעדער גוט געדענקט די עצה פון דעם גריכישן אידישן דאָקטאָר און יעדער איינער האָט דערקלערט, אַז ער איז גאַנץ געזונט און פּעאיק צו אַרבעט.

נאָך אַ פּאָר צענדליק אַזעלכע ענטפערס איז דעם דאָקטאָר די זאַך געוואָרן פאַרדעכטיק און ער האָט שוין אַליין אָנגעהויבן אויסצוזוכן די קראַנקע. ער האָט ערנסט יעדן איינעם באַקוקט און דיקטירט אין וועלכער רשימה צו פאַרשרייבן דעם באַטרעפנדן.

נאָכדעם איז מען נאָקעט אַרויפגעטריבן געוואָרן אויפן בוידעם און ערשט דאָרט האָט מען געהאַט דאָס רעכט אָנצוטאָן די בגדים.

אַ פּאָר שעה זיינען פאַריבער ביז אַלע 273 זיינען דורכגעגאַנגען די מעדיצינישע אונטערזוכונג.

דעם טאָג האָבן מיר שוין אונזער אָוונט־שפּייז באַקומען אַרום ניין אין אָוונט און מען האָט אונז באַלד געטריבן צו גיין אין בעט, ווייל, לויט דער פאַראָרדענונג, באַדאַרף דאָס ליכט אויסגעלאָשן ווערן האַלב־צען.

אַרום האַלבער נאַכט איז ווידער געוואָרן ליכטיק אין אונזער צימער און פילע פון אונז זיינען באַלד וואַכעדיק געוואָרן, בכדי אַרונטערצושפּרינגען פון די בעטן און אויסמיידן קלעפּ, ווי עס איז געווען לעצטן זונטיק. דאָס מאָל אָבער האָט מען צוריקגעטריבן אין בעט און עס איז אויסגערופן געוואָרן, אַז נאָר דער, וועמעס נומער מען וועט אויסרופן, זאָל באַלד נעמען זיינע זאַכן און זאָל אין אונטערוועש אַראָפּ פון זיין בעט.

אַזוי ווי איך בין אויסגערופן געוואָרן, בין איך אַראָפּ פון מיין בעט און זיך תיכף געשטעלט אין דער ריי מיט די אַנדערע אויסגערופענע און געהאַלטן מיינע מלבושים אין האַנט.

זיי האָבן אויסגערופן נאָר דריי־און־זיבעציק נומערן און אונז

דערקלערט, אַז מיר גייען אַריבער שלאָפן אין דעם צימער, וואָס געפינט זיך קעגנאיבער אונזער צימער, און מיר וועלן שוין מער ניט זען די, וועלכע בלייבן איבער אין זייערע בעטן, ווייל זיי וועלן מאָרגן אוועקגעשיקט ווערן אין די קוילן־גרובן אויף אַרבעט.

דאָ זיינען פאָרגעקומען האַרצרייסנדיקע סצענעס, ווייל אויב עס האָבן זיך נאָך געפונען צווישן אונז אַ פאָטער מיט אַ זון, אָדער צוויי ברידער, וועלכע זיינען צוזאַמען אַריינגעקומען אין לאַגער און האָבן געהאָפט צו בלייבן צוזאַמען, זיינען זיי איצט, ווי אויף צו להכעיס, אָפּגעריסן געוואָרן איינער פון דעם צווייטן.

מיינער אַ באַקאַנטער מיטן נאָמען וואַסער איז אַרעסטירט געוואָרן ביי די דייטשן אין ליאָן צוזאַמען מיט זיין 18־יאָריקן בן־יחיד און פרוי. אים איז געלונגען אַריינצוקומען קיין אוישוויץ צוזאַמען מיט זיין שיינעם, פיין־געוויקסיקן זון, און אָט נאָך צוויי טעג האָט מען דעם פאָטער איבערגעלאָזט און דעם זון אַוועקגעשיקט אין די קוילן־גרובן. פאַר איין נאַכט איז דער פאָטער נעבעך גרוי געוואָרן און פאַר גרויס ווייטיק איז ער מיט אַ פּאַר וואָכן שפּעטער קראַנק געוואָרן און אויסגעהויכט זיין איידעלע אידישע נשמה, האַלטנדיק אויף זיינע ליפּן דעם נאָמען פון זיין בן־יחיד.

איצט האָב איך פעסטגעשטעלט, אַז קיינער פון זיין משפּחה איז ניט צוריקגעקומען און אויף אַזאַ וועג זיינען אומגעקומען דריי נפשות.

אונז, די 73 פאַרבליבענע אין אוישוויץ, האָט איבערגענומען דער פּאָליאַק מיטן נאָמען שיילאַק, וועלכער האָט אונז זונטיק, דעם ערשטן טאָג פון אונזער אָנקומען, אַזוי שלעכט באַהאַנדלט אויפן בוידעם מיט דעם מיטאָג־עסן.

ער האָט אונז אַריבערגעפירט אין דעם צימער, אין וועלכן ער איז געווען שטובן־עלטסטער, אונז איבערגעציילט און אַרויסגערופן איינעם פון אונזערע, וועלכער האָט געקאָנט רעדן פּויליש, כדי צו דינען אַלס איבערזעצער פון זיין דרשה.

די דרשה זיינע איז געווען איבערפילט מיט שנאה צום אידנטום בכלל און צו אונז פראַנצויזישע אידן בפרט און ער האָט אונז געוואָרנט,

אַז מיר געפינען זיך אין זיין רשות, און אויב מיר וועלן ניט זיין דיס־ציפּלינירט, וועט ער פון אונז מאַכן אַ תל, ווי מען האָט אַ תל געמאַכט פון די אידן אין פּוילן. ער האָט באַפוילן, אַז מיר זאָלן זיך פּאַרלויפיק לייגן צו צוויי אין אַ בעט און אויף מאָרגן וועט ער אונז ווידער איבער־גרופּירן.

## קאַפּיטל 22

# אונטער דעם טעראָר פון שיילאַק

אויף מאָרגן האָבן מיר באַמערקט, אַז מיר געפינען זיך צווישן פּוילישע און רוסישע העפטלינגע, וועלכע זיינען נאָך פאַר אונז געקומען קיין אוישוויץ. דורך זיי איז אונז באַקאַנט געוואָרן, אַז מיר געפינען זיך אין קאַראַנטין־צימער פאַר די אַלע, וואָס זיינען באַשטימט צו בלייבן אין לאַגער.

צווישן די פראַנצויזישע אידן, וואָס זיינען מיט מיר איבער־געבליבן, זיינען כמעט אַלע געווען בעלי מומים, מיט זיי זיינען אַלע אינ־טעלעקטועלע קרעפטן, צווישן זיי פינף דאָקטוירים, דריי אינזשענירן־בעמיקער (איך איינער פון זיי) און צוויי אַפּטייקערס, איבערגעלאָזן גע־וואָרן אין אוישוויץ.

צו דער צייט האָבן זיך די דייטשישע רוצחים אַרומגעקוקט, אַז זיי האָבן פאַר דער צייט פאַרלוירן פיל אידישע אינטעלעקטואַלן, וועלכע זיי האָבן אַליין מיט זייערע הענט אומגעבראַכט, ווייל זיי האָבן זיך אין זיי צו יענער צייט ניט גענויטיקט. איצט אָבער, ווען דער קריג האָט אָנגענומען אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער, האָט בערלין באַפוילן קיין אוישוויץ, אַז מען זאָל, ביים אַריינקומען אין לאַגער, ניט אַוועקשיקן אין די קוילן־גרובן די אידישע אינטעלעקטועלע קרעפטן, כדי זיי אויס־צונוצן אויף מער וויכטיקע צוועקן פאַר דעם קריג. דעריבער האָט דער הויפּט שטורעמפירער, ד״ר שוואַרץ, שוין גלייך ביים אָנקומען

פון אונזער טראַנספּאָרט ניט מיטגעשיקט קיין בירקענאַו די דאָקטוירים און די כעמיקער, וועלכע האָבן שוין ניט אויסגעזען יונג.

פאַר וועלכער אַרבעט זיי וועלן אויסנוצן אונזערע וויסנשאַפט־לעכע ידיעות האָט קיינער פון אונז נישט געוואוסט.

אונזער שטובן־עלטסטער, דער פּאָליאַק שיילאַק, האָט מיט זיין ראַזירטן קיילעכדיקן קאָפּ און פול־געפּרעסענעם געזיכט אויסגעזען ווי אַ ריכטיקער מענטשנפרעסער.

די פּאָליאַקן האָבן דערציילט, אַז ער איז געווען אַ גרויסער סוחר אין וואַרשע און האָט אַפילו אין זיין אויבסט־געשעפט, וואָס האָט זיך געפונען אין צענטער פון שטאָט, געהאַט אַ גרויסע אידישע קליענטל. דאָס האָט אים אָבער ניט געשטערט צו זיין אַ גרויסער שונא ישראל און אויך צו נעמען נקמה פון דעם ביסל אידן, וואָס ער האָט איצט געהאַט אין זיין רשות.

ביים אויסטיילן די עקלהאַפטע זופּ האָט ער אונז געלאָזט צולעצט, אַזוי אַרום האָבן מיר געגעסן שפּעטער פון אַלע און, דער עיקר, שוין אין די שמוציק געמאַכטע שיסלען, וואָס האָבן שוין פיר מאָל אויס־געטוישט זייערע בעלי־בתים. די רוסן, וועלכע האָבן געגעסן פאַר אונז פון די זעלבע שיסלען, האָבן פאַר אונזערע אויגן מיט די פינגער און דערנאָך מיטן צונג אויסגעלעקט די שיסלען און האָבן אַלץ ניט גע־קאָנט שטילן זייער הונגער. אַ גליק, וואָס זיי האָבן נאָך די שיסלען אַליין ניט איינגעשלונגען.

ווען עס איז געקומען צו אונזער ריי צו באַקומען די זופּ, איז שוין דאָס עסן געווען קאַלט און אין דער פאַס איז בלויז געבליבן וואַסער, ווייל דער שטובן־עלטסטער האָט אויסגעשעפּט דאָס געדיכטע, כדי די אידן זאָלן שוין ניט האָבן וואָס צו עסן.

איך ווייס, אַז דער לייענער וועט מיר גלויבן, אָבער איך קאָן אים פאַרזיכערן אָן שום גדלות, אַז איך האָב אין משך פון צען טעג ניט געקאָנט נעמען די זופּ אין מויל. דאַגעגן זיינען צווישן אונז געווען אַזעלכע, וואָס האָבן ניט געוואוסט מיט וואָס מיר אָפּצודאַנקען, ווען איך האָב זיי מיין פּאָרציע זופּ אַוועקגעגעבן. אָבער נאָך צען טעג האָט

שוין דער הונגער ביי מיר דערגרייכט אַזאַ הויכע שטופע, אַז איך האָב זיך געמוזט אונטערגעבן און אָנהייבן עסן, ווייל אַנדערש וואָלט איך געוואָרן אַ קאַנדידאַט צום קרעמאַטאָריום.

אין אָוונט, ביים אויסטיילן די נאַכט־שפייז, האָט דער זעלבער עלטסטער איבערגעלאָזט פאַר אונז אידן דאָס צעבערעקלטע און צעבראָ־כענע ברויט און די וואורשט האָט ער געשניטן אויף צוויי טיילן, וואָס די אַנדערע האָבן באַקומען אויף יעדן איין פּערזאָן.

אויסער דעם איז דאָס אויסטיילן די שפּייז ניט דורכגעגאַנגען אָן שלאָגן. יעדן טאָג איז אָן אַנדערער פון אונז געשלאָגן געוואָרן מכות־רצח.

ווי עס זאָל ניט זיין, האָבן זיך די אידן געהאַלטן זייער דיסצי־פּלינירט און רואיק און צוגענומען אַלץ בשתיקה. אָבער באַזונדערס האָט מען געדאַרפט אין אָוונט אויפפּאַסן, אַז דאָס באַקומענע ברויט זאָל ניט אַריינפאַלן אין די הענט פון די רוסן, וועלכע האָבן ספּעציעל אָפּגע־וואַרט, אַז די אידן זאָלן באַקומען זייערע פּאַרציעס ברויט און האָבן זיך דערנאָך געוואָרפן אויף אייניקע פון אונז און אַרויסגעריסן דעם לעצטן ביסן מיט אַ מייסטערישער געשווינדקייט.

פאַר גנבה האָט מען אין לאַגער שטאַרק באַשטראָפט, כאָטש די אַלע בלאָק און שטובן עלטסטע האָבן אַליין שטאַרק גע׳גנב׳עט. אָבער טאָמער האָט חלילה אַ געוויינלעכער בשר ודם זיך דערלויבט אָפּצו־נאַרן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם שטובן־עלטסטן, כדי צו באַקומען צום צווייטן מאָל אַביסל זופּ, האָט מען דעם באַטרעפנדיקן שוין באַ־האַנדלט אַלס אַ גנב און ער איז געשלאָגן געוואָרן ביז צום טויט. ווען ער האָט זיך שוין מער ניט געקאָנט באַוועגן, האָט מען דעם שטעקן, מיט וועלכן מען האָט אים פריער געשלאָגן, אַרויפגעלייגט אויף זיין האַלז און צוויי געזונטע יונגען האָבן אויף ביידע עקן פון שטעקן געטאַנצט ביז ער איז דערוואָרגן געוואָרן. איך האָב אָבער ניט געזען, אַז אַ איד זאָל זיך לאָזן אויף אַזאַ אַוואַנטורע.

שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג זיינען אין אונזער צימער צוגעקומען נאָך אַנדערע רוסישע אינטערנירטע און דער שטובן־עלטסטער האָט

פאַר אונז אידן אויסדערוויילט אַ ווינקל און מיר האָבן שוין געמוזט שלאָפן צו דריי פּערזאָן אין אַ בעט.

איך ווייס ניט, צי דער לייענער וועט קאָנען רעאַליזירן מיט זיין נאָרמאַלן מענטשלעכן מוח ווי אַזוי דריי דערוואַקסענע מענטשן קאָנען געפינען אָרט אין אַ בעט, וואָס האָט זעכציק סאַנטימעטער אין דער ברייט. מיר אַליין האָבן געשטוינט, ווען מען האָט אונז דערקלערט, אַז מיר מוזן שלאָפן אין דרייען. אָבער אין דערווירקלעכקייט האָט מען דאָס געמוזט באַווייזן און דורכפירן. צוויי פון אונז האָבן זיך גע־לייגט מיט די קעפּ אויף איין זייט בעט און דער דריטער, וואָס איז גע־לעגן מיט די פיס צו אונזערע קעפּ, איז צונויפגעקוועטש געוואָרן און מיר האָבן זיך איינגעשלאָסן איינער אין צווייטן, ווי סאַרדינען אין אַ באָקס און מיר זיינען דאָך פאַר מידקייט איינגעשלאָפן.

עס איז דאָך פאַראַן אַ שפּריכוואָרט, אַז דער רבונו־של־עולם שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה, פאַר אונזער מכה איז געווען די רפואה דער אָנהייב פון די קעלטן. ביי אַזעלכע קעלטן ווי עס הערשן אין מזרח־אייראָפּע אין דעם פּעריאָד, האָבן מיר באַדאַרפט שלאָפן אָן דעקן און ביי אָפענע פענצטער, איז דורך דעם וואָס מיר זיינען געשלאָפן אין דרייען, האָבן מיר זיך כאָטש דערוואָרעמט.

מען וואָלט זיך שוין אפשר מיט אַזאַ אָרט לעבן אויך צופרידנ־געשטעלט, ווען מען זאָל אונז כאָטש געוועזן לאָזן רואיק דורכשלאָפן די נאַכט און ניט צוטראַכטן פאַר אונז נייע קונצן. אונזערע שרים־פּאָליאַקן האָבן שוין אויסגעפונען סיבות, כדי צו שטערן אונזער שלאָף. נאָכדעם ווי מיר זיינען שוין געווען איינגעשלאָפן, איז פּלוצלינג געוואָרן ליכ־טיק און דער שטובן־עלטסטער, צוזאַמען מיט דעם שרייבער פון דעם בלאָק, זייער אַ יונגער שגץ מיט דעם נומער 736, וואָס האָט באַדייט, אַז ער איז איינער פון די פּיאָנערן פון דעם לאַגער, אויך אַ גרויסער שונא ישראל, האָבן אָנגעהויבן קריכן איבער אונזערע בעטן, כדי פעסט־צושטעלן צי עמיצער איז ניט צוגעדעקט מיט זיינעם אַ מלבוש. די יעניקע, וואָס זיינען געכאַפּט געוואָרן מיט אַזאַ פאַרברעכן, זיינען אַרונ־טערגעשלעפּט געוואָרן פון בעט נאַקעט, כדי צו מאַכן ספּאָרט. איך אַליין

בין אויך אַרײַנגעפאַלן דעם ערשטן אָוונט צווישן די פערצן, וועלכע זיינען באַשטראָפט געוואָרן צו מאַכן ספאָרט און איך קאָן דעריבער אי־בערגעבן דעם לייענער אין וואָס דער ספאָרט איז באַשטאַנען.

יעדער איינער פון אונז האָט זיך געמוזט אַראָפּזעצן און שפּרינ־גען מיט די געבויגענע קניעס איבער דער גאַנצער לענג פון צימער הין און צוריק עטלעכע מאָל. דערביי האָט מען געמוזט האַלטן אויף אַ גלייכגעוויכט אַ קיך־בענקל, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אַ שיסל מיט וואַסער.

ווי איז געווען צו דעם, וואָס האָט אויסגעגאָסן דאָס וואַסער אויפן באָדן. אויסער די קלעפּ, וואָס ער האָט באַקומען, האָט ער גע־מוזט דעם דאָזיקן „ספּאָרט" מאַכן לענגער ווי די אַנדערע און יעדן טאָג איז ער אַלס באַשטראָפטער גערופן געוואָרן אין די פאָלגנדע אַכט טעג צו וואַשן דעם באָדן.

דאָס קיך־בענקל מיטן וואַסער וועגן מסתמא אינגאַנצן צוואַנציק פונט, אָבער פאַר אונז, אָפּגעשוואַכטע, אָן שום איבונג דערצו, איז אָט דער מין„ספּראָט" געווען ממש אַן אינקוויזיציע, ווייל דערצו איז ביים שפּרינגען הינטן נאָכגעגאַנגען דער בלאָק־שרייבער בכבודו ובעצמו און געשלאָגן מיט אַ לעדערנעם גאַרטל די, וואָס זיינען גע־בליבן שטיין.

איך בין געשפּרונגען נאָר הין און צוריק, און אַזוי ווי עס איז מיר געלונגען ניט אויסצוגיסן דאָס וואַסער, האָב איך דאָס שפּרינגען ניט פאָרגעזעצט. אָבער טראָץ דעם האָב איך דערנאָך אין משך פון פינף טעג געהאַט שרעקלעכע שמערצן אין די קני און אין דעם אויי־בערשטן טייל פון די פיס און איך האָב ממש ניט געקאָנט אַראָפּגיין די טרעפּ.

נאָכן שפּרינגען האָבן מיר געמוזט טאַנצן, כדי פריילעך צו מאַכן אונזערע פוילישע טעראָריסטן, וועלכע זיינען בירושה פון דור־דורות געווען געוואוינט צו מאַכן טאַנצן דעם פוילישן אידן מה־יפית.

זיי האָבן שיר ניט געפּלאַצט פון געלעכטער און מיר אומגליק־לעכע האָבן געמוזט אויספילן מיט גרויס ווייטיק זייער בעסטיאַלישן

באַפעל צו טאַנצן און מיר זיינען געווען גליקלעך, ווען זיי האָבן אונז אָפּגעלאָזט, כדי אַריינצוקריכן צוריק אין די בעטן.

דער רעזשים פון דעם טאָג איז אויך געווען פאַר אונז אַ פיינ־לעכער. אין משך פון דעם גאַנצן טאָג האָבן מיר ניט געהאַט דאָס רעכט זיך צו זעצן אויף די אונטערשטע בעטן און די צייט איז ווידער פאַר־גאַנגען מיט אויספילן אַ זייער קאָמישע אַנקעטע און „לויז אַפעל".

די אַנקעטע איז אויסגעפירט געוואָרן דורך שרייבערס, אויך פּאָליאַקן, און ווידעראַמאָל די זעלבע פראַגעס וועגן בילדונג, אָבער דער עיקר וועגן קראַנקהייטן: אויב די עלטערן האָבן געהאַט וועלכע ס'ניט איז כראָנישע קראַנקהייט? וועלכע? אויב מען איז אַליין אַמאָל געווען קראַנק? און צי מ'האָט איצט אַ כראָנישע קראַנקהייט? נאָך און נאָך פראַגעס, אָבער צום סוף ווערט געבעטן אָנצוגעבן אַן אַדרעס צו וועמען מען זאָל מעלדן אין פאַל ווען מען שטאַרבט אין לאַגער.

די שרייבערס האָבן אָבער אַליין צוגעגעבן, אַז מיר אידן האָבן ניט דאָס רעכט צו געניסן פון דעם רעכט צו מעלדן די קרובים אין פאַל מען שטאַרבט. צוליב וואָס־זשע ווערט אַן אַדרעס פאַרלאַנגט?

שפּעטער בין איך געוואויר געוואָרן, אַז די אַנקעטע ווערט אי־בערגעשיק קיין אָראַנעסבורג, וואו דער המן הימלער האָט קאָנצענ־טרירט די גאַנצע קאַרד־סיסטעם פון אַלע קאָנצענטראַציע לאַגערן. דאָס איז, ווייזט אויס, געמאַכט געוואָרן מיטן צוועק צו צייגן דער גאַנצער וועלט, נאָכדעם ווי די נאַציס וועלן דעם קריג געווינען, אַז די מענטשן זיינען געשטאָרבן מיט זייער נאַטירלעכן טויט.

אין דער פּרעסע ווערט איצט נאָך ניט גערעדט וועגן אָראַנעס־בורג און איך ווייס ניט, צי די אַלע אַרכיוון זיינען דאָרט געפונען גע־וואָרן. אין זיי וואָלט די אידישע וועלט זייער פיל זיכער געקאָנט אויס־געפינען.

די צווייטע אינטערעסאַנטע באַשעפטיקונג אונזערע איז באַשטאַ־נען פון אַ „לויז־אַפעל". יעדער איינער (אויך די רוסן) האָט באַדאַרפט אַרונטערציען זיין העמד און דורכגיין דורך אַ קאָנטראָל, וואָס איז באַ־שטאַנען אין דעם, וואָס איינער פון די פּוילישע העפטלינגע (באַשטימט

ביי דעם שטובן־עלטסטן) האָט שטאַרק ביים ליכט נאָכגעזוכט כינים אין העמד. אויב אַ לויז איז געפונען געוואָרן, האָט מען פאַרצייכנט און ער איז אין דער נאַכט גערופן געוואָרן צו גיין נעמען אַ קאַלטע באַד און אויסוואַשן זיין העמד.

געווײנלעך האָט דער זעלבער מענטש דעם צווייטן טאָג ווידער געקאָנט באַקומען כינים דורך די שכנים, מיט וועלכע ער איז געשלאָפן.

אַזוי האָבן אָבער פאַרלאַנגט די לאַגער־פאַרשריפטן, כדי אויס־צוראָמען די כינים אין לאַגער. דאָס זיינען די דייטשישע מאָדערנע הי־גיענישע מיטלען. דער „לויז־אַפּעל" איז געווען שטאַרק פּאָפּולער אין אַלע דייטשישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אָבער יעדער לאַגער האָט פאַרמאָגט זיין סיסטעם, וועגן וואָס איך וועל שרייבן לויט דעם גאַנג פון מיינע ווייטערע זכרונות.

## קאַפּיטל 23

# געשפּרעכן מיט רוסן וועגן די הריגות פון די אידן אין אוקראַינע

די רוסן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך געפונען אין אין צימער, האָבן אויף מיר געמאַכט אַ זייער שלעכטן איינדרוק. איך האָב געהאָפט צו געפינען אַ דערצויגענע, קאָמוניסטישע יוגנט, מיט אַן אידעאַל, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ געוויסע שולע און איז דערצויגן געוואָרן אויף אינטערנאַציאָנאַלע אידייען. צום סוף זיינען דאָס די זעלבע אַנטיסעמיטן, וואָס מיט 25 יאָר צוריק, און דערצו נאָך חוצפה׳דיקער און שלעכטער כאַראַקטער.

איך מוז צוגעבן, אַז אין אַלע לאַגערן, וואוהין איך בין געקומען, האָב איך זיך געטראָפן מיט רוסן און אַלע זיינען געווען, אויסער איינ־צעלנע, אַנטיסעמיטיש געשטימט.

איך האָב זיך זאָגאַר, זייענדיק אין פלאָסענבורגער לאַגער, באַפריינדעט מיט אַ פּראָפעסאָר פון כאַרקאָוו און מיט אַ קאָמאַנדיר פון אַ הויפּט־שטאַב, מיט וועלכע איך האָב געפירט גאַנץ ערנסטע געשפּרעכן איבער דער רוסישער יוגנט, און זיי האָבן זיך אויך אַנטוישט אין דער ציוויליזאַציע פון דער יוגנט.

מען האָט מיר אַלס פאַרטיידיקונג געזאָגט, אַז דאָס זיינען אוקראַינער, און איך האָב ווירקלעך געוואָלט זען מצד די אוקראַינער, אויף וועמעס טעריטאָריע עס זיינען געווען קאָנצענטרירט די אידן, אַ געוויסע טאָלעראַנץ פאַר אונז אידן. צום סוף האָב איך געטראָפן נאָר שנאה און שנאה.

ווייזט אויס, אַז דער פאַרבאַט, וואָס האָט געהערשט אין סאָוועט־רוסלאַנד, אונטער אַ געוויסער שטראָף, אָנצורופן אַ אידן מיטן נאָמען „זשיד", האָט געשאַפן אין האַרץ פון דער יוגנט אַ רעאַקציע, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט גאַנץ בולט אונטער דעם רעזשים פון די נאַציס.

אין די ערשטע טעג פון מיין זיין אין לאַגער האָב איך נאָך אַלץ געזוכט אויסצוגעפינען אינטערעסאַנטע עלעמענטן צווישן די רוסן און האָב געמאַכט באַקאַנטשאַפט מיט אוקראַינער פון קיעוו, בערדיטשעוו, ליפּאָוויץ, אומאַן, ביעלאַצערקאָוו און אַנדערע שטעט און שטעטלעך. עס האָבן זיך געפונען עלעמענטן, מיט וועלכע מען האָט געקאָנט פירן אַ געשפּרעך און איך האָב געזוכט פעסטצושטעלן דעם גורל פון די רוסישע אידן נאָך דעם באַזעצן דורך די דייטשן וויס־רוסלאַנד און אוקראַינע.

די דערציילונגען זייערע וועגן די הריגות פון די אידן זיינען ממש געווען האַרצרייסנדיקע. מיך האָט אָבער שטאַרק אויפגערעגט זייער גלייכגילטיקייט. און גאַנץ אָפט האָב איך באַמערקט אין די דערציילער אַ געוויסע הנאה.

דאָס וואָס די דייטשע אינקוויזיטאָרן האָבן געטאָן מיט די אידן אין אוקראַינע שטייגט אַריבער די אַלע גאַז־קאָמערן און קרעמאַטאָריומס אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

לויט דער סטאַטיסטיק, וואָס איך האָב צוזאַמענגעשטעלט אויפן

סמך פון זייערע דערציילונגען, זיינען אין רוסלאַנד אומגעקומען אויף אַ שרעקלעכן אופן ביז אַנדערהאַלבן מיליאָן אידן. ליידער האָב איך ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן ביז איצט די רשימה מיט די שטעט, וואָס זיי האָבן מיר אָנגערופן, ווייל זינט דאַן זיינען שוין פאַראיבער איין־און־צוואַנציק חדשים, און אַזוי ווי איך האָב געוואַנדערט פון אוישוויץ נאָך ווייטער, האָב איך גאָרניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן פון דעם, וואָס איך האָב פאַרשריבן.

לויט מיין זכרון האָט מען אָנגערופן איבער הונדערט־טויזנט נפשות אין קיעוו ביז פינף־און־דרייסיק־טויזנט אין בערדיטשעוו, איבער הונדערט־טויזנט אין מינסקער געטאָ, וואו עס האָבן זיך געפונען אידן פון דער גאַנצער סביבה.

גלייך ווי די דייטשן זיינען אַריין אין אַ שטאָט, האָט די עס. עס. קאָמאַנדע אָנגעהויבן זיך צו באַשעפטיקן מיט די אידן און מיט זייער פאַרניכטונג. אַלע אידן זיינען באַלד אַרויסגעפירט געוואָרן מיט זייערע פרויען און קינדער אויסער דער שטאָט און האָבן געמוזט פאַר זיך אַליין גראָבן אַ לאַנגע טראַנשייע, און ווי נאָר די טראַנשייע איז פאַרטיק געוואָרן, האָבן די עס. עס. מענער גרופּנווייז אויסגעשטעלט אין איין שורה די אומגליקלעכע און אין זיי געשאָסן. אַלע זיינען געפאַלן, ווער טויט און ווער נאָר פאַרוואונדעט, אין דעם גרוב. דערנאָך איז געגאַנגען אַ צווייטע גרופּע, אַ דריטע און אַזוי ווייטער, ביז אַלע זיינען אומגעקומען.

דערביי זיינען פאָרגעקומען האַרצרייסנדיקע סצענעס, ווייל פילע האָבן זיך געריסן צו זיין צווישן די ערשטע, כדי ניט צוצוזען דאָס שרעקלעכע בילד, און זיינען אָבער ניט דערשאָסן געוואָרן, נאָר מען האָט זיי שרעקלעך געשלאָגן.

קליינע קינדער האָבן די סאַדיסטן געוואָרפן אין דער לופט, ווי אַ באַלון, און פאַר די אויגן פון זייערע מוטערס אין זיי געשאָסן, ווי מען שיסט אין אַ פויגל.

דער ברודער־קבר איז דערנאָך דורך די אוקראַאינער, וועלכע זיי האָבן צוליב דעם צוועק מאָביליזירט, מיט ערד פאַרשאָטן געוואָרן,

און כדי אויסצוגלייכן די ערד, אַז מען זאָל ניט דערקענען אויסערלעך וואָס דאָרט איז, האָבן זיי געלאָזט איינפּרעסן מיט אַ שווערער וואַלצע. דאָס בלוט פון די פריש־אומגעקומענע איז דורך דעם אַרויסגעפּלאָסן פון דער ערד. און ווי איינער האָט זיך אויסגעדריקט, האָט זיך די ערד פון דעם קבר עטלעכע טעג געהויבן און אונטערגעזונקען, פּונקט ווי אַ לעבעדיקער מענטש אָטעמט.

וויפל לײדן האָבן נעבעך געהאַט אויסצושטיין די אונטער דער ערד ליגנדיקע, ניט דערשאָסענע קערפּערס. ווען מען וויל זיך נאָר לייכט אַריינטראַכטן אין דעם, קאָן מען ממש משוגע ווערן פון דעם אַלעם, וואָס די אידן אין אוקראַינע האָבן דורכגעלעבט ביז דער מלאך־המות האָט ביי זיי די נשמה צוגענומען.

## קאַפּיטל 24

# אין קאַראַנטין אויפן בוידעם

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָבן זיך באַוויזן פאַלן פון סקאַרלאַטין־קראַנקהייטן אין אונזער צימער און אויך צווישן אונזער אידישער גרופּע. די קראַנקע האָט מען באַלד צוגענומען אין שפּיטאָל און אונזער גאַנצער בלאָק איז דעם 10טן נאָוועמבער דערקלערט געוואָרן אַלס אַ קאַראַנטין־בלאָק.

די קאַראַנטין דאַרף אייגנטלעך געדוירן פערציק טעג, וואָס אַנטשפּרעכט דעם פראַנצויזישן וואָרט „קאַראַנט״. אָבער דאָס איז תמיד אָפּהענגיק פון דער עפּידעמיע־קראַנקהייט. אונז האָט דער דאָקטאָר דערקלערט, אַז אויב אין משך פון דריי וואָכן וועט ניט פאָרקומען מער קיין קראַנקנפאַל, וועט דער קאַראַנטין אַרונטערגענומען ווערן און מיר וועלן פאַרטיילט ווערן אויף אַרבעט.

אייניקע פון אונז זיינען גאָר געווען צופרידן פון דעם, וואָס מען וועט אונז דערווייל ניט שיקן אויף קיין אַרבעט. זיי האָבן אָבער

ניט געגומען אין באַטראַכט די געפאַר פון דער עפידעמיע, אונטער וועלכער יעדער פון אונז איז אויסגעשטעלט.

די עפידעמיע האָט אָבער שפּעטער אָנגענומען גרויסע פאָרמען און די לאַגער־פירער האָבן באַשלאָסן מער ניט צו נעמען די קראַנקע אין שפּיטאָל, נאָר שאַפן אין דעם בלאָק גופא אַן איזאָלירטן צימער, וואו די קראַנקע זאָלן איבערגעלאָזן ווערן צו זייער אייגענעם גורל.

מען האָט אויפן בוידעם אויסגעלייגט שטרוי־זעק אויפן באָדן, און יעדער איינער, וואָס האָט באַקומען פיבער, איז אַרויפגעפירט גע־וואָרן אין דעם צימער, וועלכן מיר האָבן אַ נאָמען געגעבן „שטאַרב־צימער".

אונזער שטוב־עלטסטן האָט זיך, ווייזט אויס, שטאַרק צוגעגעסן די גלייכגילטיקייט פון די אידן צו זיינע עינוים און גזירות, און ער האָט באַשלאָסן אינגאַנצן פּטור צו ווערן פון אונז.

דעם 17טן נאָוועמבער האָט ער אונז, נאָכן אָוונט־ברויט, גע־הייסן זיך אויסשטעלן און ער האָט אונז דערקלערט: בכן מיר אידן האָבן אַריינגעבראַכט די קראַנקהייט אין לאַגער, ווייל פון 73 זיינען שוין עטלעכע צענדליגג קראַנק געוואָרן, געפינט ער פאַר געפערלעך, אַז מיר זאָלן זיך געפינען אין זיין צימער. און טאַקע באַלד האָט ער אונז אַלע געהייסן אַרויפגיין אויפן בוידעם אין קראַנקן־צימער.

די באַדינגונגען אויפן בוידעם זיינען געווען פאָראויס אויס־גערעכנט מיטן צוועק אונז פשוט דורך קעלט און הונגער אַלע אומצו־ברענגען. אויב די קראַנקע זיינען נאָך געשלאָפן אויף שטרוי־זעק, האָבן מיר, די געזונטע, געמוזט זיך לייגן פשוט אויף דער ערד, אין דעם שטויב און מיסט, און זיך צודעקן מיט אונזערע מלבושים.

דער דאַך איז געווען געמאַכט פון קליינע ציגל־טאַפּעלן, אַזוי אַז איין שורה איז געלעגן מיטן עק איבער דער אונטערשטער שורה, און עס זיינען דאָרט געווען עפענונגען. מיר האָבן געהאַט דעם ווינט און שניי, וואָס האָט אַריינגעדרונגען אינעווייניק. פון דעם האָבן טיילן פון אונזערע קערפּערס אָנגעהויבן אָפּגעפרוירן צו ווערן.

דעם גאַנצן טאָג זיינען מיר געשטאַנען אויף די פיס און זיך

איינער צום צווייטן געטוליעט, כדי צו דערוואַרעמען זיך, און דערביי אַביסל צוגעשפּרונגען, אַז די פיס זאָלן ניט ליידן פון פראָסט. די פּוי־לישע הערשער האָבן אָבער יעדן טאָג אונז געצוואונגען זיך אויסצוטאָן נאַקעט, כדי דורכצומאַכן דעם „לויז־אַפּעל", און דערנאָך אַרונטערגיין וואַשן מיט אייז־קאַלטער וואַסער אונזערע קערפּערס.

מעגלעך, אַז דער דאָזיקער „ספּאָרט" האָט אַ סך פון אונזע גע־ראַטעוועט דאָס לעבן. אָבער די מערהייט איז נעבעך אומגעקומען, ווייל מיר האָבן געהאַט יעדן טאָג אַ פּאָר קרבנות.

עס איז ניט גרינג איבערצוגעבן און באַשרייבן די ליידן, וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין אויף דעם דאָזיקן בוידעם. ווען איך דערמאָן זיך איצט, אין וועלכע באַדינגונגען מיר האָבן געלעבט ביז דעם 20טן דעצעמבער, שטעלן זיך מיר ממש די האָר קאַפּויר. דעמאָלט האָבן מיר פּשוט מקנא געווען די יעניקע, ביי וועלכע דאָס האַרץ האָט אויף צו פונקציאָנירן און דער גוף שטאַרבט אָפּ, ווייל טאָג־איין טאָג־אויס האָבן מיר זיך געפונען אין שרעקלעכע יסורים פון קעלט.

דער קאַראַנטין איז פאַרצויגן געוואָרן, ווייל עס זיינען פאָרגע־קומען אויך פאַלן צווישן די קריסטן, און מיר האָבן געמוזט פאַרזעצן אונזער טרויעריקן קיום.

איינמאָל האָט מען אונז דערקלערט, אַז דעם 20טן דעצעמבער וועט קומען אַ קאָמיסיע פון די ע.ס. עס.־מענער צו באַטראַכטן אונזער בלאָק. און אַזוי איז עס טאַקע געווען: אַרום אַכט אַזייגער אין דער פרי האָט זיך געעפנט די טיר פון דעם בוידעם און עס איז אויסגעשריגן געוואָרן: „אַכטונג". מיר אַלע האָבן געדאַרפט בלייבן שטיין אויסגעצויגן און זיך מער ניט רירן פון אָרט. עס האָבן זיך באַלד באַוויזן דריי עס.־עס.־מענער צוזאַמען מיט דעם בלאָק־עלטסטן. זיי זיינען געבליבן שטיין ביי דער טיר און ווייטער ניט געגאַנגען.

איך מוז באַמערקן, אַז בשעת זיי האָבן זיך באַוויזן אויפן בלאָק, האָבן אונזערע פּוילישע גבורים זיך תמיד באַהאַלטן, און די עס. עס.־מענער זיינען באַגלייט געוואָרן נאָר פון דעם בלאָק־עלטסטן.

צו מיינע אויערן האָט דערגרייכט פאָלגנדיקער געשפּרעך:

„וועלכע העפטלינגע געפינען זיך אין דעם צימער?" פרעגט דער עס. עס.־מאַן

„די קראַנקע!" האָט געענטפערט דער בלאָק־עלטסטער.

„אויף וואָס שלאָפן זיי?"

„אויפן באָדן!"

„פאַרוואָס איז דאָ אַזוי קאַלט?"

„ס'איז ניטאָ קיין אויוון!"

„איך באַפעל, אַז נאָך היינט זאָלן בעטן אַריינגעשטעלט ווערן און אויך אַן אויוון."

דערויף ענטפערט דער בלאָק־עלטסטער:

„הער אָבערשטורעם־פירער, אין דעם צימער געפינען זיך בלויז אידן".

„פאַר מיר גיבטס ניט קיין אונטערשייד, אַלע העפטלינגע באַ־דאַרפן אין לאַגער גלייך באַהאַנדלט ווערן!"

נאָך דעם באַזוך פון די עס. עס.־לייט האָט זיך אָנגעהויבן צו קאָכן אויף אונזער בוידעם. די פוילישע הערשער זיינען געלאָפן הין און צוריק, אויסגעמאָסטן דעם בוידעם, און נאָך מיטאָג האָבן אָנגעהויבן אַריינגעבראַכט ווערן די לאַנג־דערוואַרטעטע הילצערנע בעטן.

דערפאַר אָבער האָבן זיי פון אונז גענומען נקמה ביים „לויז־אַפעל". זיי האָבן אונז געהאַלטן לענגער ווי אַלע מאָל און אונז געמאַכט צו געלעכטער און שפּאַט. צו איינעם פון אונז, אַ יונגן אידישן דאָקטאָר פון פראַג מיטן נאָמען שפּיגלער, וועלכער איז אויך שוין אין אוישוויץ צוגעקומען צו אונזער גרופּע, איז צוגעקומען דער בלאָק־שרייבער מיט אַ זעג, וועלכע איז געבליבן אין אונזער צימער נאָכן צוזאַמענשטעלן די בעטן, און האָט זיך געווערטלט, אַרויפלייגנדיק די זעג אויף זיין אויסגעצויגענעם מאָגערן האַלז, אַז ער וועט אים דעם קאָפּ אַרונטער־זעגן.

וויפל מוט און קראַפט האָט געמוזט אין זיך פאַרמאָגן דער דאָ־זיקער יונגער, געבילדעטער דאָקטאָר בכדי צו בלייבן שטיין רואיק און

ניט רעאַגירן אויף די ווערטער פון דעם רוצח און אויף דעם געלעכ־טער פון די איבעריקע פוילישע רוצחים.

ער האָט זיך אַזוי לאַנג געשפּילט מיט דעם דאָקטאָר ווי אַ קאַץ שפּילט זיך מיט איר געכאַפּטער מויז ביז עס האָט זיך אים שוין צוגע־געסן און ער האָט פאַר רציחה אַוועקגעוואָרפן די זעג און אויסגערופן מיט די ווערטער: „איך לאָז דיך נאָך לעבן איין נאַכט!".

אויפן צווייטן טאָג, אַרום 10 אינדערפרי, איז דער שרייבער אַריינגעלאָפן לוסטיק צו אונז אין צימער און אויסגערופן דעם נומער מיטן נאָמען פון דעם פּראַגער דאָקטאָר און באַפוילן אים מיטגיין.

ער איז נעבעך מער ניט צוריקגעקומען צו אונז. און ביינאַכט ביים אַפּעל האָט דער בלאָק־שרייבער מיט זיין סאַדיסטישן שמייכל געמאָלדן, אַז דער דאָקטאָר ציילט זיך מער ניט אויף דעם בלאָק, ווייל די פּאָליטישע ביוראָ האָט אים דערליידיקט.

דער דאָזיקער ד"ר שפּיגל האָט געהאַט זיינע עלטערן (זיין פאָ־טער אויך אַ דאָקטאָר) אין דעם טשעכישן לאַגער „טערעזיענשטאָט". ער אַליין האָט זיך פיל לענגער פאַרשטעקט אין פּראַג, ביז ער איז דורך דער געסטאַפּאָ געכאַפּט געוואָרן.

לויט זיינע דערציילונגען האָבן עקזיסטירט צוויי טערעזיענ־שטאָטס־לאַגערן. איין „טערעזיענשטאָט" איז געווען די געטאָ, וואוהין עס זיינען צונויפגעטריבן געוואָרן אַלע טשעכישע אידן, אַ טייל אידן פון דייטשלאַנד און עסטרייך.

צום אָנהייב האָבן זיך אין טערעזיענשטאָט געפונען ביי 70 טויזנט אידן, וועלכע עס האָט זיך געלעבט ניט שלעכט, ווייל יעדער איינער האָט געהאַט אַ רעכט מיטצוברענגען זיינע ווערט־זאַכן, און עס איז אין דער געטאָ אָנגעגאַנגען אַ האַנדל. אָבער שוין שפּעטער, זינט זומער 1942, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן צו פאַרלאַנגען פון דאָרט מענטשן אויף אַרבעט, וועלכע זיינען שוין מער ניט צוריקגעקומען, און די צאָל האָט זיך פאַרקלענערט אויף 35 טויזנט.

דאָס איז געווען אין פּעריאָד ווען מיר האָבן זיך געפונען אין

קאַראַנטין, אָבער אין יאָר 1944 זיינען שוין גאַנצע משפחות געבראַכט געוואָרן דירעקט קיין בירקענאַו אין דער קאַז־קאַמער.

די צווייטע טערעזיענשטאָט איז געווען די גרויסע פעסטונג ביי דער שטאָט. אַהין זיינען געבראַכט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ נאָר אַזעלכע אידן, וואָס זיינען געווען פאַרהייראַט מיט קריסטלעכע פרויען, אָדער זיינען געווען „מישלינגע״ און זיינען באַגאַנגען אַ פאַרברעכן.

דאָס איז שוין געווען אין די יאָרן 1943—44, ווען די דאָזיקע פּריווילעגירטע אידן האָבן נאָך געלעבט אויף דער פרייַ, האָבן אָבער זיך געמוזט אונטערוואַרפן אַ געוויסן רעזשים און גזירות.

„מישלינגע״ האָבן לויט די ראַסיסטישע געזעצן פון נירענבערג עקזיסטירט אין דריי גראַדן. צום ערשטן גראַד האָבן געהערט די יעניקע, וועלכע האָבן דעם פאָטער אָדער מוטער געהאַט אַלס קריסטן. זיי האָבן ניט געהאַט דאָס רעכט צו געהערן צום נאַציזם, באַזוכן היט־לער־קלובן און אַפילו הייראַטן אַ קריסט (ריינעם אַריער) אָן דער דער־לויבעניש פון דעם שטאָט. אויב זיי האָבן אָבער אַזאַ דערלויבעניש אַרויסבאַקומען און האָבן טאַקע חתונה געהאַט מיט אַן אַריער זיינען שוין זייערע קינדער געווען „מישלינגע״ פון צווייטן גראַד. די האָבן שוין געהאַט אַלע רעכט, אויסער צו באַזעצן שטאַטלעכע פּלעצער. זיי־ערע קינדער, ווידער, זיינען אָנערקענט געוואָרן אַלס „מישלינגע״ פון דריטן גראַד, שוין מיט אַלע רעכט פון אַ ריכטיקן אַריער.

„מישלינגע״ פון ערשטן גראַד און אויך עכטע אידן, וועלכע האָבן געהאַט אַ פרוי אַן אַריערין, מיט וועלכער זיי האָבן געהאַט אַ קינד, האָבן ניט באַדאַרפט טראָגן קיין מגן דוד, אָבער אַלס אונטער־שיד פון דעם „מישלינג״ האָט דער עכטער איד ניט געטאָרט רעדן מיט אַן אַריער אויף דער גאַס.

אַזוי אַרום זיינען אין טערעזיענשטאָטער פעסטונג אַריינגעפאַלן עלעמענטן, וועלכע זיינען געווען פרעמד דעם אידנטום. זיי זיינען אָבער לויט דעם היטלעריזם באַגאַנגען אַ פאַרברעכן. פון דאָרט זיינען זייער ווייניק, אויסער איינצלנע, אַרויס לעבעדיקע.

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט זיך צו טרעפן שוין אין אָנהייב

1945 אין פלאָסענבורגער לאַגער מיט אַ כעמיקער, אייגנטימער פון אַ כעמישער פאַבריק אין פראַג, ד״ר שטיינער, וועמען עס איז געלונגען, אויך אַלס מישלינג, פון דאָרט איבערגעשיקט צו ווערן קיין פלאָסענבורג. ער האָט מיר אָנגערופן באַקאַנטע כעמיקער פון פראַג, וועלכע איך האָב פערזענלעך געקענט, וואָס זיינען אומגעקומען. לויט זיינע דערציילונגען איז די פעסטונג ממש אַן אינקוויזיציע, ווייל דאָרט האָט מען ניט פאַרגאַזט, נאָר לאַנגזאַם דורך אוממענטשלעכע עינויים קשים אומגעבראַכט זייער פיל מענטשן.

איך האָב באַרירט די פראַגע וועגן די טערעזיענשטאַטן ביי דער געלעגנהייט, ווייל דאָס איז אַ קאַפּיטל מיט וועלכן די אידישע היסטאָריקער וועלן זיך געוויס פאַראינטערעסירן.

## קאַפּיטל 25

# ענדע מיט דעם קאַראַנטין און אין רשות פון די „קאַפּאָס"

דעם 26טן דעצעמבער, 1943, איז דער קאַראַנטין פאַרענדיקט געוואָרן, ווייל דעם טאָג האָט מען אונז גאַנץ פרי אַרויסגעטריבן פון דעם בלאָק אין הויף אַריין און מיר זיינען געשטאַנען לעבן בלאָק ביז נאָך מיטאָג. אין דרויסן איז געווען אַ שרעקלעכע קעלט, עס האָט געשנייט אָן אויפהער. מיר זיינען געווען אָנגעטאָן אין אונזערע לייכטע קליידער און מיר זיינען געשטאַנען צוזאַמענגעדריקט איינער צום צווייטן און אָן אויפהער געטאַנצט און געשפּרונגען — ניט חלילה פאַר פרייד, נאָר פאַר קעלט.

די זופּ האָט מען אונז געגעבן אין דרויסן און דאָס האָט אונז אַביסל דערוואַרעמט. באַלד נאָכמיטאָג האָבן מיר זיך געמוזט אויסטאָן נאַקעט, ניט קוקנדיק אויפן פראָסט, און לויפן אין באָד אַריין.

נאָך דער באָד זיינען מיר געלאָפן נאַקעטע אויפן בלאָק, וואו, צוריקקומענדיק אויף דער טעמע פון דעם קאַראַנטין, מוז איך צוגעבן, אַז שוין אויף צו להכעיס די פּאַליאַקן, האָבן מיר דעם 20טן דעצעמבער שוין אָנגעהויבן שלאָפן אין בעטן — אמת טאָקע, אויפן בוידעם און אין דרייען אין אַ בעט, אָבער שוין מיט אַ צודעק.

אויפן צווייטן טאָג איז שוין אויך אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַן אויוון, צו וועלכן מיר האָבן ניט געהאַט קיין רעכט צוקומען, אָבער מען האָט שוין לייכטער געקאָנט איבערטראָגן די קעלטן.

מען האָט אויך יעדן איינעם געגעבן אַ „פּריש" העמד, באַדעקט מיט פלעקן און שמוציק, אָבער דורכגעדעזינפעקצירט.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן מיר אָנגעטאָן אין איין העמד געוואַרט אויף אונזערע מלבושים, וועלכע זיינען צוריקגעקומען פון דער דיזינפעקציע־קאַמער, און עס האָט מיך געעקלט, וואָס איך האָב גע־מוזט אויף זיך אָנטאָן שמוציקע אונטערהויזן פון אַן אַנדערן, ווייל די זאַכן זיינען צוזאַמענגעמישט געוואָרן.

ליידער האָט דער דאָזיקער שרעקלעכער טאָג ווידער געבראַכט אייניקע פאַלן פון קראַנקהייט און פיר פון אונז זיינען אין דער נאַכט געשטאָרבן.

אויף מאָרגן, דעם 27טן דעצעמבער אין דער פרי, האָט מען אונז אַלע אויסגעשטעלט שורות'ווייז און עס איז צו אונז געקומען דער אַרבעטס־אַמט פירער, אַן עס. עס.־מאַן אין גראַד פון אַן אויבער־פיי־רער. ער האָט ביי יעדן פון אונז פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אים זאָגן דעם פאַך און אויך אָנגעבן די יאָרן. צוזאַמען מיט אים איז אויך געקומען אַ העפטלינג אַ פּאַליאַק, וואָס האָט געאַרבעט אין אַרעבטס־אַמט, און דער האָט פאַרשריבן דעם נומער פון יעדן איינעם מיט דער באַצייכע־נונג אויף וואָסער אַרבעט צו שיקן דעם באַטרעפנדיקן.

איך בין מיט די דאָקטוירים און כעמיקער געבליבן אין אַ זייט און מיר האָבן געבילדעט אַ גרופּע פון צען מאַן (פינף דאָקטוירים, דריי כעמיקער און צוויי אַפּטייקערס).

אונז האָט מען דערקלערט, אַז מיר בלייבן דערווייליקע אויף דעם זעלבן בלאָק און מען וועט זיך מיט אונז באַשעפטיקן שפּעטער.

די אַלע אַנדערע האָבן באַקומען צוגעטיילט אַ געוויסע אַרבעט, ווי שוסטער, שניידער, מעכאַניקער, און נאָך אין דעם זעלבן אָוונט זיינען זיי איבערגעפירט געוואָרן אויף אַנדערע בלאָקס, וואו עס האָבן זיך געפונען די קאָמאַנדעס, וואוהין זיי זיינען באַשטימט געוואָרן.

אין אוישוויץ האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף יעדן בלאָק באַזונדער די העפטלינגע, וועלכע האָבן געאַרבעט צוזאַמען, כדי דעם „קאַפּאָ" זאָל זיין לייכטער צו קאָנטראָלירן די צאָל פון זיינע אַרבעטער.

אַ „קאַפּאָ" האָט זיך גערופן דער, וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַ גרופּע פון אַרבעטער און איז פאַקטיש געווען אַ פאַרטרויאונגס־מאַן פון די עס.־מענער. ער האָט געהאַט אַ געוויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו די פירער פון דעם לאַגער פאַר דער אַרבעט און דעריבער איז ער תמיד געווען אויסדערוויילט פון צווישן די דייטשישע אָדער פאָלקס־דייטשישע העפטלינגע.

די פירער פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן האָבן תמיד מאַנעווּרירט, אַז אין יעדן לאַגער זאָל זיך געפינען אַ געוויסע צאָל דייטשישע אינטערנירטע העפטלינגע, ניט חלילה פון די פּאָליטישע אינטערנירטע, נאָר פון די קרימינעלע עלעמענטן, און זיי האָט מען פאַרטרויט דעם „קאַפּאָ"־אַמט.

אין זייערע הענט האָט זיך געפונען דאָס לעבן פון יעדן איינעם פון די אַרבעטער. זיי האָבן געהאַט דאָס רעכט צו שלאָגן און אַפילו צו דערמאָרדן ווען זיי האָבן געוואָלט און זיי האָבן קיינמאָל ניט באַדאַרפט אָפּגעבן חשבון פאַר אַ מענטשלעכן לעבן.

די דאָזיקע „קאַפּאָס" האָבן געהאַט אָנצופירן מיט אַרבעטער־גרופּן (קאָמאַנדעס), וועלכע זיינען באַשטאַנען פון פופציק ביז עטלעכע הונדערט מאַן, און אַזוי ווי זיי האָבן ניט געקאָנט האָבן אויפן אויג יעדן פון די אַרבעטער, האָבן זיי געהאַט דאָס רעכט צו באַשטימען געהילפס־קאַפּאָס און פאָרלייט. געוויינלעך זיינען תמיד אַלס קאַפּאָס און פאָרלייט דורך זיי באַשטימט געוואָרן בלויז פּאָליאַקן, טשעכן, קיינמאָל ניט קיין אידן. אַז עס זאָל זיין אַ אידישער קאַפּאָ אָדער פאָרמאַן, האָט

דער קאָנצענטראַציע־לאַגער באַדאַרפט זיין אַ ריין־אידישער לאַגער, וואו עס איז געווען פּליאַשאָוו־קראָקאָו, וואו איך האָב זיך שפּעטער געפונען, און אויך אַהין זיינען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן דייטשע פאַר־ברעכער בכדי צו ווערן די „קאַפּאָס" איבער אידן.

אין אוישוויץ זיינען נאָר פּאָליאַקן באַשטימט געוואָרן אַלס פאָר־לייט אויך צוליב מאַטעריעלע אינטערעסן.

שטעלט זיך פאָר, אַז אין קעגנזאַץ צו די אידן, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין רעכט צו שרייבן און באַקומען בריוו אָדער שפּייז־פּעקלעך, האָט יעדער פּאָליאַק געשריבן יעדע פערצן טעג און האָט געהאַט דאָס רעכט צו באַקומען פון זיינע קרובים ביז פופציק פונט שפּייז־פּעקלעך אין אַ וואָך. פאַר מיינע אויגן האָבן די פּאָליאַקן באַקומען אין זייערע פּעקלעך ווייסע חלה, פּוטער, פליש, חזיר־שמאַלץ, אייער, צוקער, געבעקס, טאַבאַק און אַנדערע נייטיקע פּראָדוקטן און זיי האָבן געהאַט מער וויפל זיי האָבן באַדאַרפט צום פרעסן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די אָרעמע דייטשישע אינטערנירטע האָבן תמיד פאַרזיכערט דעם פּאָליאַק די לייכטסטע אַרבעט, כדי צו ווערן אַ שותף צו זיינע באַקומענע שפּייז־פּעקלעך.

דעם פּאָליאַק האָט מען אויפן בלאָק אָפּגעגעבן דאָס בעסטע בעט מיט דריי דעקן, ווען דער איד איז געשלאָפן צו דריי אין איין בעט און מיט איין צודעק. מען האָט דעם פּאָליאַק געשיקט אין די קאָמאַנדעס, וואו די אַרבעט איז געווען אַ לייכטע, און דעם אידן אויף דער שווער־סטער אַרבעט. ווען אַ פּאָליאַק איז חלילה על־פּי טעות אַריינגעפאַלן אין אַ שווערע קאָמאַנדע, האָט אים דער „קאַפּאָ" באַשטימט אַלס פאָר־מאַן, כדי צו געניסן פון זיינע פּעקלעך.

מיר אידן האָבן געמוזט לעבן אויף דעם, וואָס מיר האָבן באַקומען אין לאַגער, און זיי האָבן צוזאַמען מיט די דייטשן ממש געפרעסן און געזויפט אַלקאָהאָל, וועלכן זיי האָבן זיך פאַרשאַפט פון דרויסן.

אַלקאָהאָל האָט בכלל אין לאַגער געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. אָפיציעל איז געווען פאַרבאָטן אַריינצוברענגען אין דעם לאַגער אַל־קאָהאָלישע געטראַנקען, אָבער די אַלמעכטיקע „קאַפּאָס" האָבן דורך די פּאָליאַקן אַלץ אַריינגעבראַכט. עס זיינען אָפט געווען אומגליקפאַלן,

וואָס דער אָדער יענער „קאַפּאָ" האָט זיך פאַר׳סמ׳ט דורך די געטראַנ־קען, ווייל דער אַלקאָהאָל איז געווען אַ שלעכטער און האָט געווירקט שעדלעך, אָבער די אַנדערע האָבן ווייטער פאַרגעזעצט צו טרינקען אָן שום פּחד.

די רוסן האָבן אייגנטלעך באַדאַרפטליידן הונגער, ווי די אידן, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט דאָס רעכט צו שרייבן קיין רוסלאַנד און האָבן אויך ניט באַקומען קיין שפּייז־פּעקלעך, אָבער זיי זיינען טייל־ווייז אונטערשטיצט געוואָרן דורך די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן זיי אַלס וואוילטעטיקע אָפּגעגעבן די שלעכטע לאַגער זופּ, וועלכע האָט זיי שוין מער ניט געשמעקט.

זיי פלעגן אויך באַשעפטיקט ווערן אויף אַרבעט, ווי אין דער קיך, אָדער אין בלאָק גופא, וואו זיי האָבן שוין געוואוסט ווי אַזוי זיך צו אָר־גאַניזירן כדי צו האָבן וואָס צו עסן.

אַ רוס איז געווען פּעאיק צו ווערן אַ פּשוט׳ער משרת ביים „קאַפּאָ", אים יעדן טאָג די שיך פוצן, וואַשן זיינע וועש און ריינהאַלטן זיין בעט, כדי צו קריגן פון אים אַ לייכטע אַרבעט און עסן.

ס׳זיינען אויך געווען רוסן, וועלכע זיינע געגאַנגען אויף שמוציקע זאַכן, ווי צו זיין גאַנץ אינטים מיט די „האָמאָסעקסואַליסטן", די דייטשן און סיי פּאָליאַקן, כדי צו קריגן צו פרעסן. געוויינלעך זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געליטן הונגער און זיינען געצוואונגען געווען צו גנב׳ענען, סיי אויפן בלאָק און סיי אין לאַגער, וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט, אַבי צו שטילן זייער הונגער.

דער לייענער זאָל מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב מיך אָפּגע־ווענדט פון די געשעעענישן.

איך האָב אויפגעקלערט דעם ענין „קאַפּאָ", ווייל דאָס געהערט צום גאַנצן מעכאַניזם פון דעם לאַגער און איז געווען אַ זייער וויכטיקער פאַקטאָר אין אונזער לעבן.

אויף דעם בלאָק נומער 2־איי זיינען אַלס אידן פאַרלויפיק דעם 28טן דעצעמבער געבליבן נאָר די קליינע גרופּע פון אינטעלעק־טואַלן און כדי אונזער צימער זאָל ווייטער עקזיסטירן האָט מען צו

אונז אַריבערגעבראַכט פּופּציק רוסן, וועלכע זיינען אויסגעוויילט גע־וואָרן דורך די פּאָליאַקן אַלס ניט זויבערע און פּאַרדעכטיקטע עלעמענטן.

זיי זיינען געוואָרן פּאַרדעכטיקט, ווייל דורך דער נאַכט, כאָטש ס׳איז געווען אַ נאַכט־שומר, אויך אַ רוס, האָבן אין פּעקלעך תמיד גע־פעלט פּראָדוקטן, און אונזער צימער איז ווירקלעך געווען אַ שטראָף פאַר זיי, ווייל ס׳איז ניט געווען ביי וועמען צו גנב׳ענען.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז צו אונז צוגעקומען אַ פרישע גרופּע פון אידן אין דער צאָל פון זיבעצן מאַן, וועלכע זיינע אַלס מיש־לינגע געבראַכט געוואָרן פון לייפּציגער געפענגעניש קיין אוישוויץ. די דאָזיקע אידן אַלס דייטשישע מישלינגע האָבן יאָ געהאַט דאָס רעכט צו שרייבן און צו באַקומען פּעקלעך. זיי האָבן אויך ניט באַדאַרפט געשיקט ווערן אין דער גאַז־קאַמער אָן דער דערלויבעניש פון „געסטאַפּאָ״. ליידער איז מיט זיי געווען זייער שווער זיך צו באַפריינדן, ווייל זיי זיינען אויך שוין געווען אָנגעשטעקט מיט דער היטלער־פּראָפּאַגאַנדע און האָבן פּשוט ניט ליב געהאַט קיין אידן בכלל און אָסט־אידן בפרט.

דעם 31טן דעצעמבער איז אַריבערגעקומען אין אונזער בלאָק אַ שרייבער פון דעם אַרבעטס־אַמט און האָט אונזער גרופּע אינטעלעק־טואַלן אַרויסגערופן אויף אַן עקזאַמען צו דעם שעף־דאָקטאָר פון דעם לאַגער.

אינדרויסן איז געווען אַ שרעקלעכער פראָסט, זיכער ביי מינוס 13 גראַד פאהרענהייט, און מיר זיינען אַן שום צודעק אויף די קעפּ, אָנגע־טאָן אין אונזערע העמדער אויפן לייב און מיטן רעקל פון האָלץ־שטאָף אַרויסגעפירט געוואָרן פון דעם לאַגער כדי געבראַכט צו ווערן אין אַ וואַרעמען האָלץ־בלאָק, וואו עס האָט זיך געפונען אַ קאָמיסיע פון דייטשישע עס־עס־קולטור־פירער, אונז צו עקזאַמינירן.

מען האָט יעדן פון אונז אַריינגערופן באַזונדער, און ווען איך בין אַריינגעקומען, האָב איך אין דעם צימער דערזען פאַר זיך דריי עס. עס. אָפיצירן.

איינער פון זיי האָט גערעדט פריי פראַנצויזיש, אָבער דער־וויסנדיק זיך, אַז איך קען דייטש, האָט מען מיך גענומען אויף אַ גאַנץ

ערנסטן עקזאַמען. צווערשט האָט מען מיר אָנגעוויזן, אַז איך זאָל בלייבן שטיין אויף אַ שטרעקע פון צוויי טריט און זאָל ענטפערן בקול רם.

צופעליק האָט איינער פון זיי גוט געקענט די דייטשע פּראָפעסאָרן אין פּראַג, ביי וועלכע איך האָב שטודירט און דער עקזאַמען איז געגאַנגען הויפּטזעכלעך איבער דער אָרגאַנישער כעמיע.

טראָץ דעם, וואָס איך האָב מיין הויכשטודיום אין פּראַג געענ־דיקט מיט פופצן יאָר צוריק, איז מיר דאָך געלונגען ווי ניט איז, ביי מיין שלעכטן פיזישן און מאָראַלישן צושטאַנד, צו געבן אַן ענטפער אויף זייער קאָמפּליצירטע פראַגעס און איך בין אָוועקגעשיקט געוואָרן מיט די ווערטער: קאָנסט גיין!

נאָכדעם ווי אַלע מיינע קאָלעגן זיינען עקזאַמענירט געוואָרן, האָט אונז דער זעלבער שרייבער צוריק אויפן בלאָק אָפּגעפירט.

דעם ערשטן יאַנואַר, 1944, זיינען די קאָמאַנדעס, אין צוזאַמענ־האַנג מיטן ניי־יאָר, ניט אַרויסגעגאַנגען אויף אַרבעט, אָבער פון אונ־זער בלאָק האָט מען אַלע, אויך די קריסטן, אַרויסגעטריבן, אויף צו מאַכן ספּאָרט־איבונגען. דריי שטונדן צייט זיינען מיר געווען אויף פרישער לופט, געלאָפן געשפּרונגען און געמאַכט פאַרשידענע קולטור־פיזיק. די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן געהאַט גענוג צו עסן און זיינען געווען אָנגעטאָן אין זייערע וואַרעמע וועש און פולאָווערס פון דער היים, זיינען געווען צופרידן פון אַזאַ ספּאָרט, אָבער פאַר אונז איז דאָס געווען באמת אַ שרעקלעכער פּיין.

אויף צומאָרגנס האָט מען מיך געשיקט אויף אַרבעט, ניט אַלס כעמיקער, נאָר אין דער „באַן־הויף" קאָמאַנדע ווי אַ געוויינלעכער שוואַרצער אַרבעטער.

די דאָזיקע קאָמאַנדע האָט איינגעשלאָסן אין זיך די אַלע העפט־לינגע, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שום פאַך־קאָמאַנדע, און די אַרבעט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען דאַרף אויסלאָדן און אויפלאָדן די אַלע וואַגאָנען, וואָס קומען אָן קיין אוישוויץ מיט קאָנסטרוקציע־מאַ־טעריאַל.

איך בין צוגעשטעלט געוואָרן אין דער לעצטער זיבן הונדערטער

גרופּע אין 8טן צענדלינג. דערפון קאָן דער לייענער אַליין פאַרשטיין, אַז די דאָזיקע קאָמאַנדע איז געווען זייער אַ גרויסע.

אין דער שפּיץ פון דער קאָמאַנדע איז געווען אַן אויבער־קאַפּאָ, דערנאָך האָט יעדע הונדערט פּערזאָן געהאַט אַ קאַפּאָ און אויף יעדע ניין פּערזאָן איז דער 10טער געווען אַ פאַר־אַרבעטער, אַזוי אַרום זיינען אויף נײַנציק העפטלינגע געווען צען פאַר־אַרבעטער, וואָס האָבן גאָרנישט געטאָן, נאָר בלויז געצוואונגען די אַנדערע צו אַרבעטן.

אין מיין צענדלינג זיינען געווען אַכט אידן, וואָס האָבן שוין אַ לענגערע צייט געאַרבעט אין דער קאָמאַנדע. זיי האָבן זייער שלעכט אויסגעזען און האָבן געמאַכט אויף מיר אַ רושם פון אויסגעמוטשעטע קנעכט.

זיי האָבן באַלד געפונען פאַר נייטיק מיך, אַלס פריש־צוגעקו־מענעם, צו באַרואיקן, אַז זינט אָקטאָבער, 1943, האָט זיך די באַציאונג פון די קאַפּאָס און פאַראַבעטער צו די אַרבעטער פון דער קאָמאַנדע, וועלכע האָט פריער געהייסן טויט־שטראָף קאָמאַנדע, באַדייטיק פאַר־בעסערט.

ביז אָקטאָבער האָט מען אין דער קאָמאַנדע, יעדן טאָג פון דער אַרבעט אַוועקגעפירט אויף וועגעלעך ביז 300 פאַר׳חלש׳טע און טויטע. ווען מען האָט באַדאַרפט אויסלאָדן די וואַגאָנען מיט צעמענט, האָבן זיך די פאַראַרבעטער אויסגעשטעלט אין צוויי שורות מיט שטעקנס אין די הענט און די אַרבעטער האָבן מיט זייער משא אויף די פּלייצעס באַדאַרפט שנעל דורכלויפן די דאָזיקע צוויי שורות, כדי ניט צו כאַפּן מיטן שטעקן איבערן קאָפּ. ווער ס׳איז אומגעפאַלן אונטער אַ קלאַפּ פון דעם שטעקן, איז שוין געשלאָגן געוואָרן ביז צום טויט.

איצט אָבער קומען שוין אַזעלכע פאַלן ניט פאָר, ווייל דער אָבער־קאַפּאָ האָט באַקומען אַ באַפעל פון דעם נייעם לאַגער־קאָמענדאַנט ניט צו דער׳הרג׳ענען די העפטלינגע, ווייל דער לאַגער נייטיקט זיך אין אַרבעטס־כוחות, ניט אין טויטע. די פאַראַרבעטער טראָגן אָבער מיט זיך ווייטער די שטעקנס, וואָס ברענגען מיט זיך דעם טויט און קאָנען

זיך ניט אָפּגעוואוינען פון צו שלאָגן די העפטלינגע בכלל, און די אידן בפרט.

נאָך אַזאַ טרייסט־הקדמה פון מיינע אידן בני רחמנים בין איך דאָך מיט אַ שווער האַרץ געגאַנגען צו דער אַרבעט.

אַרויסגעגאַנגען פון דעם לאַגער זיינען מיר צו פינף אין אַ שורה, אונטער די קולות פון אַ גרויסער מוזיק־קאַפּעלע, וועלכע האָט גע־שפּילט ביים אַרויסגאַנג פון דעם לאַגער. דערביי איז כדאַי צו באַמערקן, אַז די קאַפּעלע האָט פּרינציפּיעל ניט אויפגענומען צו זיך קיין אידישע מוזיקער און איך בין זיכער, אַז אין דעם איז געווען די שולד פון די פּאָליאַקן, וואָס האָבן ניט געוואָלט האָבן ביי זיך אַ „זשיד".

מען האָט אונז אַרויסגעפירט צום באַנהויף, וואו עס זיינען שוין געווען אויסגעשטעלט פיל וואַגאַנען מיט קאָנסטרוקציע־מאַטעריאַל, און מיין צענדלינג האָט באַקומען די אויפגאַבע אויסצולאָדן אַ וואַגאָן מיט ציגל.

מיר האָבן געאַרבעט אָן אויפהער פון זיבן פרי ביז צוועלף ביי טאָג און מיט אומגעדולדיקייט געוואַרט אויף דער לאַנג־געוואונשענער זופּ. געגעסן האָבן מיר אונטערן פרייען הימל ד. ה. ביים פראָסט און אונטערן שניי האָבן מיר באַקומען דעם זופּ. איינס אַזייגער זיינען מיר ווידער גערופן געוואָרן צו דער אַרבעט ביז פינף אָוונט. אַלע האָבן געאַרבעט זייער פלייסיק, כדי זיך צו דערוואַרעמען, און די פאַרלייט האָבן ניט געהאַט קיין סיבה אונז צו שלאָגן. זיי האָבן אָבער אַלץ געשריגן: „שנעלער, פוילע יונגען!"

יעדן טאָג בין איך געגאַנגען צו דער אַרבעט און האָב שוין געהאַט פאַרגעסן, אַז איך האָב וועלכן עס איז פּאַך. מיט מיינע מאָלצייטן האָב איך זיך ביי די רוסן פאַרשאַפט אַ מאַנטל און אַ פּאָר הענטשקעס און האָב אָנגעהויבן צוביסלעך באַקאַנט צו ווערן מיט דעם גאַנצן לאַ־גער־סיסטעם.

איין טאָג איז מיר אויסגעקומען, צוזאַמען מיט מיין גרופּע צו שטופּן אַ גרויסן אָקס־וואָגן, אויף וועלכן מיר האָבן אַרויפגעלייגט שניי

און אים אַוועקגעפירט אַ פּאָר קילאָמעטער ווייטער, אויף אַ גרויסן פּלאַץ. דער וואָגן מיטן שניי איז געווען שווער.

און אַזוי ווי אין וועג זיינען געווען פיל בערגלעך, איז די אַרבעט אונדז אָנגעקומען שווער און מיר זיינען פון איר שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. דער פאַרמאַן האָט מיט זיינע קרעפטיקע הענט ניט געוואָלט אונדז העלפן. ער האָט נאָר אויסגענוצט זיין קראַפט אויף צו שלאָגן אונדז. אָבער דערפאַר האָבן מיר דעם טאָג געקראָגן אַביסל זופּ צו עסן — ניט חלילה פון דעם „קאַפּאָ", נאָר פון אונזערע מער גליקלעכע שוועסטער.

אויפן פּלאַץ, וואוהין מיר האָבן געפירט דעם שניי, איז געשטאַנען אַ גרויסע געביידע. די געביידע האָט מען אין לאַגער אַ נאָמען געגעבן „קאַנאַדע". אַהין האָט מען געבראַכט אַלע באַגאַזשן, וואָס די אָנגעקומענע אידישע טראַנספּאָרטן האָבן איבערגעלאָזט אין די וואַגאָנען, און אַ ספּעציעלע קאָמאַנדע האָט קלאַסיפיצירט די אָפּענע „טשעמאָדאַנעס".

פאַרשטייט זיך, אַז די יונגען, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער קאָמאַנדע, האָבן געהאַט וואָס צו עסן, ווייל אין יעדן „טשעמאָדאַן" איז געפונען געוואָרן פיל עסנוואַרג. לויט די רעגלען פון דעם לאַגער האָבן די געפונענע שפּייז־פּראָדוקטן באַדאַרפט געבראַכט ווערן אין לאַגער און אויסגענוצט ווערן פון דער קיך, אָבער אַ טייל איז פּאַרט איבערגעבליבן אין די הענט פון די, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער קאָמאַנדע.

„קאַנאַדע" האָט מען גערופן די געביידע דערפאַר, ווייל דאָרט האָט זיך געפונען אַ רייכטום, אַלץ וואָס די וועלט פאַרמאָגט.

לעבן דער געביידע האָט געאַרבעט אַ גרופּע אידישע מיידלעך, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט קלאַסיפיצירן די פּרויען־זאַכן. דערזעענדיק אונזערע מאַטערנישן, האָבן זיי באַלד אַרויסגעשטעלט אַ קליינעם קעסל מיט 15 ליטער זופּ, וואָס זיי האָבן ניט געגעסן.

נאָכדעם ווי מיר האָבן אויסגעליידיקט דעם וואָגן, האָבן מיר זיך אַ וואָרף געטאָן, ווי הונגעריקע וועלף, אויף דעם קעסל און אים אויסגעליידיקט, אָן לעפל, פּשוט מיט אונזערע הענט.

דאָס איזווירקלעך געווען אונזער שכר פאַר דער שווערער אַרבעט.

איך האָב אויך איינמאָל איבערגעלעבט אין דער קאָמאַנדע אַ זייער שווערן מאָמענט, וואָס האָט מיר געקאָנט קאָסטן מיין לעבן. אין אַ נאָסן שניי־טאָג איז אויסגעפאַלן אויף אונזער צענדלינג די אַרבעט פון צוזאַמענלייגן ציגל אין אַ גרויסער קופּע. מיר זיינען געשטאַנען און געאַרבעט פון זיבן אין דער פרי, און נאָס געוואָרן ביז אין די קנאָכן. אַרום צען אַזייגער דערהער איך פּלוצלינג אַ געראויש צווישן די ציגל, ווי אַ וואַסער־שטראָם אונטער אַ גרויסן דרוק. אינסטינקטיוו האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עס קומט אויף אונז אַ קאַטאַסטראָפע און איך האָב תיכף אָנגעהויבן אַוועקלויפן פון דער משא ציגל מיט דעם געשריי צו די חברים, אַז זיי זאָלן זיך שנעל ראַטעווען.

תיכף ומיד האָט זיך די וואַנט פון ציגל, וואָס מיר האָבן צוזאַמענגעשטעלט, אַ ריר געטאָן און אומגעפאַלן אויף דעם פּלאַץ, וואו איך און מיינע חברים האָבן זיך געפונען, און האָט מקבר געווען צוויי האָלענדישע אידן פון אונזער גרופּע.

די דאָזיקע קאַטאַסטראָפע האָט אויף מיר געמאַכט אַ זייער שווערן רושם, אָבער די איבעריקע פון מיין גרופּע האָבן נאָר באַדויערט, וואָס זיי זיינען אונטער דעם איינדרוק פון מיין געשריי אַוועקגעלאָפן און האָבן אויסגעמיטן אַזאַ לייכטן טויט.

איך האָב זיך דעמאָלט דערמאָנט אין דער טראַדיציע פון די אידן אויף דער פרייהייט צו גיין אין שול אַריין נאָך אַן אויסגעמידענער קאַטאַסטראָפע, כדי צו בענטשן גומל. אָבער מיר דאָ אין לאַגער זיינען אָפּגעקומען מיט דעם געדאַנק, וואָס יעדע אויסגעמידענע קאַטאַסטראָפע איז אַ קללה פאַר אונזער גוף און יעדע געלונגענע קאַטאַסטראָפע איז אַ חסד פאַר אונז.

ווען וואָלט דען דער בעל־חכם געקאָנט צוקלערן אַזאַ פּאַראַדאָקס, ווען ניט היטלער מיט זיינע קאָנצענטראַציע־לאַגערן?

## קאַפּיטל 26

# ווידער אַ בחירה פון קרבנות פאַר דער גאַז־קאַמער

דאָס אידישע פאָלק איז דאָך אַן אַתּה בחרתּנו פאָלק, דעריבער האָט היטלער מיט זיין קליקע אָנגענומען ביי דער פאַרניכטונג פון די אידן אויך די מעטאָדן פון מאַכן אַ בחירה (אַ סעלעקציע). מען האָט אונז געוויילט אין דראַנסי, פראַנקרייך, כדי צו דעפּאָרטירן; גע־ווילט אונז אין אוישוויץ, ביים אָנקומען, ווען צו שענקען דאָס לעבן; געוויילט אין לאַגער גופא, כדי אַוועקצושיקן אין די קוילן־גרובן, און איך האָב געמיינט, אַז דערמיט האָט עס זיך שוין געענדיקט. צום סוף אָבער האָט דעם 18טן יאַנואַר, 1944, נאָכן „אַפּעל", דער בלאָק־שריי־בער אויסגערופן, אַז אַלע אידן זאָלן תיכף ומיד אַרויסגיין פון די רייען און זיך אויסשטעלן באַזונדער.

מיט וואָס דאָס מין „אידן־אַפּעל" שמעקט האָב איך נאָך ניט גע־וואוסט, אָבער לויט דער פריילעכער מינע פון דעם בלאָק־שרייבער און פון די אַנדערע פוילישע שטובן־עלטסטע, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מען גייט מאַכן מיט אונז אַן ערנסטע אָפּעראַציע און אַז אונזער אַלע־מענס לעבן איז אין געפאַר.

מען האָט אונז אַרויסגעפירט אין הויף פאַר אונזער בלאָק און דער בלאָק־שרייבער מיטן בלאָק־עלטסטן האָבן אפילו יעדן איינעם פון אונז אויסגערופן ביים נאָמען, וואָס איז פאַר די אַנאַלן פון דעם לאַגער זייער אַ זעלטענע זאַך. זיי האָבן אונז מיט דער קאַרטאָטעק אין האַנט באַגלייט אויף דער שטראַסע, וואָס פירט צום באָד־אַנשטאַלט.

דאָרט האָבן מיר שוין געפונען אויסגעשטעלט די אַנדערע אידן פון דעם לאַגער, לויט זייערע בלאָקן, אין דער שפּיץ פון וועלכע עס האָט זיך תמיד געפונען זייער בלאָק־עלטסטער.

מיר פון בלאָק נומער 2 האָבן זיך געשטעלט הינטער דעם בלאָק נומער 1.

צום אָנהייב האָבן מיר קיינעם פון די עס.־מענער ניט געזען און אונזער בלאָק־עלטסטער האָט זיך דערוויִיל געגומען ווערטלען מיט די דייטשישע מישלינגע, צווישן וועלכע עס איז געווען אַ קצב פון ברעסלוי. ער איז, ווייזט אויס, אויף דער פרייהייט, אין די גוטע צייטן, געווען אַ קרעפטיקער יונג, אָבער איצט האָט ער אויסגעזען שטאַרק אָפּגעמאָגערט, אָבער גרויס־געוויקסיק און מיט אַ רויטלעכער פאַרב אין פּנים.

אונזער בלאָק־עלטסטער רופט־צו זיין קאָלעגע פון דעם פערטן בלאָק וועלכער האָט זיך געפונען הינטער אונז (דער דריטער בלאָק האָט אויסגעפּעלט, ווייל דאָרט האָבן קיין אידן ניט געוואוינט) און צייגט אויף דעם קצב מיט די ווערטער:

„זעסטו, דער איז אַ פליישער פון פאַך, אָבער איצט דענק איך וועט פון אים אַליין ווערן אַ געבראַטנס, ניט אמת?"

„יאָ!" ענטפערט זיין קאָלעגע, אויף וועמעס געזיכט עס האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ ברייט שמייכל. „ביז איצט האָט ער באַדינט זיינע קליענטן און איצט וועט ער אַליין באַדינט ווערן!"

זייערע צינישע, דעמאָראַליזירטע ווערטלעך אויף אונזער חשבון האָבן אַזוי לאַנג געדויערט, ביז עס האָבן זיך באַוויזן די עס.־מענער און האָבן באַפוילן אָנצוהייבן אונז אַריינלאָזן אין באָד־אַנשטאַלט. דאָרט האָבן מיר באַקומען דעם באַפעל זיך שנעל אויסצוטאָן נאַקעט, צוזאַמענבינדן אַלע מלבושים אין רעקל און, מיטנעמענדיק דאָס פּעקל, זיך שטעלן איינער הינטער דעם צווייטן.

מיר זיינען נאָכדעם אַריינגעלאָזט געוואָרן אין צווייטן צימער, וואו עס האָבן זיך געפונען צוויי אָפיצירן אין עס. עס. יוניפאָרמען. איינער פון זיי איז געווען אַ דאָקטאָר. צו אים האָבן מיר געדאַרפט צו־גיין אויף אַ מרחק פון דריי מעטער, אַוועקלייגן דאָס פּעקל און אויס־שטרעקן ביידע הענט אין דער לופט. דער דאָקטאָר האָט יעדן פון אונז געגעבן אַ צייכן, אין וועלכער זייט מיר זאָלן ווייטער גיין. די יעניקע, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן צו גיין אויף לינקס פון דעם דאָקטאָר, זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דעם צווייטן עס. אָפיציר, וועלכער

האָט פון דער האַנט אָפּגעשריבן דעם נומער פון דעם העפטלינג און געהייסן אים צוריק אָנטאָן די מלבושים. די אַנדערע, וואָס אויף רעכטס, האָבן אָן שום שוועריקייטן געקאָנט ווידער אָנטאָן זייערע מלבושים און זיינען געטריבן געוואָרן צוריק אויפן בלאָק.

די רוסן, וועלכע האָבן זיך געפונען מיט מיר אין איין צימער, האָבן מיך באַלד אַרומגערינגלט און געוואָלט וויסן, אויב מען האָט מיין נומער אויפגעשריבן. דערוויסנדיק זיך, אַז איך בין דורכגעלאָזט געוואָרן, האָבן זיי מיר תיכף דערציילט, אַז די אַלע, וועמעס נומערן מען וועט אויפשרייבן, וועלן נאָך אין דער נאַכט אַוועקגעשיקט ווערן קיין בירקענאַו אין דער גאַז־קאַמער.

פון אונזער צימער האָט דער עס. עס. מאַן אויסגעשריבן זעקס אידן, וועלכע זיינען באַלד נאָך מיר אַרויפגעקומען אין בלאָק און האָבן זיך געשטעלט אין דער רייע, כדי צו באַקומען דעם אָוונט־ברויט. זיי האָבן דאָס שטיקל ברויט געגעסן מיט גרויס פאַרגעניגן, ווי עס זאָל גאָרניט געווען פאַרגעקומען אין זייער מזל. אין דעם מאָמענט האָב איך זיי ניט פאַרשטאַנען. אָבער מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער, ווען איך אַליין בין שוין געווען אויפגעשריבן אויף צו גיין אין דער גאַז־קאַמער, האָב איך אַליין רעאַגירט אויף דעם אַזוי גלייכגילטיק, ווי זיי איצט.

דעם אָוונט האָט אונז דער שטוב־עלטסטער געטריבן, אַז מיר זאָלן גיין פריער אין די בעטן און די ליכט איז תיכף אויסגעלאָשן געוואָרן אין אונזער צימער.

איך בין געווען שטאַרק מיד פון מיין טאָג אַרבעט, אָבער די דאָזיקע „סעלעקציע" מיט דער ידיעה וועגן דעם צוועק פון דער דאָזיקער אַקציע האָבן מיר געשטערט איינצושלאָפן און איך האָב געפילט, אַז די דאָזיקע נאַכט וועט אונז ברענגען פיל יסורים.

און כך הוה! ניט לאַנג נאָכן אויסלעשן דאָס ליכט האָט זיך ווידער באַוויזן ליכט אין צימער און עס זיינען אַריינגעקומען אַלע אונזערע שעפן: דער בלאָק־עלטסטער, זיין געהילף, דער בלאָק־שרייבער און נאָך אַ פּאָר פּאָליאַקן. דער בלאָק־שרייבער האָט אויסגערופן די נו־

מערן פון די זעקס אידן, וועלכע זיינען ביי דער סעלעקציע אויפגע־שריבן געוואָרן, און ער האָט באַפוילן, אַז זיי זאָלן תיכף אַרונטערגיין פון די בעטן און זיך שנעל אָנטאָן די קליידער.

באַלד נאָך דעם האָט זיך די באַנדע אַ וואָרף געטאָן צו די אומ־גליקלעכע, וועלכע זיינען האַלב־נאַקעט און דערשראָקן געבליבן זיצן אויף זייערע בעטן, און האָבן זיי אָן רחמנות אַרונטערגעשלעפּט און גע־שלאָגן מכות רצח.

ווער פון זיי עס האָט צייט געהאַט עפּעס אַרויפצוציען אויף זיך און ווער עס איז נאָך געווען נאַקעט, זיינען אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון צימער און זיינען אויף דער פּלאַטפאָרם פאַר דער טיר פון אונזער צימער אויסגעשטעלט געוואָרן.

די טיר האָט געהאַט פענצטער און איך האָב פון אונזער טונקעלן צימער, וואו דאָס ליכט איז אויסגעלאָשן געוואָרן געקאָנט פון מיין בעט, אויפן דריטן שטאָק, באַאָבאַכטן אַלץ, וואָס עס קומט ווייטער פאָר.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס צימער, וואָס האָט זיך גע־פונען קעגנאיבער אונזער צימער אויפן בוידעם, איז באַשטימט גע־וואָרן פאַר אויפנעמען די אַלע אידן, וועלכע זיינען דורך די עס. עס.־מענער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס „מוסולמענער״.

„מוסולמענער״ האָט מען אין לאַגער גערופן די אידן, וועלכע זיינען אין לאַגער פון דער אַרבעט און דעם רעזשים אויסגעמוטשעט און אָפּגעמאָגערט געוואָרן און זיינען, לויט דער מיינונג פון די עס. עס.־מענער, מער ניט פעאיק צו דער אַרבעט.

דעריבער ווערט אין אוישוויץ און אַלע זיינע קאָמאַנדעס אַלע דריי חדשים, פונקט דעם 18טן פון דעם חודש, באַשטימט אַ „בחירה״, כדי אויסצושליסן און פאַרניכטן די „אומוויכטיקע״ עלעמענטן.

איך האָב געזאָגט „אין די קאָמאַנדעס״, ווייל אין „קראַנקן־באַאו״ (שפּיטאָל) ווערט אַזאַ סעלעקציע נאָך אָפטער געמאַכט, איינמאָל אָדער צוויי מאָל אין חודש. דעריבער האָבן מיר אידן אויסגעמידן צו גיין אין שפּיטאָל, בעת אַ קראַנקהייט, סיידן מען איז שוין געפאַלן פון די פיס.

דעם דאַטום 18 האָבן די דייטשן אויסגעקליבן, ווייל די ציניקער

האָבן, ווייזט אויס, געוואוסט, אַז די צאָל 18 איז ביי די גלויביקע אידן אַ גליקלעכער מספר, ח״י, וואָס באַדייט לעבן, און דעריבער האָבן זיי די צאָל פאַרוואַנדלט אין טויט.

די זעקס פאַר׳משפּט׳ע פון אונזער צימער האָט מען אַריינגעוואָרפן אין דעם צימער קעגנאיבער און ביי דער טיר איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ טישל, צו וועלכן עס האָט זיך צוגעזעצט אונזער בלאָק־שרייבער.

פאַר דעם דאָזיקן טישל האָבן אָנגעהויבן דורכגיין די פאַר־משפּט׳ע אידן פון אַלע אַנדערע בלאָקן און דער שרייבער מיט אַ צעטל אין דער האַנט האָט אויסגערופן בלאָקוויז יעדן ביים נאָמען, און דער אויסגערופענער איז אַריינגעלאָזט געוואָרן אין שטייג־צימער.

איך האָב געהערט געשרייען, יללות פון יונגע קולות, וועלכע האָבן מיך זייער שטאַרק צעבראָכן און איך האָב מיטגעוויינט מיט זיי מיט ביטערע טרערן ביז איך בין איינגעשלאָפן.

אין דער פרי, אַרויסגייענדיק פון אונזער צימער, כדי צו גיין זיך וואַשן, האָב איך געזען פאַר דער טיר פון יענעם צימער אַ וואַך פון לאַגער־פּאָליציי. אויף דער טיר איז געהאַנגען אַ גרויסער שלאָס. צוגיין נאָענט צו דער טיר האָט מען ניט געטאָרט. די טיר האָט געהאַט אַ פענצטער און איך האָב פון דער ווייטנס געזען די אַלע אויס־געמוטשעטע פּנים׳ער, אויף וועלכע עס איז שוין געלעגן אַ טויט־שרעק. זיי האָבן זייערע היגיענישע באַדערפענישן געמאַכט אין צימער גופא, אין אַ פּאַס, און האָבן זייער עסן באַקומען גאַנץ רעגולער, ווי די אַנדערע, אָבער אונטער דער אויפזיכט פון אַן עס. עס. מאַן, ביי וועלכן עס האָט זיך געפונען דער שליסל פון דעם שלאָס.

צוויי טעג האָבן זיך די אומגליקלעכע געוואַלגערט אויפן קאַלטן בוידעם און געוואַרט אויף אַ ישועה.

ביי די פריערדיקע אַקציעס האָט מען די אויסגעקליבענע קרבנות נאָך אין דער זעלבער נאַכט אַוועקגעשיקט, און איצט האָט זיך יעדער געוואונדערט פאַרוואָס מען פאַרהאַלט זיי אַזוי לאַנג אין אוישוויץ. עס האָט זיך אַפילו פאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג

האָט אינטערוועניִרט לטובת די אומגליקלעכע דורך דער ראַדיאָ און האָט אַפילו דערקלערט, אַז זיי וועלן אָננעמען די זעלבע מיטלען אין באַציאונג צו די דייטשן, וואָס וואוינען אין אַמעריקע. אייניקע זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער מיט זייערע פאַנטאַזיעס און האָבן דערציילט, אַז לויט ידיעות, וואָס זיי האָבן באַקומען דורך פּאַליאַקן, האָט מען אין אַמעריקע שוין איינגעשפּאַרט צענדליקער טויזנטער דייטשן אין קאָנ־צענטראַציע־לאַגערן און זיי טראָגן די זעלבע נעמען ווי די לאַגערן אין דייטשלאַנד. אַזוי אַרום איז שוין אַפילו דאָרט פאַראַן אַ לאַגער מיטן נאָמען אוישוויץ. און אויב די פאַרניכטונג פון די אידן אין דייטשלאַנד וועט פאַרגעזעצט ווערן, וועלן די אַמעריקאַנער צאָלן מיט דער זעלבער מטבע.

איך האָב נאָך אין לאַגער ניט געוואָלט גלויבן אין אַזאַ פאַנטאַס־טישער בבא־מעשה, און ווער שמועסט איצט, איז איבערהויפּט לעכער־לעך איבערצו׳חזר׳ן וועגן דעם.

איך האָב דאָס דערציילט, כדי צו ווייזן אויף וויפל דער לעבע־דיקער מענטש זוכט אַ שטראַל פון האָפענונג אין זיין פאַרצווייפלטן צושטאַנד, און עס קאָן זיין, אַז אַזעלכע בבא־מעשות האָבן געשטאַרקט די מאָראַל פון שוואַכע מוחות און האָבן געגעבן מוט פאַרצוזעצן זייער טראַגישע עקזיסטענץ.

די סיבה פאַר פאַרהאַלטן די פאַר׳משפּט׳ע אידן האָט זיך פּשוט געפונען אין דעם, וואָס דער קאָמענדאַנט פון דעם לאַגער אוישוויץ איז געווען אָוועקגעפאָרן און אָן אים האָט מען ניט געהאַט קיין רעכט אַרויס־צוגעבן ווען עס איז צו דער גאַז־קאַמער.

אויפן דריטן טאָג איז ער געקומען פון זיין רייזע און ער האָט געלאָזט רופן צו זיך אַלע שעפן פון די בלאָקס און זיי געבעטן איבער־געבן די העפטלינגע אַז די דאָזיקע אַקציע איז געמאַכט געוואָרן אָן זיין הסכמה און ער וועט זען, אַז מען זאָל די אויסדערוויילטע נאָכאַמאָל באַ־טראַכטן דורך אַ מעדיצינישער קאָמיסיע. אויף ווייטער האָט ער פאַר־שפּראָכן ניט צוצולאָזן קיין סעלעקציע אין לאַגער צווישן די, וואָס גייען אַרויס אויף דער אַרבעט.

און ער האָט געהאַלטן וואָרט, ווייל מען האָט דעם זעלבן טאָג די 270 איינגעשפּאַרטע אויפן בוידעם איבערגעפירט אויפן בלאָק נומער 9, וואו פּוילישע דאָקטוירים האָבן יעדן איינעם באַטראַכט און נאָך אַ דריטל איז געשיקט געוואָרן שבת קיין בירקענאַו, וואו זיי האָבן אָפּגעגעבן זייערע הייליקע נשמות אויף קידוש השם.

## קאַפּיטל 27
# דער היגיענישער אינסטיטוט „רייסקאָ"

איך פּערזענלעך האָב ניט בייגעוואוינט זייער אָפּפאָר קיין בירקענאַו, ווייל דעם 19טן יאַנואַר אין אָוונט, נאָכן אַפּעל, האָט דער בלאָק־שרייבער פּלוצלינג אויסגערופן מיין נומער. עס איז, פאַרשטייט זיך, געפאַלן אויף מיר אַ טויט־שרעק, ווייל איך האָב זיך נאָך אַלץ געפונען אונטער דעם איינדרוק פון דער שלעכטער נאַכט, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט. דער בלאָק־שרייבער האָט מיר אָבער מיט אַ שמייכל אויפן פּנים געמאָלדן, אַז איך זאָל באַלד נעמען מיין אָוונט־ברויט, ווייל איך ווער איבערגעשיקט אויסן בלאָק נומער 11. דער בלאָק איז געווען באַקאַנט אין לאַגער אַלס אַ „בונקער־בלאָק", ד. ה. אַ געפענגעניש, וואוהין מען פאַרשפּאַרט די עפּטלינגע, וואָס האָבן זיך שוין אין לאַגער גופא פאַרשולדיקט אַלס „פּאָליטישע", און זיי ווערן דאָרט אין קעלער געפּייניקט דורך די געסטאַפּאָ־לייט ביז מען קריגט פון זיי אַרויס די אינפאָרמאַציע, וואָס זיי ווילן האָבן.

אין לאַגער וואַרפט אויף יעדן אַ שרעק, ווען מען דערהערט דעם בלאָק נומער 11. און ווען מען האָט מיר געמאָלדן, אַז איך ווער איבערגעפירט אַהין, האָב איך זיך אַליין געפרעגט וואָס פאַר אַ חטא איך בין פאַר דער צייט באַגאַנגען.

מיינע פריינט און חברים האָבן אויף מיר געקוקט מיט שרעק און האָבן מיך געפּרואווט באַרואיקן. אָבער קיינעם פון זיי איז ניט

איינגעפאַלן, אַז אויף דעם דאָזיקן בלאָק געפינט זיך די קאָמאַנדע פון כעמיקער, וואָס גייען אויף אַרבעט אין דעם היגיענישן אינסטיטוט אין רייסקאָ.

דער בלאָק־שרייבער האָט מיט מיר מיטגעשיקט מיין אַלטן באַקאַנטן, דעם רוצח שיילאָק פון וואַרשע, וועלכער האָט אונז אַזוי געפייניקט אין זיין צימער, אַז ער זאָל מיך אַליין אַריבערברענגען מיט אַ צעטל אויפן באַשטימטן בונקער־בלאָק.

די טיר פון דעם בלאָק האָט זיך געפונען אינגאַנצן פאַרשלאָסן, ניט ווי אויף די אַנדערע בלאָקן. נאָכן אַנקלינגען האָט אונז אַן עס. עס.־מאַן אין יוניפאָרם אויפגעעפנט די טיר. מיין באַגלייטער האָט מיך איבערגעגעבן מיטן צעטל דעם עס. עס. מאַן און ער איז באַלד פאַרשוואונדן. אין דער זעלבער צייט האָט זיך געעפנט אַ טיר פון אַ זייטיקן צימער און עס האָט זיך באַוויזן אַ יונג מיט ברייטעביינער און שטאַרקע מוסקולן פון אַ פּראָפעסיאָנעלן באָקסער, און ער האָט זיך געווענדט צום עס. עס. מאַן מיט די ווערטער:

„הער ראַטן־פירער, איז דאָס אַ קאַנדידאַט פאַרן בונקער?"

„ניין!" האָט דער עס. עס. מאַן געענטפערט.

שפּעטער בין איך געוואויר געוואָרן, אַז דער דאָזיקער מאַן מיט די שטאַרקע מוסקולן איז אַ אידישער „באָקסער" פון בערלין און איז אַפילו געווען מענעדזשער פון דעם דייטשישן באָקסער שמעלינג. מען האָט אים גערופן יאַקאָב, און די עס. עס.־מענער האָבן ווי ליבהאָבער פון ספּאָרט, פון אים געהאַלטן און אים באַשטימט אַלס אויפזעער פון דעם בונקער און גלייכצייטיק אַלס עקזעקוטאָר פון פאַרשידענע שטראָף־מיטלען קעגן די איינגעשפּאַרטע.

מען האָט אויך דערציילט, אַז צו אידן האָט ער זיך גוט באַצויגן. אָבער אויף וויפל דאָס איז אמת, ווייס איך ניט.

דער בלאָק־שרייבער, אויך אַ פּאָליאַק, האָט מיך איבערגענומען, געעפנט די אייזערנע טיר, וואָס האָט געפירט אויפן ערשטן שטאָק, און האָט מיך אַריינגעפירט אין צימער, וואו עס האָבן זיך געפונען די כעמיקער.

ווי נאָר די טיר האָט זיך הינטער דעם שרייבער צוגעמאַכט, האָב איך באַמערקט, אַז איך געפין זיך אין אַ גאַנץ אַנדער סביבה, ווי ביז איצט.

אַ גאַנץ היפשע חברה פון העפטלינגע מיט סימפּאַטישע אידישע געזיכטער פון אינטעלעקטואַלן האָט מיך תיכף אַרומגערינגלט, געדריקט מיר די האַנט מיט אַ וואַרעמען שלום־עליכם און מיך אויפגענומען ווי אַן אייגענעם.

איך האָב געפונען צווישן זיי דריי דאָקטוירים פון פראַנקרייך, וואָס אַרבעטן אין דער ביאָלאָגישער אָפּטיילונג פון דעם אינסטיטוט; גוט באַקאַנטע כעמיקער פון האָלאַנד, וואָס האָבן גערעדט פראַנצויזיש, און עס האָט זיך צווישן אונז פאַרבונדן אַ וואַרעמער שמועס.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן מיר פאַרגעזעצט אונזערע געשפּרעכן. איך האָב זיי אינפאָרמירט וועגן די לעצטע געשעענישן אין פראַנקרייך, ווייל זיי האָבן זיך שוין געפונען אין אוישוויץ זינט יולי, 1943. זיי האָבן מיך אינפאָרמירט אויבערפלעכלעך וועגן דעם כאַראַקטער פון דעם היגיענישן אינסטיטוט, וואוהין מען האָט מיך באַשטימט אַלס כעמיקער.

פון אַלע זייערע דערציילונגען האָט זיך נאָך מער בולט אַרויסגעוויזן, אַז זינט 1942 ווערט דורך די עס. עס. לייט געפירט אַ גרויסע אַקציע פון פאַרניכטונג פון דער אידישער באַפעלקערונג אין אייראָפּע. אַלע זיינען זיי געבראַכט געוואָרן מיט זייערע פרויען און קינדער קיין אוישוויץ. די משפחות זיינען פאַרגאַזט געוואָרן און זיי אַליין האָבן מער ניט קיין שום האָפענונג געראַטעוועט צו ווערן. לויט זייער מיינונג וועלן די עס. עס. לייט אונז אַלע פאַרניכטן אין דער לעצטער מינוט און קיינער פון אונז וועט ניט אַרויס קיין לעבעדיקער.

איך בין געווען ווייניקער פּעסימיסטיש ווי זיי, און ליידער זע איך איצט, אַז זיי האָבן דעמאָלט רעכט געהאַט. דער קליינער פּראָצענט אידן, וואָס איז לעבן־געבליבן אין אייראָפּע, פון די וואָס האָבן זיך געפונען אין דעם רשות פון די נאַציס, איזווירקלעך געראַטעוועט געוואָרן על־פּי נס.

מיט צוויי קאָלעגן דאָקטוירים פון פראַנקרייך, מיט וועלכע איך האָב דאָן די דאָזיקע פראַגע דיסקוטירט און וועלכע זיינען געווען אַזוי פּעסימיסטיש געשטימט, האָב איך זיך געטראָפן אין דאַכאַו, געטראָפן על פּי צופאַל נאָך דער באַפרייאונג און מיר זיינען שפּעטער צוזאַמען אַריינגעקומען אין פראַנקרייך. לויט זייער מיינונג, זיינען זיי די איינציקע געראַטעוועטע פון דער קאָמאַנדע, און דאָס איז געווען אַ דאַנק דעם, וואָס דורך דער עוואַקואירונג פון אוישוויץ האָבן זיי געקראָגן אַ מעגלעכקייט אין די ווייטערע לאַגערן צו פיגורירן אַלס פראַנצויזן און ניט אַלס אידן.

איך פּערזענלעך האָב נאָך אין חודש מאַי, 1944, פאַרלאָזן אוישוויץ און דעם אינסטיטוט, אַזוי אַרום זיינען די ידיעות, וואָס זיי האָבן מיר געגעבן, געווען זייער וויכטיקע, ווייל זיי זיינען געבליבן אין אוישוויץ ביז דער ליקווידירונג פון דעם לאַגער.

דער היגיענישער אינסטיטוט האָט זיך געפונען אויסערן לאַגער, אויף אַ מרחק פון פינף מייל, ביים דאָרף „רייסקאָ“ און איז געווען אויסער דער „פּאָסטען־קעטע“.

אוישוויץ מיט זיינע לאַגערן און קאָמאַנדעס, וואוהין די העפטלינגע פון לאַגער זיינען געגאַנגען אויף אַרבעט, האָט פאַרנומען אַ שטח פון זעכציק קוואַדראַט מייל. אַרום דעם שטח איז געמאַכט געוואָרן אַ טראַנשייע און אויף יעדע 500 פוס האָט זיך געפונען אַ וואַך און אַ פּאָסטן־טורעם. די דאָזיקע באַוואַכטע טראַנשייען האָט מען גערופן „פּאָסטען־קעטע“.

די געביידע פון דעם אינסטיטוט האָט זיך געפונען אין דער „פּאָסטען־קעטע“. פונדעסטוועגן איז אַרום דער געביידע און הויף אויפגעשטעלט געוואָרן אַ צוים פון דראָט און אין אַלע פיר עקן פון דעם הויף זיינען געווען אויסגעבויט טורעמס, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען פּאָסטנס פון די עס. עס. מענער, וועלכע האָבן אונז באַגלייט פון דעם לאַגער צו דער אַרבעט און אונז באַוואַכט ביז אונזער צוריקגיין אין לאַגער.

גייענדיק צו דער אַרבעט, זעט מען פון דער ווייטנס די גרויסע קוימענס פון דעם בירקענהאַו קרעמאַטאָריום, וועלכע רויכערן אַן אויפֿהער טאָג און נאַכט און פֿאַרשפּרייטן דעם געשטיקטן גערוך פון די פֿאַרברענטע אידישע קרבנות.

מיט דעם היגיענישן אינסטיטוט האָט אָנגעפירט אַ יונגער ד״ר וועבער מיטן טיטול „אָבערשטורעם־פירער פון עס־עס־וואַפע״, אַ הונדערט פּראָצענטיקער היטלעריסט און, פֿאַרשטייט זיך, אַ שונא ישראל. זיין כאַראַקטער איז בכלל אַ סאַדיסטישער און אַלע זיינע המצאות האָבן איבערהויפּט נישט אָנטשפּראָכן זיין קולטורעלן טיטול. אויסער דעם — אַ גרויסער גדלן און אַן אויסגעפּוצטער פּראַנט.

ער האָט זיך זייער אָפּט דערלויבט אַרונטערצושיסן די אומשולדיקע פייגל, און ווען איינער אַזאַ פויגל האָט זיך נאָר געפונען פֿאַרוואונדעט, האָט ער גערופן די אידישע דאָקטוירים פון דער ביאָלאָגישער לאַבאָראַטאָריע און באַפוילן, אַז מען זאָל דעם פויגל אָפּערירן און טאָן אַלץ מעגלעכעס אים צו ראַטעווען דאָס לעבן און אַז מען זאָל אים פֿערזענלעך יעדן טאָג באַריכטן די רעזולטאַטן. די דאָקטוירים האָבן זיך מיטן פויגל באַשעפטיקט און מיט גרויס מי און גאָט׳ס חסד האָט זיך זיי איינגעגעבן דעם פויגל צו דערהאַלטן ביים לעבן.

אויפן צווייטן טאָג מעלדעט מען דעם ד״ר וועבער וועגן דער גליקלעכער און געלונגענער אָפּעראַציע איבערן פויגל, אָבער דער סאַדיסט האָט שוין וועגן זיין מילדקייט צום פויגל פֿאַרגעסן און האָט געהייסן אים לאָזן שטאַרבן. דאָס האָט נאָר באַוויזן, אַז דער נעכטיקער באַפעל איז געמאַכט געוואָרן בלויז כדי צו טעראָריזירן די אידישע דאָקטוירים.

אין אינסטיטוט זיינען געווען פֿאָלגנדע אָפּטיילונגען: כעמישע, ביאָלאָגישע, דערנערונגס מיטלען, פילאָלאָגישע, וועטערינאַרישע, עקספערימאַנטאַלע, מיקראָסקאָפּישע און דעזינפעקטישע.

דאָס זיינען געווען די ידיעות וואָס מיינע נייע קאָלעגן האָבן מיר געגעבן וועגן דעם דאָזיקן אינסטיטוט.

איך בין איבערראַשט געוואָרן ווען איך האָב צום שלאָפן געקראָגן אַ בעט מיט אַ דעקע פאַר זיך אַליין און דאָס האָט מיך ממש געפרייט ווי אַ קינד.

אויף מאָרגן האָט מען אונז אויפגעוועקט זייער פרי, און נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אָרומגעוואַשן, האָט אונז דער „קאַפּאָ", וועלכער איז געשלאָפן מיט אונז צוזאַמען אין איין צימער, אויסגעשטעלט און אײַנגעטיילט, כדי מיר זאָלן קאָנען צוזאַמען אַרויסגיין פון געשלאָסענעם בלאָק.

עס איז כדאַי צו באַמערקן, אַז אונזער „קאַפּאָ" איז געווען אַ מישלינג און האָט אויף דער פרייהייט פאַרמאָגט גרויסע האָטעלן אין קאַרלסבאַד. אַזוי ווי ער איז געווען פון סודעטן־לאַנד, האָט ער זיך גערעכנט אַלס אַ פאָלקס־דייטש.

זיין באַציאונג צו אונז איז געווען אַ גאַנץ קאָרעקטע און ער האָט פאַקיש געהייסן דער „פאַרוואַלטער" — דעריבער האָט ער אויך געטראָגן אַ באַנד מיטן אויפשריפט „פאַרוואַלטער".

פון דעם לאַגער האָט מען אונזער קאָמאַנדע אַרויסגעלאָזט צווישן די ערשטע, ווייל מיר האָבן געהאַט ווייט צו גיין און מיר האָבן שוין זיבן אַזייגער באַדאַרפט זיין ביי דער אַרבעט.

די קאָמאַנדע איז באַשטאַנען פון 32 וויסנשאַפטלעכע אַרבעטער און עטלעכע און פערציק לאַבאָראַנטן, גערטנער, האָלץ־העקער, הייצער און אַנדערע פיזישע אַרבעטער.

ווי מיינע קאָלעגן האָבן מיר אין דער פאַבריקער נאָכט דערציילט, זייענען מיר, אונטער דער באַגלייטונג פון אַ וואַך פון עס. עס.־מענער, מיט זייערע ביקסן אין דער האַנט, גרייט צו שיסן אויף אונז, געפירט געוואָרן צום אינסטיטוט. אויפן וועג האָט מען מיר געוויזן די אויוונס, פון וועלכע עס איז אַרויסגעקומען אַ שוואַרצער רויך, און איך האָב נאָר געקאָנט אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ און לאָזן אַ טרער איבער די שוועסטער, ברידער און קינדער, וועלכע זיינען אַזוי אוממענטשלעך אומגעבראַכט געוואָרן.

דער וועג איז געווען זייער אַ שלעכטער און איך האָב מיט מיינע האַלץ־שיך געהאַט אַ שווערן קאַמף מיטן שניי און די ריפּעס.

אַריינקומענדיק אין הויף פון אינסטיטוט, האָט אונז אַן עס־עס־מאַן אין גראַד פון אַן אונטערשאַרף־פירער באַגעגנט און דער „קאַפּאָ" האָט געגעבן דעם באַפעל „מיצן אַב" (היטלען אַראָפּ) און מען האָט אונז איבערגעציילט. נאָכדעם האָט געפאָלגט אַ באַפעל „אַלע צו דער אַרבעט". די, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער געביידע, זיינען אַריינגעקומען אין אַ וואַרעמען, באַהייצטן צימער און האָבן זיך צעוואָרפן איבער די פאַרשידענע אָפּטיילונגען. איך, אַלס ניי־צוגעקומענער, בין פאַרהאַלטן געוואָרן פאַר דער טיר פון דער קאַנצעלאַריע, ווייל איך האָב געמוזט צוערשט זיך שטעלן פאַרן שעף, דעם אָבערשטורעם־פירער ד"ר וועבער.

מיט איניקע מינוטן שפּעטער איז אַריינגעקומען דער שעף, באַגלייט פון אַ גרויסן דייטשישן וואָלף־הונט, און מען האָט מיך צו אים אַריינגערופן. איך האָב אין אים דערקענט איינעם פון מיינע עקזאַמענאַטאָרן, וועלכער האָט גערעדט פראַנצויזיש. ער האָט זייער העפלעך, אָבער שטרענג, מיט מיר גערעדט און זיך דערמאָנט, אַז ער האָט מיך עקזאַמענירט, און באַפוילן מיך אַרויפצופירן אין דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע, וואו איך וועל אַרבעטן אַלס כעמיקער.

אין לאַבאָראַטאָריע האָב איך געטראָפן פינף כעמיקער, צווישן זיי צוויי קריסטן (אַ טשעך און דייטש), מיט וועלכע איך האָב נאָך פאַריקן אָוונט זיך באַקאַנט, און אַזוי אַרום בין איך אויפגענומען געוואָרן ווי אַן אַלטער באַקאַנטער.

דער שעף פון דער לאַבאָראַטאָריע, אַ באַוואוסטער כעמיקער פון בערלין, האָב מיך תיכף געשטעלט צו דער אַרבעט, אַז איך זאָל באַשטימען דעם אייוויס־שטאָף פון אַ געוויסן פולווער־פּודער. ער האָט מיך מתרא געווען, אַז דער אָבערשטורם־פירער קומט אָפט אַריין אין לאַבאָראַטאָריע, כדי צו זען ווי מען אַרבעט.

דאָס צימער, וואו מיר האָבן געאַרבעט, איז באַשטאַנען פון צוואַנציק פוס אין דער לענג און צען פוס אין דער ברייט און האָט

פאַרמאָגט אַלץ וואָס נאָר אַ מאָדערנע לאַבאָראַטאָריע פאַרלאַנגט. די „רעאַגענצן" (כעמישע וואַסער־שטאָפן, מען באַנוצט זיך מיט זיי אין עקספּערימענטן) האָבן מיר באַדאַרפט אַליין צוגרייטן, כדי צו מאַכן די אַנאַליזן. אָבער אַלע נייטיקע כעמישע פּראָדוקטן זיינען אונז צו־געשטעלט געוואָרן. מיר האָבן אַפילו געהאַט יאָד און קוועקזילבער (זאַכן וואָס האָבן שוין אין דעם פרייען האַנדל ניט עקזיסטירט מער).

דער אינסטיטוט האָט זיך מייסטנס באַשעפטיקט מיט צוגרייטן מעדיקאַמענטן און מאַכן אַנאַליזן פאַר דער עס. עס. אַרמיי. די כעמישע אָפּטיילונג האָט דעריבער ניט געאַרבעט אויף אַ ברייטן מאַסשטאַב. מיר האָבן מייסטנס געהאַט צו אַנאַליזירן דאָס בלוט פון דייטשישע „קאַפּאָס" און עס. עס. מענער, וועלכע האָבן זיך פאַר'סמ'ט דורך שלעכטן אַלקאָהאָל, כדי צו שטילן זייער דורשט צו שיכור'ן.

מיר האָבן זייער אָפט געקראָגן מענטשלעכע קנאָכן פון דער קרעמאַטאָריע, כדי פעסטצושטעלן דעם עלעמענט פון פאָספאָטן און אייוויים־שטאָף אין זיי.

אויך האָבן מיר אָפט געקראָגן צו אַנאַליזירן דאָס ברויט און וואורשט, מיט וועלכע מען האָט געהאָדעוועט די עס. עס. אַרמיי, און פאַרשטייט זיך, אַז אַ טייל איז געגאַנגען אין אונזער מאָגן נאָך איידער מיר האָבן דאָס אַנאַליזירט, צי עס איז פאַראַן אַ סם אין די מאכלים.

די אַנוועזנהייט פון ברויט און וואורשט האָט ביי אונזער הונ־געריקן צושטאַנד ניט געקאָנט אונז לאָזן גלייכגילטיק און מיר האָבן ניט מורא געהאַט פאַר'סמ'ט צו ווערן.

קיין דירעקטע פאַרשונגס־אַרבעט פאַרן קריג האָבן מיר ניט געטאָן, ווייל די לאַבאָראַטאָריע איז געווען איינגעריכט נאָר פאַר כע־מישע־מעדיצינישע צוועקן. עס איז געווען אַ געמיטלעכע שפּיטאָל־לאַ־באָראַטאָריע און די אַרבעט פון דעם וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט איז גאָר ניט געווען אַזוי קאָמפּליצירט, אָבער פיזיש איז דאָס געווען, ביי אונזער אָפּגעשוואַכטן צושטאַנד, גענוג פיינלעך. דאָס שטיין אויף די פיס דעם גאַנצן טאָג, דאָס אַרומלויפן פון איין אָרט צום צווייטן נאָך רעאַגענצן, צום טראָקן־שראַנק, צו דער אַנאַליטישער וואָג, צום פאַר־

ברענונגס אויגן נאָך געפּעס און דאָס אַכטונג געבן אויף אַנאַליזן האָבן שטאַרק אויפֿגעמאַטערט די כּוחות. דערצו איז נאָך צוגעקומען די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר די רעזולטאַטן פֿון די אַנאַליזן.

די ביאָלאָגישע אָפּטיילונג האָט געהאַט אַ גאַנץ סיסטעמאַטישע אַרבעט. דאָרט האָט מען פֿאַבריצירט פֿון מענטשלעך בלוט אַ סערום, ניט אין פֿליסיקן צושטאַנד, נאָר אין פּולווער. דאָס איז פּאַקטיש געווען די דערפֿינדונג פֿון די אידישע דאָקטוירים אין אוישוויץ. די ווירקונג פֿון אַזעלכע סערומס האָט מען אויפֿגעפּרואוווט אויף ים־שווייַנען און קראָליקעס, וועלכע זייַנען אין אינסטיטוט גופֿא געצערט געוואָרן.

און מענטשלעך בלוט האָט ניט געפֿעלט אין אוישוויץ. די עס. עס. מענער האָבן זיך ניט גע׳מיאוס׳ט צו נעמען דאָס בלוט פֿון אידישע העפֿטלינגע, כּדי צו פֿאַבריצירן פֿאַר זייער אַרישע קראַנקע אָדער פֿאַר־וואונדעטע דעם סערום.

עס איז אַפֿילו מערקווירדיק, וואָס דאָס בלוט איז ניט גענומען געוואָרן פֿון אַרבעט־פֿעאיקע מענטשן אין לאַגער, נאָר פֿון די קראַנקע, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין שפּיטאָל.

ווען דער אינסטיטוט האָט באַדאַרפֿט האָבן אַ קוואַנטיטעט בלוט, האָט זיך דער שעף געווענדט צו דעם אָבער־אַרצט פֿון דעם לאַגער, און דער לעצטער האָט געגעבן אַ באַפֿעל אין די שפּיטאָל־באַראַקן, אַז מען זאָל צאַפּן דאָס אידישע בלוט.

דער דאָקטאָר פֿון יעדן באַראַק האָט שוין אַליין אויסגעוויילט די קראַנקע, ביי וועמען מען זאָל נעמען דאָס בלוט, און מען האָט אָן שום רחמנות אויסגעצאַפּט פֿון דעם קראַנקן אויף איין מאָל 450 גראַם בלוט.

איך פּערזענלעך האָב דאָס איינמאָל איבערגעטראָגן אויף מיין אייגענעם גוף און איך בין דערנאָך געלעגן דריי טעג אָן שום כּוח, ווייל נאָך אַזאַ פֿאַרלוסט פֿון בלוט, ווען מיר האָבן שוין אַזוי אויך ווייניק געהאַט אין זיך, האָט מען אונז „בלוט־געבער" מוסיף געווען אין יענעם טאָג 250 גראַם ברויט. מיט דעם האָבן די סאַדיסטן אונז געוואָלט באַצאָלן פֿאַר אונזער אויסגעצאַפּטן לעצטן ביסל בלוט.

די אַרבעט אין דער לאַבאָראַטאָריע איז אָנגעגאַנגען ביז צוועלף בייטאָג. נאָך דעם האָבן אַלע מיטאַרבעטער פון דער קאָמאַנדע געמוזט זיך אויסשטעלן אין הויף, אונטערן שניי און רעגן, צום „אַפּעל". אויב דער מספר האָט געשטימט, האָט מען אונז אָנגעהויבן אַריינצולאָזן אין קעלער פון דער געביידע, וואו דער „קאַפּאָ" האָט אונז אויסגעטיילט די געבראַכטע זופּ פון לאַגער.

קיין לעפל זיינען ניט געווען און מיר האָבן דאָס ביסל וואַסער אויסגעטרונקען אין איילעניש, שטייענדיק אויף די פיס. פאַר דעם „אַפּעל" און פאַר דעם אויסטיילן פון דער זופּ און אויסטרינקען עס האָבן מיר אין אונזער רשות געהאַט איין שעה.

מידע און הונגעריקע, איז מען ווידער באַלד נאָכדעם גערופן געוואָרן צו דער אַרבעט.

דער לייענער וועט זיך וואונדערן פאַרוואָס איז די זופּ געבראַכט געוואָרן פון לאַגער אַהער, אַנשטאָט מען זאָל די זופּ צוגרייטן דאָ אויפן פּלאַץ. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס מיר אַלע, די העפטלינגע, האָבן זיך גערעכנט אַלס קנעכט, וועלכע די לאַגער־אַדמיניסטראַציע האָט פּשוט פאַרדונגען צו פאַרשידענע אַרבעטן און זי האָט באַקומען דערפאַר אַ געוויסן שכר פער־קאָפּ. און מיר כעמיקער זיינען אויך געווען עבדים, פאַר וועלכע די עס. עס. אַדמיניסטראַציע אין לאַגער האָט באַקומען אַ געוויסן לוין פון דער עס. עס. אַדמיניסטראַציע אויסער דעם לאַגער. אָבער שפּייזן אונז האָט באַדאַרפט זיין אויף דעם רעכענונג פון לאַגער.

דעריבער זיינען אויך געווען טעג, וואָס די זופּ איז איבערהויפּט פון דעם לאַגער נישט געשיקט געוואָרן און מיר זיינען אין די גרויסע פרעסט געבליבן דעם גאַנצן טאָג אָן אַ ביסל וואַרעם געקעכץ.

דעם שעף, דעם אָבערשטורם־פירער ד"ר וועבער, האָט דאָס אָבער ווייניק וואָס געקימערט און מיר האָבן הונגעריקע געמוזט פאַרזעצן די אַרבעט.

אַרום דריי אַזייגער נאָכמיטאָג האָבן אייניקע פון אונז זיך געמוזט נעמען אין אונזער לאַבאָראַטאָריע צו רוימונגס־אַרבעט. וויפל

פלעשער און פלעשלעך עס האָבן זיך נאָר געפונען אין דער לאַבאָראַ־טאָריע, האָבן זיי געמוזט יעדן טאָג אויסגעווישט ווערן פון שטויב, ווייל פאַר דעם שליסן איז תמיד אַריינגעקומען אַ יונגער שיכור׳ער עס. עס. מאַן מיטן טיטול פון שאַרף־פירער און האָט נאָכגעזוכט, צי מיר האָבן איבערגעלאָזט שטויב. אין פאַל ווען עס איז אים געלונגען עפּעס צו געפינען, האָבן מיר אַלע געמוזט אויפן צווייטן טאָג מאַכן „ספּאָרט״ אין דרויסן אויף דעם ברייטן שליאַך. און ווי שטאַרק מיר האָבן זיך ניט גע׳בריה׳ט, איז אים דאָך פון צייט צו צייט געלונגען עטוואָס צו געפינען און מיר האָבן געמוזט ניט איינמאָל אין דער בלאָטע זיך וואַל־גערן ביים דורכמאַכן דעם „ספּאָרט״.

מצד דעם יונגן שיכור׳ן עס. עס. מאַן האָט מיך אַזאַ באַהאַנדלונג ניט געוואונדערט, אָבער דאָס, וואָס דער ד״ר וועבער האָט צו דעם צוגעשטימט, האָט מיך נאָך מער איבערצייגט, אַז די שנאה צו אידן האָט פאַראייניקט דאָס גאַנצע דייטשישע פאָלק, אָנהייבנדיק פון שיכור׳ע פויערים ביז צו די אינטעלעקטואַלן און געבילדעטע מענטשן. דאָס איז געווען דאָס ריכטיקע בילד פון אַ קולטורעלן, אָבער אומציוויליזירטן דייטשישן דאָקטאָר.

מיר האָבן די אַרבעט אין דער לאַבאָראַטאָריע געפירט ביז דער טאָג האָט זיך געענדיקט, און אַזוי אַרום האָט זיך מיט דער פאַרגרע־סערונג פון טאָג אויך פאַרלענגערט די אַרבעטס־צייט.

אין לאַגער זיינען מיר תמיד אַריינגעקומען שרעקלעך מידע פון דער אַרבעט און פון גיין, און מיר האָבן זיך ערשט ווידער געשטעלט פאַרן בלאָק צום טאָג־טעגלעכן אַפּעל, וואָס האָט געדויערט פון איינס ביז צוויי שעה.

## קאַפּיטל 28

# די קראַנקן־באַראַקן — שפּיטאָל אין אוישוויץ

אין אוישוויץ האָבן עקזיסטירט פיר בלאָקן, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען קראַנקן־אָפּטיילונגען. מען האָט זיי גע־רופן „קראַנקן־באַו״.

אין בלאָק נומער 28 האָט זיך געפונען דער אַמבולאַנס אויפן ערשטן שטאָק, און אויפן צווייטן שטאָק איז געווען אַ ספּעציעל צימער פאַר אויגן־קראַנקע.

אויפן בלאָק נומען 21 האָט זיך געפונען די כירורגישע אָפּטיי־לונג און אַהין זיינען געבראַכט געוואָרן קראַנקע פון די קוילן־גרובן מיט ערנסטע אומגליקספאַלן, כדי אָפּערירט צו ווערן.

אויפן בלאָק נומער 19 האָט זיך אויפן ערשטן שטאָק געפונען אַ ספּעציעלער צימער פאַר אידן, וואָס האָבן זיך געניוטיקט אין כירורגי־שער באַהאַנדלונג; אַ צימער פאַר קראַנקע מיט דיזינטעריע. אויף דעם צווייטן שטאָק — אַ צימער פאַר אידן און קריסטן, וואָס האָבן געליטן פון הויט־קראַנקהייטן.

דער לעצטער קראַנקן־בלאָק, נומער 9, וואו עס האָבן זיך אויך געפונען באַזונדערע צימערן פאַר אידן און ניט־אידן, איז לעצטנס באַ־שטימט געוואָרן פאַר אינערלעכע קראַנקהייטן און פאַר „דערהאָלונג״.

יעדער בלאָק האָט געהאַט, ווי אַן אַרבעטס־בלאָק, אַ דייטשישן אינטערנירטן אַלס בלאָק־עלטסטן, און אַ פּאָליאַק אַלס אַ בלאָק־שריי־בער און אַ פּאָליאַק אַלס פריזירער.

יעדעס צימער האָט געהאַט אַ באַזונדערן שטוב־עלטסטן, וועמען מען האָט גערופן „קאָמענדאַנט״.

דאָס איז געווען די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט. חוץ דעם האָט יעדער בלאָק געהאַט זיין אייגענעם מעדיצינישן פּערסאָנאַל. אַלס הויפּט־דאָקטאָר פון בלאָק איז תמיד געווען אַ פּוילישער דאָקטאָר,

אָבער אַלס צימער־דאָקטוירים און נוירסעס פאַר די אידישע צימערן זיינען באַשטימט געוואָרן אידן.

יעדער אינטערנירטער האָט געהאַט דאָס רעכט נאָכן אָוונט־קאָנטראָל, אַנשטאָט צו באַקומען זיין אָוונט־ברויט, צולויפן אין דער קליניק. איך זאָג „לויפן", ווייל דער, וואָס האָט פאַרשפּעטיקט, איז געבליבן שטיין אין דרויסן און האָט געקאָנט גאַנץ אָפּט, ווען עס זיינען געווען צופיל קראַנקע, אָפּשטיין ביז מען האָט געשלאָסן די קליניק.

יעדער קראַנקער, וואָס האָט געמוזט אָנקומען צו דער קליניק, האָט קודם־כל באַדאַרפט דורכגיין די ביורא, וואו מען האָט אים רע־גיסטרירט או אים געגעבן אַ קראַנקן־קאַרטע, מיט וועלכער ער האָט געקאָנט גיין צום דאָקטאָר. די קאַרטע איז געבליבן ביים דאָקטאָר און איז שפּעטער צוריקגעקומען אין ביוראָ מיט דעם דאָקטאָרס באַ־צייכענונג. יעדן מאָל ווען דער קראַנקער האָט זיך געווענדט נאָך הילף אין דער קליניק, איז אים געגעבן געוואָרן די זעלבע קאַרטע.

ווען דער קראַנקער האָט געהאַט הויכע היץ, ביי 104, אָדער זיך צעבראָכן אַן אבר ביי דער אַרבעט אָדער ביים שלאָגן, האָט אים דער דאָקטאָר געגעבן אַן אַספּירין־טאַבלעט און אויפגעשריבן זיין נומער. דער קראַנקער האָט געמוזט אין דעם צושטאַנד צוריקגיין צו זיין בלאָק און בלייבן דאָרט מיט זיינע שמערצן. אָבער שפּעטער אין דער נאַכט, ווען מען איז שוין געשלאָפן, איז געקומען דער בלאָק־שרייבער מיט אַ צעטל פון קליניק, וואָס מען האָט אים צוגעשיקט, און ער האָט אויפגעוועקט אַלע שלאָפנדיקע, כדי אויפצוזוכן די נומערן, דאָס הייסט די קראַנקע, וועלכע דאַרפן מאָרגן צו דער אַרבעט ניט גיין, ווייל זיי מוזן קומען אין קליניק.

אַנדערע קראַנקע, וואָס האָבן נאָר געהאַט וואונדן, געשווילעכצן, אָדער קראַנקע אויף אויגן, האָבן באַלד אין קליניק באַקומען זייער באַהאַנדלונג און האָבן געמוזט ווייטער אָנגיין מיט דער אַרבעט.

אין שפּיץ פון דער אויגן־אָפּטיילונג ביי דער קליניק האָט זיך געפונען אַ פּוילישער פּראָפעסאָר מיטן נאָמען וואַשילעווסקי — אַ גרוי־סער ספּעציאַליסט, אָבער אויך אַן אַנטיסעמיט, ווי אַלע זיינע ברידער־

פּאָליאַקן. ער האָט זייער פיל אידישע קראַנקע גערעטעוועט דאָס לעבן דורך שווערע, אָבער געלונגענע אָפּעראַציעס, ווייל זיין חוב ווי אַ פּראָ־פעסיאָנאַל האָט ער אויסגעפילט אויף אַ גאַנץ קאָרעקטן אופן. דאַגעגן, אויפנעמען אידישע קראַנקע אין דעם צימער, וואו ער איז געווען דאָק־טאָר, האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט. די אידישע אויגן־קראַנקע זיי־נען געשיקט געוואָרן אויף אַנדערע בלאָקן און האָבן געקאָנט געבראַכט ווערן צו אים אין אַמבולאַנסן צוויי מאָל וועכענטלעך, בשעת די פּוי־לישע קראַנקע, וועלכע זיינען געלעגן אין זיין צימער, האָט מען יעדן טאָג באַהאַנדלט.

סוף חודש פעברואַר, 1944, ביים מאַכן אַן אַנאַליז פון שטיק־שטאָף, האָב איך אַליין פּראָוואָצירט אַז דער גאַז, וואָס קומט אַרויס ביי דער פאַרברענונג, זאָל מיר אַריינגעדרונגען אין די אויגן, און איך האָב באַקומען אַ שאַרפע אַנטצינדונג אויףביידע אויגן.

די ווייטיקן זיינען ממש געווען ניט צו באַשרייבן. די אויגן האָבן געשטאָכן און געברענט. דערצו זיינען די ווייס געשוואָלן געוואָרן און איך האָב ממש ניט געקאָנט זען די ליכטיקע שיין.

נאָכן „אַפּעל" בין איך תיכף געלאָפן צו דער קליניק, צום ד״ר וואַשילעווסקי, וועלכער האָט מיר אַריינגעלאָזט טראָפּנס און אויפגע־שריבן מיין נאָמען. נאָכדעם בין איך צוריקגעגאַנגען צו מיין בלאָק, וואו עס האָט זיך שפּעטער באַקומען אַ צעטל, אַז איך זאָל אויף מאָרגן ניט גיין צו דער אַרבעט און קומען אין קליניק.

אויפן צווייטן טאָג אין דער פרי האָט מיך ווידער ד״ר וואַשי־לעווסקי אויפגענומען און אויפגעשריבן אויף מיין קאַרטע, אַז איך זאָל אַריינגענומען ווערן אין שפּיטאָל. מיט דער קאַרטע בין איך געגאַנגען צום אויבער־דאָקטאָר, און דאָ האָבן זיך פאַר מיר אָנגעהויבן די שבעה מדורי גיהנום, וועלכע איך האָב געמוזט דורכמאַכן בכדי אַריינצוקומען אין שפּיטאָל.

מען האָט מיך צוערשט אַריינגעפירט אין אַ קליין צימערל, אין וועלכן מען דאַרף זיך אויסטאָן אינגאַנצן, לאָזן די מלבושים און נעמען אַ קאַלטן דוש (שאָוער) אונטער דעם קאָנטראָל פון אַ פּוילישן אויפ־

זעער. צום אָפּווישן דעם נאַסן קערפּער האָט מען מיר גאָרנישט געגעבן, נאָר מען האָט אויפגעשריבן אויף מיין ברוסטקאַסטן מיט רויטן קרייד מיין נומער, וואָס איך טראָג אויסגעקריצט אויף מיין לינקער האַנט.

באַלד נאָכדעם האָט מען מיך נאַסערהייט אַרויסגעטריבן פון צימער און איך האָב געמוזט נאַקעט און באָרפיס, אין אַ קעלט פון פעברואַר חודש, דורכלויפן דעם לאַנגן קאָרידאָר ביז איך בין געקומען צום וואַרט־צימער.

דאָרט האָבן זיך שוין געפונען אַ פּאָר נאַקעטע חולאים. צוביס־לעך האָט דאָס צימער אָנגעהויבן פול צו ווערן מיט קראַנקע. אונז אַלע־מען איז שרעקלעך קאַלט געווען. מיט מיינע בלינדע אויגן האָב איך פאַר זיך קיינעם ניט געזען.

מען האָט אויסגערופן מיין נומער, מיך אָפּגעוויגן און אויסגע־פילט אַ גאַנצן פרעגבויגן.

דער עולם קראַנקע איז באַשטאַנען פון אידן און ניט־אידן. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט אונז, אַז מיר זאָלן זיך אַביסל דורכשמועסן, און אַזוי איז לאַנגזאַם געוואָרן אַביסל אַ רעש אין צימער.

דער שרייבער, אַ פּאָליאַק, האָט דעם רעש ניט געקאָנט פאַר־טראָגן, האָט ער אַלס שטראָף אויפגעעפנט אַלע פענצטער אין צימער און אַ געשריי געגעבן: „דאָ איז ניט קיין זשידאָווסקאָ סינאַגאָגע".

לאַנגע צוויי שעה זיינען מיר געזעסן און געשטאַנען, טוליענדיק זיך איינער צום צווייטן. די פענצטער זיינען געווען אָפן. די לייכט־קראַנקע זיינען פאַר דער צייט נאָך ערנסטער קראַנק געוואָרן.

ענדלעך האָט דער שרייבער דערקלערט, אַז דער קאָנטראָל אי־בער אונז דורך דעם עס. עס. דאָקטאָר וועט זיך אָנהייבן, קודם־כל פאַר די פּאָליאַקן און נאָכדעם פאַר די אידן.

פון אַכט אין דער פרי ביז עלף אַזייגער האָבן מיר געפרוירן אין דעם קאַלטן צימער, און ערשט דערנאָך זיינען מיר געלאָפן דורך דעם לאַנגן, קאַלטן קאָרידאָר ביז צו דער קליניק. דאָרט זיינען מיר ווידער באָרפיסיקע געשטאַנען אויף דעם שטיינערנעם, שרעקלעך־קאַלטן

באָדן און געוואַרט, יעדער אויף זיין רייע, צוצוקומען צום גרויסן אדון אין די גרויסע שטיוול.

יעדער קראַנקער איז פאַרגעשטעלט געוואָרן דורך דעם פוילישן אינטערנירטן פאַר דעם מיליטער־דאָקטאָר, און יענער האָט באַשטע־טיקט דעם דיאַגנאָז.

פרעגט זיך: צו וואָס טויג אָט די גאַנצע פּראָצעדור, ווען די מיינונג פון דעם פוילישן דאָקטאָר אַליין איז מאַסגעבנדיק?

אַלס ענטפער דינט דאָס יעזואיטיש שפּריכוואָרט: „אַז דער צוועק באַרעכטיקט דאָס מיטל". דער צוועק פון די דייטשן איז דאָך אאונז אומצוברענגען, טאָ פאַרוואָס זאָל מען ניט אָננעמען קיין מיטלען, אַז די קראַנקע זאָלן קראַפּירן ביז זיי קומען אַריין אין שפּיטאָל?

און ווירקלעך, דער האַלבער טאָג אָפּשטיין אָ נאַקעטער אין די פעברואַר־פרעסט, וואָס הערשן אין אויבער־שלעזיע, האָט פאַר פיל קראַנקע דערנעט די גאולה, געבראַכט זיי וואָס שנעלער דעם טויט, וועלכן איך האָב זיך געוואונטשן.

אַרום צוועלף אַזייגער בייטאָג האָט מען מיר געגעבן אַ העמד, וואָס האָט מיר קוים דערגרייכט ביז צום בויך און איז געווען באַדעקט מיט שוואַרצע פלעקן פון פליי; אַ פּאָר הויזן און הילצערנע שטעק־שיך, און מען האָט מיך אין אַזאַ הלבשה געפירט דורכן לאַגער צום ניינטן בלאָק.

דאָרט האָט מען די הויזן און די שטעק־שיך צוריקגענומען און איך בין געבליבן אין איין העמד.

דער דאָקטאָר פון דעם אידישן צימער איז געווען אַ איד מיטן נאָמען וואַלענטין, פון בערלין, זייער אַן ערנסטער און באַגאַבטער מענטש. ער האָט זיך ממש אויפגערעגט וואָס מען האָט מיך מיט אַזעלכע בלינדע אויגן געשיקט צו אים, בשעת ער האָט איבערהויפּט ניט קיין שום מע־דיקאַמענטן מיט וואָס מיך צו היילן.

זעענדיק מיין טראַגישן צושטאַנד, האָט ער מיך פונדעסטוועגן איבערגעלאָזן אין זיין צימער און מיר געגעבן אַ בעט צווישן די פראַנ־

צויזישע אידן, וועלכע זיינען פאַקטיש געווען אויף דערהאַלונג נאָך פאַרשידענע קראַנקהייטן.

מיינע שכנים האָבן געטאָן אַלץ, כדי מיך צו דערוואַרעמען און דערלייכטערן מיינע ווייטיקן, אָבער איך האָב, צום באַדויערן, קיינעם פאַר זיך ניט געזען און האָב טאָג און נאַכט געשטערט זייער רו דורך מיין קרעכצן און וויינען פאַר גרויסע עינויים.

דער דאָקטאָר האָט אַ פּאָר מאָל אין טאָג מיר אַריינגעלאָזן אין די אויגן צינק־טראָפּן, וועלכע ער האָט ספּעציעל געקראָגן, אָבער זיי האָבן מיר פאַרשאַפט נאָך ערגערע יסודים.

נאָך צוויי טעג האָט מען מיר דערקלערט, אַז מען פירט מיך איבער אין אַ ספּעציעלער אויגן־סטאַנציע. צום סוף האָט מען מיך גאָר געבראַכט אין בלאָק נומער 19, ערשטער שטאָק, וואו עס האָבן זיך געפונען אידישע קראַנקע מיט פאַרשידענע געשווירן און אַנדערע מכות.

דער דאָזיקער צימער, וואו עס איז געווען אַ אידישער דאָקטאָר פון סלאָוואַקיע, האָט אויף מיר געמאַכט זייער אַ שלעכטן רושם. מען האָט מיך אַריינגעלייגט אין איין בעט מיט אַ קראַנקן אידן פון סאַלאָניקי, וועלכער האָט גערעדט גוט פראַנצויזיש.

מירביידע און נאָך אַנדערע זעקס קראַנקע האָבן אויף מאָרגן געבילדעט די אַזוי גערופענע „אויגן־סטאַנציע".

אַ גאַנצן טאָג בין איך געלעגן און האָב דעם דאָקטאָר פאַר זיך ניט געזען. מען האָט מיך איבערגעלאָזט לחלוטין אָן שום מעדיצינישער באַהאַנדלונג.

אין אָוונט איז געקומען אַ שליח פון דער קאַנצעלאַריע פון לאַ־גער מיט אַ באַפעל פון דעם קאָמענדאַנט, אַז איך זאָל תיכף אָנשרייבן מיין לעבנס־ביאָגראַפיע און נאָך אין אָוונט דאָס איבערגעבן.

פאַרשטייט זיך, אַז אין דעם צושטאַנד, אין וועלכן איך האָב זיך געפונען, האָט קיין רייד ניט געקאָנט זיין וועגן דעם, אַז איך זאָל נעמען די פּען אין האַנט אויף צו שרייבן.

יעדנפאַלס האָט זיך אין אונזער צימער שטאַרק גערודערט מיט דער געשיכטע און קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען די סיבה דערפון.

אָבער דער דאָקטאָר האָט דאַן געוועגדט זיין אויפמערקזאַמקייט אויף מיר, איז צוגעקומען און באַטראַכט מיינע אויגן. איך האָב אים אָבער געזאָגט, אַז עס איז טרויעריק, וואָס מען דאַרף אַ דאָקטאָר בכלל, און אַ אידן בפרט, פאַראינטערעסירן מיט אַ קראַנקן דורך אַזוינע מיטלען.

ער האָט זיך שטאַרק אויפגערעגט, געגעבן אַן אומהעפלעכן ענטפער און מיך ווידער געלאָזן אָן שום באַהאַנדלונג.

איך האָב געמוזט געפינען אַ שרייבער פון דייטש, כדי צוזאַמענ־צושטעלן מיין ביאָגראַפיע, ווייל דער בלאַק־שרייבער האָט שטאַרק מורא געהאַט ניט אויסצופילן דעם באַפעל און ער האָט מיר ממש קיין רו ניט געגעבן.

איך, ווידער, בין געבליבן מיט מיינע אויגן־יסורים. ניט האָבנ־דיק קיין שום מעדיצינישע הילף, האָב איך באַשלאָסן צו היילן זיך אַליין דורך אַ מיטל, וואָס מיין קערפער האָט זעלבסטשטענדיק פאַברי־צירט און אָן דער הילף פון דאָקטוירים און אַפּטייקערס.

איך האָב פון מיין העמד אָפּגעריסן שטיקלעך שטאָף און מיר געלייגט צו די אויגן קאַלטע קאָמפּרעסן, גענעצטע אין מיין אייגענער השתנה.

דעם רעזולטאַט האָב איך ערשט דערפילט מיט אַ וואָך שפּעטער, ווען די ווייטיקן זיינען לייכטער געוואָרן. אָבער די ראיה האָב איך ערשט צוריקגעקראָגן אין זעקס וואָכן שפּעטער. אין צווישן האָט מען מיך געפירט צוויי מאָל אין וואָך צום ד״ר וואַשילעווסקי, וועלכער האָט מיך באַטראַכט פאַר אַן ערנסטן חולה.

## קאַפּיטל 29

# קראַנקהייטן און מעדיצינישע באַהאַנדלונגען

אין קראַנקן־באַאו (שפּיטאַל) האָט מען שטאַרק באַקעמפט לייז און פליי, וועלכע האָבן זיך פון גרויס ענגשאַפט שנעל אַנטוויקלט. אַלע פערצן טעג האָט מען ביי אונז צוגענומען די דעקן

און די העמדער, כדי זיי אָפּצושיקן אין דער דיזינפעקציע־קאַמער, וואו זיי זיינען דורך הויכער טעמפּעראַטור דורכגעדעמפּט געוואָרן, און מיר קראַנקע זיינען דערווייל געבליבן ביז מיטאָג־צייט אין דער קעלט גאַנץ נאַקעט. ניט קוקענדיג דערויף, האָט זיך פונדעסטוועגן אַנטוויקלט אַ הויט־קראַנקהייט און אַ בייסעניש, וואָס איז זייער אַנשטעקנדיק.

אַ סך קראַנקע האָבן זיך ניט געוואָלט מעלדן צום דאָקטאָר פון אונזער צימער מיט דער קראַנקהייט, ווייל זיי זיינען איבערגעשיקט געוואָרן אויפן צווייטן שטאָק, אין דער קרעץ־אָפּטיילונג, וואו מען האָט געקאָנט באַקומען נאָך גרעסערע מכות. אייניקע זיינען ממש פאַרשיט געוואָרן פון קאָפּ ביז די פיס מיט קרעץ און שרעקלעך צעקראַצט זייער קערפּער ביז בלוט.

מיין בעט־שותף, דער גריכישער איד פון סאַלאַניקע, מיט וועלכן איך האָב גוט געלעבט, האָט זיך שטאַרק געקראַצט און מיר איז איינגעפאַלן, אַז ער האָט באַקומען די הויט־קראַנקהייט. לויט מיין בקשה האָט ער זיך באַלד געמאָלדען צו אונזער דאָקטאָר, אָבער דער דאָקטאָר האָט אים באַלד צוריקגעשיקט אין בעט אַריין, ווייל זיין קראַנקהייט האָט נאָך ניט אַרויסגעבראַכט די מכות, וואָס קאָנען איבערצייגן אַ סלאָוואַקישן דאָקטאָר.

דערפאַר אָבער מיט אַ וואָך שפּעטער, ווען מיין בעט־שותף האָט שוין דערגרייכט די ריכטיקע שטופע פון זיין קראַנקהייט, האָט זיך דער דאָקטאָר אויף אים צעשריען, פאַרוואָס ער איז פריער ניט געקומען, און האָט אים איבערגעשיקט אין דער אָפּטיילונג פון די הויט־קראַנקע. מיין האַלב בעט פון 35 סענטימעטער די ברייט איז געוואָרן ליידיק אויף אויפצונעמען אַ נייעם חולה.

איין נאַכט בין איך געשלאָפן איינער אַליין און אויסגערוט מיינע צעבראָכענע ביינער, אָבער אויפן צווייטן טאָג האָט מען מיר אַריינגעלייגט אַ נייעם שותף. דער איז גאָר ניט געווען קיין אויגן־קראַנקער, נאָר אַ קערפּער פול מיט פורונקלס און אָפענע וואונדן. מיין אַנוועזנהייט האָט שטאַרק געשטערט דעם קראַנקן, ווייל יעדע באַוועגונג מיינע האָט ביי אים אַרויסגערופן גרויסע ווייטיקן.

צו יענער צייט האָב איך זיך שוין געפּילט בעסער אויף די אויגן און איך האָב, זעלבסטפאַרשטענדלעך, פון מיין זייט געטאָן אַלעס מעגלעכעס צו פאַרלייכטערן די ווייטיקן פון דעם אומגליקלעכן מענטשן.

צוויי מאָל אין וואָך זיינען אויף אונזער בלאָק פאַרגעקומען כי־רורגישע באַהאַנדלונגען און מיין נייער בעט־שותף איז יעדעס מאָל געגאַנגען אויף אַן אָפּעראַציע אָדער אויף אַ באַנדאַזשירונג, אָפט אויףביידע צוזאַמען. מען האָט אים אָן שום נאַרקאָז געשניטן זיינע מכות און איך האָב ניט געקאָנט צוזען די ליידן פון דעם מענטשן נאָך אַזאַ מעדיצינישער באַהאַנדלונג. די באַנדאַזשירונגען האָט מען געמאַכט מיט אַ פּאַפּירענעם באַנד און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז עס איז אויפן צווייטן טאָג געווען אויפגעבונדן און דורכגענעצט פון בלוט און אייטער.

אַזוי ווי מען האָט די באַנדאַזשן נאָר אַלע פיר טעג געביטן, האָב איך אים יעדן טאָג איבערגעלייגט און איבערגעבונדן זיינע וואונדן. דער איד איז שטאַרק צוגעבונדן געוואָרן צו מיר. ער האָט ביי מיר אַרויס־גערופן מיטלייד דורך זיין פאַרצווייפלטן געזונט־צושטאַנד און נאָך מער דורך דעם, וואָס ער איז געווען אַ פריש־אַנגעקומענער אין אונזער לאַגער.

דאָס איז געווען אַ פּוילישער איד מיטן נאָמען באַדאַך, געבראַכט סוף פעברואַר, 1944, קיין אושוויץ פון אַ אידישן לאַגער פּליאַשאָוו ביי קראָקע. ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט זיין פרוי און אַ בן־יחיד פון זיבעצן יאָר און ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט מרוצה ווערן מיט דעם געדאַנק, וואָס ער איז, לויט זיין אייגענער שולד, אַריינגעפאַלן קיין אושוויץ.

אין די מינוטן ווען זיינע שמערצן האָבן אים נאָכגעלאָזן, האָט ער מיר דערציילט וועגן דער אויסזידלונג און ליקווידירונג פון די אידישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן.

ביז יולי, 1942, האָט זיך די אידן אין זייערע געטאָס געלעבט ניט גאָר שלעכט, אָבער אין דעם אומגליקלעכן פאָר אידן חודש זיינען אַלע שטעטלעך באַפאַלן געוואָרן דורך עס־עס־מענער, וועלכע זיינען באַשטאַנען פון אוקראַינער. די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג איז אַרויס־

געטריבן געוואָרן פון זייערע הייזער אויפן מאַרק־פּלאַץ און פון דאָרט האָט מען זיי באַדאַרפט איבערזידלען אין די געטאָס פון די גרויסע שטעט, אָבער לײדער זיינען זיי אַרויסגעטריבן געוואָרן אויסער דער שטאָט און אויסגעשאָסן געוואָרן. ער מיט זיי משפחה האָבן געהאָט פיל פריינט צווישן די פּוילישע פּויערים, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער האָלץ־הענדלער, איז ער מיט אַ נאַכט פריער אַנטלאָפן צו זיי זיך אויסצובאַהאַלטן. אים מיט זיין פרוי און קינד האָט אַ פּוילישער פּויער פאַר אַ גרויסער סומע געלט אויסבאַהאַלטן אַ פּאָר טעג און דערנאָך זיי איבערגעטאָן און אָפּגעפירט ביינאַכט קיין קראָקע, וואו עס איז זיי געלונגען אַריינצוכאַפּן זיך אין דער אידישער געטאָ. וואָס פאַר אַ גליק, משטיינס געזאָגט! אָבער זיין שוועסטער מיט דער משפחה זיינען דערמאָרדעט געוואָרן דורך דעם פּויער, ביי וועלכן זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, כדי ער זאָל קאָנען צונעמען זייער פאַרמעגן.

אין קראָקעווער געטאָ איז צו יענער צייט פאָרגעקומען די פאַרטיילונג פון דער באַפעלקערונג אויף קאַטעגאָריעס „איי" און „בי". צו דער קאַטעגאָריע „איי" האָבן געהערט די אַלע, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין מלאכה אין האַנט און האָבן אַזוי אַרום ניט געקאָנט אַרבעטן לטובת דער דייטשישער אַרמיי. צו דער קאַטעגאָריע „בי" האָבן געהערט אַלע בעלי־מלאכות (פאַך־מענער) מיט זייערע משפחות.

די אַלע פון דער קאַטעגאָריע „איי" זיינען אָפּגעזונדערט געוואָרן פון די, וואָס האָבן געהערט צו דער קאַטעגאָריע „בי", מיט אַ שטעכיקן דראָט. פון דאָרט האָבן די נאַציס יעדעס מאָל אַרויסגענומען אַ צאָל מענטשן, עס האָט געהייסן אויף אַרבעט, און האָבן זיי אַוועקגעשיקט קיין מאַידאַנעק אָדער טרעבלינקע, וואו עס האָבן עקזיסטירט די גאַזקאַמערן.

צו יענער צייט האָט מען נאָך ניט געוואוסט אין די געטאָס וועגן די אַלע פאַרניכטונגס־צענטערן.

די קראָקעווער געטאָ איז אינגאַנצן אויפגעלייזט געוואָרן אין זומער־צייט פון 1943. די בעלי־מלאכות זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן

מיט זייערע משפּחות אויסער דער שטאָט, אויפן אידישן בית־עולם פּליאַשאָוו, וואו די אידן האָבן אויפגעשטעלט אַ לאַגער.

קינדער האָט מען ניט געהאַט דאָס רעכט מיטצונעמען מיט זיך אַרויסגייענדיק פון דער געטאָ, אָבער דאָך איז געלונגען אַריינצופירן קיין פּליאַשעוו ביז 400 קינדער.

ער מיט זיין פרוי און זון זיינען אויך געווען צווישן די פּאַך־מענער און ער האָט זוכה געווען אַריינצוקומען אין דעם ניי־אויפגע־בויעטן אַרבעטס־לאַגער „פּליאַשאָוו״.

דאָרט האָט זיך אים געלעבט ניט שלעכט, ווייל די אידן האָבן אַריינגעשמוגלט זלאָטעס מיט דאָלאַרן און האָבן פּאַרגעזעצט צו פירן געשעפטן מיט די פּאָליאַקן. אָבער אין פעברואַר, 1944, האָט די אי־דישע פּאָליציי פון דעם לאַגער אַרומגערינגלט די טישלעריי, וואו ער האָט געאַרבעט, 270 מאַן זיינען געכאַפּט געוואָרן אויף איבערגעשיקט צו ווערן קיין אוישוויץ. ער איז אויך אַריינגעפאַלן צווישן די „פּאַימאַ־ניעקעס״, נאָר פּאַר געלט האָט ער זיך געקאָנט אויסלייזן ביי דער פּאָ־ליציי און ניט געשיקט ווערן אין אוישוויץ. ער האָט אָבער זיך ניט אַנטשלאָסן אויפן פלאַץ דאָס צו טאָן און איז אַזוי אַרום איצט אויף דעם קראַנקן־בעט אין אוישוויץ.

אויסהערנדיק זיינע דערציילונגען, האָב איך אים געוויס גע־טרייסט און אַרויסגעזאָגט מיין געדאַנק, אַז פּליאַשאָוו איז שוין מסתמא אויך פּאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, אַזוי שנעל ווי זיי האָבן אים אַלס טישלער אַריבערגעשיקט קיין אוישוויץ צו דער זעלבער אַרבעט.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל מיט אַ פּאָר חדשים שפּע־טער אַליין איבערגעשיקט ווערן קיין פּליאַשאָוו און זאָל מיט מיינע אייגענע אויגן זען ווי עס זעט אויס אַ ריין־אידישער קאָנצענטראַציע־לאַגער מיט אַ אידישן לאַגער־עלטסטן און אַפילו מיט אַ פרוי אַלס עלט־סטע איבער די פרויען.

נאָר וועגן דעם שפּעטער, ווייל איך געפין זיך נאָך אין אוישווי־צער קראַנקן־בלאָק און איך האָב נאָך ביז מיין פּאָרן קיין פּליאַשאָוו

געהאַט אויסצושטיין פיל עינויים־קשים, וועלכע איך וויל ניט פאַר־שוויגן פאַרן לייענער.

זייענדיק אין איין בעט מיט אַזאַ קראַנקען, ווי מיין בעט־שותף, האָב איך אַליין באַקומען אונטערן לינקן אָרעם צוויי פורונקלס און האָב געמוזט דורכמאַכן אַ כירורגישע באַהאַנדלונג. ביז צו דער אָפּע־ראַציע האָט מען מיך געלאָזט וואַרטן עטלעכע טעג אָן שום באַהנדלונג, כדי עס זאָל זיך פון זיך אַליין גוט אָנרייסן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איך האָב זיך גוט געקאָנט רייסן אויף דער וואַנט פאַר ווייטיק ביז עס האָט אָנגעריסן.

דעם טאָג פון דער אָפּעראַציע האָט מען מיר געמאַכט אַ הייסן שאַוער, און ניט אָפּווישנדיק דעם הייסן קערפּער האָט מען מיך נאַקעט און באָרפיס דורכגעפירט דעם לאַנגן, קאַלטן קאָרידאָר און געלאָזן שטיין ביי דער טיר פון דעם אָפּעראַציע־צימער ביז עס וועט קומען מיין ריי.

פון דעם אָפּעראַציע־צימער האָבן זיך געטראָגן ווילדע געשרייען. פון צייט צו צייט איז פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען אַ קראַנקער, אַרומגע־בונדן מיט פּאַפּיר, און בלייך ווי קאַלך, פון וועלכן מען האָט ניט גע־קאָנט אַרויסקריגן קיין שום אינפאָרמאַציע איבער דעם גאַנג פון דער אָפּעראַציע.

עס האָט מיך געוואָרפן אין קאָנוואולסיעס פון קעלט און פון היץ, און די שעה, וואָס איך האָב געוואַרט ביי דער טיר, האָט מיך נאָך מער קראַנק געמאַכט.

ענדלעך האָט מען אויסגערופן מיין נאָמען און מען האָט מיך אַריינגעלאָזן אין אָפּעראַציע־חדר, וועלכן איך האָב אַ נאָמען געגעבן „שחיטה“.

איך האָב זיך נאָך אַפילו ניט געהאַט אַרומגעקוקט אויפן אויסזען פונעם צימער, ווי צוויי קרעפּטיקע יונגען האָבן מיך אומגעוואָרפן אויף אַ טיש, וואָס זיי האָבן, ווייזט אויס, גערופן אָפּעראַציע־טיש, אָבער געווען איז עס אַ געוויינלעכער קיך־טיש. מען האָט מיך געהאַלטן ביי די פיס, ביים קאָפּ, ביי די הענט, און דער פּוילישער כירורג האָט מיט

אַ חלק געשניטן. דער שניט איז ניט געווען אַזוי פּיינלעך ווי דאָס אויס־קוועטשן פון די אומריינקייטן. יעדע מינוט האָט אויסגעזען ווי אַ יאָר, און עס איז געווען אַ נס, וואָס איך בין ניט געפאַלן אין חלשות ביים ערשטן שניט, אָבער ביי דעם צווייטן שניט בין איך שוין געפאַלן אין אוממאַכט.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, בין איך שוין געווען אויף די פיס און געהאַט אַ האַלבן קערפּער אַרומגעבונדן מיט דעם באַקאַנטן פּאַפּיר־באַנד. אָן שום הילף פון וועמען עס איז האָב איך געמוזט אַליין פאַרלאָזן דעם צימער און צוריקגיין צום צימער, וואו איך האָב זיך געפונען ביז דער אָפּעראַציע.

איך קאָן זיך גוט דערמאָנען, אַז דאָס איז גראָד אויסגעפאַלן דעם ערשטן טאָג פּסח, ווייל די נאַכט פריער האָבן מיר, די קראַנקע, אָפּגע־ריכט דעם ערשטן סדר. קיין מצות און חרוסת האָבן מיר ניט געהאַט, אָבער מרור האָט אונז ניט געפעלט. די הגדה האָבן אַלע געקענט אויף אויסנווייניק און פּאַראַדאָקסאַל האָבן געקלונגען די ווערטער „עבדים היינו לפרעה במצרים", בשעת מיר אַלע זיינען ערשט איצט ווידער די ריכטיקע קנעכט פון דעם אייראָפּעאישן פּרעה.

יעדער איינער פון אונז האָט שטיל און דערשטיקט פאַרגאָסן טרערן אויף אונזער איצטיקער מערכה. מיר האָבן זיך איבערגעגעבן אונזערע זכרונות וועגן די פאַרגאַנגענע יאָרן, ווען מיר האָבן פריילעך פאַרבראַכט אין דער וואַרעמער סביבה פון דער משפּחה די יום־טוב טעג.

אין מיין ענגן בעט ליגנדיק, האָב איך זיך אַריבערגעטראָגן צו מיין ליבער משפּחה, פרוי און בן־יחיד, וועלכע ווייסן ניט וועגן מיין עקזיסטענץ און מוזן נעבעך אין אַ רעטונגס־הייל אָדער אין אַ לאַגער פאַרגיסן טרערן איבער זייער אומגליקלעכן אידישן גורל.

איך האָב זיך אויך דערמאָנט אין מיינע קינדער־יאָרן, אין די סדרים, וואָס איך האָב פאַרבראַכט ביי מיין פאָטערס טיש. דאָס געשטאַלט פון מיין הייליקן פאָטער, הרב זכרונו לברכה, אין זיין זילבערנעם קיטל מיט דער יאַרמלקע אויפן קאָפּ, זיצנדיק אויף דער היסב־בעט

פון וועלכן עס האָט געשיינט די שכינה, איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגן.

די גאַנצע נאַכט האָב איך ניט צוגעמאַכט קיין אויג. די יונגע יאָרן מיינע מיט מיין גאַנץ לעבן זיינען פאַר מיינע אויגן דורכגעלאָפן ווי אַ פילם.

דער ערשטער טאָג פּסח איז אין לאַגער פאַרצייכנט געוואָרן דורך אַ אַ נייער געשעעניש. עס זיינען, נעמלעך, געבראַכט געוואָרן די ערשטע אידן פון בודאַפּעסט. וויפל עס זיינען אָנגעקומען האָבן מיר ניט געוואוסט. אייניקע האָבן דערציילט, אַז איבער 3,000 פּערזאָן, מע־נער און פרויען, אָבער אין לאַגער צו אונז זיינען אַריינגעקומען אַ פּאָר הונדערט מאַן.

מיר האָבן פון אונזערע פענצטער געזען פאַר זיך ציוויליזירטע מענטשן אין שיינע קליידער, מיט האָר אויפן קאָפּ, וועלכע דאַרפן באַלד פאַרוואַנדלט ווערן אין קאַטאַרזשניקעס, אַזוי ווי מיר.

יענעם טאָג האָבן מיר באַקומען אַ ברויט־זופּ, ווייל די אונ־גאַרישע אידן פון בודאַפּעסט האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט אַ סך מצות און ברויט און די קיך האָט דאָס אויסגענוצט אויף צו מאַכן זופּ.

עס איז מערקווירדיק צו באַמערקן, אַז דער הונגער איז צווישן אונז געווען אַזוי גרויס, אַז דער עולם האָט זיך ממש געפרייט צו באַ־קומען די ברויט־זופּ. קיינער האָט גאָר ניט באַמערקט, אַז דעם מאכל, עסן מיר אַ דאַנק די פריש־פאַרגאַזטע פרויען און קינדער.

יעדער איינער פון אונז האָט געוואוסט אַז מיר זיינען סיי־ווי פאַרמשפּט צו טויט, און פאַר אונז צו גיין אין דער גאַז־קאַמער וואָס פריער איז נאָר אַ רעטונג, אָבער בשעת מ׳לעבט, איז שרעקלעך־פּיינ־לעך צו ליידן הונגער, און אין שפּיטאָל האָבן מיר ווירקלעך שטאַרק געהונגערט.

די זופּ, וואָס ווערט אין לאַגער פאַרטיילט 12 אַזייגער, האָבן מיר יענעם טאָג געקראָגן 10 אַזייגער אין דער פרי, און אין זייער קליינע פּאָרציעס. אַזוי אַז דער מאָגן איז געבליבן ניט באַפרידיקט. צו

וואַרטן אַכט אָדער ניין שטונדן אויפן אָונט־ברויט פון 250 גראַם איז געווען זייער שווער.

דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די קראַנקע זיינען זייער אָפּגע־שוואַכט געוואָרן און זיינען ווירקלעך געוואָרן „מוסולמאַנער“, קאַנדי־דאַטן אויף צו גיין אין דער גאַז־קאַמער.

אויב אין לאַגער זיינען נאָך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געשראָקן פאַר אַ סעלעקציע און האָבן אויסגעמיטן צו גיין אין שפּיטאָל, זיינען דערפאַר די קראַנקע געווען גלייכגילטיק דערצו און האָבן אָן שום שרעק געוואַרט אויף דער קאָמיסיע.

אויף צו להכעיס איז פאַר די לעצטע פאַר וואָכן ניט געקומען קיין שום קאָמיסיע פון די עס־עס־מענער אין שפּיטאָל, און מיר האָבן פאַרגעזעצט אונזער טרויעריקע עקזיסטענץ.

איך האָב מיר פאַר דער צייט געשאַפן אַ גרופּע פון גוטע חברים און מיר האָבן לאַנגע שעה׳ן געשמועסט אויף פאַרשידענע טעמעס, כדי צו פאַרטרייבן די צייט.

צווישן דער גרופּע האָט זיך אויך געפונען אַ יונגערמאַן פון 22 יאָר, מיטן נאָמען באַריישאַ. ער איז געווען צווישן די געציילטע, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק צו בלייבן לעבן פון זיין שטעטל פּרעלוק.

עס איז געווען זייער אַ רייך שטעטל און זייער גוט אָרגאַניזירט, אַזוי אַז די דייטשן האָבן די דאָזיקע געטאָ, פון וועלכער זיי האָבן אַרויס־געצויגן פיל גאָלד, געלאָזן לעבן לענגער ווי די אַנדערע געטאָס. דאָס שטעטל האָט זיך געפונען אין פּאָליסיע, וואו עס זיינען פאַראַן אַ סך וועלדער, און אַ גרויסער טייל פון דער אידישער יוגנט איז אַוועק אין וואַלד אַריין צו די פּאַרטיזאַנען.

גאַנץ אָפט זיינען אַריינגעקומען אין דער געטאָ שליחים פון דער יוגנט, אַפילו באַוואָפנטע, און האָבן פון דאָרטן אַרויסגעפירט געלט און שפּייז פאַר זייערע חברים.

דאָס דאָזיקע שפּיל האָט זיך געצויגן אַ שיינע פּאָר חדשים. אָבער איינמאָל, ווען די שליחים פון וואַלד האָבן זיך געפונען ביים ראש־הקהל איז אָנגעקומען דער עס־עס־קאָמענדאַנט מיט זיין געהילף.

צי דאָס איז געווען אַ צופאַל אָדער אַ מסירה, ווייסט קיינער ניט, אָבער דער פאַקט און די רעזולטאַטן זיינען געווען טרויעריקע פאַר דעם גאַנצן שטעטל. עס האָט זיך צווישן די וואַלד־דעלעגאַטן און דעם קאָמענדאַנט פאַרבונדן אַ שיסעריי, אין וועלכער עס איז געפאַלן טויט דעם קאָמענ־דאַנטס געהילף.

אויפן צווייטן טאָג האָבן די עס. עס.־מענער אַרויסגעפירט צען־טויזנט אידן פון שטעטל און זיי אויסגעשאָסן אינטערן וואַלד, און דאָס רעשט פון אַ פּאָר הונדערט מאַן אַוועקגעפירט קיין אוישוויץ.

דער דאָזיקער באַריישאָ איז געקומען מיט אַ משפחה פון צוועלף מיטגלידער, און נאָר ער מיט נאָך צוויי ברידער זיינען אַריינגעלאָזן געוואָרן אין לאַגער לעבעדיקע. די אַנדערע זיינען באַלד פאַרגאַזט געוואָרן.

מיט צוויי חדשים שפּעטער איז איין ברודער שוין פון דעם לאַגער אַוועקגעשיקט געוואָרן אין דער גאַז־קאַמער און דער צווייטער איז געשטאָרבן.

איצט איז דער דאָזיקער יונגערמאַן נעבעך גאַנץ אַליין געבליבן און האָט באַקומען אַן ערנסטע קראַנקהייט. זיינע מאַנדלען האָבן אַרויס־געוואָרפן אַ געשוויר און עס האָבן זיך אויף ביידע זייטן פון האַלדז געבילדעט געשווילעכצן.

קערפּערלעך איז ער געווען גאַנץ געזונט. דערצו האָט ער נאָך פאַרמאָגט אַ גוטע מאַראַל. זיינע העברעאישע חלוצישע לידער זיינען מיר נאָך איצט אין זכרון. ער איז נעבעך אומגעקומען ביי טראַגישע אומשטענדן, וועגן וועלכע איך וועל ווייטער דערציילן.

איך האָב אויך געהאַט אַ גוטן פריינט פון דער שטאָט טאַרנאָוו. טייטליס האָט ער געהייסן. מיט אים האָב איך שטונדענווייז געפירט וויכוחים איבער אידישער ליטעראַטור און אויך און אויך איבער פּאָ־ליטיק. ער האָט געהאַט אַ זייער גוטן זכרון און האָט געקענט זייער גוט געאָגראַפיע. מיר האָבן אויף אויסנווייניק אויסגעאַרבעט די ליניעס פון דעם רוסישן פראָנט און אונזער פאַנטאַזיע האָט אויף הונדערט פּראָצענט איבערשטיגן די מיליטערישע געשעענישן.

מיין זיין אין שפיטאָל האָט מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך צו־זאַמענטרעפן מיט אידן פון גאַנץ אייראָפּע און אַפילו צו געפינען אַ פּאָר באַקאַנטע, מיט וועלכע איך בין געקומען קיין אוישוויץ און וועלכע זיינען מיט צוויי טעג שפּעטער אַוועקגעשיקט געוואָרן אין די קוילן־גרובן.

קיין אוישוויץ זיינען געבראַכט געוואָרן קראַנקע פון אַלע אַרו־מיקע אַרבעטער־לאַגערן, וועלכע זיינען פּראַצענטנוויז, לויט זייער גע־זונט, צוריקגעשיקט געוואָרן צו זייער אַרבעט. קיינער האָט ניט געהאַט דאָס רעכט צו בלייבן אין אוישוויץ אויף אַרבעט.

איך האָב זיך געטראָפן מיט אַ אידישן אַדוואָקאַט פון פּאַריז, וואָס האָט פאַרלוירן צוויי פינגער אויף זיין רעכטער האַנט אין די קוילן־גריבער; אויך מיט אַ פּאַריזער שניידער, וועמען דאָס צוג־וואַגאַנדל (אויך אין די קוילן־גריבער) האָט אָפּגעשניטן צוויי פינגער; אויך מיט אַ שיך־פאַבריקאַנט פון פּאַריז, וועמעס פיס זיינען איבערגעבראָכן גע־וואָרן ביים אַרויסציען קוילן.

לויט זייערע דערציילונגען, איז די אַרבעט פאַר זיך אַליין אין די קוילן־גריבער ניט אַזוי שווער פאַר די, וואָס האָבן דערצו אַ גע־וואוינהייט און לעבן אין נאָרמאַלע באַדינגונגען. עס אַרבעטן דאָך מענטשן אַלס פרייוויליקע אַרבעטער ביי די קוילן. אָבער די געבראַכטע אידן האָבן דאָך מיט אַזאַ אַרבעט זיך ניט בשעפטיקט און זיי לעבן נאָך דערצו איצט אין זייער שלעכטע היגיענישע און דערנערונגס־באַדינ־גונגען, וואָס מאַכט זיי לחלוטין קראַנק און פירט צום טויט.

הויפּטזעכלעך זיינען צום גרונט געגאַנגען אין די קוילן־גריבער די געבראַכטע אידן פון האָלאַנד.

די האָלענדישע קריסטן זיינען הויכע, געזונטע, אָבער די אידן זיינען שטאָטישע הענדלער פון שמוק־זאַכן און זיינען אַבסלוט ניט צו־געפּאַסט צו דער פיזישער אַרבעט אין די קוילן־גריבער.

די אידן האָבן געאַרבעט אין דער טיפעניש פון 350,250 פוס, וואו די ערד־שיכט לאָזט דורך וואַסער, און עס איז זיי אויסגעקומען צו שטיין מיט די שטאָף־שיך אין וואַסער און אַריבערטראָגן די פייכט־

קייט, וואָס עס הערשט אין דעם טונעל. די שלעכטע דערנערונג און די פייכטקייט האָבן גאַנץ אָפט אַרויסגערופן די דיזינטעריע־קראַנקהייט, וואָס האָט אָפּגעטויט אַ סך מענטשן.

גראָד אויף דעם זעלבן שטאָק, וואו איך האָב זיך געפונען, איז אויך געווען דער צימער פאַר דיזינטעריע־קראַנקע און איך האָב גע־האַט די געלעגנהייט זיך צו טרעפן גאַנץ אָפט מיט די דאָזיקע קראַנקע אין וואַש־צימער אָדער אין בית־הכסא. דאָס זיינען געווען לעבעדיקע מתים, וועלכע האָבן שוין ניט געקאָנט זיך באַוועגן. זיי האָבן אַפילו זייערע היגיענישע באַדערפענישן געטאָן אין בעט, אָדער פאַרלוירן אין וועג.

יעדן טאָג האָט מען פון דעם ציטער אַרויסגעשלעפּט מתים און זיי אַוועקגעלייגט אין וואַש־חדר, ביז זיי זיינען געשיקט געוואָרן אין קרעמאַטאָריע.

די מעדיצינישע הילף, וועלכע די דיזינטעריע קראַנקע האָבן באַ־קומען איז געווען זייער אַ פּרימיטיווע. מען האָט זיי געהאָדעוועט מיט זויער־קרויט כדי אָפּצושטעלן די קראַנקהייט. זייערע מאָגנס האָבן אָבער דאָס מאכל ניט געקענט פאַרטראָגן. נאָר די, וואָס האָבן געהאַט אַן אמת געזונטן קערפּער, האָבן געקאָנט אַרויסווייזן אַ ווידערשטאַנד דעם מלאך־המוות.

עס איז כדאַי צו באַמערקן, אַז אין אַלע קראַנקן־אָפּטיילונגען האָבן די דאָקטוירים געזוכט אַ מעגלעכקייט צו ראַטעווען דעם קראַנקן דורך פּרימיטיווע מיטלען, ווייל קיין ריכטיקע פאַרמאַצעווטישע מיטלען האָבן זיי ניט געהאַט. ליידער זיינען אָבער די דאָזיקע מיטלען געווען גוט פאַר בהמות און חיות, אָבער ניט פאַר אָפּגעשוואַכטע, קראַנקע גופים.

די הויט־קראַנקע מיט קרעץ האָט מען, צום ביישפּיל, צוויי מאָל אין טאָג געשמירט דעם קערפּער מיט סולפיט־וואַסער און מיט זאַלץ־וואַסער, און עס איז כדאַי צו באַשרייבן די פּראָצעדור. אַלע קראַנקע פון דעם צימער האָבן זיך אין דער פרי אויסגעשטעלט נאַקעט אין איין שורה, איינער נאָכן צווייטן, און אַ אידישער בחור האָט פון אַן

עמער מיט פליסיקן סולפיט מיט אַ שמאַטע אָנגעווישט דעם גאַנצן קערפּער פון חולה. דער אָנגעשמירטער מיטן סולפיט האָט זיך מיט זיין נאַסן קערפּער געשטעלט הינטער די, וואָס דאַרפן ערשט געשמירט ווערן, און זיין קערפּער האָט זיך אויסגעטריקנט ביז עס איז ווידער געקומען זיין ריי געשמירט צו ווערן מיט דער צווייטער פליסיקייט.

די דאָזיקע פּראָצעדור איז דורכגעמאַכט געוואָרן אויך נאָכמיטאָג. די שמאַטע, מיט וועלכער דער בחור האָט באַשמירט די חולאים ניט איינמאָל, איז געווען שמוציק געוואָרן און האָט פאַרברודיקט די פּלי־סיקייט אין עמער מיט שמוץ און מיקראָבן.

אַוודאי זיינען די קראַנקע אויסגעהיילט געוואָרן נאָך איניקע טעג פון זייער בייסעניש, אָבער די זויערע פליסיקייטן, מיט וועלכע מען האָט געשמירט אַלע גלידער פון קערפּער אָן שום עקאָנאָמיע, האָבן אויף די שוואַכסטע הויט־שטעלן דורכגעעסן דעם קערפּער. עס איז מיר אויסגעקומען צו זען קראַנקע מיט שרעקלעך־טיפע וואונדן אפילו אויף דער מילה.

פיר טעג נאָך דער אָפּעראַציע, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט, בין איך געקומען צום כירורג, כדי ער זאָל מיר מאַכן דעם ערשטן באַנ־דאַזש אויף די אויפגעשניטענע פורונקלס. אָבער אַנשטאָט צו באַקומען אַ זאַלב, וואָס זאָל לאַנגזאַם אויסציען דעם שמוץ, האָט דער דאָקטאָר מיך איבערגעשיקט צום דאָקטאָר פון אונזער צימער, וועלכער האָט מיט אַ זילבערניטראַט (ליאַפּיס) בליישטיפט איינגעריבן מיינע ביידע אָפענע וואונדן.

ווי לאַנג איך וועל לעבן, וועל איך ניט פאַרגעסן די צוויי שעה, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט נאָך דעך דער דאָזיקער „באַנדאַזשירונג“. דער ליאַפּיס האָט אין משך פון צוויי שעה צייט געברענט מיין רוי פלייש און איך בין ממש געשפּרונגען און געוויינט פאַר גרויס ווייטיק. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מען ברענט מיך לעבעדיקערהייט און אַז מיינע חברים טוען גאָר ניט מיך צו ראַטעווען. אמת, דער אייטער פון די וואונדן איז פאַרשוואונדן און מיינע וואונדן האָבן זיך מער ניט גענויטיקט אין באַנדאַזשירונג, אַזוי ראַדיקאַל איז געווען דער מיטל.

אָבער ווער פון אונז וואָלט דערלויבט אויף דער פרייהייט, אַז מען זאָל אים ברענען פלייש?

ס׳קאָן זיין, אַז די וועטערינאַרן וועגדן אָן צו פערד אַזאַ ראַדי־קאַלע היילונג. צו הויז־חיות גלויב איך ניט, אַז מען זאָל אָנווענדן אַזאַ מיטל, ווייל די „ליגע צו שיצן חיות״ וואָלט פראָטעסטירט קעגן דעם. דאָ אָבער ווערן אָנגעווענדט אַזעלכע ווילדע מיטלען צו מענטשן, גאָטס קינדער, און קיינער פון די ציוויליזירטע פעלקער מישט זיך ניט אַריין, כדי צו פראָטעסטירן.

וואו איז די ציוויליזאַציע? וואו זיינען אונזערע ברידער און שוועסטער פון יענער זייט אָקעאַן? פאַרוואָס צווינגען זיי ניט מיט זייערע געשרייען, אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג זאָל אָננעמען געוויסע שטראָף־מיטלען קעגן די דייטשן, וועלכע וואוינען אין אַמעריקע? שוין־זשע האָט מען אונז אינגאַנצן פאַרגעסן און איבערגעלאָזן אויף הפקר?

אַזעלכע פראַגן האָבן מיר קראַנקע אין אוישוויץ זיך געשטעלט יעדע רגע, און מיר האָבן אויף זיך געבעטן דעם טויט.

מיר וואָלטן מיט פרייד גיכער מסכים געווען צו פאַלן אונטער דער באָמבאַרדירונג פון די שווערע אַמעריקאַנער באָמבערס, איידער צו שטאַרבן אויף אונזערע בעטן אין שפּיטאָל אָדער פאַרגאַזט ווערן.

צו יענער צייט זיינען שוין אין לאַגער פאַרגעקומען „ליכט־אויסלעשונגען״, ווייל די אַליאירטע זיינען אָפט דורכגעפלויגן מיט זייערע מאַסיווע באָמב־עראָפּלאַנען, און מיר האָבן געלעכצט נאָך אַ באָמבע.

ווי שיין עס וואָלט געווען מצד די אַליאירטע, ווען זיי זאָלן געווען דורך באָמבעס פון דער לופט אויפרייסן די גאַז־קאַמער מיטן קרעמאַטאָריע! — אפשר וואָלט מען דורך דעם געווען אויסגעמיטן די פאַרגאַזונג פון נאָך עטלעכע הונדערט טויזנט פרויען און קינדער, וואָס זיינען שפּעטער געבראַכט געוואָרן פון אונגאַרן. אויב עס וואָלטן געווען קרבנות צווישן אונז אינטערנירטע, וואָלטן אָבער אויך אומ־געקומען אונזערע תלינים און מלאכי־חבלה און מיר וואָלטן געקאָנט שטאַרבן מיט די ווערטער פון שמשון הגבור: „תמות נפשי עם פלשתים״.

## קאַפּיטל 30

# די סעלעקציע אין שפּיטאָל פאַר דער גאַזקאַמער

דער 18טער אַפּריל, דער טאָג ווען עס האָט באַ־דאַרפט פאַרקומען אין לאַגער אַ סעלעקציע פאַר דער גאַז־קאַמער, ווי אין די פאַריקע דריי חדשים, איז פאַריבער בשלום, דאָס הייסט, אָן שום געשעעניש.

אָבער דעם 26טן אַפּריל, אין דער פרי, האָט אונז דער קאָמענדאַנט פון אונזער צימער דערקלערט, אַז ער וועט תיכף אויסרופן יעדן קראַנקן ביים נאָמען און דער אויסגערופענער זאָל זיך צו אים צושטעלן, צו באַקומען זיין קראַנקן־קאַרטע, וואָס געפינט זיך תמיד אין זיין ביורא.

אויסטיילנדיק די קאַרטן, האָט ער דערקלערט, אַז באַלד דאַרף קומען אַ קאָמיסיע פון די עס.־עס.־לייט, פאַר וועלכער מיר וועלן מוזן דורכגיין נאַקעט. דעריבער האָט ער גע׳עצה׳ט, אַז יעדער איינער זאָל זיך האַלטן גוט און זאָל דורכגיין פאַרביי דער קאָמיסיע ניט איינ־געהויקערט ווי אַן אמת׳ער קראַנקער.

איך וועל דערביי באַמערקן, אַז אונזער קאָמענדאַנט איז געווען דער ערשטער פּאָליאַק, וועלכן איך האָב אין לאַגער באַגעגנט, וואָס האָט אַבסאָלוט ניט אַרויסגעוויזן קיין אַנטיסעמיטיזם. איך האָב, ליידער, פאַרגעסן זיין נאָמען, ווייל גוטע מענטשן, ווייזט אויס, פאַרגעסן זיך אַ סך לייכטער ווי שלעכטע. אָבער עס איז כדאַי צו געבן אַ בילד פון דעם דאָזיקן מענטשן. ער איז געווען פון וואַרשע און האָט גוט גערעדט רוסיש, ווייל זיין מוטער איז געווען אַ עכטע רוסין, און ער אַליין איז ביז דער רוסישער רעוואָלוציע דערצויגן געוואָרן אין ראָסטאָוו, וואו ער האָט באַקומען זיין מיטל־בילדונג. עס קאָן אויך זיין, אַז צוליב דעם רוסישן בלוט, וואָס איז געפלאָסן אין זיינע אָדערן, איז ער געווען מער פריינטלעך צו אידן, ווי די אַנדערע פּאָליאַקן.

איך בין מיט אים געווען אין זייער גוטע באַציאונגען און ער האָט צו מיר אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע סימפּאַטיע. עס האָט אים אימ־

פּאַנירט וואָס אַ פראַנצויזישער איד רעדט פריי רוסיש און אויך אַביסל פּויליש. מיר האָבן זיך אָפּט גאַנץ אינטים אונטערהאַלטן און ער האָט מיר אַפילו פּאַרטרויט זיינע פּאָליטישע אָנשויאונגען.

פאַר די צוויי חדשים וואָס איך האָב זיך געפונען אין זיין צימער, האָט ער קיינמאָל ניט אָנגערופן אַ אידן „זשיד" און האָט כמעט יעדן געקענט ביים נאָמען, ניט קוקנדיק וואָס מיר זיינען געווען אין דער צאָל פון הונדערט־און־צוואַנציק מאַן.

אויב דער „פלעגער", וואָס איז געווען אַ גריכישער איד, אַ פאַרמאַצעווט, האָט זיך דערלויבט עמיצן פון די קראַנקע צו שלאָגן, האָט דער קאָמענדאַנט אים געמאַכט אַ באַמערקונג און ניט דערלאָזן צו קאָנפליקטן. נאָר אַ דאַנק אים האָבן מיר זיך אין דעם קראַנקן־צימער געפילט פרייער ווי אין די אַנדערע צימערן.

פאַרשטייט זיך, אַז עס איז אים געווען זייער פיינלעך צוצוזען די אַקציע פון די עס.־עס.־לייט, דעריבער האָט ער דורך ווערטער גע־זוכט צו שטאַרקן אונזער מאָראַל.

אונזער צימער איז געווען שמאָל און לאַנג. אומגעפער אין דער מיט איז געווען אַ פרייער שטח, וואו עס זיינען ניט געשטאַנען קיין בעטן. דאָרט האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ מאַסיוון טיש, אויף וועלכן עס האָט זיך צוגעזעצט די פיגור פון אַ הויכן, דיקן דייטש, דער הויפּט־שטורעמטרופּער, דער נייער דאָקטאָר פון אוישוויץ, פאַר וועלכן מיר האָבן באַדאַרפט דורכשפּאַצירן. לעבן אים איז געשטאַנען אַן עס.־עס.־מאַן אין גראַד פון שאַרף־פירער.

אַלע קראַנקע זיינען געשטאַנען צווישן די בעטן, אין דעם טייל פון צימער, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער לינקער זייט פון דער אַזוי־גערופענער קאָמיסיע.

נאָכדעם ווי מען איז דורכגעגאַנגען די סעלעקציע, האָט מען זיך געפונען אויף דער צווייטער זייט פון צימער.

פאַר דעם עס. עס.־דאָקטאָר איז געשטאַנען אונזער בלאָק־די־רעקטאָר, אַן אינטערנירטער פּוילישער דאָקטאָר פון קראָקע. יעדער פון אונז איז צוגעגאַנגען, האָט אָפּגעגעבן דעם עס. עס.־דאָקטאָר זיין קראַנקן־

קאַרטע, און דער פּוילישער דאָקטאָר האָט דערקלערט די קראַנקהייט אויף דייטש. מען האָט זיך אומגעדרייט מיט דער פּלייצע צום עס.־עס־דאָקטאָר, כדי צו ווייזן דעם גאַנצן קערפּער, און מען האָט דאַן געקאָנט גיין ווייטער.

דער פּוילישער דאָקטאָר, מוז איך צוגעבן, האָט כמעט פאַר יעדן קראַנקן געגעבן אַ גוטן דיאַגנאָז. ער האָט תמיד צוגעגעבן, אַז דער קראַנקער קאָן שוין אויסגעשריבן ווערן און גיין אַרבעטן.

דער עס. עס.־דאָקטאָר האָט אָבער דערויף קיין שום אַכטונג ניט געלייגט. ער האָט, קאָן מען זאָגן, אויטאָמאַטיש איין קאַרטע ביי זיך צו־ריקגעלאָזן און איין קאַרטע אָפּגעגעבן אין דער האַנט פון זיין געהילף.

די גאַנצע אַקציע האָט געדויערט אפשר אַ שעה פאַר די 120 נפשות, וואָס מאַכט אויס כמעט אַ האַלבע מינוט אויף אַ פּערזאָן.

קיינער פון אונז האָט ניט געקאָנט וויסן זיין גורל, ווייל די קאָ־מיסיע האָט מיטגענומען מיט זיך פּאַקטיש אַלע קאַרטן.

צו מיר איז אָבער צוגעלאָפן דער קראַנקער באַריישאַ, וועגן וועלכן איך האָב פריער געשריבן, מיט אַ בלייך פנים, און אַ געשריי געגעבן:

„טווערסקי, איך בין איצט אַריינגעפאַלן!"

„ווי אַזוי, פרעג איך אים, קאָנסטו דאָס וויסן?"

ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט מיט זיין שאַרף אויג באַאָבאַכטעט די גאַנצע פּראָצעדור און האָט באַמערקט, אַז זיין קאַרטע איז אָפּגעגעבן דעם עס.־מאַן וועלכער האָט, לויט זיין מיינונג, די קאַרטן פון די ריכטיקע „מוסולמענער".

איך אַליין בין געווען גאַנץ גלייכגילטיק צו מיין גורל, אָבער זעענדיק דעם שטאַרקן ווילן פון באַריישאַן צו לעבן, האָב איך גע־פּרוואווט אים צו באַרואיקן. עס האָט מיך באמת וויי־געטאָן דאָס האַרץ פאַר אַזאַ יונגן מענטשן און איך האָב טאַקע געגלויבט, אַז ער האָט זיך טועה געווען, ווייל קערפּערלעך האָט ער געוואויגן 140 פונט.

אַגב אורחא, מוז איך צוגעבן, אַז מיט אַ וואָך פריער האָב איך אים גע'עצה'ט זיך אויסצושרייבן פון דעם שפּיטאָל, כדי צו גיין צוריק

צו דער אַרבעט. ער האָט זיך עטלעכע טעג געשלאָגן מיט דער דעה, צי ער זאָל מיך פּאָלגן. אָבער פּריטיק, דריי טעג פאַר דער דאָזיקער סעלעקציע, איז ער געגאַנגען צו ד״ר פרייזינגער בעטן, אַז ער זאָל אים אויסשרייבן פון זיין צימער אַלס געזונטן.

דער דאָקטאָר האָט אים אָבער געענטפערט:

„ניין, איך האָב ניט קיין רעכט דיך אויסצושרייבן מיט אַזאַ געשוויר אויף דיין האַלז״.

„סטייטש, בעט זיך ביי אים באַריישאַ, צו וואָס זאָלט איר מיך דאָ האַלטן, ווען איך קריג ניט קיין שום היילונג?״

„נו, גוט!״ איז מילדער געוואָרן דער דאָקטאָר, און האָט אים ענדלעך פאַרשפּראָכן עטוואָס צו טאָן פאַר אים.

ביז מאָנטיק איז אָבער גאָר ניט געטאָן געוואָרן, און דעם טאָג איז שוין געקומען די קאָמיסיע, וועלכע האָט שוין זיין גורל באַשטימט.

נאָך מיטאָג איז באַקאַנט געוואָרן, אַז זעכציק קראַנקן־קאַרטן זיינען צוריקגעבראַכט געוואָרן צום קאָמענדאַנט און אַז די אַנדערע קאַרטן זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן אַלס קאַנדידאַטן פאַר דער גאַז־קאַמער.

צו מיר זיינען צוגעקומען די קראַנקע באַדאַך, באַריישאַ און אַנדערע און האָבן מיר פאַרגעלייגט, אַז איך זאָל פעסטשטעלן ביים קאָמענדאַנט, צי זייערע קאַרטן זיינען צוריקגעקומען. מיר איז די זאַך געווען זייער פריקרע, ווייל, ערשטנס, האָב איך ניט געוואָלט באַרירן מיין אייגענעם גורל, און צווייטנס, האָב איך געוואוסט, אַז איך אַליין וועל מוזן שפּעטער ווערן אַ שקרן — איך וועל דאָך ניט גיין אָנזאָגן דעם טרויעריקן אמת אַ מענטשן, וואָס לעכצט נאָך צו לעבן.

איך האָב זיי געזאָגט, אַז ביי דער ערשטער געלעגנהייט, וואָס איך וועל זען דעם קאָמענדאַנט, וועל איך אים פרעגן וועגן זיי. דער קאָמענ־דאַנט, ווידער, האָט אויסגעמיטן צוצוגיין צו מיין בעט, ווי ער פלעגט דאָס טאָן פריער, און כ׳האָב אין זיין פריינטלעכן, טרויעריקן שמייכל באַ־מערקט, אַז ער מיידט אויס מיר צו קוקן אין די אויגן. דאָס איז פאַר מיר געווען אַ שלעכטער סימן.

מיין פריינט פון טאַרנאָוו האָט זיך צוויי טעג געפונען אויפן

צווייטן שטאָק אַלס הויט־קראַנקער און ער האָט דורכגעמאַכט די סע־לעקציע אין זיין צימער. ער איז נאָכדעם אַרונטערגעקומען מיר אָנזאָגן, אַז ער איז ברוך־השם פאַראיבער בשלום, ווייל דער שרייבער פון זיין צימער, מיט וועלכן ער איז געווען אין גוטע באַציאונגען, האָט אים גע־זאָגט, אַז זיין קאַרטע איז צוריקגעקומען.

צוויי טעג האָט מען ניט געוואוסט דעם רעזולטאַט, ווייל די קאַרטן גייען צוערשט אַוועק אין דער פאָליטישער ביורא, וועלכע האָט דאָס רעכט צוריקצוציען די „מישלינגע״ און די דייטשישע אידן, וואָס האָבן אַרישע פרויען; דערנאָך ווערן די קאַרטן איבערגעשיקט אין אַרבעטס־ביוראָ און יעדער קאָמאַנדע־פירער האָט אויך דאָס רעכט צו אינטערווענירן וועגן זיין אַרבעטער, וועלכן ער האָט נייטיק צו דער אַרבעט.

אויפן דריטן טאָג נאָך דער סעלעקציע איז פאַרן אויסטיילן די זופּ געקומען צו מיר דער קאָמענדאַנט און האָט מיר שטיל איינ־גערוימט אויפן אויער, אַז מיין קאַרטע איז אים איצט צוריקגעבראַכט געוואָרן. מיין גלייכגילטיקייט און קאַלט־בלוטיקייט צו דער דאָזיקער בשורה האָט אים אַפילו געוואונדערט.

איך האָב באמת ניט געשפּירט קיין שום פרייד דורך דעם, ווייל די דאָזיקע טרויעריקע עקזיסטענץ און די אויפרעגונג קעגן דער צי־וויליזירטער וועלט האָט אין מיר אַרויסגערופן אַן עקל צום לעבן.

עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז דער שעף פון היגיענישן אינסטיטוט, דער אויבער־שטורעמפירער ד״ר וועבער, האָט מיך דע־מאָלט אַרויסגעצויגן פון דער רשימה, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר דער גאַז־קאַמער. איך בין אים געווען ניט אַזוי ניצלעך אַלס כעמיקער, ווי ער האָט געוואָלט צייגן מיינע קאָלעגן אַ זשעסט פון אַ דזשענטלמאַן צו זיינע אַרבעטער און אויך זיין תקיפות.

איך אַליין גלויב, אַז דער זכות פון מיין הייליקן פאָטער, הרב ז״ל, און פון אומשולדיקן יונגן בן־יחיד לוי־יצחק האָט אויף מיר מגין געווען אַז איך זאָל ניט אומקומען דורך אַזאַ אוממענטשלעכן טויט. די

נשמה פון דער פאַרשטאָרבענער הייליקער מוטער הרבנית ע״ה האָט פאַר מיר געדינט אַלס מליץ טוב.

ביי אונז אין צימער האָט זיך די שטימונג געענדערט באַלד ווי מ׳האָט אויסגעטיילט די זופּ. דער קאָמענדאַנט האָט דערקלערט, אַז ווער עס באַדאַרף גיין אין דער בית־הכסא, זאָל דאָס באַלד טאָן, ווייל דאָס צימער וועט פאַרשלאָסען ווערן אויף דריי שעה צייט. ער האָט שוין באַקומען דאָס צעטל פון די, וועלכע דאַרפן אַוועקגעשיקט ווערן פון אונזער צימער קיין בירקענאַו, דעריבער וועט ער באַלד אויסרופן די נעמען לויט דעם קריסטלעכן אַלף־בית, און די אויסגע־רופענע זאָלן זיך צו אים מעלדן, כדי צו באַקומען אַ פּאָר הויזן און היל־צערנע פּאַנטאָפל.

אין בית־הכסא האָב איך מיך געטראָפן מיט מיין פריינט פון טאַרנאָוו. ער איז געווען גאַנץ גוט געשטימט, ווייל ער איז געווען זיכער אַז ער איז דורך בשלום די סעלעקציע. מיר האָבן אָפּגעמאַכט זיך ווידער צו טרעפן נאָכדעם ווי אונזערע צימערן וועלן אויפגעשלאָסן ווערן.

ביי די טירן פון אונזער צימער האָט דער בלאָק־עלטסטער צו־געשטעלט שומרים און מיר אַלע זיינען אינעווייניק געבליבן שטיל, כדי צו הערן די אויסגערופענע נעמען.

אויף דעם אות „איי״ זיינען אויסגערופן געוואָרן צוויי קראַנקע, וואָס האָבן געשטאַמט פון בערלין. זיי זיינען איינער נאָכן צווייטן אַרונ־טערגעגאַנגען רואיק פון זייערע בעטן און האָבן זיך געלאָזט גיין צו דעם צימער פון דער קאָמענדאַנט נאָך די מלבושים.

מיטן אות „בי״ האָט מען אויסגערופן באַריישאַן. ער איז אַראָפּ־געשפרונגען פון זיין בעט און איז צוגעלאָפן צו מיין בעט מיטן געשריי: „טווערסקי, ראַטעוועט מיך, איך וויל נאָך לעבן!״

אויסער דעם ווי צו גיין אויף זיין פּלאַץ, אויב עס איז מעגלעך, האָב איך גאָר ניט געקאָנט טאָן.

צוויי שומרים, אוקראַינער, האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן און גע־וואָלט אים מיט כוח אַוועקשלעפּן, אָבער דער קאָמענדאַנט איז באַלד צוגעקומען און זיי אַוועקגעטריבן.

באַריישאַ האָט אָנגעהויבן שרייען אויף פּויליש און היסטעריש געוויינט, אַז ער איז געבליבן דער איינציקער פון צוועלף נפשות פון זיין משפחה און איצט וויל מען אויך אים טויטען...

איך בין באַלד צוגעגאַנגען צום קאָמענדאַנט און אים געבעטן, אַז ער זאָל מיר דערלויבן גיין אויפן פּלאַץ פון באַריישאַן.

דער קאָמענדאַנט איז שרעקלעך בייז געוואָרן אויף מיר און ניט געוואָלט הערן וועגן דעם. באַריישאַ ווידער האָט אָנגעהויבן ווילד צו שרייען אויף מיר מיט די ווערטער: גייט צוריק אין אייער בעט, טווערסקי. איר זענט אַ פּאָטער פון אַ בן־יחיד און אַ גוטער מענטש, איר מוזט איבערלעבן דעם קריג און קומען צוריק צו אייך אַהיים...

דער קאָמענדאַנט האָט אים געלאָזט שרייען און האָט אויסגעהערט אַלע זיינע ביטערע און ריכטיקע טענות. ער האָט אויך באַשולדיקט דעם אידישן דאָקטאָר, וואָס האָט אים ניט געוואָלט אויסשרייבן פון שפּיטאָל מיט פינף טעג צוריק.

ענדלעך האָט דער קאָמענדאַנט אָנגעהויבן אים בעטן און ווירקן אויף אים מיט גוטע ווערטער. ער האָט אים אַפילו געשוואוירן ביי זיין קאָפּ, אַז ער ווערט געשיקט אין אַן אַנדער שפּיטאָל און ניט אין גאַז־קאַמער.

דאָס איז ווירקלעך געווען אַ מענטש מיט אַ גוטער נשמה, אַזעלכע געהערן מסתמא צו די למד־וואָווניקעס, וועלכע פאַרלענגערן דעם אי־דישן גלות. די דאָזיקע ווערטער האָבן אויף אים געווירקט באַרואיקנ־דיק און ער האָט איינגעשטימט צו גיין נעמען זיינע תכריכים.

אויסער באַריישאַן האָט קיינער ניט געמאַכט קיין שוועריקייטן, און פינף־און־פופציק מאַן פון אונזער צימער האָבן זיך שנעל אָנגעטאָן.

באַריישאַ ע"ה איז צו מיר דערנאָך צוגעקומען, מיך געקושט און ווידער געגעבן זיין ברכה, אַז איך זאָל קומען בשלום צו מיין פרוי און קינד. ווי איך זע, איז זיין וואונטש מקויים געוואָרן.

איך וועל זיין יאָרצייט האַלטן און זיין געשטאַלט וועט ביי מיר תמיד פאַרבלייבן אין זכרון.

נאָך אַנדערע האָבן זיך מיט מיר געזעגנט — און זיי זיינען

געוועזן קאַלטבלוטיק צו זייער גורל. זיי האָבן שוין לאַנג פאַרלוירן אין אוישוויץ זייערע פרויען און קינדער און זיי ווילן שוין מער ניט פאַרזעצן אַט די טרויעריקע עקזיסטענץ.

איך האָב געזען מיט וועלכן מוט די דאָזיקע קרבנות זיינען געגאַנגען, ווי חנה׳ס זיבן זין, אומגעבראַכט צו ווערן אויף קידוש־השם.

מען האָט זיי אַרויסגעפירט אין קאָרידאָר און זיי האָבן געקאָנט דורך דער גלעזערנער טיר אונז שיקן זייער לעצטן גרוס.

ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב דערזען דורכן פענצטער מיין פריינט פון טאַרנאָוו, מיט וועלכן איך האָב צוריק מיט אַ שעה גערעדט. ער איז שוין אויך געווען אָנגעטאָן אין די מלבושים און געוואַרט צוזאַמען מיט די אַנדערע אויף אַוועקצוגיין.

דער בלאָק־שרייבער האָט אים אָפּגענאַרט — און ער האָט אַזוי אַרום געלעבט רואיק די פּאָר טעג. איצט וועל איך אים שוין מער ניט זען.

מיין האַרץ איז מיר שיר־ניט צעשפּרונגען געוואָרן פאַר ווייטיק און שאַנדע, וואָס איך בין צוריקגעבליבן. מיט וואָס זיינען זיי ערגער פון מיר.

אין אַ שעה צייט האָט מען פון אַלע דריי צימערן צונויפגעזאַמלט אין קאָרידאָר אַלע קאַנדידאַטן און זיי געלאָזט וואַרטן ביז עס איז געקומען דער לאַסט־וואָגן פון בירקענהאַו און האָט זיי מיטגענומען.

ביי אונז אין צימער איז געוואָרן פרייער, אָבער עס האָט גע־הערשט אַ טויט־שטילקייט, ווי נאָך אַ לויה.

## קאַפּיטל 31

# שוינונגס בלאָק נומער נייַן און פרויען בלאָק נומער צען

די דאָזיקע סעלעקציע און דער אינצידענט מיט באָ־ריישאָן, ע״ה, האָבן איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן רושם אויף דעם קאָמענ־דאַנט מיטן דאָקטאָר פון אונזער צימער.

זיי האָבן אַליין שוין אָנגעהויבן אויסצושרייבן אָדער איבערשיקן אויף אַנדערע קראַנקע־בלאָקס די קראַנקע, וועלכע זיינען ניצול געוואָרן פון דער גאַז־קאַמער.

איך פּערזענלעך בין איבערגעשיקט געוואָרן אויפן שוינונגס־בלאָק נומער 9 און בין געקומען ווידער אין דעם זעלבן צימער, וואו איך האָב מיך געפונען צוריק מיט צוויי חדשים. דעמאָלט האָב איך אויף מיינע אויגן ניט געקאָנט זען, אָבער איצט האָב איך מיך גוט צו־געקוקט צו דער סביבה פון די קראַנקע, מיט וועלכע איך האָב מיך געפונען.

כמעט אַלע זיינען אויפן וועג געזונט צו ווערן, און דער בלאָק האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ דורכגאַנגס־בלאָק צווישן דעם שפּיטאָל און די אַרבעטס־בלאָקן.

עס האָבן זיך דאָ געפונען קראַנקע, וועלכע זיינען איבערהויפּט קיינמאָל ניט קראַנק געווען, נאָר זיינען אונטערגעוואָרפן געוואָרן אַ כירורגישער באַהאַנדלונג מיטן צוועק פון עקספּערימענטירן...

אויף מענער האָט מען געמאַכט פאַרשידענע עקספּערימענטן דורך דעם, וואָס מען האָט זיי סטעריליזירט און דערנאָך אויסגעפּרואווט זייער מענער־פּרוכט, אויב זי איז נאָך פעאיק צו שאַפן קינדער.

איך האָב געטראָפן אַ יונגנמאַן, וועלכן מען האָט מיט אַ יאָר צוריק סטעריליזירט אין ביצה, און זיינע זאָמען זיינען נאָך נאָכדעם געווען פעאיק צו שאַפן קינדער. דאַן האָט מען אים מיט זעקס חדשים שפּעטער די צווייטע ביצה סטעריליזירט, און ער האָט אָנגעהויבן גע־שוואָלן צו ווערן. איצט האָט ער זיך געפונען אויף דעם דאָזיקן בלאָק, ווייל ער איז שוין ניט געווען פעאיק צו אַרבעט...

דעם דאָזיקן אומגליקלעכן מענטשן האָט מען אין דער סעלעק־ציע, וואָס איז שפּעטער פאָרגעקומען, דאָך געשיקט אין דער גאַז־קאַמער. זיינע באַקאַנטע האָבן מיר דערציילט, אַז צוריק מיט אַ יאָר איז ער מיט זיינע 26 יאָר געווען ממש אַ גיבור.

עס זיינען אויך געווען אַנדערע, אויף וועלכע מ'האָט אויסגע־

פּרוּוּט פאַרשידענע עקספּערימענטן, וועגן וועלכע זיי האָבן אויס־געמיטן צו רעדן.

אַלס עקספּערימענטן־בלאָק איבער פרויען האָט זיך גערעכנט דער בלאָק נומער 10, וועלכער האָט זיך געפונען אין שכנות מיט אונזער בלאָק.

אין אָשוויענטשים גופא זיינען ניט געווען קיין בלאָקן מיט פרויען, וואָס זיינען געגאַנגען צו אַרבעט. זיי אַלע האָבן זיך געפונען אין זייער פרויען־לאַגער בירקענהאַן, פינף מייל פון אוישוויץ.

די, פון די מענער, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער פאַבריק „אוניאָן" לעבן אוישוויץ, האָבן זיך געטראָפן מיט די פרויען, וועלכע מען האָט געבראַכט פון בירקענהאַו צו דער אַרבעט.

איך האָב געהאַט איניקע באַקאַנטע וועלכע האָבן דאָרט געאַרבעט, און זיי האָבן מיר דערציילט, אַז די פרויען זעען אויס זייער שלעכט מיט זייערע אָפּגעשוירענע האָר און ווערן זייער שלעכט באַהאַנדלט. אויסער דעם, זיינען זיי קיינמאָל ניט געווען זיכער, אַז זיי וועלן אויפן צווייטן טאָג קומען צו דער אַרבעט.

יעדע נאַכט האָט מען אַרויסגענומען פרויען פון די בלאָקן אָדער גענומען גאַנצע בלאָקן און זיי געטריבן אין דער גאַז־קאַמער...

פאַר די עטלעכע חדשים, וואָס מיינע באַקאַנטע האָבן געאַרבעט אין דער „אוניאָן", האָבן זיי גאַנץ אָפט פאַרלוירן זייערע באַקאַנטע פרויען, מיט וועלכע זיי האָבן זיך געטראָפן ביי דער אַרבעט, ווייל זיי האָבן שוין מער נישט געלעבט...

די סאַדיסטישע נאַציס האָבן אָבער אין אָשוויענטשים גופא גע־גרינדעט אַ ספּעציעלן בלאָק פאַר פרויען מיט זיינע געהיימנישן.

מיר מענער האָבן אין אָוונט נאָכן אַפּעל, אָדער זונטיק נאָכ־מיטאָג, אויב מ׳איז ניט געגאַנגען צו דער אַרבעט, געהאַט דאָס רעכט זיך צו באַוועגן איבערן לאַגער. דאַגעגן די פרויען פון בלאָק 10 זיינען געווען פאַרשלאָסן הינטער די אייזערנע גראַטעס.

איצט, געפינענדיק זיך אין שכנות, האָב איך געהאַט די מעג־לעכקייט צו זען, ווי יעדן פרימאָרגן פירט מען אויף אַ שפּאַציר אונטער

די אויפזיכט פון די הינט אויף צוויי פיס, באַגלייט פון אמת׳ע הינט אויף פיר פיס.

צווישן די קראַנקע איז אָפט אַרומגעגאַנגען דאָס רעטעניש, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַ געוויסע מליצה, כדי מען זאָל ניט אויסגעבן, אַז מען רעדט וועגן די עס־עס־מענער, און ס׳האָט אויך געטראָגן אַ געוויסן מאַטעמאַטישן ספאָרט.

די עס־עס־מענער האָט מען צוגערעכנט צו די הינט, און אַנ־שטאָט צו זאָגן צוויי עס־עס־מענער און איין הונט, האָט מען געשמועסט וועגן דריי הינט מיט אַכט פיס.

די פרויען האָבן אויסגעזען צו זיין יונג און זיינען געווען אַנגעטאָן אין זייערע ציווילע קליידער. נאָכמער האָט אונז געוואונדערט, וואָס זיי האָבן געטראָגן זייערע נאַטירלעכע האָר, ניט ווי די אַנדערע העפט־לינגע. זיי האָבן אויך געקראָגן אַ בעסערע דערנערונג און באַהאַנדלונג אָבער די עקספּערימענטן, וואָס די עס־עס סאַדיסטן האָבן איבער זיי געמאַכט, זיינען געווען שוידערלעכע.

מ׳האָט גערעדט וועגן קינסטלעכער שוואַנגערשאַפט דורך איינ־שפּריצונג. דערביי געמישט די זאָמען פון די מענער לויט זייער אויס־זען, צום ביישפּיל: ברונעטע מיט רויטע. איך האָב אַמאָל געלייענט, אַז אויף פערד האָט די וויסנשאַפט שוין דערגרייכט אַ פּאָזיטיוון רע־זולטאַט אויף דעם געביט. איצט האָבן די דאָזיקע סאַדיסטן געוואָלט אויספּרואוון אויף מענטשן דעם דאָזיקן מעטאָד.

אויך האָבן זיי זיך אינטערעסירט מיט דער פראַגע פון צווילינגס. און פאַר דעם אַלעם האָבן זיי זיך באַנוצט מיט אונזערע פרויען און טעכטער אַלס עקספּערימענט־מאַטעריאַל.

שוין ניט צו רעדן וועגן דער סטעריליזאַציע דורך אינדזשעקשאַנס.

איך קאָן מער ניט שרייבן וועגן דער פראַגע, ווייל דאָס בילד פון דעם בלאָק 10 מיט די פּנים׳ער פון די שיינע, יונגע פרויען און מיידלעך ביי די פענצטער הינטער אייזערנע גראַטעס רופט אין מיר אַרויס אַ שרעקלעכן צאָרן און שאַנדע פאַר דער גאַנצער ציוויליזאַציע!

איך קאָן מיך נאָר דערמאָנען, ווי איינער פון מיינע קאָלעגן,

אַן אַגראַנאָם פון פּראַג, וועלכער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט מיר אין דעם היגיענישן אינסטיטוט, האָט פּלוצים באַקומען אַ מעלאַנכאָלישע קראַנקהייט און האָט מער ניט געקאָנט גיין צו דער אַרבעט.

איך און אַ דאָקטאָר פון בערלין מיטן נאָמען אַבראַמטשיק זייַנען צו אים צוגעשטאַנען מיט דער ביטע צו זאָגן די סיבה פון זיין טרויעריקער מעלאַנכאָלישער שטימונג.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט, — מיינע פריינט, איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, אַז זינט דעם טאָג, ווען איך האָב מיך דערוואוסט, אַז מיין פרוי געפינט זיך שוין אויך אויפן בלאָק נומער 10, איז מיר דאָס לעבן נמאס געוואָרן. איך וועל ניט איבערטראָגן דעם ווייטיק און די שאַנדע פון מיין פרוי...

און ווירקלעך: דריי חדשים שפּעטער האָט ער זיך געוואָרפן אויף די עלעקטרישע דראָטן פון לאַגער און איז דערשאָסן געוואָרן.

ער איז מסתמא ניט געווען דער ערשטער און אויך ניט דער לעצטער קרבן, ווייל די פרויען האָבן זיך אויפן בלאָק צען אָפּט געביטן. די אויסגענוצטע זיינען געשיקט געוואָרן אין דער גאַז־קאַמער און אויף זייער אָרט זיינען באַלד געבראַכט געוואָרן פרישע קרבנות.

אויף אונזער בלאָק 9 האָט מען גענומען בלוט פון די קראַנקע. איך אַליין בין אויך איינמאָל אונטערגעוואָרפן געוואָרן אַזאַ מין אָפּעראַציע, נאָך וועלכער איך האָב באַשלאָסן פאַרלאָזן דעם בלאָק.

דעם 5טן מאַי האָט מען מיך אויסגעשריבן און דעם 9טן איז ווידער פאָרגעקומען אַ סעלעקציע אויף די „מוסולמענער" פון דעם שפּיטאָל, ווייל די גאַז־קאַמער האָט ווידער פאַרלאַנגט אידישע קרבנות.

איך בין שוין דאַן געווען צוריק ביי מיין אַרבעט, אָבער מיין פריינט באַדאַך, וועלכער איז געראַטעוועט געוואָרן פון דער סעלעקציע דעם 26טן אַפּריל, האָט מען דאָס מאָל צוגענומען.

דאָס האָט מיך נאָך מער איבערצייגט אין דעם, אַז קיינער פון אונז וועט ניט אויסמיידן די גאַז־קאַמער, אויב די נאַציס וועלן נאָך לאַנג האָבן די שליטה איבער אונז.

## קאַפּיטל 32

# מען דערוואַרט דעם אָנקום פון אונגאַרישע אידן

די שטימונג אין לאַגער גופא איז געווען זייער אָן אָנגעשטרענגטע. פון בירקענהאַו זיינען געקומען ידיעות, אַז זינט דעם ערשטן מאַי ווערן געמאַכט גרויסע פּאַרבאַרייטונגען, כדי אויפצונעמען אַ האַלבן מיליאָן אידן און זיי פאַרניכטן.

צוויי טויזנט מענטשן אַרבעטן טאָג און נאַכט, כדי צו פאַרלענ־גערן די באַן־ליניע, וואָס פירט צו די קרעמאַטאָריעס, מיט דעם צוועק צו פאַרשנעלערן דעם צופיר פון די פאַרגאַזטע קרבנות.

אַזוי ווי די פיר אויוונס פון דער קרעמאַטאָריע קאָנען ניט פאַר־ברענען אַזוי פיל מענטשן, ווערן אויסגעגראָבן די אַלטע ברידערלעכע קבר־גרובן, וואו מען האָט אין 1942 פאַרברענט די פאַרגאַזטע, און זיי ווערן פאַרגרעסערט און מאָדערניזירט.

האַלץ ווערט צוגעפירט טאָנענווייז, כדי צו פאַרברענען אַ האַלבן מיליאָן אידן אין משך פון זעקס וואָכן צייט.

צום אָנהייב האָבן מיר געמיינט, אַז דאָס אַלץ איז פאַר אונז, אָבער דערנאָך זיינען געקומען ידיעות, אַז מען דערוואַרט די אונגאַ־רישע אידן.

אונזער מאַכטלאָזיקייט אויסצומיידן אַזוי פיל פרישע אידישע קרבנות האָט אונז פאַרשאַפט פיל עגמת נפש, און ווידער איז אויפגע־קומען די פראַגע, פאַרוואָס די ענגלענדער און די אַמעריקאַנער קומען ניט באָמבאַרדירן דעם לאַגער. זייערע געהיימע אָרגאַניזאַציעס און זייער אינטעלידזשענס־סערוויס ווייסן דאָך וואָס פאַר אַ טראַגעדיע עס שפּילט זיך אָפּ מיט אונז אידן אין אָבער־שלעזיע.

און כאָטש איך בין דאַנקבאַר די אַמעריקאַנער פאַר דעם, וואָס זיי האָבן מיך געראַטעוועט פון טויט, קאָן איך אָבער די פראַגע ניט פאַרשווייגן און קאָן אויף איר קיין ענטפער ניט קריגן.

די פאַרניכטונג פון די אונגאַרישע אידן האָט זיך אָנגעהויבן

אַן שום שטערונגען. זעקס אָדער זיבן אַנגעשטאָפּטע צוגן מיט מענער, פרויען און קינדער קומען אָן יעדן טאָג קיין אוישוויץ. גרויסע קאַלאָנען פון מענטשן וואַרטן מיט גרויס הכנעה אויף זייער ריי אַריינצוקומען אין דער גאַז־קאַמער. דער הימל איז שוואַרץ פון רויך, און דער שייַ־טער־אויוון ברענט מיט אַ שרעקלעכן, רויטן פייער ביז אין דער הייך פון צען פוס.

אויף דעם גאַנצן וועג צום אינסטיטוט פילט מען דעם גערוך פון מענטשלעך געבראָטן פלייש, ווייל 850 מאַן אַרבעטן אין דריי שיפטס, כדי צו פאַרברענען די קערפּערס פון זייערע אייגענע ברידער, שוועסטער און קינדער.

עס ווילט זיך אַנטלויפן פון דער דאָזיקער אינקוויזיציע, און דער גרויסער גאָט האָט מיין בקשה צוגעהערט.

דעם 9טן מאַי, ביים אַפּעל, ווערט מיין נומער 159,795 אויס־גערופן, אויך דער נומער פון אַ פּוילישן קאָלעגע מיינעם. אַז מיר זאָלן באַלד נאָכן פאַרענדיקן דעם אַפּעל זיך מעלדן צום שרייבער, ווייל מיר גייען איבער אויף דעם טראַנספּאָרט־בלאָק נומער 11.

פאַר דער צייט, וואָס איך בין געווען אין שפּיטאָל, איז אונזער כעמיקער־קאָמאַנדע איבערגעגאַנגען אויף אַן אַנדער בלאָק, און דער בלאָק נומער 11 איז געבליבן אַלס אַרעסט־בלאָק און אויך פאַר די, וואָס גייען אין טראַנספּאָרט, ווייל די, וואָס זיינען באַשטימט צו פאַר־לאָזן אוישוויץ, דאַרפן אָפּגעזונדערט ווערן און טאָרן ניט קומען אין קאָנטאַקט מיט די אַנדערע.

מיינע קאָלעגן האָבן מיך ממש מקנא געווען, וואָס איך פאַרלאָז אוישוויץ אין אַזאַ ערנסטן פּעריאָד, אָבער דער שרעק פאַר דעם אומ־טויש, באַאומרואיקט אַביסל די געמיטער.

וואוהין מען שיקט מיך, ווייסט מען ניט, ווייל דאָס איז אַ גרוי־סער סוד. און אפשר קום איך גאָר אין אַ לאַגער, וואו די באַדינגונגען זיינען נאָך ערגער ווי דאָ?

אויפן בלאָק נומער 11 האָב איך געפונען נאָך עטלעכע און צוואַנ־ציק אידישע כעמיקער, וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרן פון די לאַ־

גערן: בונא, יאווישעוויץ, גאַלושאַ, פירסט־גרובן, וועלכע געהערן צו אוישוויץ.

אַלע זיינען געבראַכט געוואָרן מיט דעם צוועק טראַנספּאָרטירט צו ווערן ווייטער. פון זיי בין איך געוואויר געוואָרן, אַז דאָס איז דער רעזולטאַט פון דער לעבנס־באַשרייבונג, וואָס מיר האָבן ענדע פעברואַר געשריבן, און אַז מיר וועלן געשיקט ווערן אין צוויי צענטערס: ברעס־לאַו און פּליאַשאָוו (ביי קראָקאָו).

אויפן צווייטן טאָג, נאָך מיין געפונען זיך אויפן נייעם בלאָק, בין איך געפירט געוואָרן אין קליניק, כדי דערהויפּט־דאָקטאָר זאָל מיך באַטראַכטן, צי בין איך געזונט און פעאיק צו גיין אין טראַנספּאָרט.

מען האָט אויך באַדאַרפט נעמען מיין בלוט באַלד צו אַנאַליזירן, אויב איך פאַרמאָג ניט קיין באַצילן פון פלעקן־טיפוס.

די אוישוויצער עס.־עס.־אַדמיניסטראַציע וויל ניט, אַז מען זאָל באַמערקן אין אַן אַנדער לאַגער די שלעכטע באַהאַנדלונגען, וועלכע לאָזן איבער אַ רושם אויפן קערפּער פון דעם אינטערנירטן. דעריבער ווערן די, וואָס זיינען באַשטימט צום טראַנספּאָרט, ערנסט עקזאַמענירט דורך דעם הויפּט עס.־עס.־דאָקטאָר אַליין, און ער באַשטימט, צי דער אינטערנירטער קאָן פאַרלאָזן אוישוויץ.

מיך האָט באַטראַכט דער זעלבער דאָקטאָר, וואָס האָט מיך דעם 26טן אַפּריל אויסגעוויילט אויף צו שיקן אין דער גאַז־קאַמער, אָבער זיין באַציאונג איז געווען ניט די זעלבע ווי דעמאָלט. איצט האָט ער מיך שוין געפונען פאַר אַן אַרבעטס־פעאיקן.

בכלל ווערן די, וואָס גייען אויף טראַנספּאָרט, באַטראַכט פון די עס.־עס.־מענער, אַלס נבחרים, ווייל וועגן דעם קומט אָן אַ באַפעל פון אָראַנענבורג, וואו עס געפינט זיך די הויפּט־אַדמיניסטראַציע פון דעם המן הימלער, וועלכע פאַרוואַלטעט מיט אַלע קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

פון דער קליניק זיינען מיר ווידער געבראַכט געוואָרן אויף אונ־זער בלאָק פון וואַנען מיר האָבן ניט געהאַט קיין רעכט אַרויסצוגיין.

אַזוי ווי איך האָב זיך געוואָלט זען מיט מיינע באַקאַנטע, האָב איך זיך איינגעשריבן אויף צו גיין ברענגען עסן פון קיך, און אַזוי אַרום האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט אַרויסצוגיין פון דעם בלאָק בשעת די גרופּע „עסענהאָלער" איז געגאַנגען ברענגען די זופּ אָדער דעם נאַכט־מאָל.

מיין ציל איז אויך געווען פעסטצושטעלן דורך פאַרבינדונגען וואוהין מיר וועלן געשיקט. דער פאַרוואַלטער פון אונזער כעמיקער־קאָמאַנדע האָט אויך געוואָלט אינטערווענירן, אַז מען זאָל מיך איבער־לאָזן אין אוישוויץ, אָבער איך האָב זיך דערפון אָפּגעזאָגט, ווייל מיין שטרעבונג איז געווען צו זיין וואָס ווייטער פון דעם דאָזיקן לאַגער, וואו די ערד איז דורכגענעצט מיט אידיש בלוט.

אויפן בלאָק 11 זיינען אויך געווען דייטשישע ציגיינער, וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרן פון פאַרשידענע לאַגערן, כדי אַוועקגעשיקט צו ווערן אין די לאַגערן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דייטשלאַנד גופא און וואו קיין אידישער פוס האָט ניט געקאָנט אַריינטרעטן.

עס איז כדאַי צו באַמערקן, אַז היטלער מיט זיין קליקע האָבן אויך געהאַסט די ציגיינער און האָבן געטאָן אַלץ זיי צו פאַרניכטן.

ביי בירקענהאַו האָט ביז אָנהייב פון 1944 עקזיסטירט אַ פאַמי־ליען־לאַגער פון ציגיינער, וואו עס האָבן זיך געפונען אויך קינדער. אָנהייב 1944 איז דער לאַגער ליקווידירט געוואָרן און אַ גרויסער טייל פון די ציגיינער איז פאַרגאַזט געוואָרן. די יונגע קרעפטן זיינען געשיקט געוואָרן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אָבער די פון זיי, וואָס האָבן דורכגעמאַכט דעם אָנהייב פון דעם קריג, האָבן געזאָלט ווידעראַמאָל אַריינגעצויגן ווערן אין דער אַרמיי.

צו דעם דאָזיקן פעריאָד האָבן די דייטשן שוין געהאַט פיל מפּלות אין רוסלאַנד און האָבן אַפילו געבילדעט אין אוישוויץ אַ גרופּע פון פרייוויליקע, וואָס איז באַשטאַנען פון פולקאַמע פאַרברעכער, און מיט זיי האָבן די דייטשן געמיינט צו קאָנען געווינען די מלחמה. זיי האָבן באַקומען דעם בלאָק 8 און האָבן צוויי מאָל אין טאָג דורכמאַר־

שירט איבערן לאַגער מיט זייערע פאַשיסטישע הימנען. אין דער גרופּע האָבן זיי די ציגיינער ניט אויפגענומען.

אין דער הינזיכט זיינען זיי צו די ציגיינער געווען שטרענגער אַפילו ווי צו די אידישע „מישלינגע״.

איינער מיינער אַ באַקאַנטער אין לאַגער, אַ איד פון מיראָפּאָל מיט דעם נאָמען פ., וועלכער איז נאָכ׳ן קריג פון 1914־18 איבערגע־בליבן וואוינען אין דייטשלאַנד, אין אַ קליינער שטאָט ביי לייפּציג, האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין. ניט ער האָט זיך געשמד׳ט, ניט זי האָט אָנגענומען אידישקייט. זיי האָבן געלעבט אויפן סמך פון אַ שטאָט־לעכער חתונה. ער האָט מיט איר געהאַט צוויי קינדער, אַ זון און אַ טאָכטער. זיין פאַך אַלס שניידער האָט אים דערלויבט צו מאַכן זייער אַ שיין לעבן און געבן זיינע קינדער אַ גוטע דערציאונג.

בשעת די אידישע באַגרענעצונגען אונטער דעם היטלער־רעזשים, האָט ער זיך ניט איינגעמאָלדן אַלס איד און זיינע קינדער זיינען אַפילו געווען אין דער היטלער־יוגנט.

דעם דאָזיקן שפּיל האָט ער פאַרגעזעצט ביז זומער פון 1943, און זיין טאָכטער האָט זיך שוין אַפילו פאַרלאָבט מיט אַן אַוויאַטאָר, אפשר אַ ריכטיקן נאַצי.

גרויס איז געווען די טראַגעדיע פון דער משפּחה, ווען אַ רוס האָט אים גע׳מסר׳ט אַלס אַ אידן. מען האָט אים תיכף איינגעשפּאַרט אין אַ לייפּציקער געפענגעניש, זיינע קינדער האָט מען אויסגעשלאָסן פון דער היטלער־יוגנט, און דער חתן פון דער טאָכטער האָט ניט גע־האַט קיין רעכט זיך צו טרעפן מיט איר, ווייל זי איז דאָך אַ „מישלינג״. דעם זון האָט מען אַפילו ניט געוואָלט אויפנעמען אין דער אַרמיי, ווייל היטלער האָט ניט געהאַט קיין צוטרוי צו געמישט בלוט.

אין דער אַרמיי איז אויך געווען אַ באַפעל, אַז מ׳זאָל אויס־שטרייכן אַלע „מישלינגע״ פון דער רשימה, וואָס זיינען געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד אַלס פּאַטריאָטן.

מיט דעם אידן האָב איך זיך געהאַט באַפריינדט, ווייל עס איז נאָך אין אים געבליבן דער רוסיש־אידישער גייסט, און ער

האָט מיר פאַרטרויט די טראַגעדיע פון זיין אייגענער משפחה. ער האָט מיר אַפילו געוויזן די בריוו פון זיינע קינדער צו אים, און מ׳האָט געזען בולט, אַז דאָס אידישע בלוט פליסט אין זיי. אויב זיי זיינען געווען אין דער היטלער־יוגנט, איז עס פשוט געווען ווי אַ מיטל, כדי צו ראַטעווען זייער פאָטער, וועלכן זיי האָבן שטאַרק ליב געהאַט.

דאָס זיינען געווען די זעלבע מאַראַנען, וואָס האָבן געזוכט זיך צו ראַטעווען פון דער היטלער־אינקוויזיציע, ווי די אַמאָליקע מאַראַנען אין שפּאַניע.

איידער איך בין אָפּגעפאָרן, איז דער צער פון דעם דאָזיקן אידן נאָך געווען גרעסער, ווייל דער לעצטער בריוו פון זיין זון (די וואָס זיינען געקומען קיין אוישוויץ דורך דער געסטאַפּאָ און האָבן געהאַט פרויען־קריסטן, האָבן געהאַט דאָס רעכט צו באַקומען בריוו און פּאַקעטן) איז געווען אַ געזעגענונגס־בריוו פאַר זיין פאַרלאָזן די מוטער. ער איז נעמלעך שוין אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער דייטשישער אַרמיי און איז געשיקט געוואָרן קיין פראַנקרייך, כדי צו פאַרטיידיקן דעם אייראָפּעאישן באַסטיאָן קעגן די שרעקלעכע אַליאירטע.

אין דער צייט, ווען די דייטשן האָבן שוין דערפילט די געפאַר פון אַ מפלה, האָבן זיי זיך שוין געווענדט צו אַלע עלעמענטן אין דייטש־לאַנד, אַפילו אויך צו אַזעלכע, אין וועמעס קערפּער עס האָט געפליסט אידיש בלוט.

איך בין דערווייל געזעסן אויפן בלאָק 11 און געוואַרט אויף אַ טראַנספּאָרט.

אַרויסגייענדיק פון שפּיטאָל, בין איך געבליבן מיט אַן ערנסטער קראַנקהייט, וואָס מען האָט גערופן „וויטאַמינאָן" — אַ מאַנגל אין וויטאַמינען אינעם קערפּער, וואָס האָט אַרויסגערופן אויף די פיס מכות, וועלכע מען האָט געקאָנט היילן נאָר דורך דעם נייעם מיטל „סולפאַ־אַמידין". אַזוי ווי דאָס מיטל האָט אין לאַגער אויסגעפעלט, האָב איך געזוכט עפּס אַ וועג, כדי צו פאַרלייכטערן מיינע ווייטיקן. גיין אין קליניק האָב איך ניט געהאַט קיין רעכט. האָב איך דערפאַר געזוכט אַ מעגלעכקייט באַהאַנדלט צו ווערן דורך דעם דאָקטאָר, וואָס קומט איינ־

מאָל אין וואָך צו באַהאַנדלען די קראַנקע אָדער געשעדיקטע אין בונקער.

פרייטיק, דעם 12טן מאַי, נאָכמיטאָג, האָט דער דאָקטאָר אויפֿ־גענומען די קראַנקע און איך בין אַרונטערגעגאַנגען פון מיין צימער, וואו איך האָב זיך געפונען, כדי צו באַקומען אַ זאַלב מיט אַ באַנדאַזש.

אַרויסגייענדיק פון דאָקטאָרס צימער, האָב איך די שיך ניט געקאָנט אָנטאָן און בין געגאַנגען באָרפיס.

אויף איינמאָל הער איך הינטער מיר אַ געשריי אויף דייטש: „קום היר, דו פאַרפלוכטער!"

איך קוק זיך אום און זע, אַז די טיר פון דעם קאָרידאָר, וואָס פירט צום הויף פון אונזער בלאָק, איז אָפן און דאָרט שטייט אונזער בלאָק־פירער, דער עס. עס. מאַן, מיט זיין גרויסן הונט — און דאָס האָט ער מיך גערופן.

איך האָב באַלד דערפילט, אַז דאָס שמעקט מיט עטוואָס שלעכטס, אָבער דעם באַפעל האָב איך געמוזט אויספאָלגן און איך בין צוגעלאָפן צו אים אויפן הויף אַ באָרפיסער.

צוויי פוס ווייט פון אים בין איך געבליבן שטיין אויסגעצויגן, ווי דער רעגלאַמענט פון לאַגער האָט דאָס פאַרלאַנגט.

„קום היר!" זאָגט ער צו מיר מיט אַ שטרענגן טאָן.

איך בין צוגעקומען נענטער און געקוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין.

ער נעמט מיך אָן ביים לינקן אויער און פרעגט מיך: „וואָס מאַכסטו היר?".

איך ווייז אים אויף מיינע פאַרבאַנדאַזשירטע פיס און דערקלער אים, אַז איך האָב איצט באַקומען ביים דאָקטאָר די באַנדאַזשן.

ער גייט אַריין אין אַ רציחה און נעמט מיר דרייען דעם אויער מיט אַ שרעקלעכער קראַפט, כדי אים אָפּצורייסן.

„איך מעכטע זען אָב דו קראַנק ביזט!" שרייט ער צו מיר און טוט מיך פון זיך אַ שטויס.

דער דאָזיקער שטויס האָט געדינט פאַר אַ צייכן דעם דרעסירטן

הונט, וועלכער האָט אונז די גאַנצע צייט באַאָבאַכטעט, אַז ער זאָל זיך וואַרפן אויף מיר.

דער הונט האָט תיכף אַרונטערגעריסן מיין באַנדאַזש און האָט זיך מיט זיינע שאַרפע ציין איינגעגראָבן אין מיין רעכטן פוס, אין אונטערשטן טייל, ביי די קנאָכן.

איך האָב אַרויסגעלאָזט אַ געשריי פון ווייטיק און בין אומגעפאַלן. דאַן האָט מיך דער הונט אָפּגעלאָזט.

„שטיי אויף!" שרייט דער רוצח אין זיין עס. עס. יוניפאָרם.

ווי נאָר איך בין אויפגעשטאַנען און געוואָלט מאַכן אַ שריט, האָט מיך דער הונט אָנגעכאַפּט ביים לינקן פוס.

איך בין ווידער אומגעפאַלן, און דאָס בלוט, וואָס האָט גערונען פון מיינע פיס, האָט דעם גזלן באַרואיקט. דאַן האָט ער דעם הונט צוריקגערופן און איך בין אויפגעשטאַנען.

צוויי שעה צייט האָב איך מיט נאָך איינינקע אַנדערע, אונטער דער אויפזיכט פון צוויי הינט, גערוימט דעם הויף, און ערשט דערנאָך ווען מיר זיינען פאַרטיק געוואָרן, האָב איך מיט דער הילף פון מיינע קאָלעגן צוגעלייגט קאַלטע קאָמפּרעסן צו מיינע פרישע וואונדן.

עס איז שוין זינט דאַן דריי יאָר און איך האָב נאָך די בלויע פלעקן אויף מיינע פיס, וועלכע באַווייזן די ציין פון דעם הונט.

דער דאָזיקער בלאָק־פירער איז איבערהויפּט געווען אַ סאַדיסט און אַ פּשוטער בלוטזויגער. ניט אומזיסט איז ער געווען דער אויפזעער פון דעם בלאָק 11, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט זיינע אינקוויזיטאָרישע מיטלען און באַציאונג צו די, וואָס האָבן זיך געפונען אין בונקער.

כדי צו כאַראַקטעריזירן דעם טיפּ, איז כדאַי צו באַשרייבן פאָלגנדיקן עפּיזאָד.

איינמאָל אין אָוונט, ווען די אַלע, וואָס האָבן געדאַרפט גיין אין טראַנספּאָרט, האָבן זיך געפונען אויפן הויף צום „אַפּעל", באַמערקט דער דאָזיקער עס. מאַן ווי אַ פייגעלע איז אַריינגעפלויגן אין אַ לאָך פון דער וואַנט. ער האָט תיכף געגעבן אַ באַפעל צו צוויי ציגיינער, אַז

זיי זאָלן אַרויפקלעטערן און אַרויסנעמען פון דער נעסט דאָס פייגעלע און אַלץ וואָס דאָרט געפינט זיך.

די ציגיינער האָבן אַרויסגעשלעפּט דאָס אומשולדיק פייגעלע מיט די פריש אויסגעזעסענע פּרוכט און איבערגעגעבן דעם סאַדיסט, וועלכער האָט אויפן אָרט אָפּגעדרייט דעם פייגעלע, מיט זיינע ברו־דיקע, הענט, דעם קאָפּ און דאָס פריש־געבוירענע פייגעלע, וואָס האָט נאָך ניט געהאַט קיין פעדערן אויף זיך, האָט ער אַ וואָרף געטאָן דעם הונט. דער הונט האָט אַרויסגעוויזן מער מילדקייט, ווי זיין באַ־לעבאָס. ער האָט זיך געשפּילט מיט דער באַשעפעניש, ניט וויסנ־דיק וואָס צו טאָן מיט דעם, ביז זיין באַלעבאָס, דער עס־עס־מאַן, האָט מיט זיין שווערן שטיוול דאָס צעקוועטשט.

דאָס, האָב איך זיך געטראַכט, איז אויך אונזער גורל. זיי שפּילן זיך מיט אונז אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן אונז נייטיק, פּונקט ווי דער הונט מיט דעם פייגעלע, און צום סוף ווערן מיר צעקוועטשט פּונקט ווי דאָס אומשולדיקע גאָטס באַשעפעניש.

## קאַפּיטל 33

# מען האָט געמוזט גנבענען ביי די נאַציס שפּייז און קליידער, כדי צו קענען בלייבן לעבן

דעם 15טן מאַי אין דער פרי איז געקומען אַ שליח פון שרייב־הויז און האָט אויסגערופן די נומערן פון ניין כעמיקער, צווישן וועלכע איך בין אויך געווען, כדי צו גיין אין מרחץ אַריין. די אַלע, וואָס דאַרפן פאַרלאָזן דעם אוישוויץ־לאַגער, מוזן אויך דורכ־גיין דעם מרחץ — ערשטנס צוליב דעם, אַז זיי זאָלן איבערלאָזן די קליידער, וואָס געהערן צום לאַגער, און זאָלן באַקומען ספּעציעלע טראַנס־

פּאַרט־קליידער, און צוויטנס, כדי מען זאָל ביי דער געלעגנהייט צו־נעמען אַלץ, וואָס זיי האָבן „אָרגאַניזירט״.

„אָרגאַניזירן״ הייסט אויף מאַמע־לשון פּאַקטיש גנב׳ענען. אַזוי ווי יעדער אינטערנירטער האָט באַטראַכט די לאַגער־מאַגאַזינען אַלס געראַויבטע ביי אידן, אָדער ביי אַנדערע פעלקער אין אייראָפּע, האָט מען מקיים געווען דעם דין „הגונב מן הגנב פּטור״, ד״ה ווען מען גנב׳עט ביי אַ גנב, איז מען פּטור פון קנס, און ווער עס האָט נאָר געקאָנט, האָט גע׳גנב׳עט. און דאָס האָט מען אויף אונזער לאַגער־שפּראַך גערופן „אָרגאַניזירט״.

איך מוז אָנערקענען, אַז די רוסן זיינען ווירקלעך געווען פּעאיק צו דעם מין „אָרגאַניזירן״ און זיי האָבן דערנאָך אַלץ פאַרקויפט פאַר עסן.

אַלס אויסטויש־מאַנעטע האָט אין אוישוויץ געדינט אַלץ, וואָס מען קאָן אַריינלייגן אין מאָגן, כדי צו שטילן דעם הונגער.

אין אוישוויץ האָט אַפילו עקזיסטירט אַ שוואַרצער מאַרק, וואָס האָט זיך געפונען אויפן פּלאַץ ביי דער קיך, וואו מען האָט יעדן אָוונט געקאָנט זען אַ גאַנצע מחנה רוסן, וועלכע האָבן צווישן זיך געהאַנדלט, ריכטיקער געזאָגט, אויסגעטוישט סחורה אויף סחורה.

פאַר אַ שטיקל מאַרגאַרין האָט מען באַקומען ברויט, אָדער אַ גאַנצע שיסל מיט קאַלטער זופּ פון מיטאָג. פאַר ברויט ווידער האָט מען געקאָנט באַקומען וואַרעמע זאַכן, ווי אַ סוועטער און זאָקן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מיר אידן האָבן אויך געמוזט אָנ־קומען צו די רוסן, כדי צו קריגן זאַכן, מיט וועלכע מען האָט געקאָנט שיצן דעם קערפּער קעגן די שלעזישע קעלטן.

איך פּערזענלעך אײדער איך בין קראַנק געוואָרן, האָב שוין אויך געהאַט אַ רייכן גאַרדעראָב, ווי אַ סוועטער, זאָקן און הענטשקעס. דאָס אַלץ האָב איך מיר פאַרזאָגט מיט מיינע ריישאַנס ברויט. פאַר מיר זיינען די דאָזיקע זאַכן געווען נייטיקער ווי ברויט, און איך האָב גאַנצע טעג געהונגערט, כדי צו קויפן פאַר זיך וואַרעמע הלבשה.

איך האָב אויף דעם געביט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט מיין

מאַגן, וועלכער האָט מסכים געווען צו הונגערן, כדי איך זאָל קענען שיצן מיינע לונגען קעגן לונגען־אַנטצינדונג.

צום באַדויערן, אַריינקומענדיק אין שפּיטאָל, האָט מען ביי מיר אַלץ צוגענומען און איך בין ווידער אַרויסגעקומען אָן וואַרעמע זאַכן.

פאַרן מרחץ האָב איך זיך ניט געזאָרגט, ווייל איך האָב פּאַקטיש ניט געהאַט קיין „אָרגאַניזירטע" זאַכן, אָבער דער רעגלאַמענט פונעם לאַגער האָט פאַרלאַנגט פון אַלעמען די דאָזיקע פּראָצעדור.

נאָך אַ הייסען שאַוער האָט מען אונז אַרויסגעגעבן „פרישע וועש" — געשטרייפטע אַלטע קליידער און דער עיקר האָלענדישע הילצערנע פּויערשע האַלב־שיך, „סאַבאָס", אין וועלכע דער פוס איז געזעסן ווי אין אייזערנע קלאַמערן.

אַנשטאָט מען זאָל אונז אָנטאָן קייטן אויף די פיס, האָט מען אונז געגעבן די דאָזיקע „סאַבאָס", כדי מיר זאָלן אין וועג ניט מאַכן די פּליטה. די מיטאָג־זופּ האָבן מיר באַקומען אין לאַגער און אַרום 2 אַזייגער נאָכמיטאָג האָט מען אונז אַרויסגעפירט פון דעם בלאָק.

ביים טויער האָבן געהאַלטן וואַך זיבן עס. עס. מענער, וועלכע האָבן אונז איבערגענומען מיט אונזערע אַקטן, און מיט די ביקסן אין די הענט, גרייט צו שיסן אונז, האָט מען אונז געפירט צום באַן־הויף.

אין יענעם טאָג איז אויף להכעיס געגאַנגען אַ רעגן און מיר זיינען דורכגענעצט געוואָרן דורך אונזערע קליידער ביז אין די ביינער.

אויפן קאָפּ האָבן מיר גאָר ניט געטראָגן און מיר האָבן ווירקלעך מיט אונזערע גלאַטע קעפּ און בלייכע פּנימ׳ער באַדאַרפט אויסזען זייער שלעכט, ווייל אויף דעם גאַנצן וועג ביז דעם באַן־הויף און אויך דאָרט האָבן אונז די אַנוועזנד ציוויל־רייזנדע אָנגעקוקט מיט אַ טרויעריקער מינע.

דעם צוג, וואָס מיר האָבן געדאַרפט נעמען, האָבן מיר פאַר־שפּעטיקט, און אַזוי ווי די עס. עס. מענער האָבן זיך געאיילט אונז נאָך אין דעם זעלבן טאָג ברענגען צום ציל, האָבן זיי באַקומען אַ דערלוי־בעניש אונז אַריינצוזעצן אין דעם עקספּרעס־צוג, וואו מיר האָבן באַ־זעצט צוויי קופּעס.

די וואָך, וואָס האָט אונז באַגלייט, איז באַשטאַנען פון אוקראַינער, וועלכע האָבן פאַרראַטן זייער פאָטערלאַנד און אַריינגעטראָטן אַלס פריי־וויליקע אין דער עס. עס. אַרמיי. זיי האָבן צווישן זיך גערעדט רוסיש און איך האָב פון זיי זיך דערוואוסט, אַז זיי געהערן פאַקטיש צו דער וואַך פון פּליאַשאָווער לאַגער, נאָר אַזוי ווי זיי האָבן דעם זונטיק גע־בראַכט פון דאָרט אַ גאַנצן טראַנספּאָרט פון מענער, פרויען און קינדער קיין בירעקנהאַו, האָבן זיי ביי דער געלעגנהייט באַקומען דעם באַפעל אויף זייער צוריקרייזע מיטצונעמען דאָס ביסל מיסט קיין פּליאַשאָוו.

די דאָזיקע אוקראַינער האָבן מיר דערמאָנט אין דער דעניקי־נישער אַרמיי און אין די באַנדעס, וועלכע האָבן אין יאָר 1919 אויס־געשאָכטן אַ האַלבן מיליאָן אידן אויף אוקראַינע.

דאָס זיינען געווען די זעלבע רוצחים, וועלכע האָבן זיך אַריינ־געריסן אין דעם ערשטן טאָג פון דעם פּאָגראָם צו אונז אין הויז און האָבן מערדערלעך געשלאָגן אונזער מוטער הרבנית ז״ל מיט דער נאַגאַיקע איבער איר געזיכט.

איצט האָבן זיי געטראָגן דייטשישע מלבושים און האָבן אָנטייל־גענומען אין דער פאַרניכטונג פון די אידן אין מערב־אייראָפּע.

אויב זיי זיינען ווירקלעך די שומרים פון דעם אידישן לאַגער אין פּליאַשאָוו, טאָ פאַרשטיי איך שוין וואָס פאַר אַ גן־עדן דער לאַגער שטעלט מיט זיך פאָר און נאָך וועלכן עס האָט אַזוי שטאַרק געבענקט דער אומגליקלעכער באַדאַך עליו־השלום.

די רייזע האָט אינגאַנצן געדויערט צוויי שעה, ווייל קראָקע געפינט זיך אויף אַ שטח פון הונדערט מייל פון אושוויץ, און מיר האָבן אויסגעשטיגן אויף דעם גרויסן קראָקאָווער באַנהויף.

די רייזנדע, וועלכע זיינען באַשטאַנען פון ציווילע און מי־ליטער, האָבן אונז שטאַרק באַוואונדערט. אייניקע אָפיצירן האָבן זיך אַפילו פאַראינטערעסירט און נאָכגעפרעגט דעם שעף פון דער וואַך וועגן די דאָזיקע משונה׳דיקע נפשות, וועלכע זיי היטן אַזוי ערנסט.

פּליאַשאָוו געפינט זיך אַכט מייל פון דעם באַנהויף און מיר האָבן באַדאַרפט דורכגיין די שטאָט קראָקע.

געוויינלעך האָבן מיר מיט אונזערע הילצערנע שיך געמאַכט אַ שטאַרקן רעש און די פּאָליאַקן האָבן געהאַט די מעגלעכקייט פון זייערע פענצטער קלייבן נחת, צוזעענדיק ווי מ׳פירט אידישע באַנדיטן.

גיין שנעל אין די דאָזיקע הילצערנע שיך איז געווען אוממעגלעך, ווייל יעדער פון אונז האָט שוין געקראָגן בלאָטערן אויף די פיס, און די וואָך האָט זיך שטאַרק אויפגערעגט און געשריען אויף אונז. ענדלעך האָבן זיי מסכים געווען, אַז מיר זאָלן אַרונטערנעמען די שווערע „סאַבאָס״ און פאַרזעצן דעם וועג באָרפיס.

מיר האָבן געשפּאַנט מיט די באָרפיסע פיס אין דער בלאָטע און איך האָב געמיינט, אַז איך וועל פאַלן חלשות, ווייל מיינע כוחות האָבן מיר נאָך ניט דערלויבט צו גיין צופוס אַכט מייל. מיט גרויס שוועריקייט האָב איך זיך דערשלעפּט צום לאַגער.

די נאַכט מיט איר פינצטערקייט האָט זיך שנעל אַנגערוקט אויף אונז. צוקומענדיק צום לאַגער, וועלכער איז ניט געווען באַלויכטן ווי אוישוויץ, האָב איך דערפילט, אַז מיר זיינען געבראַכט געוואָרן אין אַן אמת׳ער געטאָ.

ביים טויער האָט אונז איבערגענומען אַ איד, אָנגעטאָן אין ציווילע קליידער און שטיוול. דאָס איז געווען איינער פון די אידישע פייער־לעשער פון דעם לאַגער מיטן נאָמען גרין, וועלכער האָט געטראָגן די פּאָליציי־דינסט אין לאַגער גופא.

בשעת דער אומגליקלעכער באַדאַך איז נאָך געווען אין פּליאַשאָוו, האָבן די „אָדע מענער״, אָרדענונגס־דינסט מענער פון דער פריערדיקער קראָקעווער געטאָ, געטראָגן אַ פּאָליציי־יוניפאָרם און האָבןווירקלעך געהאַט דעם כוח פון דער פּאָליציי, אָבער זינט דער לאַגער איז איבערגעפירט געוואָרן אויף די רעגולן פון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואָס איז ניט לאַנג צוריק פאָרגעקומען, האָט דער נייער לאַגער־פירער, דער עס. עס. שטורעמפירער גרין (עס זיינען געווען נאָך גרינס אין דער פּאָליציי פון דעם לאַגער און עס איז ניט כדאי צו זאָגן להבדיל) אָפּגעשאַפט די אידישע פּאָליציי אַלס אַזעלכע, און האָט אַ טייל פון זיי

באַשטימט אַלס פייער־לעשער און אַ טייל זיינען געוואָרן בלאָק־עלטסטע אָדער „קאַפּאָס".

זיי האָבן מער ניט געטראָגן קיין געווער און קיין יוניפאָרם, אָבער זיי האָבן פאַרגעזעצט אויסצופילן די באַפעלן פון די עס.־עס.־לייט מיט נאָגאַיקעס אין די הענט.

דער דאָזיקער אידישער פייער־לעשער האָט אונז געפירט איבער אַ גרויסן פּלאַץ, וועלכער האָט געזונקען אין בלאָטע, און האָט אונז אַריינגעפירט אין צענטער פון לאַגער, וועלכער האָט מיט זיינע הילצערנע באַראַקן און טויט־שטילקייט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ ריכטיקן בית־עולם.

## קאַפּיטל 34

# די אַדמיניסטראַציע אין דעם פּליאַשאָוו־לאַגער

ווי עס האָט אונז געמעלדעט אונזער באַגלייטער, איז מען אין פּליאַשאָוו אינפאָרמירט וועגן דעם קומען פון די כעמיקער און אַז מען וואַרט אויף אונז אין שרייב־הויז.

ער האָט אונז צוגעפירט צו אַ דראָטענעם צוים און אַן אַנדער פייער־לעשער האָט אונז דורכגעלאָזט דורך אַ טויער.

ווייזט זיך אַרויס, אַז אין דעם לאַגער וואוינען אויך די פרויען אין הילצערנע באַראַקן און דער דראָטענער צוים טיילט־אָפּ דעם פרויען־לאַגער פון דעם מענער־לאַגער, און ביים טויער שטייט אַ שומר, כדי די מענער זאָלן זיך ניט אַריבערשמוגלען אין לאַגער פון די פרויען.

דאָס שרייב־הויז האָט זיך געפונען אויפן שטח פון דעם פרויען־לאַגער, און דער שומר האָט אונז געמוזט דורכלאָזן.

דאָס העלע ליכט פון די עלעקטרישע לאָמפּן און דער צימער אָנגעפילט מיט אידן אין ציווילע קליידער און מיט האָר אויפן קאָפּ

האָט מיך ממש איבערראַשט. איך האָב ניט געוואוסט, צי איך געפין זיך אין אַ שרייב־הויז פון אַ לאַגער, אָדער אין אַ אידישער קהילה.

מען האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט אונזער קומען און איך און נאָך אַ פּאָר חברים זיינען איינגעלאַדן געוואָרן אין אַ באַזונדער צימער פון דעם לאַגער־עלטסטן.

דער לאַגער עלטסטער איז געווען אַ איד פון קראָקע מיטן נאָמען כילעוויטש. זיין פרוי איז גלייכצייטיק געווען די לאַגער־עלטסטע איבער דעם פרויען־לאַגער.

כילעוויטש איז געווען אַ מענטש פון מיטעלן עלטער, מיט קלוגע, שוואַרצע אויגן, אָבער מיט ליפּן פון אַ שלעכטן מענטשן.

זיין פרוי, דאַגעגן איז געווען קליין־געוויקסיק און איר געזיכט האָט ניט באַוויזן קיין שום באַזונדערע שטריכן, דורך וועלכע מען זאָל קאָנען פעסטשטעלן איר כאַראַקטער.

זיי ביידע זיינען געווען גוט אָנגעטאָן, אויסגעפּוצט און פּאַר־פיומירט.

אין צימער האָט זיך אויך געפונען דער אידישער הויפּט־דאָקטאָר פון דעם לאַגער, ד״ר גראָס, וועלכער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ אידישן ישיבה־בחור.

מיר, אין אונזערע געשטרייפטע קליידער מיט ראַזירטע קעפּ, האָבן אין פאַרגלייך מיט זיי אויסגעזען ווי אמת׳ע קרימינעלע קאַטאָר־זשניקעס.

די ערשטע פראַגע, וואָס זיי האָבן אונז געשטעלט, איז געווען, צי מיר האָבן געזען דעם זונטיק אָנקומען קיין אוישוויץ אַ פּאַרטיע מענער, פרויען און קינדער פון פּליאַשאָוו.

ווייזט זיך אַרויס, אַז צוריק מיט אַ וואָך האָט מען אין פּליאַשאָוו אויפן אַפּעל־פּלאַץ געמאַכט אַ סעלעקציע אי פון מענער און אי פון פרויען.

דאָס ערשטע מאָל זינט דער עקזיסטענץ פון דעם לאַגער האָבן זיי אַלע געמוזט פאַרבייגיין פאַר דעם הויפּט־דאָקטאָר, דעם עס. עס.

הויפּט שטורעמפירער ד״ר בלאַנקע גאַנץ נאַקעט און עס זיינען אויפ־געשריבן געוואָרן די נומערן און די נעמען פון די שוואַכע.

מיט זיבן טעג שפּעטער, ד״ה דעם 14טן מאַי, זונטיק נאָכמיטאָג, איז ווידער פאָרגעקומען אַ רעוויזיע און 1,000 פּערזאָן, וועלכע זיינען אויפגעשריבן געוואָרן אין דער סעלעקציע, זיינען אַרויסגערופן געוואָרן און אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין בירקענהאַו — אוישוויץ.

די מענער און די פרויען האָבן ווייניק זאָרגן פאַרשאַפט דעם לאַגער עלטסטן. ער האָט זיך נאָר געקימערט וועגן די 400 קינדער, וועלכע די עס. עס. מענער האָבן אָן אַ סעלעקציע מיטגעשלעפּט קיין אוישוויץ.

איך האָב זיך דערמאָנט ווי באַדאַך ע״ה האָט מיר דערציילט, אַז די אידן האָבן דאָך דורכגעשמוגלט אין לאַגער עטלעכע הונדערט קינדער בשעת דער ליקווידירונג פון דער געטאָ — און אָט איז איצט געקומען דער מלאך־המוות בלאַנקע און האָט זיי, מיט פּופצן חדשים שפּעטער, אַרויסגעריסן פון די מוטערס הענט, כדי איבערצוגעבן זיי דעם שייטער־אויוון אין דעם לאַגער פון בירקענהאַו.

פון אונז האָט דער לאַגער־עלטסטער געוואָלט וויסן דעם אמת, וואָס מען טוט מיט די קינדער אין אוישוויץ און צי עס עקזיסטירט אַ ספּעציעלער לאַגער פאַר קינדער.

וואָס מען האָט געקאָנט טאָן מיטן טראַנספּאָרט פון פּליאַשאָוו האָבן מיר גענוי ניט געקאָנט וויסן, ווייל מיר זיינען פון דעם טראַנס־פּאָרט־בלאָק ניט אַרויסגעגאַנגען, אָבער וואָס מ׳טוט מיט שוואַכע און קינדער דאָרט, האָבן מיר דערציילט דעם אמת.

סיי דער לאַגער־עלטסטער און סיי דער דאָקטאָר האָבן בשום אופן ניט געוואָלט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז די קינדער זיינען אומגעקומען, ווייל דער הויפּט־דאָקטאָר, בלאַנקע, האָט זיי פאַרשפּראָכן, אַז זיי גייען אין אַ ספּעציעלן קינדער־לאַגער וואָס עקזיסטירט ביי אוישוויץ.

וואָס פאַר אַ ווערט די הבטחה פון די עס. עס.־מענער האָט, האָבן מיר גוט געוואוסט, אָבער מיר האָבן ניט געוואָלט אַריינברענגען אין לאַגער קיין שלעכטע שטימונג און ניט אָנזאָגן די עלטערן קיין שלעכטע

בשורה. מיר האָבן באמת רעכט געהאַט, אַזוי צו האַנדלען, ווייל יעדן טאָג זיינען צו אונז געקומען עלטערן פון די קינדער, כדי זיך נאָכצו־פרעגן וועגן דער עקזיסטענץ פון דעם קינדער־לאַגער, און קיינער פון אונז האָט ניט געהאַט דאָס האַרץ אויפצודעקן דעם אמת פאַר אַ אידישער מוטער און איר זאָגן, אַז זי מעג זיך זעצן שבעה נאָך איר קינד.

די מענטשן, וועלכע לעבן נאָך דאָ, האָבן ווייזט אויס פריער ניט געליטן אין דער געטאָ און פירן ווייטער אָן זייער אַרט־לעבן. פאַר זיי איז אוישוויץ כמעט פון יענער זייט אָקעאַן, ווייל די כוואַליעס האָבן נאָך ניט אָנגעשלאָגן אין זייער קליין שטעטל.

איך מוז אָנערקענען, אַז אין פיל הינזיכטן האָט דער אומגעקו־מענער באַדאַך געהאַט רעכט מיט זיין אינפאָרמאַציע.

די מענטשן זיינען נאָך אַלע געווען אָנגעטאָן אין זייערע ציווילע קליידער. אויב דער המון איז געווען אָנגעטאָן פּראָסט און שמוציק, מיט די גרויסע געפּאַרבטע נומערן אויף די פּלייצעס, זיינען די רעדל־פירער געווען אויסגעפּוצט אין זיידענע העמדער און אין גלאַנצנדיקע ווי אַ שפּיגל שטיוול.

נאָכן געשפּרעך מיטן לאַגער־עלטסטן האָט יעדער פון אונז באַ־קומען אַ גאַנץ קיילעכדיק ברויטל פון זיבן פונט . דאָס האָט אויף אונז געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אין ברויט נייטיקן זיך ניט די איינ־וואוינער פון דעם לאַגער.

פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע מתנה האָט אין אונז נאָך מער דערוועקט דעם הונגער און מיר האָבן שוין געוואָלט זען אונזער מקום־מנוחה.

צוויי פּייער־לעשער, גאַנץ אידישע יונגעלייט, האָבן אונז אָפּ־געפירט אויף אַ בלאָק, וואו עס געפינט זיך דאָס אידישע האָב און גוטס, כדי מיר זאָלן קריגן בעטגעוואַנט און דעקן.

מען האָט צוליב אונז אין מיטן נאַכט אויפגעעפנט דעם מאַגאַזין־בלאָק און פאַר אונזערע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ פול אָנגעשטאָפּטער צימער מיט קישנס, איבערבעטן, דעקן, ליילעכער און אַנדערע זאַכן.

דאָ איז באמת געווען אַ אידישע ווירטשאַפט און עס האָט מיר

ווי געטאָן דאָס האַרץ צו זען ווי די אידישע וואַרעמע היימען זיינען צעשטערט געוואָרן און זייער האָב און גוטס איז פאַרשלעפּט געוואָרן אין אַ מאַגאַזין אויפן אידישן בית־עולם.

יעדער פון אונז האָט געקראָגן דאָס נייטיקסטע, כדי צו מאַכן זיין בעט, און מיר זיינען ווייטער אַפּגעפירט געוואָרן אויפן בלאָק 41, אין אַ צימער געמאַכט פון ברעטער, דורך וועלכע עס האָט גאַנץ גוט אַריינגעבלאָזן.

די בעטן זיינען געווען נאָר צוויי־שטאָקיק, אָבער דערפאַר, ווען מ׳האָט ליגנדיק זיך געדאַרפט אויסדרייען, איז די בעט מיטגעפאָרן הין און צוריק, ווי אַ שיף אויפן וואַסער, און אַרויסגעלאָזן פאַרשידענע קולות.

דאָס אַלץ איז זייער פּרימיטיוו געמאַכט געוואָרן, אָבער דאָך האָב איך אָפּגעגעבן אַ יישר־כוח די אידן, וואָס האָבן מיט זייערע הענט דאָס אַלץ אויפגעשטעלט, ווייל עס איז דאָך דאָ אַריינגעלייגט געוואָרן אַ גאַנצע שווערע פּראַצע.

## קאַפּיטל 35

# דאָס אַרט־לעבן אין לאַגער

אויפן בלאָק 41 האָט אונז זייער פריינטלעך אויפ־גענומען דער בלאָק־עלטסטער. דאָס איז געווען אַ אידישער יונגערמאַן מיטן נאָמען בלאַט, פון קראָקע.

דאָס אידיש רעדן און די פריינטלעכע באַציאונג האָט מיך ממש דערפרייט, ווייל איך האָב זייער ליב אַ אידישע סביבה און איך האָב באמת געמיינט, אַז איך בין אַריינגעפאַלן צו אידן, וועלכע האָבן אַ אידיש האַרץ און וועלכע טוען אַלץ, כדי צו פאַרלייכטערן די יסורים פון זייערע ברידער און שוועסטער.

אויב איך האָב אין אוישוויץ און אין די אַנדערע לאַגערן פיזיש מער געליטן, זיינען זיי געוועזן געלייטעט דורך גויים, אָבער דאָ, אין פּליאַשאָוו, האָב איך צוגעזען ווי די אידן אַליין, מיט זייערע הענט שלאָגן זייערע שוועסטער און ברידער נאָר צוליב דעם, אַז זיי זאָלן געווינען חן ביי די עס. עס. מענער און זאָלן קאָנען גוט פרעסן און זויפן.

איבערהויפּט האָט אויף מיד געמאַכט אַ שלעכטן רושם דאָס, וואָס איך האָב געהאַט מיט אַ אידישן פייער־לעשער אַ פּאָר טעג נאָך מיין אָנקומען קיין פּליאַשאָוו איבער אַ אינגל פון דריצן יאָר.

אונזער גרופּע איז נאָך דאַן צו דער אַרבעט ניט געגאַנגען און מיר זיינען געזעסן אויף אונזער בלאָק, וואו מיר האָבן געמאַכט אָרדע־נונג און גערייניקט דאָס פאַרלאָזטע שמוץ.

פּלוצלינג עפנט זיך די טיר פון אונזער בלאָק, וועלכע האָט געפירט דירעקט אין דרויסן, און עס לויפט אַריין אַ אינגעלע, אויסגע־דאַרט און אויסגעמוטשעט, מיט אַ געוויין און בעט זיך, אַז מיר זאָלן אים ראַטעווען ווייל מען וויל אים אָפּשיקן קיין אוישוויץ.

ביז מיר האָבן פאַרשטאַנען אין וואָס דאָ האַנדלט זיך, איז נאָך אים אַריינגעלאָפן אַ געזונטער פייער־לעשער און כאַפּט אים אָן ביים אָקסל.

ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס צעשראָקענע אינגל האָט נאָך באַ־דאַרפט זונטיק אָפּגעשיקט ווערן מיט אַלע קינדער קיין אוישוויץ, נאָר אַ דאַנק זיין געשיקטקייט און ענערגיע האָט ער אויסגעמיטן דעם טראַנספּאָרט. איצט קומען די פייערלעשער און זוכן אויס די אַלע, וואָס האָבן זיך אויסגעבאַהאַלטן, כדי איבערצוגעבן זיי אין די הענט פון די עס. עס.־לייט.

איך האָב זיך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, ניט געקאָנט באַהערשן און האָב גענומען אונטער מיין שוץ דאָס דאָזיקע אינגל.

„שוין־זשע, זאָג איך צום פייערלעשער, איז איך ווייניק וואָס יענע קינדער זיינען אומגעקומען, ווילט איר נאָך אַנדערע קינדער מקריב זיין?"

דער פייערלעשער איז אַביסל צעמישט געוואָרן און איז געלאָפן זיך באַקלאָגן אויף מיר.

אינצווישן זיינען די אַנדערע קאָלעגן מיינע צוגעשטאַנען צו מיר און מיר האָבן באַשלאָסן ניט אַרויסצוגעבן דאָס קינד.

דער אינצידענט האָט זיך געענדיקט לטובת דעם אינגל, ווייל דער לאַגער־עלטסטער, מיט זיין לאָגיק, האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז מיט אונז וועט זיין ניט לייכט צו קעמפן, און ער האָט צום אָנהייב פון אונ־זער זיין אין לאַגער, מסתמה, ניט געוואָלט שאַפן קיין אינצידענטן.

איך וועל אין מיין באַשרייבן די ווייטערע געשעענישן אין לאַגער זיין גאַנץ אָביעקטיוו, כאָטש דאָס איז אַ טרויעריקער קאַפּיטל אין דער אידישער געשיכטע.

עס איז דאָך ניט די שולד פון דעם אידישן פאָלק אין אַלגעמיין, וואָס בשעת דער דייטשישער אינקוויזיציע האָבן זיך געפונען פאַרברע־כערישע עלעמענטן, וועלכע האָבן אָן שום חשבון־הנפש מיטגעהאָלפן.

מיר זיינען, אייגנטלעך אַ פאָלק ווי אַלע אַנדערע פעלקער, און אויב דאָס פראַנצויזישע פאָלק, ווי אויך אַנדערע אייראָפּעאישע פעלקער האָבן פאַרמאָגט זייערע פאַררעטער, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן דער דיי־טשישער מאַכט אין דער פאַרניכטונג פון זייערע ברידער און שוועס־טער, איז אויך ניט קיין וואונדער, וואָס צווישן די אידן האָבן זיך אויך געפונען אַזעלכע פאַררעטערישע עלעמענטן.

זשאַבאָטינסקי עליו־השלום האָט אַמאָל געזאָגט אַ ריכטיק וואָרט: פאַרוואָס פאַרלאַנגט מען פון דעם אידישן פאָלק, אַז עס זאָל זיין קריס־טאָליש ריין? אַ פאָלק, וואָס האָט ניט זיינע פאַרברעכער, איז ניט קיין פאָלק!

די געשעענישן האָבן ווידער געוויזן, אַז מיר זיינען באמת אַ פאָלק מיט אונזערע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע עלעמענטן. אָבער די פּראָפּאָרציע פון די פאַרברעכער איז גאָט צו דאַנקען ביי אונז פיל קלענער, ווי ביי אַנדערע פעלקער.

צו דער צייט, וואָס מיר זיינען געקומען קיין פּליאַשאָוו, איז די דיסציפּלין נאָך ניט געווען אַזוי שטאַרק און דער רעזשים איז געווען

מילדער, ווי אין אוישוויץ, ווייל דער לאַגער האָט זיך ערשט ניט לאַנג פאַרוואַנדלט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. אָראַניענבורג, וואו עס האָט זיך געפונען די צענטראַלע פון אַלע קאָנצענטראַציע־לאַגערן האָט מיט דעם נייעם לאַגער־פירער, נאָך ניט געהאַט קיין צייט איינצופירן פרישע גזירות.

פריער האָט מיטן לאַגער אָנגעפירט דער איינציקער קאָמענ־דאַנט, עס. עס. אָבערשטורעמפירער געט, וועלכער איז געווען ממש אַ דיקטאַטאָר און אַ גרויסער שונא ישראל. ער האָט אויף זיין אייגענעם געוויסן געהאַנט צענדליקער טויזנטער אידישע קרבנות, וואָס ער אַליין האָט מיט זיינע הענט דערשאָסן און וועלכע מען האָט מיט זייערע מלבושים מקבר געווען אין אַ ברידער־קבר.

אָרום דעם לאַגער זיינען געווען בערג און יעדער באַרג האָט געהאַט זיין געשיכטע, ווייל דאָרט האָבן זיך געפונען פאַרשאָטענע אי־דישע קרבנות.

ווי מען האָט מיר דערציילט, איז קיינער ניט זיכער געווען פריער מיט זיין לעבן, ווען עס האָט רעגירט אָט דער המן.

ער איז אויך איצט געבליבן דער קאָמענדאַנט פון לאַגער, אָבער די ריכטיקע פירונג איז איבערגעגאַנגען אין רשות פון דעם נייעם לאַגער־פירער.

אין דער פרי, אויפן צווייטן טאָג פון אונזער אָנקומען אין לאַגער, האָבן מיר דערפאַרן, אַז מיט אַ צוויי וואָכן צוריק זיינען אויך אָנגע־קומען אַנדערע זעקס כעמיקער, אָבער ניט קיין אידן, נאָר דייטשישע אינטערנירטע פון בוכענוואַלד, ראַווע־רוסקע, דאַכאַו און מאַטהאַוזען.

אַזוי ווי מיר האָבן באַדאַרפט באַגלייך מיט אַנדערע אַרויסגיין אין דער פרי צום אַפּעל, האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט ביי דער געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט די דייטשע כעמיקער. דריי פון זיי זיינען געווען ריכטיקע דייטשן, פון בערלין, האַמבורג און קעלן. די אַנדערע דריי זיינען געווען פון לוקסעמבורג און זיינען געווען פאַר־רעכנט פאַר פאָלקס־דייטשן.

די לוקסעמבורגער, ווי שכנים פון פראַנקרייך, האָבן גערעדט

פראַנצויזיש פריי און זיי האָבן זיך דערפריייט צו געפינען אין אונזער גרופּע דריי פראַנצויזישע אידן, מיט וועלכע זיי האָבן געקאָנט זיך אונטערהאַלטן.

פון זיי האָב איך זיך אויך דערוואוסט, אַז ניט אין לאַגער און ניט די קאָמענדאַנטור ווייסט דעם צוועק פון דעם, וואָס מען ברענגט אַראָפּ בעמיקער פון אַלע קאָנצענטראַציע־לאַגערן קיין פּליאַשאָוו.

אין אוישוויץ זיינען „אַפּעלען„ תּמיד פאָרגעקומען פאַר די בלאָקן און איך האָב קיינמאָל ניט געקאָנט זען די גאַנצע מאַסע אינטערנירטע, אָבער דאָ אין פּליאַשאָוו איז דער אַפּעל פאָרגעקומען אויף איין גרויסן פּלאַץ, אויף וועלכן עס האָבן זיך פריער געפונען אידישע מצבות.

אויף די קברים פון אונזערע עלטערן און אורעלטערן האָבן געטראָטן די שמוציקע שטיוול פון די עס־עס־סאַדיסטן, און אַ גרויסער טייל פון דער אידישער טראַגעדיע אין פּוילן האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ.

דער פּלאַץ האָט פאַרנומען אַ שטח פון אַ קוואַדראַט מייל און האָט זיך געפונען גלייך ביים אַריינגיין אין לאַגער.

אויף אַ האַלבן טייל פון דעם באַרג האָבן זיך אויף רעכטס אויס־געשטעלט די פרויען לויט זייער בלאָקן און אויף לינקס, אויפן צווייטן האַלבן טייל, די מענער.

די פרויען האָבן געטראָגן די האָר אויפן קאָפּ און זיינען געווען אָנגעטאָן בעסער ווי די מענער אין זייערע ציווילע קליידער. נאָר דאָס ווייסע טיכל, וואָס יעדע פרוי האָט געמוזט טראָגן אויפן קאָפּ, איז געווען דער סימבאָל פון דעם לאַגער.

מיר, די איינוואוינער פון בלאָק 41, האָבן זיך אויסגעשטעלט אונטער דער קאָמאַנדע פון אונזער בלאָק־עלטסטן, וואָס האָט זיך שטאַרק געבייזערט פאַרוואָס מיר שטעלן זיך ניט אויס צו פינף איינער אונטער דעם אַנדערן, כדי ער זאָל אונז קאָנען שנעלער איבערציילן.

אונזער בלאָק האָט זיך גערעכנט אין לאַגער ווי אַ פּראָמינענ־טער בלאָק, ווייל אין אים האָבן געוואוינט די אַלע „קאַפּאָס״ און די פייערלעשער. אַלע זיינען זיי געווען פון קראָקע און האָבן זיך געקענט

יאָרנלאַנג. דערפאַר האָט דער בלאָק־עלטסטער ניט געהאַט קיין ריכטיקן אויטאָריטעט איבער זיי, אַזוי ווי די אַנדערע בלאָק־עלטסטע איבער די איינוואוינער פון זייער בלאָק.

מיר, די ניי־אָנגעקומענע, אין אונזערע מלבושים און דעם קער־פערלעכן אויסזען האָבן אַרויסגערופן אַ געוויסע קוריאָזיטעט ביי דעם המון.

די אַפעל־צערעמאָניע איז אונז שוין געווען גוט באַקאַנט פון אוישוויץ, אָבער דאָ האָט דאָס געטראָגן אַ מער הימישן כאַראַקטער, ווייל די עס־עס־מענער, וואָס האָבן אונז אָפגעציילט אַלס בלאָק־פירער, האָבן זיך אַביסל געווערטלט, מיטן בלאָק־עלטסטן, מיט וועלכן זיי האָבן, ווייזט אויס, אויך אומאָפיציעל אָנגעהאַלטן באַציאונגען.

דאָס ווערטלען זיך אויף פויליש צווישן זיך און די שטיפערייען און שפּילערייען פון אונזערע „קאַפּאָס" האָט געצייגט, אַז זיי נעמען ניט ערנסט דעם לאַגער בכלל און די לאַגע בפרט.

מען האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז זיי פילן זיך נאָך ביי זיך אין לאַנד ווי ריכטיקע פוילישע בירגער. אין דער אמת'ן זיינען זיי דאָך געווען אינגאַנצן אַכט מייל פון זייערע פריערדיקע היימען און האָבן ניט דורכגעמאַכט קיין דעפּאָרטאַציע.

דאַגעגן, די מאַסע מענטשן מיט די געפאַרבטע נומערן אויף די פּלייצעס, וואָס זיינען שוין פון לאַנג אָפּגעריסן געוואָרן פון זייערע פאַמיליעס אין טאַרנאָוו און אין אַנדערע שטעט אין פוילן, האָבן מיט זייערע טרויעריקע געזיכטער געמאַכט דעם איינדרוק פון טיף־ליידנ־דיקע מענטשן.

דערביי איז כדאַי צו באַמערקן, אַז אויף זייערע פּנים'ער איז נאָך געלעגן דער שמוץ פון נאַכט־שוויס און זייערע אויגן האָבן באַ־וויזן, אַז זיי האָבן זיך ניט דערפרישט מיט קאַלט וואַסער.

עס איז ניט געווען זייער שולד אין דעם, ווייל די סאַניטאַרע באַדינגונגען פון דעם דאָזיקן לאַגער זיינען געווען ניט קיין גוטע.

וואַסער און בית־הכסאות האָבן זיך ניט געפונען אויפן בלאָק גופא, נאָר עס האָט עקזיסטירט אַ ספּעציעלער בלאָק, אין וועלכן עס

האָט זיך געפונען אַ וואַש־צימער און אַ צימער, וואָס איז געווען איינ־געאָרדנט אַלס בית־הכסא.

אין אַ לאַנגער שורה זיינען געזעסן אויף לעכער מענטשן און האָבן זיך געקוועטשט, און אַ ריי פון אַנדערע איז געשטאַנען קעגן זיי און אָפּגעוואַרט צו קריגן אַ פריי פּלאַץ.

עס קאָן זיין, ווען מען מאַכט אַ רעכענונג פון דער צאָל זיך־פּלעצער אין פּליאַשאָוו אין באַציאונג צו די צוועלף טויזנט אינטער־נירטע מענער, איז דאָס געווען פּראָפּאָרציאָנעל מער ווי אין אוישוויץ. אָבער די אומבאַקוועמלעכקייט פון דורכגיין אַ לאַנגע שטרעקע ביז מען קומט צו דעם היגיעניש בלאָק האָט פאַרוואַנדלט דעם לאַגער, איבער־הויפּט אין דער נאַכט, אין אַן אומריינעם צושטאַנד.

מיט וואַסער איז דער ענין געווען נאָך ערנסטער. אַזוי ווי דער לאַגער האָט זיך געפונען געאָגראַפיש העכער פון דער שטאָט קראָקע, איז דער דרוק פון דעם וואַסער צופלוס געווען זייער שוואַך אויף צו באַפרידיקן אַפילו די באַדערפעניש פון דער קיך, אַזוי אַרום איז דאָס וואַש־צימער אין דער פרי תמיד געבליבן אָן וואַסער. מען האָט זיך נאָר געקאָנט וואַשן אין דער נאַכט, אָבער אין דער פרי איז דער גאַנ־צער עולם געגאַנגען צו דער אַרבעט מיט פאַרשלאָפענע פנימער.

דער לאַגער־עלטסטער, כילעוויטש, איז אַרומגעלאָפן און האָט מיט זיין בייטש אין דער האַנט געשלאָגן די אידישע שעפּעלעך, וואָס האָבן ניט געוואוסט ווי אַזוי זיך אויסצושטעלן אין שורות. דער מאַן, וואָס האָט אויף מיר אין אָוונט, אין זיין אַרבעט־צימער, געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ געלאַסענעם מענטשן, האָט אויף דעם אַפּעל־פּלאַץ אויסגעזען ווי אַ בייזע חיה, און עס איז געווען אַ גרויס רחמנות צו זען דעם פחד, וואָס ער האָט אַנגעוואָרפן אויפן המון.

אים האָט אין זיין אַרבעט מיטגעהאָלפן פינקלשטיין, פאַר וועלכן דער עולם האָט ממש געציטערט.

נאָכן קאָנטראָל ווי נאָר די צאָל פון די אינטערנירטע אין לאַגער האָט ביים ראַפּאָרט־פירער געשטימט, האָט מען אויסגערופן: „אַרבייטס

קאַמאַנדע איינטרעטן״ און דער המון האָט זיך צעשאָטן איבערן גאַנצן פּלאַץ.

מיר, די ניין כעמיקער, האָבן באַקומען אַ באַפעל פון אונזער בלאָק־עלטסטן צו בלייבן שטיין אויפן אָרט.

די קאָמאַנדעס האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוציִען צו דער אַרבעט אונטער דער לייטונג פון זייערע „קאַפּאָס״. עס האָט געקלונגען די קאָ־מאַנדע: „איינס, צוויי, דריי, לינקס״, און דער עולם אַרבעטער האָט געפּרוּווט מאַרשירן אין ריטם, בעת זייער דורכגיין לעבן דעם לאַגער־פירער, און ראַפּאָרט־פירער, וועלכע האָבן געקליבן נחת פון זייער פּראָדוקציע.

אין אוישוויץ, בעת מען איז געגאַנגען צו דער אַרבעט, האָט געשפּילט אַ גוטער אָרקעסטער פון פּוילישע מוזיקער ביים טויער, ביים אַרויסגיין און אויך ביים צוריקקומען פון דער אַרבעט. אָבער דאָ האָט דאָס גאַנצע מאַרשירן געטראָגן אַ כאַראַקטער פון אַן אמת׳ער לויה.

פון אונזער באַרג האָבן מיר געזען אויף גאַנצע מיילן אויסגעצויגן אַ באַוועגנדיקע קאָלאָנע פון ווייסע פּרויען־טיכלעך און מענער־קאַסקעטן, וועלכע האָט זיך מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער באַוויזן אויף דעם קעגנאיבערליגנדן באַרג, וואו עס האָבן זיך געפונען, ווי מען האָט מיר דערקלערט, די אַרבעטס־געמיינשאַפטן מיט זייערע הילצערנע בלאָקן.

ווי נאָר די מאַסע מענטשן האָט פאַרלאָזט דעם לאַגער, האָט דער קאָנטראָל פּלאַץ געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ שלאַכטפעלד, אויף וועלכן מען האָט איבערגעלאָזט געפאַלענע חילים. איבערן גאַנצן פּלאַץ האָבן זיך געוואַלגערט מענער און פרויען־מאַנטלען, וועלכע די עס־עס־מענער און די עס־עס־פרויען האָבן אַרונטערגעצויגן פון די אינטערנירטע בשעת זייער אַרויסגיין צו דער אַרבעט, ווייל לויט זייער מיינונג האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער זומער־סעזאָן.

אין אוישוויץ האָט מען שוין דעם 15טן מערץ אָפּגענומען ביי אונז די געשטרייפטע מאַנטלען, וועלכע האָבן דאָך אַביסל געוואַרעמט דעם גוף, כאָטש זיי זיינען פאַבריצירט געוואָרן פון האָלץ־שטאָף, פיבראַן,

אָבער דאָ אין פּליאַשאָוו וואָלטן די מענטשן דעם גאַנצן זומער געטראָגן זייערע וואַטענע מאַנטלען אויף זיך, ווייל אויפן בלאָק טאָר מען גאָר־ניט איבערלאָזן.

איך מוז אָנערקענען, אַז די לייכטע האַלץ־הלבשה אין אוישוויץ האָט דאָך געדינט אַלס מיטל, כדי אויסצומיידן די כינים. דאַגעגן, פּליאַשאָוו איז געווען ממש איבערגעפילט מיט כינים.

אויסער אונזער גרופּע איז אויפן פּלאַץ אויך געבליבן אַ גרופּע פון קראַנקע, מיט וועלכע עס איז געשטאַנען דער ד״ר גראָס אָנגעטאָן אין זיין ווייסן דאָקטאָר־קיטל.

דער לאַגער־פירער, עס־עס־אָבערשטורעם־פירער גרין און דער ראַפּאָרט־פירער האָבן אָנגעהויבן אָרויפמאַרשירן דעם באַרג צוזאַמען מיט דעם לאַגער־עלטסטן כילעוויטש און זיין פרוי, לאַגער־עלטסטע.

דער עס־עס־מאַן גרין מיט זיין קליינעם וואוקס און זיין גרויסער קעפּקע מיטן דאַשעק האָט אויסגעזען ווי אַ געוועזענער רייזנדיקער פון זינגער־מאַשינען. דאַגעגן, דער ראַפּאָרט־פירער איז געווען צוויי מאָל העכער פון אים און האָט אויסגעזען ווי אַ דייטשער דעגענעראַט. לויטן דיאַלעקט האָט מען באַלד געקאָנט פעסטשטעלן, אַז ער איז אַ ווינער.

זיי זיינען צוגעקומען ביז דעם הויכן סלופּ, אויף וועלכן עס איז געווען איינגעריכטעט אַ ספּעציעלער הויך־שפּרעכער, מיט וועלכן די קאָמענדאַטור פון לאַגער האָט זיך באַנוצט טאָג־טעגלעך, כדי צו רופן דעם אָדער יענעם עס־עס־מאַן, און אין ספּעציעלע פאַלן אויף אַרויס־שיקן פון אַ פּאַטיפאָן דייטשישע מוזיק.

מען האָט מיר דערציילט, אַז אין דעם אומגליקלעכן פאַר פּלי־אַשאָוו־זונטיק, ווען זיי האָבן צוגענומען די קינדער פון זייערע מוטערס, כדי זיי אַוועקצושיקן קיין אוישוויץ, האָט דער הויך־שפּרעכער פאַר־שפּרייט איבערן גאַנצן פּלאַץ די מוזיק און דאָס ליד „אַלעס גייט פאַר־ביי, אַלעס גייט פאַריבער״ און „די הימאַט״, זיי האָבן געוואָלט דורך דעם פאַרשטיקן דאָס ביטערע געוויין פון די צעבראָכענע מוטערס.

ווי נאָר די דאָזיקע 2 מאָנסטערס זיינען געבליבן שטיין, איז צו זיי

ממש צוגעלאָפן דער ד״ר גראָס און זיי אָפּגעגעבן זיין ראַפּאָרט, נאָך וועלכן ער האָט מיט זיינע קראַנקע פאַרלאָזט דעם פּלאַץ.

דערנאָך האָט אונזער בלאָק־עלטסטער צוגעפירט אונזער גרופּע צו זיי און דער לאַגער־עלטסטער האָט אונז פאַרגעשטעלט אַלס די גרופּע כעמיקער פון אוישוויץ.

ער האָט אונז אַלע גוט באַטראַכט און איז העכסט וואַרשיינלעך ניט געווען צופרידן מיט דער צוגעשיקטער סחורה, דאָך האָט ער באַפוילן אונז אַרויסצוגעבן אַנדערע הלבשה.

## קאַפּיטל 36

# דער מרחץ און אונזער באַשעפטיקונג

דער באַפעל פון דעם לאַגער־פירער איז אויסגעפירט געוואָרן לויט אַלע דינים. אַן אַנגעשטעלטער פון אַפּיס האָט אונז גע־פירט אין דער באַקליידונג־קאַמער, וואו מיר האָבן באַקומען גאַנץ נייע געשטרייפטע קליידער און האַלץ־שיך. דערנאָך זיינען מיר געפירט געוואָרן אין „ענטוויזונגס אַנשטאַלט״, אויף אידיש איז דאָס פּשוט „אַנטלייזונגס־באַראַק״, וואו מען קאָן באַקומען אַ שאַוהער און איבער־לאָזן די אַלטע מלבושים.

דאָרט האָבן מיר געטראָפן אַן עדה אידן, וואָס אַרבעט אין נאַכט־שיפט, און זיי זיינען דעריבער אין דער פרי געקומען מיט זייער בעט־געוואַנט און דעקן פאַר דיזינפעקציע.

דער רעש און דער געפילדער האָט אויף אונז געמאַכט דעם איינדרוק, אַז מיר געפינען זיך אין אַן אמת־אידישער באָד. עס האָט געפעלט דער אוישוויצער פּאָליאַק אָדער רוס בכדי צו מאַכן אַ ביסל אָרדענונג. אַ איד האָט דאָך ווייניק דרך־ארץ פאַר אַ צווייטן אידן, ווען ער טראָגט ניט קיין בייטש אין דער האַנט.

אין דעם אַנשטאַלט האָט זיך אויך געפונען אַ פריזער (אַ באַרבער) אין אַ ווייסן קיטל.

דער שטול, אין וועלכן עס האָבן זיך אַריינגעזעצט די קונדן קעגנאיבער דעם גרויסן שפּיגל, און די באַדינונג פון דעם פריזער האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ קליינשטעטלדיקן פריזיר־אַנשטאַלט, און איך האָב אין דעם מאָמענט פאַרגעסן וואו איך געפין זיך.

אַזוי ווי מיר אַלע זיינען שוין געווען באַוואָקסן, האָבן מיר זעלבסטפאַרשטענדלעך באַקומען חשק אַריינצוזעצן זיך אין שטול, כדי ראַזירט צו ווערן אויף אַ באַקוועמען אופן.

אין אוישוויץ האָב איך ווי אַלע אַנדערע געמוזט איינמאָל אין וואָך, אין דעם הייליקן טאָג, זונטיק, ווען מען אַרבעט ניט, זיך אָוועק־שטעלן אין אַ שורה און אָפּוואַרטן צוויי שעה ביז עס וועט קומען מיין ריי זיך צו זעצן אויף אַ קיך־טאַבורעטקע און זיך לאָזן אויסצופּן די האָר פון קאָפּ, אָדער, איינשניידן מיין פּנים דורך אַ רוס, וועלכער האָט נעבעך געמוזט אַרבעטן, כדי ער זאָל באַקומען נאָך אַ ליטער זופּ. דער רוס האָט ניט געוואָלט אונז אָנטאָן אַזוי פיל שמערצן מיט זיין אַרבעט, אָבער די שניידמאַשין פאַר די האָר האָט בשום אופן ניט געוואָלט שניידן רעגלמעסיק און דאָס ראַזער־מעסער אָן זייף האָט נאָר לייכט די הויט געשניטן, אַנשטאָט צו ראַזירן.

און ווי איז געווען דעם, ווען מען האָט מאַנטיק געפונען מיט די האָר אויפן קאָפּ, אָדער ניט ראַזירט.

ווען איך האָב זיך אין אוישוויץ געפונען אויפן בוידעם פון דעם בלאָק צוויי־„איי״, האָט מען צו אונז אַריינגעבראַכט אַ יונגן בחור מיטן נאָמען יצחק. ער איז געווען זייער פרום און האָט אויף אויסנווייניק געדאַוונט אַלע תפילות, אָבער לויט זיינע מאַניערן האָב איך באַמערקט, אַז ער באַדאַרף זיין ניט פון רבנים. כ׳האָב זיך מיט אים צעשמועסט און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז געווען אַ קצב׳ס אַ זון, פון אַ קליין שטעטל לעבן וואַרשע. זיין גורל איז געווען אַן אַנדערער, ווי זיינע עלטערנס וועלכע זיינען אומגעקומען אין מאַדאַינעק.

נאָך אין יאַנואַר, 1941, האָט מען אים באַשולדיקט אין געהיי־

מער שחיטה, ווייל צו יענער צייט איז געווען פאַרבאָטן שחיטה אָן אַן איינשפּריצונג, און ער איז פאַר׳משפּט געוואָרן צו פינף יאָר תּפיסה.

די תּפיסה האָט ער מיטגעמאַכט אין לובלינער געפענגעניש, און ווען די רוסן האָבן אָנגעהויבן צו יענער צייט זיך דערנעענטערן אַהין, האָט מען אים מיט אַנדערע ניט־אידישע פאַרברעכער געבראַכט קיין אוישוויץ.

מיט זיין פּראַסטקייט און אָפנהאַרציקייט האָט ער אויף מיר געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק און איך האָב מיט אים פון צייט־צו־צייט געשמועסט, כדי אים צוצוגעבן אַביסל מוט.

ער האָט באַקומען שפּעטער אַרבעט אין „אוניאָן" און איך האָב אים אַ לאַנגע צייט ניט געזען. איינמאָל, ווען איך האָב זיך געפונען אויף דעם דעראָלונגס־בלאָק, אין אָנהייב מאַי, קומט־צו צו מיין בעט אַ יונגער אינטערנירטער מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ און שטעלט זיך פאַר אַלס יצחק. עס איז מיר ממש פינצטער געוואָרן אין די אויגן, ווען איך האָב אים דערזען. דער דאָזיקער יצחק, מיט זיינע ברייטע ביינער פון אַ קצב־יונג, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אוממעכטיקן, שוואַכן מענטשן. ער איז געווען בלייך ווי קאַלך און זיין לשון האָט ניט פונקציאָנירט.

ווייזט זיך אַרויס, אַז מיט אַ וואָך צוריק האָט ער אויסגעפּעלט צו קומען צום פריזער פון זיין בלאָק, כדי זיך צו לאָזן אָפּשניידן די האָר, און מאָנטיק אין דער פרי האָט אים דער בלאָק־עלטסטער באַמערקט און דערפאַר אים געשלאָגן מכות רצח, ביז ער האָט פאַרלאָרן זיין לשון.

דריי טעג האָט ער נעבעך נאָכדעם געבלוטיקט, און ערשט דערנאָך איז ער געקומען אין שפּיטאָל, פון וואַנען ער איז נאָך דער סעלעקציע אין מאַי אָפּגעשיקט געוואָרן אין גאַז־קאַמער.

איצט, אין פּליאַשאָוו, דערזעענדיק פאַר זיך אַ ריכטיקן פריזער, ניט קיין רוס, האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט אויספּרואוון זיין האַנט אויף מיין פּנים, אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען מוז גאָר אים צאָלן מיט זלאָטעס.

ער האָט פאַרלאַנגט פינף זלאָטעס פאַר ראַזירן. אָבער אַזוי ווי מיר האָבן ביי זיך קיין שום מטבע ניט געהאַט, האָבן מיר זיך געמוזט אָפּזאָגן פון דעם לוקסוס, מ'שטיינס געזאָגט.

דאָס איז געווען דער ערשטער צוזאַמענשטויס אין לאַגער מיט די „קאַפּיטאַליסטישע" מנהגים, און מיר האָבן זיך נאָר געפרעגט: צו וואָס טויגן דעם מענטשן די זלאָטעס און וואָס קען ער מיט זיי קויפן?

עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז מיר זיינען ניט געווען גערעכט, ווייל אין לאַגער האָבן נאָר געלעבט גוט די אידן, וועלכע האָבן געהאַט געלט, און אַזוי אַרום האָבן אויך דאָ עקזיסטירט צוויי קלאַסן אינטערנירטע — רייכע און אָרעמע.

דעם שאַוער האָבן מיר אויף יעדן פאַל באַקומען בחינם, און ווען איך וואָלט יאָ פאַרמאָגט געלט, וואָלט איך ליבער באַצאָלט, אַז איך זאָל ניט דאַרפן ווידעראַמאָל אָנקומען צו נעמען אַ שאַוער. אויסער דעם, וואָס דאָס וואַסער איז געווען ניט געניגענד, האָבן מיר באַדאַרפט גוט אויפ־פּאַסן, אַז די כינים, זייט מוחל, וואָס שפּאַצירן פריי אויף די ווענט פון דעם מרחץ, זאָלן אויף אונז ניט האָבן די שליטה.

אויף יעדן פאַל האָט מען אונז דערקלערט, אַז די דייטשן אַליין זיינען אומצופרידן מיט דעם באָד־אַנשטאַלט, ווייל זיי האָבן ניט וואו אָפּצוואַשן זייערע שמוציקע קערפּערס, און דעריבער ווערט געבויט אַ ספּעציעלער מאָדערניזירטער „אַנטוויייזונג־אַנשטאַלט" מיט אַ דיזענ־פעקציע־קאַמער אונטער דרוק.

נאָכן מרחץ האָט מען אונז אין די נייע מלבושים געפירט אויסער דעם לאַגער אין דעם עס־עס־ שרייב־שטאַב, וואו אידישע באַאַמטע האָבן פאַר אונז העפלעך אויסגעפילט פרעג־בויגנס, און איך האָב באַ־קומען דעם נומער 14,604, וועלכן איך האָב באַדאַרפט צונייען אויפן האַרץ פון מיין רעקל.

דערנאָך האָט אונז אינספּעקטירט דער אַרבעט־אַמט פירער, עס־עס אָבערשאַרף פירער מילער, אַ הויכגעוואַקסיקער יונגער דייטש מיט אַ שלעכט פּנים און גלאַנצנדיקע שטיוול.

ער האָט זיך איבערהויפּט אינטערעסירט צו וויסן אויב מיר

האָבן געאַרבעט ביי ראַטיפיקאַציע און ביי דער געוואוינונג פון ברען־שטאָף אַלס לייטקראַפט. ער האָט ביי זיך אַלץ אויפגעצייכנט און מיר זיינען צוריק אָפּגעשיקט געוואָרן אין לאַגער אויף אונזער בלאָק.

צוועלף דעם זייגער האָט אונז דער בלאָק־עלטסטער דערקלערט, אַז אויב מיר ווילן באַקומען די זופּ פון דער קיך וועט ער אונז געבן אַ צעטל אונטער דער באַדינגונג אַז צוויי פון אונז זאָל גיין ברענגען אויפן בלאָק דעם קעסל. אַזוי ווי די קיך האָט זיך געפונען ניט־ווייט פון אונזער בלאָק בין איך מיטגעגאַנגען אַלס קוריאָז און אויס נייגעריקייט.

קעגנאיבער דער קיך איז געשטאַנען אַ היפּשער עולם און האָט געוואַרט, און ביי דער קיך גופא, וועלכע איז געווען אַרומגעצאַמט מיט אַ דראָט, איז געשטאַנען אַ איד און האָט אויסגערופן לויט די נומערן די קאָמאַנדעס. פון דעם עולם האָט זיך יעדעס מאָל נאָך זיין אויסרופן אָפּגעריסן אַ גרופּע אידן און איז געלאָפן צו דער קיך פונוואַנען זיי האָבן אַרויסגעטראָגן גאַנץ באַקוועמע קעסלען פון צען גאַלאָן, וועלכע צוויי מענטשן האָבן געקאָנט טראָגן.

אַלץ האָט געמוזט צוגיין זייער שנעל, ווייל ביי דער קיך איז אויך געשטאַנען אַן עס־עס־מאַן מיט אַ נאַגאַיקע און האָט געשלאָגן ווען מען האָט ניט שנעל אַרויסגעטראָגן די קעסלען.

אונזערע שליחים האָבן אָפּגעגעבן דאָס צעטל פון דעם בלאָק־עלטסטן ביי אַ פענצטער פון דער קיך און אויך געוואַרט ביז מ'האָט אויסגערופן דעם נומער פון אונזער בלאָק.

אונזער קליינע גרופּע האָט באַקומען אַ קעסל פון פינף גאַלאָן זופּ און מיר האָבן זיך ווירקלעך גוט אָנגעגעסן. די זופּ איז געווען פיל געדיכטער ווי אין אוישוויץ, ווייל זי איז געווען צוגעגרייט פון גרויפּן, דער הויפּט־אַרטיקל פון פּוילן, אָבער דער געשמאַק האָט ווידער אין איר געפעלט. מ'האָט געזען, אַז די אידישע קוכערס גיבן זיך ניט קיין מי צו מאַכן אַ ריכטיק־געשמאַק עסן. די גרויפּן זיינען ניט געווען געוואַשן ווי עס געהער צו זיין און מיר האָבן צוזאַמען מיט גרויפּן אַריינגעלייגט זאַמד אין מאָגן.

דער בלאָק־עלטסטער האָט אונז געפרעגט אויב מיר זיינען

נאָך הונגעריק, קאָנען מיר גיין ברענגען נאָך אַזאַ קעסל פון דער קיך, ווייל יעדן טאָג בלייבט איבער זופּ און די קיך גיסט עס אַרויס.

ווייזט זיך אַרויס, אַז די קיך־זופּ עסן נאָר די אינטערנירטע, וועלכע געהערן צו דעם אָרעמען קלאַס פון דעם לאַגער. אָבער דער רוב ווייל אין מויל אַריין ניט נעמען די דאָזיקע זופּ. און זעלבסטפאַר־שטענדלעך — פאַר די אָרעמע באַדאַרפן זיך די קוכערס ניט זאָרגן.

אויף מיין נאַאיווער פראַגע, וואָס עס עסן די אַנדערע? האָט מען מיר דערקלערט, אַז אין דער קיך גופא איז פאַראַן אַ בעסערער מין זופּ, אין וועלכער עס איז אַפילו פאַראַן פלייש, אָבער דאָס דאָזיקע מאכל ווערט אַרויסגעגעבן נאָר צו די קאַפּאָס, בלאָקעלטסטע און פייער־לעשער. דאַגעגן, די געוויינלעכע אַנשי־לאַגער, וואָס האָבן זלאָטעס, קויפן זיך עס איין פשוט פאַר צוואַנציק־דרייסיק זלאָטעס. אויסער דעם האָט מען מיר דערקלערט, אַז יעדן אָוונט קאָן מען אויפן „מאַרק", אָדער אויפן בלאָק 34 קריגן פאַר זלאָטעס אַלץ וואָס דאָס האַרץ גלוסט: פון אַ שטיקל הערינג ביז אַ גלעזל בראָנפן.

דעם אָוונט נאָכן אַפּעל האָט דער לאַגער־פירער מיטן ראַפּאָרט־פירער באַפוילן, אַז אַלע קאַפּאָס, בלאָק־עלטסטע און כעמיקער זאָלן בלייבן אויפן אַפּעל־פּלאַץ. מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט אינמיטן פּלאַץ און זיך אויסגעשטעלט אין אַ „חית", און די ביידע עס־עס־מענער האָבן געהאַלטן דרשות, אין וועלכע זיי האָבן דערקלערט, אַז פּליאַשאָוו ווערט איצט פאַרוואַנדלט אין אַ וויכטיקן קאָנצענטראַציע־לאַגער און דערי־בער האָבן זיי באַשלאָסן איינצופירן נייע גזירות. ערשטנס דאַרפן אַלע בלאָק־עלטסטע אַרויסשמייסן דאָס בעטגעוואַנט מיט דער הלבשה וואָס געפינט זיך אין די בעטן. צווייטנס, ווערט שטרענג פאַרבאָטן צו האָבן זלאָטעס, אָדער אַנדער געלט און צו פירן האַנדל.

„איך וועל — זאָגט דער לאַגער־פירער — דערשיסן ווי אַ הונט דעם ביי וועלכן איך וועל געלט געפינען!"

דאָס האָט וויניק־וואָס איבערגעשראָקן די בלאָק־עלטסטע מיט זייערע איינוואוינער, ווייל אין אָוונט האָב איך געמאַכט אַ שפּאַציר

איבערע דעם לאַגער און האָב ממש באַוואונדערט די העזה פון אונ־זערעברידער.

אויפן בלאָק 34 איז דער האַנדל צוגעגאַנגען אָפן. כמעט אויף יעדן בעט איז געשטאַנען אַ וואָג און מ׳האָט געוואויגן פוטער, וואורשט, צוקער, מאַרמאַלאַד און פרוכט. די פרייזן זיינען געווען אויף די פוי־לישע זלאָטעס ניט טייער, אָבער וועלנדיק אויסרעכענען אויף פראַנ־צויזישע פראַנקען זיינען די פרייזן ממש געווען פאַנטאַסטיש.

מ׳האָט געזען באַשיינפּערלעך, אַז דער המון האָט מיט זיך מיט־געבראַכט פון דער געטאָ געלט און איצט שפּילט דאָס ניט קיין וויכטיקע ראָלע כל־זמן דער גוף ליידט הונגער.

## קאַפּיטל 37

# דאָס אָנקומען פון די אונגאַרישע אידן און מיין קאָנפליקט מיט דעם בלאָק־עלטסטן

אויפן צווייטן טאָג האָט מען אונז, כעמיקער, גע־רופן אין דעם לאַגער שרייב־שטאָב און אונז דערקלערט אַז מיר וועלן פאַרטיילט ווערן צווישן פאַרשידענע בלאָקן, וואו מיר וועלן אַרבעטן אַלס אויפראַמער. איך מיט נאָך אַ כעמיקער זיינען צוגעטיילט געוואָרן צום בלאָק 57, וועלכער איז געווען גאַנץ ליידיק, אָבער זייער שמוציק, און דער בלאָק־עלטסטער (אויך אַ קראַקאָווער) האָט אונז געמאַכט יעדן טאָג אַרבעטן, כדי צו ברענגען דעם בלאָק אין אַ ריינעם צושטאַנד.

מ׳האָט אָפּגעוואַרט אַ טראַנספּאָרט פון אונגאַרישע אידן, וועל־כער האָט געזאָלט אָנקומען פון אוישוויץ, און איך מיט מיין קאָלעגע האָבן גאַנץ ערנסט צוגעגרייט דעם בלאָק.

דעם 3טן יוני, מיטאָגצייט, זיינען אָנגעקומען 1,500 מענער, שוין אָנגעטאָנענע אין געשטרייפטע קליידער און מיט אָפּגעשוירענע

קעפּ. אונזער בלאָק 57 האָט באַקומען 750 נפשות. דאָס זיינען געווען אידן פון טראַנסילוואַניע און וויניק פון זיי האָבן גערעדט אידיש אָדער דייטש. זיי האָבן ווייטער פון זייערע געשעפטן און קליינשטעטל־דיקן לעבן גאָרניט געזען. אָבער זיי זיינען דאָך צוריק מיט אַ וואָך צייט געווען טאַטעס פון קינדער, און איצט זיינען זיי פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אומגליקלעכע צעבראָכענע מענטשן.

אין אונזער בלאָק האָבן זיך געפונען צווישן דער גרופּע אונ־גאַרן צוויי צענדליג דאָקטוירים, וועלכע האָבן געהאַט פאַרנומען פריער עמטער, און זיינען אַריינגעפאַלן טיילוויז איבער זייער נאַאיוויטעט, ווייל זיי זיינען געווען זיכער, אַז די נאַציס וועלן זיי שאַנעווען, און האָבן דעריבער ניט אָנגענומען קיין מיטלען זיך אויסצובאַהאַלטן. איצט האָבן זיי איינגעזען זייער באַגאַנגענעם פעלער וועלכן ס'איז שוין ליי־דער געווען שפּעט צו פאַרריכטן.

לויט זייער דערציילונג ווערט אַלץ פאַרגעזעצט דאָס שיקן פון אידן מיט זייערע משפחות קיין אוישוויץ. זיי אַליין האָבן נאָך ניט געוואוסט וואָס עס קומט פאָר מיט די וואָס זיינען געבליבן אין אוישוויץ און זיינען נאָך אַלץ געווען ביי דער האָפענונג צו געפינען זייערע פרויען און קינדער.

אויך וועגן דעם לעבן אין לאַגער האָבן זיי ניט געהאַט קיין שום אידייע, און איצט האָט זיי דער גורל פאַרוואָרפן קיין פּליאַשאָוו, כדי צו פאַרזוכן דעם יאָך פון אַ „קאַצעט".

דער בלאָק 57, וועלכער האָט זיי באַדאַרפט אויפנעמען, האָט איבערהויפּט ניט פאַרמאָגט קיין בעטן נאָר „בריטשן"". פון וועלכן לעקסיקאָן דאָס וואָרט נעמט זיך האָב איך אויך איצט ניט קיין אידייע, אָבער אין פּליאַשאָוו האָט מען די „נאַרעס", וועלכע זיינען אויסגעבויט געוואָרן ביי די ווענט און אינמיטן פון בלאָק, גערופן „בריטישן". פון ברעטער האָט מען אויף אַ גאַנץ פרימיטיוון אופן געמאַכט נאַרעס אין דריי עטאַזשן, און די וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן צו שלאָפן אויף זיי האָבן געמוזט פאַקטיש אַריינקריכן, ווייל זיצן האָט מען בשום אופן ניט געקאָנט.

איצט, ווען מ׳זאָל איבערלאָזן זעכציק סענטימעטער פאַר איין מענטשן און אויך אַ שטיקל פרייען שטח צווישן איין שלאָפנדיקן און אַ צווייטן האָט מען אין אַזאַ בלאָק געקאָנט אויפנעמען נאָר 250 מענטשן, און דאָ האָבן געמוזט אַרייַן 750 מענטשן...

פאַרשטייט זיך, אַז די „בריטשן" האָבן ניט געהאַט קיין שטרויזעק און קיין דעקן. אַזוי אַרום האָבן געמוזט די ניי־אָנגעקומענע שלאָפן אויף די ברעטער און אין דער הלבשה.

מיך האָט די דאָזיקע אוממענטשלעכע באַציאונג מצד דער אי־דישער אַדמיניסטראַציע פון דעם לאַגער צו די אונגאַרישע אידן שטאַרק אויפגערעגט. צווי וואָכן צייט האָט מען געוואוסט אַז עס דאַרפן אָנ־קומען טראַנספּאָרטן קיין פּליאַשאָוו און מ׳האָט זיך ניט געקימערט צו באַפרייען אַ פּאָר בלאָקן מער און צוצוגרייטן שטרויזעק פון דעם שטרוי וואָס די עס־עס־לייט האָבן גאַנצע וועגענער אַרייַנגעבראַכט אין לאַגער און וואָס האָט זיך געוואַלגערט אין דרויסן אונטערן רעגן.

דעם ערשטן טאָג זייַנען די אָנגעקומענע געווען באַשעפּטיקט מיטן מרחץ, מיטן אייַנשרייבן זיך, און אין אָוונט זייַנען זיי אָן אָוונט־ברויט אַרייַנגעטריבן געוואָרן אין זייערע נאָרעס, און האָבן זיך ווי־ניט־איז אַרייַנגעשטופּט, כדי צו געפינען אַ פּלאַץ.

אויפן צווייטן טאָג אינדערפרי האָט מען זיי קיין שום וואַרעמע קאַווע ניט געגעבן, נאָר אַרויסגעטריבן פון דעם בלאָק און זיי אויס־געשטעלט צו פינף צום אַפּעל.

אויף אונזער בלאָק 41, וואו איך האָב געוואוינט, האָבן מיר יאָ געהאַט וואַרעמע קאַווע אינדערפרי. און בפירוש זייַנען די לאַגער־באַ־דינגונגען ניט געווען קיין שלעכטע, אָבער דאָס איז געווען אַ דאַנק דעם, וואָס דער בלאָק־עלטסטער האָט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן פאַר ברענגען די קאַווע.

אויף אונזער בלאָק איז דעם בלאָק־עלטסטן געבליבן איבעריק ברויט, ווייל פיל פון די גדולי לאַגער האָבן דאָס ברויט ניט געוואָלט עסן. פאַר זלאָטעס האָבן זיי יעדן טאָג געקויפט ווייסע חלה, אַרייַנגע־בראַכטע אין לאַגער ווי אין פרידנס־צייט, און דער בלאָק־עלטסטער

האָט אויסער דעם אַראָפּגענומען ביי יעדן איין פּערטל ברויט אַ וואָך, כדי צו צאָלן מיט ברויט די עסן־טרעגערס, אָדער די אויפרוימער פון דעם בלאָק.

אויסער דעם, זאָל מיך גאָט ניט שטראָפן פאַר דעם רכילות, ווען איך וועל אויפדעקן, אַז גאַנץ אָפט זיינען ברויטן פאַרקויפט געוואָרן אויפן „מאַרק" דורך פאַרמיטלער פאַר 25 זלאָטעס אַ ברויטל.

אין פּליאַשאָוו איז דער פּאָסטען פון בלאָק־עלטסטן געווען אַ פּרנסה־קוואַל, ווען ס'איז געבליבן ברויט און אויך מאַרמאַלאַד, און די סחורה איז אויפן צווייטן טאָג לייכט פאַרקויפט געוואָרן.

אויב מיר האָבן אין דעם ערשטן טאָג פון אונזער אָנקומען באַקומען צו גאַנצע ברויטן, איז דאָס געווען אַ מתנה פון דעם לאַגער־עלטסטן. אָבער אויף ווייטער האָבן מיר צוגלייך מיט אַנדערע באַקומען 258 גראַם ברויט אין אָוונט. און מיט דער פּאַרציע איז געווען שווער אויסצוקומען. דאָס האָט קיינעם ניט געקאָנט באַפרידיקן, און דער עולם האָט געקויפט ברויט פאַר זלאָטעס. אָבער די וואָס האָבן קיין געלט ניט געהאַט, האָבן, ווי מיר, געגעסן אַ סך זופּ, כדי צו שטילן דעם הונגער.

איצט, מיטן אָנקומען פון די אונגאַרישע אידן, איז פאַרגרע־סערט געוואָרן די קאַטעגאָריע פון „אָן געלט" מענטשן, און פאַר דער קיך איז געשטאַנען דאָס פּראָבלעם ווי אַזוי צו באַפרידיקן די הונגע־ריקע מענטשן.

מיטאָג־צייט איז שוין די זופּ געווען קנאַפּ, און דערצו זיינען ניט געווען קיין שיסלען אין וואָס אויסצוטיילן דאָס עסן.

פאַר מיר האָט זיך איבערגע'חזר'ט דאָס זעלבע בילד, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט מיט אונזער פראַנצויזישער גרופּע בשעת אונזער אָנ־קומען קיין אוישוויץ, און דאָס הארץ האָט מיר געווייטיקט פאַר אַחינו בני ישראל.

דאָס אויפראַמען דעם בלאָק און דאָס אויסטיילן דאָס עסן איז אַריינגעגאַנגען אין די פונקציעס פון מיר און מיין קאָלעגע. דעריבער האָבן מיר ניט געקאַרגט קיין כוחות און צייט כדי יעדן צו באַפרידיקן.

אינדערפרי בין איך שוין אַרום 4 אַזייגער פאַרטאָג געקומען

אויף דעם בלאָק און אויפגעוועקט אַ גרופּע פון יונגע בחורים, זיי זאָלן גיין מיט אונז אויף דער קיך ברענגען די הייסע קאַווע.

דאָרט האָב איך איינגע׳טענה׳ט מיטן פאַרוואַלטער און האָב אַרויסבאַקומען די העלפט פון דעם וואָס אונזער בלאָק האָט אייגנטלעך באַדאַרפט באַקומען.

ווי ס׳ניט איז האָט זיך מיט יעדן טאָג פאַרגרעסערט די פּראָדוק־ציע פון דער קיך און מ׳האָט שוין געקאָנט דערנערן דאָס ביסל אָרעמ־קייט. אָבער די באַהאַנדלונג פון דעם עלטסטן האָט מיך רעוואָלטירט.

אויפן דריטן טאָג האָט מען שוין די אונגאַרן אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט, וועלכע איז באַשטאַנען פון גראָבן די שטיינערדיקע ערד כדי צו מאַכן אַ שליאַך. זיי האָבן זיך אַזוי אָרום געפונען אין זייערע דינע קליידער אין דרויסן אונטער דעם רעגן און ווינט.

אַריינקומענדיק אין לאַגער, האָט זיי דער בלאָק־עלטסטער ניט אַריינגעלאָזט נאָכן אַפּעל אויפן בלאָק און זיי האָבן זייער שטיקל ברויט געגעסן אין דרויסן. שפּעט אין אָוונט, ווען ער האָט זיי שוין געמוזט אַריינלאָזן כדי צו גיין שלאָפן, האָבן זיי געמוזט ביי דער טיר אויסטאָן די שיך און גיין באָרוועס.

ניט־קוקנדיק דערויף וואָס פאַר מיין אַרבעט איז דאָס געווען אַ פאַרלייכטערונג, ווייל זיי האָבן וויניקער שמוץ אַריינגעטראָגן אויפן בלאָק, האָב איך מיטן בלאָק־עלטסטן געהאַט אַן ערנסטן געשפּרעך און אים אַפילו געזאָגט בקול רם, אַז ער באַהאַנדלט זיי ערגער ווי די פאַ־ליאַקן האָבן אונז באַהאַנדלט אין אוישוויץ.

דער בלאָק־עלטסטער איז געווען אַ געוועזענער „אָדע־מאַן" און לויט זיין דערציאונג — אַן אַסימילירטער איד, אָבער זייער כיטרע און מיט אַ געוויסער לאָגיק דערצו.

איך האָב ביי אים פון דעם ערשטן מאָמענט נושא־חן געווען, דעריבער האָט ער מיך ניט באַשטראָפט פאַר מיין חוצפּה אים אַזאַ באַ־שולדיקונג צו וואַרפן, אָבער זיין באַהאַנדלונג האָט זיך דורך דעם ניט געבעסערט.

דערצו איז צוגעקומען אַ נייער אינצידענט. צווישן די 750

אונגאַרן, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף אונזער בלאָק, זיינען געווען צוויי ברידער האַלב־אידיאָטן.

די לאַנדסלייט זייערע האָבן דערציילט, אַז זייער משפחה איז באַשטאַנען פון זעקס ברידער. אַלע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט ערד־אַרבעט און האָבן אַפילו געהאַט אייגענע ערד.

איצט האָט מען אַלע ברידער געבראַכט קיין אוישוויץ. אַלס צו־פאַל האָט מען די פיר נאָרמאַלע ברידער געלאָזט אין אוישוויץ, ד״ה זיי פאַרגאַזט, און די דאָזיקע צוויי אידיאָטן האָט מען איבערגעלאָזט לעבן און איבערגעשיקט קיין פליאַשאָוו.

ביי דער אַרבעט האָבן זיי זיך פאַר׳עקשנ׳ט און בשום אופן ניט געוואָלט אויספילן דעם באַפעל פון דעם קאַפּאָ (פאַרמאַן) און זיי זיינען דערפאַר דעם ערשטן טאָג געשלאָגן געוואָרן מכת רצח.

אויפן צווייטן טאָג האָבן זיי ניט געקאָנט אַרויסגיין צו דער אַרבעט און זיינען געבליבן אויפן בלאָק מיט דער דערלויבעניש פון דעם דאָקטאָר גראָס, צו וועלכן איך האָב זיי אין אָוונט געפירט.

אויף דריי טעג האָט דער דאָקטאָר אַליין געהאַט דאָס רעכט אַרויסצוגעבן אַ דערלויבעניש, אָבער דערנאָך האָבן זיי אָן שום תירוצים געמוזט גיין צו דער אַרבעט.

אַזוי ווי איך האָב אויף זיי רחמנות געהאַט, האָב איך זיי אויף מיין אייגענער אַחריות איבערגעלאָזט אויף דעם בלאָק. אַ פּאָר טעג האָט דער בלאָק־עלטסטער געשוויגן, אָבער דערנאָך האָט ער מיר געמעלדעט, אַז ער האָט מורא די זאַך צו פאַרשווייגן און ער מוז מאַכן אַ רעפּאָרט וועגן דעם, אַז ביי אים געפינען זיך צוויי אידיאָטן, אומפע־איקע צו דער אַרבעט.

כ׳האָב גלייך געזאָגט, אַז דורך דעם וועט ער זיי שיקן צום טויט, אַז ער טאָר דאָס בשום אופן ניט טאָן. ער האָט מיר אויף דעם ניט געענטפערט, און איך האָב געמיינט, אַז ער איז מיט מיר מסכים.

עטלעכע טעג זיינען פאַריבער רואיק, אָבער אויף איינמאָל איז געקומען אַן עס. מאַן און האָט זיי צוגענומען. דאַן האָב איך פאַר־שטאַנען, אַז דער בלאָק־עלטסטער מיט זיין פחדנות פאַר זיין פּאָסטן

האָט אין דעם געהאַט די איניציאַטיוו. איך האָב זיך שוין דאַן ניט געקאָנט איינהאַלטן און האָב אים שטאַרק באַליידיקט און אים דער־קלערט, אַז איך קום מער ניט צו דער אַרבעט, ווייל מיין אידישער געוויסן דערלויבט מיר ניט צו אַרבעטן אַפילו אַלס אויפרוימער אויף אַ בלאָק, וואו עס איז פאַראַן אַזאַ בלאָק־עלטסטער.

בשעת מיין אַוועקגיין האָט ער מיר נאָכגעשריען, אַז איך וועל נאָך חרטה קריגן. דעם טאָג נאָך דעם בין איך טאַקע צו דער אַרבעט ניט געגאַנגען און איך האָב אויך דערוואַרט, אַז מיין קאָלעגע, אַ בע־מיקער פון אַ פּויליש שטעטל, זאָל זיך דערקלערן סאָלידאַריש מיט מיר, אָבער דאָס איז ניט געשען, און כ׳האָב מיט אים איבערגעריסן מיינע חבר׳שע באַציאונגען.

אויפן צווייטן טאָג נאָך דעם אינצידענט האָט מיר דער אידי־שער לאַגער־קאַפּאָ באַלד נאָכן קאָנטראָל געמאָלדן, אַז איך בין צוגע־טיילט געוואָרן צו דער „שטיינברוך קאָמאַנדע״ און אַז איך מוז באַלד גיין צו דער אַרבעט.

קאַפּיטל 38

# די שטיינברוך־קאָמאַנדע און די געמיינשאַפטן

וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר די „שטיינבברוך־קאָמאַנדע״, האָט יעדער איינציקער אין לאַגער געוואוסט.

אויסער דער שווערער אַרבעט, ווי אויפצולאָדן די אָפּגעשאָסענע שטיינער אויפן ראָל־וואָגן און שטופּן דאָס אויף 500 פוס ווייט, איז אין דער שפּיץ פון דער דאָזיקער קאָמאַנדע געשטאַנען אַ ספּעציעלער עס־עס־מאַן אַלס קאָמאַנדע־פירער, וועלכער האָט יעדן נייעם אַרבע־טער מכבד געווען מיט שלאָגן.

די אַרבעט איז בכלל אין משך פון צען שטונדן דורכגעפירט

געוואָרן אונטער זיין אויפזיכט, און די דאָזיקע קאָמאַנדע האָט מען באַטראַכט אין לאַגער אַלס שטראָף־קאָמאַנדע.

אין דער שטיינברוך־קאָמאַנדע האָבן געאַרבעט בלויז פּאָליאַקן, ווייל די אידן זיינען אַזוי־צו־זאָגן פּאַכלייט און האָבן געאַרבעט אין די געמיינשאַפטן.

פון אַלע געמיינשאַפטן איז די שניידער־געמיינשאַפט „מאַדריטש״ וועלכע איז באַשטאַנען פון פינף באַזונדערע ווערקשטאַטן, געווען די גרעסטע.

דאָרט האָבן געאַרבעט מייסטנס די געראַטעוועטע פּאַכלייט פון טאַרנאָווע, אַ שטעטל, וואָס געפינט זיך אַכציק מייל פון קראָקע, און האָט געהאַט אַ שם פון שניידערס, פון וואַנען עס איז אַרויסגעקומען די בעסטע קאָנפעקציאָנס־אַרבעט פון גאַנץ פּוילן.

אין פּליאַשאָוו האָב איך מיך באַקענט מיט דעם ראש־הקהילה פון טאַרנאָווע, וועלכער האָט פיל געלייסטעט לטובת די בירגער פון דעם שטעטל בעת דעם טרויעריקן פּעריאָד פון דייטשישער אינקוויזיציע.

עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו קויפן די סימפּאַטיע פון דעם דייטשישן עס־עס־מאַן, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן צו ליקווידירן די געטאָ. ער און זיין משפחה און נאָך צוויי טויזנט זיינען געבראַכט געוואָרן קיין פּליאַשאָוו נאָך דער ליקווידירונג פון דער געטאָ.

עס זיינען אויך געבראַכט געוואָרן זייערע ניי־מאַשינען און עס איז דאָ געגרינדעט געוואָרן די געמיינשאַפט „מאַדריטש״.

דאָס איז געווען אַ ציווילע דייטשישע אונטערנעמונג, וועלכע האָט פאַבריצירט ציווילע מענער־הלבשה. אַזוי־אַרום האָט זיך די דאָזיקע געמיינשאַפט ניט געפונען אונטער דעם דירעקטן קאָנטראָל פון דער עס־עס־מאַכט, און די אַרבעטס־באַדינגונגען זיינען דאָרט געווען גאַנץ מענטשלעכע.

דער אייגנטימער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ ליבעראַלער דייטש און ער האָט אַפילו צוויי מאָל אין דער וואָך אַרויסגעגעבן יעדן אַרבעטער פון ווערקשטאַט אַ האַלבן ציוויל־ברויט פון 750 גראַם. דאָס

ברויט איז געווען פיל בעסער ווי דאָס לאַגער־ברויט, עס האָט אַנט־האַלטן מער אַלבומין־שטאָף און עס איז געווען פיל זעטיקער.

די פרויען, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די מאַדריטשער ווערק־שטאַטן, האָבן אַזוי פיל ברויט ניט באַדאַרפט און זיי האָבן דאָס פאַר־קויפט אין לאַגער פאַר זלאָטעס, כדי זיך צו פאַרשאַפן אַנדערע מאכלים.

בכלל איז דורך דער דאַזיקער געמיינשאַפט פיל עסנוואַרג אַריינ־געשמוגלט געוואָרן, און עס איז דורך די דייטשישע און פוילישע די־רעקטאָרן, וועלכע האָבן געהאַט דאָס רעכט צו באַזוכן די ווערקשטאַטן, געפירט געוואָרן אַ „טראַפיק" מיט פיל וויכטיקערע זאַכן, ווי עסנוואַרג.

אַריינקומענדיק אין אַ ווערקשטאַט פון „מאַדריטש", האָט מען אויף די ניי־מאַשינען, ביי וועלכע עס זיינען געזעסן פרויען, געזען פאַרשידענע שפּיִז־פּראָדוקטן, וואָס האָבן זיך פאַרקויפט אויף דער וואָג.

דאָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט, אַז די אַרבעטער פון די ווערק־שטאַטן זאָלן זיך דערנערן מענטשלעך און זאָלן קאָנען דערהאַלטן זייער געזונט־צושטאַנד אויף אַ באַפרידיגנדיקן אופן.

עס זיינען אויך געווען פיל אַנדערע געמיינשאַפטן, ווי גרויס שניידעריי, זייגערמאַכעריי, טישלעריי, טעפּיכעריי, מעכאַניקער, עלעק־טריקער און נאָך אַנדערע.

איבעראַל איז געפירט געוואָרן אַ האַנדל, ווייל דורך די אוקראַי־נער עס־עס־מענער, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען ווי אויסצונוצן די קאָנ־יונקטור פונעם לאַגער, איז אויך אַריינגעפירט געוואָרן עסנוואַרג.

אויף יעדן פאַל, אין שטיינברוך האָבן ברוך־השם קיין אידן ניט געאַרבעט, און אויב עס איז עמיצער געשיקט געוואָרן אין דער דאַזיקער קאָמאַנדע איז דאָס נאָר געווען אַלס שטראָף, און דער קאָ־מאַנדע־פירער האָט שוין געוואוסט ווי זיך מיט דעם ניי־אָנגעקומענעם צו באַגיין.

איך מוז אָנערקענען, אַז צו דער צייט ווען מ'האָט מיך געשיקט אין שטיינברוך איז נאָך דער קאָמאַנדע־פירער געווען אַ איד און ער האָט נאָך געקאָנט ראַטעווען פון די הענט פון דעם עס־עס־רוצח, אָבער מיט זעקס וואָכן שפּעטער האָט מען שוין אין דער שפּיץ פון דער

קאָמאַנדע אָוועקגעשטעלט אַלס פירער אַ דייטשישן פאַרברעכער, וועל־כער איז געבראַכט געוואָרן קיין פּליאַשאָוו צוזאַמען מיט אַנדערע נייַנצן דייטשישע פאַרברעכער פון אַ דייטשישער קאַטאַרגע, וואו זיי זייַנען מער ווי פופצן יאָר אָפּגעקומען זייער שטראָף אַלס פּשוט'ע גזלנים.

די דאָזיקע נייַע דייטשישע „קאַפּאָס", זייַנען ספּעציעל געבראַכט געוואָרן, כדי אייַנצופירן אַ דיסציפּלין ביי דער אַרבעט, און האָבן באמת אָנגעטאָן די אידן פיל צרות. אָבער דער קאָמאַנדע־פירער פון שטיינברוך האָט זיך איבערהויפּט אויסגעצייכנט אַלס דער ריכטי־קער המן.

ווער פון די אידן עס איז אַרייַנגעפאַלן אַלס שטראָף, לויט דער איניציאַטיוו פון דעם לאַגער־קאָמענדאַנט (ווייל דעמאָלט האָט שוין דער אידישער לאַגער־פירער מער ניט געשיקט קיין אידן, ווי ס'איז געשען מיט מיר), איז אין משך פון צוויי שטונדן געשלאָגן געוואָרן מכות־רצח און מ'האָט אים דערנאָך אַרייַנגעטראָגן אַ האַלב־טויטן אין לאַגער.

די פּאַליאַקן, וואָס האָבן געאַרבעט אין שטיינברוך, האָבן אויך געוואוינט אין דעם זעלבן לאַגער וואו מיר. זיי האָבן געהאַט זייערע ספּעציעלע באַראַקן מיט זייערע בלאָק־עלטסטע און האָבן זיך געפונען אין דער צאָל פון 1,500 מאַן. פרויען זייַנען אויך געווען, אָבער אין אַ קלענער צאָל. דאָס זייַנען געווען פּאַליאַקן, וואָס האָבן זיך באַשעפ־טיקט מיט טריפ'ער סחורה און זייַנען אַרייַנגעפאַלן אין לאַגער אויף פאַרשידענע טערמינען — ווער אויף אַ יאָר און ווער אויף אייניקע חדשים. פאַר דער צייט וואָס זיי האָבן זיך געפונען אין לאַגער האָבן זיי געהאַט דאָס רעכט צו דערהאַלטן פּעקלעך און בריוו פון זייערע קרובים, און האָבן נאָך אויסער דעם באַקומען פון דעם פּוילישן רויטן קרייץ ברויט און אַנדערע פּראָדוקטן.

עס איז כדאַי דערביי צו באַמערקן, אַז אין פּוילן האָבן די דייטשן צוגעלאָזט די עקזיסטענץ פון אַ אידישער אינטערנאַציאָנאַלער אונטערשטיצונג־געזעלשאַפט. די צענטראַלע האָט זיך געפונען אין קראָ־קע, וועלכע האָט געציילט אַלס הויפּט־שטאָט פון דעם פּוילישן „גענע־

ראַל־גובערנעמאַן״, און די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט באַקומען פון דעם שווייצאַרישן רויטן קרייץ אונטערשטיצונג.

פאַקטיש האָט דער לאַגער געדאַרפט באַקומען פּראָדוקטן, וועל־כע זיינען צוגעשיקט געוואָרן פון אויסלאַנד, אָבער אויסער עטלעכע ברויטן, וועלכע זיינען פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן דורך די בלאָק־עלט־סטע אויף אַ מיסטעריעזן אופן, האָט מען גאָרניט געזען אין לאַגער.

אמת, אין חודש אָקטאָבער, 1944, האָט זיך אויפגעדעקט די גאַנ־צע פּאַנאָראַמע און ס׳איז געוואָרן פאַרשטענדלעך דער מאָטיוו אַ דאַנק וועלכן דער אידישער דירעקטאָר איז געבליבן לעבאַל אין קראָקע. וועגן דעם וועל איך שפּעטער דערציילן, ווייל איך וויל כרנאָלאָגיש באַשרייבן די געשעענישן.

איך האָב די ידיעה וועגן מיין צוטיילונג צו שטיינברוך־קאָמאַנע אויפגענומען גלייכגילטיק, ווייל עס איז מיר געווען ליבער צו אַרבעטן אין שטיינברוך, איידער צוריקצוקומען אויפן בלאָק 57 און צוזען ווי מען באַהאַנדלט דאָרט די אונגאַרישע אידן.

כ׳האָב מיך תיכף געווענדט צום „קאַפּאָ״ פון שטיינברוך און אים געזאָגט, אַז איך בין געשיקט געוואָרן צו אים אויף אַרבעט. צופעליגער־ווייז האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט מיך געקענט פון דעם בלאָק 41, און ער איז ממש דערשטוינט געוואָרן פון דער ידיעה.

„ניין!״ האָט ער צו מיר געזאָגט. דאָס איז אוממעגלעך. איך קאָן אויף זיך ניט נעמען די אחריות פון אַזאַ אַקט.״

ער איז באַלד געלאָפן זען דעם הער גאָלדבערג.

דער דאָזיקער מאַן האָט אויסערלעך, מיט זיין הויכן ענגלישן געשטאַלט און מיט זיינע אויגן־גלעזער, געמאַכט אויף יעדן דעם רושם פון אַן אינטעלעקטועלן טיפּ. ער איז, לויט זיין אַמט, געווען גלייך צו דעם לאַגער־עלטסטן, ווייל אין זיין רשות האָט זיך געפונען דער אַר־בעטס־אַמט, און אַלע קאַפּאָס (פאָרלייט) זיינען געווען אָפּהענגיק פון אים. ער איז געווען די צווייטע האַנט פונעם אַרבעטס־אַמט־פירער, אוי־בערשאַרף פירער מילער, וועלכער האָט אונז אויפגענומען אין ס. ס. שרייב־שטוב. ער איז געווען פיל אינטעליגענטער פון דעם לאַגער־

עלטסטן און בעסער דערצויגן, און ער האָט זיך געהאַלטן פריי אין דער סביבה פון די עס־עס־לייט.

פיל זאַכן זיינען וועגן אים דערציילט געוואָרן, צווישן זיי אויך נעגאַטיווע, אָבער איך אַליין האָב ניט באַמערקט קיין שום געפערלעכע טאַטן פון אים, וואָס זאָלן אויף מיר מאַכן אַ שלעכטן איינדרוק.

ער האָט זיין אַמט ערנסט אויסגעפירט און דערביי געהאַט אַ געוויסן הומאָר.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אינטעלעקטועלע אינ־טערנירטע האָבן תמיד געפונען ביי אים פאַרשטענדעניש.

דער דאָזיקער גאָלדבערג, דער אידישער מילער, ווי מען האָט אים גערופן, איז יעדן אין דער פרי, ביים פאַרמירן די אַרבעט־קאָ־מאַנדעס אויף אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט, געזעסן ביי אַ טישל און אויפגענומען ביי די קאַפּאָס (פאָרלייט) די צאָל אינטערנירטע, וועלכע גייען אַרויס צו דער אַרבעט.

צו אָט דעם גאָלדבערגן איז געלאָפן דער פאָרמאַן פון שטיינ־ברוך מיט אַ מעלדונג וועגן מיר.

ער איז באַלד צוריקגעקומען מיטן ענטפער, אַז עס איז שוין ליידער צו שפּעט צו בייטן דעם באַשלוס, דערפאַר וועל איך מיט אים אַרויסגיין צום שטיינברוך, אָבער דאָרט וועט ער מיך איבערגעבן צום פאָרמאַן פון דער בוי־קאָמאַנדע. און ער האָט געהאַלטן וואָרט, ווייל ווי נאָר מיר זיינען אָנגעקומען צום שטיינברוך, האָבן זיך די פּאָליאַקן געשטעלט צו דער אַרבעט און מיך האָט ער אָוועקגעפירט צום אויפ־זעער איבער דער בוי־קאָמאַנדע.

## קאַפּיטל 39

# די בוי און מויער־קאָמאַנדעס פון אונגארישע אידישע קינדער

ביז דעם אַנקומען פון די אונגאַרן האָבן שוין אין פּליאַשאָוו עקזיסטירט בוי־קאָמאַנדעס, אין וועלכע עס זיינען געווען אַנגעשלאָסן די צימערלייט, וועלכע האָבן געבויט באַראַקן און אויך גאַסן, אָבער מיט דעם אַנקומען פון די אונגאַרן האָט זיך די דאָזיקע קאָמאַנדע פיל פאַרגרעסערט. עס זיינען געשאַפן געוואָרן עטלעכע גרו־פּעס, צו 400 מאַן, מיט באַזונדערע אויפזעערס, און יעדע גרופּע האָט געאַרבעט אין אַ באַזונדערן סעקטאָר פון דעם לאַגער.

איך בין אַריינגעפאַלן אין איינער פון די דאָזיקע גרופּעס, און דאָס זיינען גראָד געווען אונגאַרן, וועלכע האָבן מיך גוט געקענט פון זייער בלאָק.

זיי האָבן מיך אויפגענומען ווי אַן אייגענעם מענטשן, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז איך בין איצט אַ געליטענער דורך דעם, וואָס איך האָב זיי געוואָלט פאַרטיידיקן.

איך האָב זיך געשטעלט צו דער אַרבעט, וואָס איז באַשטאַנען אין אויסגראָבן די שטיינערדיקע ערד. ליידער האָט זיך די ערד ניט נאָכגעגעבן דער לאָפּעטע און איך האָב געמוזט צוערשט אונטערהאַקן מיט אַ קרויצהאַקן. די אַרבעט איז צוגעגאַנגען שווערלעך און לאַנגזאַם, אָבער דער אויפזעער איז געווען אַ רואיקער און האָט פאַרשטאַנען, אַז עס קאָן בעסער און שנעלער ניט צוגיין.

קיינער האָט אונז ניט געטריבן און ניט געיאָגט, מען האָט נאָר געמוזט אויפפּאַסן, אַז עס זאָל ניט אָנקומען אַ הונט אויף צוויי פיס.

עס איז שוין געווען פאַראויס אָפּגעמאַכט צווישן אונז, אַז יעדער זאָל גוט אַכטונג געבן, אויב עס גייט ניט קיין עס־עס־מאַן, און אין פאַל עמיצער באַמערקט וועלכן עס איז פאַרדעכטיקן מענטשן, דאַרף

ער אָנהייבן שרייען „עבודה״, און אויב מען זעט אַן עס־עס־מאַן מיט זילבערנע געפלאָכטענע עפּאָלעטן, זאָל מען שרייען „עבודה גדולה״.

אַלע עס־עס־מענער האָבן געשלאָגן, אויב זיי האָבן באַמערקט עמיצן שטיין ניט אַרבעטנדיק, אָבער דער קאָמענדאַנט פון דעם לאַגער, אָבערשטורעם פירער געט, האָט פּשוט געקאָנט דערשיסן אין אַזאַ פאַל.

דער טאָג איז אַריבער בשלום, אָן שום אינצידענטן, און איך האָב אין אָוונט נאָך דער אַרבעט זיך געמאָלדן צוריק צו דער שטיינ־ברוך קאָמאַנדע, כדי אַריינצוקומען מיט זיי אין לאַגער.

ווען אונזער קאָמאַנדע איז אַריינגעקומען, איז שוין דער קאָנ־טראָל־פּלאַץ געווען איבערפילט מיט מענטשן און דער בלאָק 41 איז שוין געשטאַנען אויסגעשטעלט און פאַרטיק צום קאָנטראָל.

נאָכן קאָנטראָל האָט מען מיר דערציילט, אַז דער אינצידענט מיט מיר האָט אין לאַגער געמאַכט אַ גרויסן רעש און אַז עס זיינען שוין געמאַכט געוואָרן אינטערוועגצן אָפּצושאַפן מיין באַשטימונג אין שטיינברוך.

אויף יעדן פאַל האָט מען זיך געוואונדערט, וואָס איך בין אַריינ־געקומען נאָך דעם טאָג אַרבעט מיט גאַנצע ביינער.

צוויי טעג בין איך אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט מיט דער שטיינברוך־קאָמאַנדע, און ערשט אויפן דריטן טאָג האָב איך שוין אָפיציעל זיך געציילט אין דער בוי־קאָמאַנדע פון די אונגאַרן.

ביי דער אַרבעט האָב איך מיך געטראָפן מיט אַ גרופּע, וועלכע איז באַשטאַנען בלויז פון פערציק אינגלעך. דאָס זיינען געווען אונ־גאַרישע אידישע קינדער, וועמען די גאַז־קאַמער פון אוישוויץ האָט געשענקט דאָס לעבן, אָבער זיי זיינען געבליבן אָן טאַטע־מאַמעס, קליי־נע עלנטע יתומים.

ניט קוקנדיק אויף זייער יונגן עלטער, פון צען ביז צוועלף יאָר, האָט די עס־עס־אַדמיניסטראַציע פון פּליאַשאָוו־לאַגער געוואָלט זיי אויסנוצן פאַר שווערער אַרבעט, אָבער די אידישע פירער פון דעם אַרבעטס־אַמט האָבן פון זיי געגרינדעט אַ גרופּע צו בויען באַראַקן פון ציגל און האָבן זיי גערופן די „מויער־קאָמאַנדע״.

צוזעענדיק די אַרבעט פון אָט־די יונגע קינדער, האָט מען געקאָנט זיין שטאָלץ אויף דער ענערגיע פון אונזער יוגנט. דאָס זיינען געווען אמת׳ע חלוצים, אויף וועלכע דאָס אידישע פאָלק קאָן זיך ווירקלעך פאַרלאָזן.

ניט אומזיסט, ווייזט אויס, האָט פרעה אין מצרים געוואָלט טויטן אַלע אידישע אינגלעך באַלד נאָך זייער קומען אויף גאָטס וועלט, ווייל ער האָט געזען אין זיי די קראַפט פון דער אידישער עקזיסטענץ.

היטלערן איז, לײדער, געלונגען אָט־דעם פּראָבלעם צו פאַרווירקלעכן, אָבער די עטלעכע צענדליק קינדער, וועלכע האָבן זיך דורכגעשמוגלט אין די לאַגערן, האָבן ווירקלעך פאַרדינט אַריינגעטראָגן צו ווערן אין דער אידישער געשיכטע אַלס „גבורי האומה״.

אין אוישוויץ האָט אויך עקזיסטירט אויפן בלאָק 4־איי אַ מויערשולע פון יונגע אידישע קינדער, און זייערע פּראָפעסאָרן, מיט וועלכע איך האָב זיך גוט געקענט, האָבן זיך ממש ניט געקאָנט אָפּלויבן פון זייערע פעאיקייטן צום לערנען און צו דער אַרבעט.

אויסער זייער ווידערשטאַנד־פעאיקייט קעגן הונגער און נויט, האָבן זיי אין אַלע לאַגערן, וואו זיי האָבן זיך נאָר געפונען, אַריינגעטראָגן אַ געוויסן לעבנס־כאַראַקטער און האָבן אַרויסגעוויזן אַ געוויסע הילף זייערע עלטערע ברידער, אַ דאַנק זייער גוטהאַרציקייט און ענערגיע.

אין אוישוויץ, צום ביישפּיל, האָבן זיי מיטאָג־צייט נאָכן עסן אַרויסגעטראָגן פון זייער בלאָק שיסלען מיט זופּ און אַריינגעשמוגלט דורך די פענצטער צו די קראַנקע אין שפּיטאָל, וועלכער האָבן נעבעך געלעכצט נאָך אַן איבעריקער לעפל זופּ.

אין פּליאַשאָוו, ווידער, האָט זיך אָט־די גרופּע יונגע קינדער אַרויסגעוויזן מער ענערגיש ווי די עלטערע, און יעדער פון זיי האָט געטראָגן ברויט און זופּ פאַר זייערע אונגאַרישע עלטערע ברידער.

## קאַפּיטל 40

# דער באָגוסלאַוו־דראָביטשער טראַנספּאָרט און דאָס אָנקומען פון די אונגאַרישע מיידלעך

די שטעטלעך באָגוסלאַוו און דראָביטש, וועלכע ליגן געאָגראַפיש אין שכנות איינס לעבן אַנדערן, זיינען באַקאַנט אַלס די נאַפט־קוואַלן פון פוילן.

דאָס גאַנצע שטעטל דראָביטש איז באַשעפטיקט מיט דער געווינונג פון נאַפט, וועלכע מען ראַפינירט נאָכדעם אין באָגוסלאַוו.

נאָכן אָנקומען פון די דייטשן האָבן די דאָרטיקע פאַר טויזנט אידן, אין וועמעס הענט עס האָט זיך געפונען די גאַנצע נאַפט־פּראָדוקציע, געוואוסט ווי אַזוי אויסצונוצן זייער גליקלעכע סיטואַציע, כדי אויסצומיידן די גזירות איבער די אידן, וואָס זיינען באַלד איינגעפירט געוואָרן אין גאַנץ פוילן.

עס האָט בכלל דאָרט ניט עקזיסטירט קיין געטאָ און די אָרויסשיקונג פון די אידן האָט זיך ערשט אָנגעהויבן ענדע מערץ, 1944, ווען די רוסישע אַרמיי האָט אָנגעהויבן זיך דערנעענטערן צו די נאַפט־גרובן.

די אידן האָבן אָבער פאַראויסגעזען דעם מאָמענט און עס האָט זיך אין באָגוסלאַוו פאַרשפּרייט אַ גאַנצע נעץ פון אונטערערד היילן.

חדשים־לאַנג האָבן פאַרשידענע גרופּירטע משפחות געגראָבן און געבויט גאַנץ מאָדערנע „בונקערס״, וואוהין עס זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרן שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס האָבן געזאָלט קלעקן אויף לאַנג.

ווען די דייטשן האָבן געוואָלט אַרויסשיקן די אידן פון דאָרט, האָבן זיי, אַנשטאָט 2,500 מאַן, געפונען נאָר 1,500 מאַן, ווייל די אַנדערע האָבן זיך שוין באַהאַלטן אין די געהיימע צוגעגרייטע קעלערן.

עס זיינען דערביי פאָרגעקומען קוריאָזע געשעענישן וועגן וועלכע עס האָבן מיר דערציילט די באָגוסלאַווער, וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרן קיין פּליאַשאָוו.

דער אינזשעניר סאַק פון באָגוסלאַוו, מיט וועלכן איך האָב שפּעטער געאַרבעט צוזאַמען, האָט מיר דערציילט, אַז דער „בונקער", וועלכן ער אַליין האָט חדשים־לאַנג געבויט אין וואַלד, האָט אים אַליין פאַרראַטן, ווייל בשעת דער אַרויסשיקונג, האָט ער בשום אופן ניט געקאָנט אים מער געפינען.

די דאָזיקע אַרויסגעשיקטע אידן האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט אַ רייכטום קיין פּליאַשאָוו, אָבער די פּייערלעשער האָבן זיי פאַרן גיין אין מרחץ גוט באַאַרבעט.

פון זיי זיינען אייניקע אַריינגעפאַלן אויף אַרבעט אין דער בוי־קאָמאַנדע, אָבער די מערהייט האָט זיך איינגעאָרדנט אין דער אַדמי־ניסטראַציע פון לאַגער. זיי האָבן זיך ביסלעכווייז צוגעוואוינט צו די לאַגער־באַדינגונגען און האָבן באַדויערט זייערע קרובים און באַקאַנטע, וואָס זיינען געבליבן אין די „בונקערס", ווייל די רוסן זיינען געבליבן שטיין אַכציק מייל וויט פון באָגוסלאַוו, און לויט זייער חשבון זיינען די בונקערס ניט געווען איינגעריכטעט אויף אויסצובאַהאַלטן זיך לענגער ווי דריי חדשים צייט.

אין פּליאַשאָוו האָט מען אָנגעהויבן שמועסן, אַז עס וועט קומען אַ טראַנספּאָרט פון אונגאַרישע פרויען. אָבער גאַנץ אומדערוואַרט איז אָנגעקומען אַ קליינער טראַנספּאָרט פון 350 פּערזאָן, און דאָס זיינען געווען די פריש אַרויסגעשלעפּטע מענער, פרויען און קינדער פון די באָגוסלאַווער „בונקערס".

מיט זיי איז אויך געבראַכט געוואָרן דער באַוואוסטער באָגוסלאַ־ווער־דראָביטשער רב, ד"ר אביגדור, מיט זיינע צוויי טעכטער און צוויי זין.

אַלע געבראַכטע זיינען געווען אָנגעטאָן אין זייערע ציווילע קליי־דער און זיי האָבן אויך מיטגעבראַכט מיט זיך זייער ביסל האָב און גוטס. עס פאַרשטייט זיך, אַז ביים אַריינקומען אין לאַגער האָט מען ביי זיי אַלץ אַוועקגענומען.

מען האָט זיי אַלע אַריינגעבראַכט אין אַן איזאָלירטן בלאָק,

אַרומגעצוימט מיט דראָט, כדי זיי זאָלן דורכמאַכן אַ געוויסן קאַראַנטין, ווייל עס האָט זיך צווישן זיי פאַרשפרייט דער בויך־טיפוס.

ווי טרויעריק עס זאָל ניט זיין דער פאַקט, מוז איך אָבער איבער־געבן דער אידישער עפנטלעכקייט פונקט אַזוי, ווי דער רב ד״ר אביגדור האָט מיר שפּעטער דערציילט, בשעת איך האָב זיך מיט אים טאָג־טעגלעך געטראָפן און זיך באַפריינדט מיט אים.

דערביי איז כדאַי איבערצוגעבן אַ פּאָר שטריכן פון דעם דאָזיקן אידישן גאון.

דער רב ד״ר אביגדור איז באמת אַ גרויסע אידישע קולטור־רעלע פּערזענלעכקייט און מלא וגדוש אין תורה.

זיין פרומקייט און זיין אָרטאָדאָקסישע הלבשה האָבן אים ניט געשטערט אָפּצוגעבן עקזאַמען אין דער פּוילישער שפּראַך און צו באַ־קומען מיט אויסצייכענונג דעם טיטל פון ד״ר פילאָסאָפיע.

ער האָט די שפּראַכן העברעאיש, דייטש, פּויליש און ענגליש באַזעסן פריי אין וואָרט און אין שריפט און ער איז אַ בקיא אין דער וועלטלעכער ליטעראַטור.

ער האָט פיל ווערק געשריבן איבער תלמוד און שולחן־ערוך און איז פאַררעכנט צווישן די ערשטע גאונים פון אונזערע צייטן.

באַמערקונג! איצט קאָן איך מיט פרייד מעלדן אַז דער ד״ר אַביגדור איז געראַטעט געוואָרן נאָר מיט זיינע צוויי זין און ער וואוינט איצט אין ברוקלין, וואו ער איז ראש־ישיבה און גלייכצייטיק רב פון אַ שיינער עדה אידן.

צווישן דער גרופּע וואָס איז נאָך אין מערץ אַרויסגעשיקט גע־וואָרן פון באַגוסלאַוו קיין פּליאַשאָוו, האָבן זיך געפונען צוויי אידישע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן מיט בוי־מאַטעריאַל און מיט טעכנישע מיטלען אויסצובויען פאַרשידענע היילן.

זיי האָבן, ווייזט אויס, געהאַט בדעה זיך צו באַזעצן אין איינעם פון זיי מיט זייערע משפחות, אָבער אין לעצטן מאָמענט האָבן זיי גע־ענדערט דעם באַשלוס און זיינען מיטגעפאָרן קיין פּליאַשאָוו. ניט ווויסנדיק געניי צוליב וועלכער סיבה, האָבן די דאָזיקע צוויי אידן

פאַרלאָזט אין חודש יוני דעם לאַגער פּליאַשאָוו און זיינען אָפּגעפאָרן אין דער באַגלייטונג פון אַ פּאָר עס־עס־מענער אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג.

דאָס זיינען זיי געפאָרן קיין באַגוסלאַוו־דראָביטש מיטצוהעלפן די נאַציס אויפצודעקן די אונטערערד היילן און פון דאָרט אַרויס־שלעפּן די פאַרשטעקטע אידן.

זיי האָבן שפּעטער דערקלערט זייער טאַט מיט דעם, וואָס זיי האָבן געזען, אַז די רוסן קומען ניט באַזעצן באַגוסלאַוו און זיי האָבן מורא געהאַט, אַז די באַהאַלטענע אידן וועלן דאָרט אויסשטאַרבן פון הונגער.

עס איז געווען זייער איניציאַטיווע צו פאָרן אַרויסראַטעווען די דאָזיקע אומגליקלעכע נפשות.

אמת, אונטער דער באַדינג, אַז מען זאָל די באַהאַלטענע אידן ניט אויסשיסן.

די עס־עס־מענער האָבן טאַקע געהאַלטן וואָרט און קיינעם ניט דערשאָסן, וואָס איז באמת אַ גרויסער וואונדער, אָבער אַ דאַנק זייער איניציאַטיווע זיינען אַ סך פרישע אידישע קרבנות געבראַכט געוואָרן פון בונקערס קיין פּליאַשאָוו.

אויסער דעם, וואָס זיי האָבן אָנגעוויזן די ערטער פון די בונקערס, האָבן זיי אַליין אַריינגעשריגן זייערע נעמען, כדי די באַהאַלטענע אידן זאָלן קריגן צוטרוי און אַרויסקומען אַן ווידערשטאַנד.

עס קאָן זיין, אַז זייער געדאַנק איז געווען צו ראַטעווען די אויס־באַהאַלטענע פון אַ הונגער־טויט, אָבער ווי ד״ר אַביגדור האָט מיר דערציילט, האָבן זיי אין זייער בונקער אין וועלכן עס האָבן זיך גע־פונען דרייסיק פערזאָן, נאָך געהאַט שפּייז־מיטלען אויף זעקס חדשים צייט.

אמת, די לעבנס־באַדינגונגען אין בונקער זיינען געווען שטאַרק פיינלעך און פיל זיינען ממש קראַנק געוואָרן אויף די נערוון, אָבער

ווער האָט עס געהאַט דאָס רעכט אונטערצונעמען אַזאַ אַקט פון פאַר־ראַט?

אפשר האָט שוין דער שיקזאַל באַשטראָפט די דאָזיקע „וואויל־טעטער", אויב ניט — וועט די געשיכטע און די איבערגעבליבענע עדות פון דעם טראַנספּאָרט זיי משפּט׳ן.

ניט לאַנג נאָכן אָנקומען פון די באַגוסלאַוער איז אין אַ נאַסן, רעגנדיקן טאָג דער גאַנצער שליאַך, וואָס האָט געפירט פון פּליאַ־שאָווער באַנהויף צום לאַגער באַדעקט געוואָרן פון אַ קאָלאָנע אידישע יונגע מיידלעך וואָס האָבן מיט זייערע אָפּגעשוירענע האָר אויסגעזען ווי שיינע ישיבה־בחור׳לעך.

דאָס איז געווען דער טראַנספּאָרט פון 4,500 יונגע מיידלעך, אָנגעקומען פון אונגאַרן, דורך אוישוויץ קיין פּליאַשאָוו.

## קאַפּיטל 41

# די ליידן פון די אונגאַרישע אידישע מיידלעך

די אידישע מיידלעך, וועלכע זיינען אַריינגעקומען קיין פּליאַשאָוו, האָבן אויף זיך געטראָגן בלויז אויבערקליידער געמאַכט פון אַ גאַנץ דינעם שטאָף. דער רעגן האָט פאַרוואַנדלט זייער הלבשה אין נאַסע שמאַטעס, וואָס האָבן זיך פעסט איינגעקלעפּט אין זייערע יונגע קערפּערס. עס איז געווען אַ רחמנות צו זען ווי זיי האָבן נעבעך געציטערט פון קעלט און פייכקייט. אויף צו להכעיס האָבן זיי שעה׳ן לאַנג געמוזט אָפּשטיין אויף דעם קאָנטראָל־פּלאַץ ביז זיי זיינען אַריינ־געבראַכט געוואָרן אין זייערע באַראַקן.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען זיי שוין אַרויסגעפירט צו דער אַרבעט, כאָטש עס איז אייגנטלעך ניט געווען וואָס צו טאָן, אָבער די עס־עס־אַדמיניסטראַציע פון לאַגער האָט בשום אופן ניט געוואָלט זיי זאָלן בלייבן אין זייערע באַראַקן.

מיט זייערע אײדעלע הענט האָבן זײ געמאַכט דעם איינדרוק פון קינדער, וואָס האָבן אין זייער לעבן פיזיש ניט געאַרבעט, און איצט זיינען זײ גאַנצע טעג געשטאַנען אונטערן רעגן און ווינט און געוואָרפן שטיינער אָדער געטראָגן די שטיינער פון איין אָרט אויפן צווייטן.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען אויך צוגעקלערט אָרונ־טערצוהאַקן אַ שטיינערדיקן באַרג און מאַכן פּלאַכע טעראַסן, וואָס איז אַפילו ביי נאָרמאַלע אַרבעט־באַדינגונגען ניט פון די לייכטע זאַכן. אויב מען האָט ניט דערצו די בייטיקע מכשירים, איז די אַרבעט כמעט ניט דורכפירבאַר, אָבער דאָ האָבן די עס־עס־מענער באַשלאָסן אויסצונוצן די שוואַכע אידישע מיידלעך אַלס מכשירים פאַר דער קאַטראָזשנער אַרבעט.

די שנאה פון דעם לאַגער־קאָמענדאַנט צו די דאָזיקע אונגאַ־רישע מיידלעך איז געווען אַ גרויזאַמע. יעדן טאָג איז ער געקומען גאַלאָפּירנדיק אויף זיין ווייסן פערד צו דעם דאָזיקן באַרג און האָט געצוואונגען די אידישע אויפזעערס, אַז זיי זאָלן שלאָגן מכות רצח אַ פּאָר מיידלעך, ביז מען וועט זיי מוזן אָפּפירן אין שפּיטאָל, ווייל זיי האָבן, לויט זיין מיינונג, ניט געאַרבעט גענוג פלייסיק.

איך בין געווען אַן עדות פון אַ סצענע, ווען דער קאָמענדאַנט האָט צוגערופן אַ יונגן אידישן, פריש־געבאַקענעם אויפזעער און אים באַפוילן, אַז ער זאָל יעדן טאָג שלאָגן אַנדערע מיידלעך ביז מען וועט זיי אַלע מוזן ברענגען אין שפּיטאָל.

כדי אַרויסצורופן אַ געוויסע שנאה מצד דעם אויפזעער צו די דאָזיקע אומגליקלעכע נפשות, האָט ער צו אים געזאָגט פאָלגנדעס:

„איר, פּוילישע אידן זענט שוין פיר יאָר אין לאַגער, איר האָט שוין מיטגעמאַכט הונגער און נויט, בשעת די דאָזיקע פאַרשאָלטענע אידישקעס האָבן פריי געגעסן פון אַלע תענוגי עולם. איצט באַפעל איך דיר, אַז דו זאָלסט נעמען נקמה פון זיי!"

(אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען די שולדיקע פון דער אידישער קאַ־טאַסטראָפע אין פּוילן).

אויף דעם האָט דער אידישער אויפזעער, קעגן זיין אייגענעם

ווילן און קענן זיין געוויסן, געמוזט ענטפערן: „יאַוואָל, הער קאָ־מענדאַנט!"

דער קאָמענדאַנט האָט איינמאָל צעשלאָגן אַן אויפזעער, ווייל ער איז לויט זיין מיינונג, ניט געווען גענוג שטרענג צו זיינע פרויען־אַרבעטער, און אויך מיר איז איינמאָל באַשערט געווען צו קריגן קלעפּ מיטן יעגער־שטעקעלע פון דעם רוצח.

די סיבה דערפון איז געווען אַזאַ: אין דער גרופּע, אין וועלכער איך האָב געאַרבעט, זיינען געווען 450 פרויען און 50 מענער. די פרויען האָבן געטראָגן די שטיינער, געגראָבן די ערד און פּלאַנירט די טע־ראַסן. די מענער האָבן, אַנשטאָט צו באַנוצן עלעקטרישע בויער, אויס־געהאַקט די שטיינער פּשוט מיט קרייצהאַקנס. די אַרבעט איז געווען אַ קאַטאָרזשנע. יעדער איינער פון אונז האָט געליטן גרויס הונגער. דעריבער, ווען מ׳האָט אַרום 12 אַזייגער אָפּגעשטעלט די אַרבעט, כדי צו באַקומען מ׳שטיינס געזאָגט די לאַגער־זופּ, וועלכע איז פון אַ גע־וויסער גרופּע מיידלעך געבראַכט געוואָרן, האָבן זיך אַלע פרויען געוואָרפן אָן שום אָרדענונג צום ערשטן קעסל, בכדי צו זיין די ערשטע אויף צו באַקומען אַביסל זופּ. עס פלעג דאַן ווערן אַ גרויסע שטופּעניש און די געשרייען האָבן זיך געהערט אויף אַ מהלך.

דער אויפזעער פון אונזער גרופּע איז געווען זיכער, אַז מיטאָג־צייט וועט ניט אָנטראָגן דעם קאָמענדאַנט, האָט ער אונז איבערגעלאָזט אויף גאָט׳ס חסד און איז אַוועקגעגאַנגען עסן אַ בעסערן מיטאָג.

דערזעענדיק די אומאָרדענונג, וואָס די פרויען רופן אַרויס טאָג־טעגלעך, האָב איך צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע ענערגישע מענער גענומען אויף זיך די איניציאַטיווע צו מאַכן אַביסל אָרדענונג.

איידער דאָס עסן איז פאַרטיילט געוואָרן, האָבן מיר זיך באַ־שעפטיקט דערמיט, וואָס מיר האָבן גרופּירט די מחנה אויף גרופּן פון פופציק פערזאָן און יעדע גרופּע האָט באַקומען פאַר זיך אַ באַ־זונדערן קעסל. דורך אַזאַ סיסטעם האָבן אַלע געקאָנט באַקומען דאָס עסן אין משך פון פופצן מינוט, און כמעט גלייכצייטיק.

די אַרבעט פון גרופּירן די הונגעריקע האָט געפאָדערט די

ערשטע פאַר טעג אַ געוויסע צייט, אָבער שפּעטער האָבן שוין די גרופּעס געקאָנט בלייבן אָרגאַניזירט.

אין איינעם פון די טעג, ווען מיר האָבן זיך באַשעפטיקט מיט צוזאַמענשטעלן די גרופּעס, איז פּלוצלינג אָנגעקומען דער קאָמענ־דאַנט אויף זיין ווייסן פערד און אָנגעהויבן שרייען: „קאַפּאָ (אויפזעער), קום אַהער!"

צווישן דער מחנה פרויען איז געוואָרן אַ בהלה און זיי זיינען זיך צעלאָפן, אָבער די מענער זיינען געבליבן שטיין און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

דער המן איז דאַן צוגעקומען מיט זיין ווייסן „אַדלער" צו אונ־זער גרופּע און זיין שאַרפער בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף מיר.

„קום אַהער, פאַרפלוכטער הונט!" זאָגט ער צו מיר.

איך האָב באַלד אויסגעפירט זיין באַפעל און בין צוגעלאָפן צו אים.

„זאָג מיר, וואו איז דער קאַפּאָ?"

אַזוי ווי איך האָב דעם קאַפּאָ ניט געוואָלט שטעלן אין אַ שלעכטער לאַגע, האָב איך תיכף געענטפערט, אַז ער וועט באַלד צו־ריקקומען.

איז דער המן אַריין אין אַ רציחה און מיך אָנגעהויבן שלאָגן מיט זיין יעגער־שטעקעלע איבערן קאָפּ און איבערן פּנים.

אַנטלויפן איז ניט געווען קיין אויסוועג, ווייל ער האָט מיך געקאָנט דערשיסן. בין איך געשטאַנען און אויסגעהאַלטן זיינע אַכזריות־דיקע קלעפּ, ביז עס האָט אָנגעהויבן רינען בלוט פון מיר. און ווען איך בין שוין אומגעפאַלן, איז ער אָפּגעפאָרן אַ צופרידענער.

די פרויען זיינען שוין דערנאָך געוואָרן פיל דיסיצפּלינירטער און דאָס עסן איז פיל שנעלער אויסגעטיילט געוואָרן. אָבער איך בין צוויי וואָכן צייט געלעגן אין שפּיטאָל מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ און מיט אַ געשוואָלן פּנים.

## קאַפּיטל 42

# די כעמיקער קאָמאַנדע און מיין באַקענען זיך מיטן אַרעסטהויז־„בונקער"

ליגנדיק אין שפּיטאָל, האָבן מיר מיינע קאָלעגן, וועלכע זיינען געקומען צו מיר אויף באַזוך, דערציילט, אַז די בוי־פאַרוואַלטונג האָט געקראָגן אַ באַפעל פון דעם קאָמענדאַנט אויף צו־זאַמענצושטעלן אַ פּלאַן פון אויסבויען אַ גרויסע לאַבאָראַטאָריע מיט אַ ספּעציעלן באַראַק, אין וועלכן עס זאָלן זיך געפינען גאַנץ איזאָלירט פון לאַגער די כעמקער וואָס וועלן דאָרט אַרבעטן.

די איזאָלירונג פון די כעמיקער האָט ניט געקאָנט פאַרשפּרעכן קיין גוטס פאַר אונז, אָבער פאָרלויפיק איז נאָך ניט געווען קיין יסוד אַריינצופאַלן אין אַ פּאַניק, ווייל מיר האָבן שוין געוואוסט פון דער פּראַקטיק, אַז פון מאַכן דעם פּראָיעקט ביז צו זיין רעאַליזירונג איז נאָך פאַראַן אַ גאַר גרויסער מהלך.

אַרויסקומענדיק פון שפּיטאָל, וואו די אַטמאָספערע איז געווען ניט קיין שלעכטע, האָב איך אייגנטלעך באַדאַרפט צוריקגיין צו דער זעלבער אַרבעט, ביי וועלכער איך בין פריער געווען. אָבער פאַר דער צייט זיינען פאָרגעקומען נאָך אַנדערע טרויעריקע אינצידענטן מיט די אונגאַרישע דאָקטוירים און טעכניקער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין פאַרשידענע בוי־קאָמאַנדעס, און דעם אידישן פירער פון דעם אַר־בעטס־אַמט, האָט זיך אָנגעגעבן אַרויסצובאַקומען די דערלויבעניש פון דעם עס־עס־אַרבעטסאַמט־פירער צו גרינדן אַ ספּעציעלע קאָמאַנ־דע פון אינטעלעקטואַלן אונטער דעם נאָמען „כעמיקער־קאָמאַנדע", וועלכע זאָלן זיך באַשעפטיקן מיט אַרבעט אין לאַגער גופא.

איך בין דאַן איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער „כעמיקער־קאָ־מאַנדע". אונזער כעמישע אַרבעט איז אייגנטלעך באַשטאַנען אין דעם, וואָס מיר האָבן באַדאַרפט אויפרוימען דעם שמוץ אַרום די באַראַקן. עטלעכע טעג נאָכדעם איז געקומען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון

עס־עס־אינטעלעקטואַלן. אַלע אין לאַגער, וואָס האָבן זיך דערקלערט אַלס בעמיקער אָדער ביאָלאָגן, זיינען צוגעשטעלט געוואָרן, בכדי עקזאַמענירט צו ווערן.

אין דער קאָמיסיע, וועלכע איז באַשטאַנען פון דעם הויפּט־שטורעם־פירער וואָלטער, אַרבעטסאַמט־פירער אָבערשאַרף־פירער מילער, זיינען אויך געווען: אַ פאַרשטייער פון דער ווער־מאַכט־אַרמיי קאָלאָנעל ד״ר פּיטש און אַ ציוויל־מאָביליזירטער פּראָפעסאָר מילער פון בערלין.

דער עקזאַמען איז הויפּטזעכלעך געפירט געוואָרן פון דעם פּראָפעסאָר מילער און איז געווען געריכטעט אויף וויסנשאַפטלעכע בעמישע טעמעס.

דעם רעזולטאַט האָבן מיר זיך דערוואוסט ערשט מיט צוויי וואָכן שפּעטער. דערווייל האָבן מיר פאַרגעזעצט אונזער פיזישע, שמו־ציקע אַרבעט, און מיט מיר, שלימזל איז פאָרגעקומען אַ טרויעריקער אינצידענט, וואָס האָט מיך געמאַכט צו באַקענען מיט דעם אַרעסט־הויז־„בונקער״.

אויב אין אוישוויץ האָט זיך דער „בונקער״ געפונען אין לאַגער גופא, אויפן בלאָק נומער 11, איז דאָ אין פּליאַשאָוו געגרינדעט גע־וואָרן שוין אונטערן לאַגער אַ ספּעציעל הויז, וואָס האָט זיך געפונען אין רשות פון די עס־עס־מענער, און דאָרט זיינען, לויט די מאָדעלן פון דער נאַצישער „געסטאַפּאָ״ איינגעריכטעט געוואָרן פאַרשידענע פּיי־ניקונגען פאַר די, וואָס זיינען אַהין אַריינגעפאַלן.

עס איז ניט געווען קיין אַלגעמיינער צימער, ווי אַ צימער פאַר אַרעסטאַנטן, נאָר פאַרשידענע קאַבינען, וואָס האָבן געהאַט זייערע אַנטשפּרעכנדע כאַראַקטעריסטישע נעמען.

ווי צום ביישפּיל: „שטיי־בונקער״ איז באַשטאַנען פון אַ שמאָ־לער קאַבינע, אין וועלכער דער אַרעסטאַנט האָט נאָר געקאָנט שטיין; אַ „זיץ־בונקער״, וואו דער אַרעסטאַנט האָט געמוזט זיצן; „ליג־בונ־קער״, אין וועלכן דער אַרעסטאַנט איז אַריינגעקראָכן ווי אין אַ רוסישן אויוון און האָט געמוזט ליגן. די דאָזיקע „בונקערס״ זיינען זעלטן

באַזעצט געוועזן דורך די אידן פון דעם לאַגער. עס זיינען אַהין געבראַכט געוואָרן פּאַליאַקן פון קראָקע דורך דער געסטאַפּאָ.

דער שליסל־האַלטער פון די דאָזיקע קאַבינען איז גראָד געווען אַ איד פון דעם פּליאַשאָווער לאַגער, אַ געוועזענער „דאָזאָרעץ" פון דער קראָקעווער אידישער קהילה.

מיט דעם דאָזיקן שליסל־האַלטער בין איך געווען גוט באַקאַנט פון דעם בלאָק 41, ווייל דאָס איז געווען אַ טיפּ אַ קאָמיקער מיט אַ זייער גוטן כאַראַקטער און ער האָט אָפט פריילעך געמאַכט דעם עולם מיט זיינע דערציילונגען און אַנעקדאָטן.

אין חודש יולי, נאָך אַ שטאַרק הייסן זומער־טאָג און שמוציקער אַרבעט האָט זיך מיר שטאַרק פאַרגלוסט צו גיין אין אָוונט נעמען אַ קאַלטן דוש (שאַוער), כדי זיך צו דערפרישן.

צוגייענדיק צום מרחץ, האָב איך באַמערקט אַ גרויסן עולם שטיין מיט כלים אויף צו באַקומען טרונק־וואַסער. אין דעם אָוונט האָט גראָד אויסגעפעלט וואַסער אין מרחץ און איך האָב זיך אויך אַוועק־געשטעלט אין דער ריי בכדי צו באַקומען וואַסער.

אָפּשטייענדיק אַ שעה צייט, האָב איך זיך שוין קוים דער־נענט צו דער וואַסער־לייטונג, אָבער אויף איינמאָל זיינען אָנגעקומען די אידישע פייערלעשער און אָנגעהויבן מיט נאַגאַיקעס טרייבן דעם עולם.

איך האָב אין דעם מאָמענט אונטערגעשטעלט מיין כלי און געלאָזט לויפן דאָס וואַסער פון דער וואַסער־לייטונג, אָבער פּלוצלינג האָט מיך אַ פייערלעשער אָנגעכאַפּט ביים קאָלנער פון מיין רעקל און מיט כוח מיך אַ וואַרף געטאָן אויף עטלעכע טריט ווייטער. כ'בין אומגעפאַלן אויפן פּנים און מיינע אויגן־גלעזער, וואָס האָבן אויס־געהאַלטן ביז פּליאַשאָוו, זיינען אינגאַנצן צעשטערט געוואָרן.

דער פאַרלוסט פון מיינע אויגן־גלעזער, מיט וועלכע איך האָב זיך ניט געשיידט זינט מיינע יונגע יאָרן, האָט אין מיר אַרויסגערופן גרעסערן צער, ווי די ווייטיקן ביים אומפאַלן. איך האָב זיך אויפגע־

שטעלט און אַ געשריי געגעבן צום שלאַנקן פייערלעשער מיט די קליינע היטלער־וואָנצעס: „באַנדיטן זענט איר, ניט קיין מענטשן!"

דאָס האָט אים, ווייזט אויס, זייער שטאַרק אויפגערעגט, ווייל ער האָט מיך באַלד מכבד געווען מיטן שפּיץ פון זיינע אויסגעפּוצטע שטיוול אין מיין אונטער־חלק און האָט מיך איבערגעגעבן צו זיינעם אַ קאָלעגע מיט דעם באַפעל מיך אָפּצופירן אין בונקער, אונטער דער באַשולדיקונג, אַז איך האָב אַרויסגעוויזן אַ ווידערשטאַנד דער פּאָליציי פון לאַגער.

דער פּאָליציאַנט האָט מיך אָנגעכאַפּט אונטערן אָרעם און מיך געפירט, ווי מען פירט אַ פאַרברעכער.

דערביי האָב איך דערפילט אַ גרויסע שנאה צו די מעטאָדן פון דער פּאָליציי, אַפילו ווען זי איז אויך אַ אידישע, ווייל זיי זיינען באמת גאַנץ אָפט ניט מענטשלעך און ניט הומאַניש.

מיין באַגלייטער האָט מיך אַרויסגעפירט פון לאַגער און אַריינגעבראַכט אין דער עס־עס שרייב־שטוב, וואו עס האָט גראָד אויף מיין אומגליק זיך געפונען אַן עס־עס־מאַן, וועלכער איז געווען באַקאַנט אין לאַגער מיט זיינע סאַדיסטישע המצאות.

איך האָב איינמאָל בייגעוואוינט אַ סצענע אין אונזער בלאָק, וואו דער דאָזיקער עס־עס־מאַן האָט ביינאַכט געצוואונגען איינעם פון אונזערע מיטוואוינער אויסצוטרינקען אַ גאַנצן עמער קאַלטע וואַסער, ווייל דער אומגליקלעכער האָט ניט גוט געהערט, ווען מען האָט אויסגערופן „אַכטונג", בעת דער עס־עס־מאַן איז אַריינגעקומען אין אונזער בלאָק און האָט בשעת מעשה געטרונקען פון זיין שיסל און איז ניט געבליבן שטיין אויסגעצויגן מיט דרך־ארץ.

עס איז לייכט דורכצולייענען דעם עפּיזאָד מיטן עמער קאַלטן וואַסער, אָבער די יעניקע, וועלכע האָבן דאָס מיט זייערע אויגן צוגעזען, וועלן דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. עפּעס אַ קלייניקייט! צווינגען אַ מענטשן, וואָס איז ניט דורשטיק, אויסצוטרינקען אַ גאַנצן עמער וואַסער, ווי אַ האָלענדיש פערד.

די דאָזיקע אוממענטשלעכע סצענע איז פאַרגעקומען פאַר די

אויגן פון אַלע איינוואוינער אין אונזער צימער און האָט געדויערט אַ שעה צייט. זי האָט זיך געקאָנט ענדיקן גאַנץ טרויעריק פאַר דעם באַשטראָפטן, ווען עס זאָל זיך ניט געווען אַריינמישן אַ קאַפּאָ (אויפ־זעער), וועלכער איז געווען אין גוטע באַציאונגען מיט דעם סאַדיסט און געהאַט אויף אים אַ געוויסן איינפלוס.

אויף מיין מזל האָב איך באַדאַרפט טרעפן אין דער שרייבשטוב אויף דעם דאַזיקן רוצח, וועלכער האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט דעם, וואָס איך בין צו אים אַריינגעפאַלן. ער האָט מיך באַלד מכבד געווען, לויט זיין שטייגער, מיט פעטש און מיך אַריינגעפירט אין שטיי־בונקער.

אין שטיי־בונקער בין איך דורכגעגאַנגען אַזעלכע פיזישע עינויים, וואָס האָבן אבערגעלאָזט אַ געוויסע ירושה אויף מיין אַלגע־מיינעם פיזישן צושטאַנד.

די ערשטע נאַכט בין איך נאָך אָפּגעשטאַנען מיט מוט און דרייסט און מיינע מחשבות זיינען געווען באַשעפטיקט מיט אַנאַליזירן דעם טרויערקן אינצידענט.

עס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס דאָס אַלץ קומט פאָר אין אַ לאַגער, וואָס געפינט זיך אונטער אידישער לייטונג, און וואָס איך בין אַריינגעפאַלן איבער אַ שטות און דורך אידישע הענט אין שטיי־בונקער.

אין דער פרי איז געקומען דער שליסל־האַלטער נאָכקאָנטראָ־לירן די שלעסער און ער איז ממש דערשטוינט געוואָרן, ווען ער האָט מיך געפונען אין דעם שטיי־בונקער.

ער איז נאָך מער אַריין אין כעס, ווען ער האָט זיך דערוואוסט די סיבה, וואָס האָט געבראַכט דערצו.

דער דאָזיקער גוטער מענטש האָט מיך תיכף באַזאָרגט מיט עסן און צוגעזאָגט אויפצוהייבן אַ געשריי אין לאַגער, ווייל ער האָט גוט געוואוסט, אַז דער שטיי־בונקער איז ערשט אַ מין פרעליוד צו אַנדערע פייניקונגען, וואָס די געסטאַפּאָ־לייט וועלן מיר זען פאַרשאַפן.

48 שעה האָב איך זיך געפֿונען אין דעם שטיי־בונקער און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך שטיי אויף הילצערנע, קינסטלעכע פֿיס.

דעם שליסל־האַלטער האָט זיך איינגעגעבן מיך אַרויסצושלעפּן פֿון דער דאָזיקער אינקוויזיציע, אָבער מיינע פֿיס האָבן זיך אָפּגעזאָגט מיר צו דינען. איך בין געבליבן ליגן אויפֿן בלאָק מיט דער דערלויבעניש פֿון ד״ר גראָס, אָבער צו די קאָנטראָלן האָט מען מיך אַרויסגעפֿירט אונטער די הענט.

ווי נאָר איך בין געקומען צו זיך און אָנגעהויבן אַרומצוגיין פֿריי אויף מיינע פֿיס, האָב איך מיך דערפֿילט ווי אַ ניי־געבוירענער מענטש און בין געווען ממש גליקלעך.

„מיין גאָט!״ האָב איך געזאָגט צו דעם רבונו־של־עולם. „ווי ווייניק עס באַדאַרף דיינס אַ באַשעפֿעניש, בכדי צו פֿילן זיך גליקלעך!״

צו יענער צייט איז געקומען די שאַפֿונג פֿון דעם וויסנשאַפֿטלעכן מזרח־אינסטיטוט און די 36 אידישע אינטעלעקטואַלן, כעמיקער, ביאָלאָגן און טעכניקער, זיינען דורך דער עקזאַמעניר־קאָמיסיע באַשטעטיקט געוואָרן צו דער אַרבעט.

איך האָב זיך געפֿונען צווישן דער קליינער צאָל כעמיקער, וועלכע זיינען אַקצעפּטירט געוואָרן, און איך בין מיט זיי אַרויס צו דער אַרבעט.

דער באַראַק, וואו מיר האָבן געאַרבעט האָט זיך געפֿונען אויסער דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער, אָבער אויפֿן שטח פֿון דעם אַרבעטס־לאַגער, וואָס איז פֿאַר זיך אַליין געווען אַרומגעצוימט מיט עלעקטרישע דראָטן.

פֿון אונזער באַראַק האָבן מיר געזען דעם פּליאַשאָווער באַנהויף און דעם ברייטן שליאַך, וואָס האָט געפֿירט פֿון דעם מזרח־פֿראָנט דורך קראָקע קיין אָבערשלעזיע.

פֿאַר אונזערע אויגן האָט זיך אויפֿגעדעקט די גאַנצע פּאַנאָראַמע פֿון אַ נאָרמאַל מענטשלעך לעבן, נאָך וועלכן מיר האָבן אַזוי קראַנק־האַפֿט געלעכצט. דאָס האַרץ האָט אין מיר געפּלאַצט פֿאַר ווייטיק, צו־זעענדיק ווי פֿאָטערס שפּאַצירן מיט זייערע קינדער, און איך ווייס

אַפילו ניט וואָס מיט מיין טייערן בן־יחיד איז געשען, און דאָס אַלץ איז דערפאַר, ווייל איך בין אַ איד...

טרויעריקע מחשבות האָבן געבויערט מיין מוח. איך וואָלט דאָך מקריב געווען מיין גאַנץ לעבן, כדי צו וויסן, איידער איך שטאַרב, אויב מיין פרוי איז ניט פאַרניכטעט געוואָרן דורך די הענט פון די מלאכי־חבלה מיט אונזער איינציקן זון...

איך האָב אָבער באַלד פאַרשטאַנען, אַז אַזעלכע טרויעריקע געדאַנקען וועלן מיך נאָך מער אויסמאַטערן און איך וועל מיט דעם גאָרנישט פאַרלייכטערן דעם גורל פון מיינע נאָענטסטע און ליבסטע אין דער וועלט.

איך האָב דאַן באַשלאָסן פאַרצווזעצן דעם קאַמף ביז מיינע לעצטע כוחות, כדי גובר צו זיין דעם שונא און נעמען נקמה — נקמה פאַר מיינע ליידן און פאַר די ליידן פון אונזערע ברידער און שוועסטער, כדי מקיים צו זיין דעם פסוק „נקמת דם עבדיך השפוך".

## קאַפּיטל 43

# אונזער וויסנשאַפטס־אַרבעט און די ביכער־פאָרשער

דער באַראַק, אין וועלכן מיר האָבן געאַרבעט, איז ניט געווען איינגעריכט ווי אַ לאַבאָראַטאָריע, נאָר ווי אַ לעזע־זאַל מיט טישן און בענק.

דער ציוויל פּראָפעסאָר מילער און דער פאָרשטייער פון דער ווערמאַכט קאָלאָנעל ד״ר פּיטש זיינען געקומען שאַפן קאָנטאַקט מיט אונז און פאַרטיילן די אַרבעט.ביידע האָבן זיי אַרויסגעוויזן צו זיין ליבעראַלע דייטשן און מען האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז פאַר זיי איז די דאָזיקע אַרבעט ניט מער ווי אַ שירעם, כדי אויסצומיידן צו גיין אויפן פראָנט.

די באַשפּרעכונגען זיינען פאָרגעקומען אין אַ געמיטלעכער אַקאַדעמישער שטימונג און מיר האָבן אָנגעהויבן צו פילן דעם זעלבסטווערט פון אַ קולטורעלן מענטשן.

אויב דער פּראָפעסאָר מילער איז געווען, לויט זיין נאַטור, אַ געשלאָסענער, אפשר לויטן כאַראַקטער אַ שלעכטער מענטש, אַן אמת׳ער טיפּ פון אַ דייטשישן אַקאַדעמיקער, איז דער ד״ר פּיטש, דאַגעגן געווען אַ געמיטלעכער און אַ צוגעלאָזענער מענטש. ניט קוקנדיק אויף זיין מיליטערישן ראַנג, האָט ער פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן זיצן באַגלייך מיט אים, און ער האָט אַפילו געגעבן צו וויסן, אַז מיר האָבן זיך ניט וואָס צו איילן מיט דער אַרבעט.

מיר זיינען איינגעטיילט געוואָרן אין דריי גרופּן. די ערשטע גרופּע איז באַשטאַנען פון ביאָלאָגן, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט גריבלען זיך אין דער פּוילישער וויסנשאַפטלעכער ביאָלאָגישער ליטעראַטור, כדי אויסצוזוכן נייע מיטלען, וואָס זאָלן דינען אַלס „שעדלונגס באַקעמפונגען״, דאָס הייסט, כעמישע מיטלען צו פאַרניכטן אַלע מיקראָבן, וואָס ברענגען שאָדן צו די פלאַנצן. די צווייטע גרופּע איז באַשטאַנען פון פיר כעמיקער, איך בתוכם. מיר האָבן באַקומען אין אונזער רשות אַ גאַנצע ריי רוסישע וויסנשאַפטלעכע ווערק, וועלכע זיינען נאָך ניט געווען אינגאַנצן פאַרעפנטלעכט אין רוסלאַנד, און וועלכע האָבן באַהאַנדלט די פראַגע וועגן אויסנוצן די פאָספאָריט-מינעראַלן אַלס אַ ערד באַפרוכטונגס-מיטל.

דער אָריגינאַל פון די דאָזיקע ווערק האָט זיך געפונען אין דער נאַציאָנאַל-ביבליאָטעק אין בערלין און מיר האָבן באַקומען קאָפּיעס פון זיי.

דער לייענער קאָן האָבן אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם ווי וויכטיק די דאָזיקע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן זיינען געווען, אַז זייער אָריגינאַל האָט זיך געפונען אין בערלין און אַז עס האָט זיך געלוינט צו מאַכן קאָפּיעס פון עטלעכע טויזנט זייטלעך.

די קאָפּיעס זיינען געמאַכט געוואָרן דורך „אַגפאַ״ אויף ספּע-

ציעלן בילדער־פּאַפּיר און האָבן זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אָפּגעקאָסט דער רעגירונג אַ היפּש ביסל צייט און געלט.

מיר האָבן באַדאַרפט גאַנץ ליטעראַריש איבערזעצן די דאָזיקע אַרבעטן אויף דייטש און אָנשרייבן נאָך יעדן ווערק אונזער מיינונג וועגן דער כעמישער און וויסנשאַפטלעכער באַדייטונג פונעם ווערק.

אויסער דעם דייטשן מאַיער־לעקסיקאָן, אין אַן אַלטער אויס־גאַבע פון יאָר 1895, האָבן מיר ניט געהאַט קיין שום הילפס־מאַטעריאַל, און די אַרבעט האָט פאַרלאַנגט גרויס אויפמערקזאַמקייט און אָנשטרענ־גונג.

די אַרבעט איז געפירט געוואָרן גאַנץ לאַנגזאַם, ווייל אונזערע שעפן זיינען אַוועקגעפאָרן און האָבן אונז איבערגעלאָזט אָן שום קאָנטראָל.

מיר האָבן בפירוש געהאַט אַלס אויפזעער אַ דייטש, אָבער לויט זיין בילדונג איז ער געווען ניט מער ווי כעמיע־לערע אין אַ מיטלשול אין האַמבורג, און ער האָט ניט געהאַט די העזה צו געוועלטיקן איבער אונז. אויסער דעם איז דאָס געווען אַ בחור מיט זייער לינקע שטרע־מונגען. ער האָט אַפילו געטראָגן זיין גרינעם ווינקל, וואָס האָט באַדייט „קרימינעל פאַרברעכער", אָבער קיינער פון אונז האָט בשום אופן ניט געקאָנט דערגיין די סיבה פון זיין אַריינפאַלן אין לאַגער, ווייל לויט זיין כאַראַקטער און נאַטור איז דאָס ניט געווען קיין טיפּ, וואָס זאָל זיין פעאיק צו באַגיין אַ קרימינעלן אַקט.

דער גרינער ווינקל, וועלכן ער האָט געטראָגן מיטן שפּיץ אַרויף, האָט אויך געקאָנט באַדייטן „האָמאָסעקסואַליזם", אָבער אין פליאַשאָוו האָבן מיר פון אים ניט געזען קיין שום פאַרדעכטיקן טאַט.

מיר האָבן איבערהויפּט ניט געפילט, אַז מיר האָבן איבער זיך אַן אויפזעער, און איך קאָן זאָגן, אַז די פּאָר חדשים אין דעם מזרח־אינסטיטוט האָבן מיר פערזענלעך און אויך אַלע מיינע חברים פאַר־שאַפט אַ גייסטיקע באַפרידיקונג און מיטגעהאָלפן צוריקצושטעלן מיינע גייסטיקע און פיזישע דערשיטערונגען.

עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז אַ דאַנק די דאָזיקע פּאָר חדשים,

וועלכע האָבן געמאַכט אַ שאַרפן איבערברוך אין מיין לאַגער־לעבן, האָב איך אויסגעהאַלטן די ווייטערדיקע צען חדשים פון מיין געפינען זיך אין די הענט פון די נאַציס.

די לעצטע גרופּע איז באַשטאַנען פון אידישע אינזשענירן־קאָנ־סטרוקטאָרן, וואָס האָבן געהאַט די אויפגאַבע אויסצואַרבעטן אַ מאָ־דעל פון אַן עלעקטרישן אויוון, וועלכער זאָל אַנטוויקלען אַ הויכע טעמפּעראַטור ביי באַשטימטע באַדינגונגען.

עס האָבן אויך געאַרבעט מיט אונז דריי באַוואוסטע אידישע מאַטימאַטיקער, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען דער אַסיסטענט פון דעם לעמבערגער אוניווערזיטעט וואַרשאַווסקי, וואָס איז באַקאַנט געוועזן מיט זיינע ווערק איבער הויכע אינטעגראַלן. דער דאָזיקער ד״ר פון מאַטעמאַטיק איז איבערהויפּט געווען אַ גרויסער בר־מזל, ווייל ער איז, נעמלעך, ניצול געוואָרן פון דעם טויט אין לובלינער לאַגער ביי גאַנץ מערקווירדיקע אומשטענדן.

ער האָט זיך געפונען אין לובלינער לאַגער דעם 2טן נאָוועמבער, 1943, אין דעם טראַגיש־היסטאָרישן טאָג פאַר די אידן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען. דער דאָזיקער שוואַרצער טאָג דאַרף אַריינגעטראָגן ווערן אין דער אידישער געשיכטע פון דעם יאָר 1943 אַלס איינער פון די שרעקלעכטע און טרויעריקסטע טעג פון די לאַגער־געשעענישן.

אין יענעם טאָג האָבן די עס־עס־לייט אַרויסגענומען 22,000 אידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין לובלינער לאַגער, און זיי אַלע אויס־געשאָסן אין משך פון אַ האַלבן טאָג.

עס זיינען נאָר איבערגעבליבן 175 אידן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין דער „זאָנדער־קאָמאַנדע״.

דער דאָזיקער מאַטעמאַטיקער האָט זיך געפונען צווישן די, וואָס האָבן באַדאַרפט דערשאָסן ווערן, אָבער זיין לאָגיק האָט אים געראַ־טעוועט פון אַ זיכערן טויט.

די עס־עס־לייט האָבן אין דעם טאָג געמאַכט אַ קאָנטראָל פון די אידן אויף דעם קאָנטראָל־פּלאַץ און פשוט אָן שום רחמנות, דורך

מעכאַנישע מאַשין־ביקסן, באַדעקט די אומגליקלעכע מיט אַ רעגן פון קוילן.

מיין פריינט איז אומגעפאַלן אײדער די קויל פון דעם עס־עס־מערדער האָט אים געטראָפן און ער איז געבליבן ליגן אין חלשות אין אַ טייך פון אידיש בלוט.

בשעת די זאָנדער־קאָמאַנדע האָט זיך באַשעפטיקט מיט די קרבנות, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון זיין פאַרחלש׳טן שלאָף און איז אַזוי אַרום צוגעשטאַנען צו זייער גרופּע און איז געראַטעוועט געוואָרן.

די האָר האָבן זיך ממש געשטעלט קאַפּויר, אויסהערנדיק זיינע דערציילונגען פון דעם דאָזיקן שרעקלעכן טאָג. און עס איז אויך שווער איבערצוגעבן שריפטלעך. קאָן דען אַ נאָרמאַלער, ציוויליזירטער מענטש מיט הומאַנישע געפילן, וואָס האָט קיינמאָל ניט געזען פאַר זיך אַ נאַצי און אַ אידישן קאָנצענטראַציע־לאַגער, פאַרשטיין און גלויבן אין דעם?

צום באַדויערן פאַרגעסט מען לייכט די אַלע, וואָס די ערד דעקט צו, אָבער איך גלויב, אַז דער ווינט האָט דאָס אַש פון אַלע אידישע קרבנות צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, און וואו נאָר עס געפינט זיך אַ אידישע נשמה, וועלן די אומגעקומענע אויף קידוש־השם נישט פאַרגעסן ווערן.

אין דעם באַראַק, וואו איך האָב געאַרבעט, האָט זיך אויך געפונען אַ גאַנץ נייע קאָמאַנדע „ביכער־פאַרשער״, וועלכע איז באַשטאַנען אינ־גאַנצן פון עטלעכע פּערזאָן.

לויט דער איניציאַטיווע פון ח. ח. לערהויפּט און ד״ר טעסי פון טאַרנאָוו, האָבן די עס־עס־לייט צוגעשטימט, מיט דער דערלויבעניש פון צענטער, צוזאַמענצונעמען די אידישע גערויבטע ביבליאָטעקן און שאַפן אַ קאַטאַלאָג פון די ווערטפולע ספרים.

די גרופּע איז באַשטאַנען פון די דערמאַנטע צוויי איניציאַטאָרן, צו וועלכע עס איז צוגעקומען דער רב ד״ר אַביגדור פון באָגוסלאָוו־דראָביטש, דער זקן פּראָפעסאָר מאַטיס פון פּשעמישל און נאָך אַ פּאָר מיטאַרבעטער פון די געבליבענע העברעאישע שול־לערער אין קראָקע.

אַלס באַזיס האָבן געדינט די ביכער, וואָס די איניציאַטאָרן האָבן צונויפגעזאַמלט אין טאַרנאָוו נאָך דער אַרויסשיקונג פון די דאָרטיקע אידן.

צום באַדויערן האָבן זיי ניט געהאַט קיין צייט צו ראַטעווען אַלע אידישע ביבליאָטעקן. אָבער דער טייל ביכער, וואָס איז געבראַכט געוואָרן קיין פליאַשאָוו, האָט פאַרנומען צוויי באַראַקן.

אין אונזער באַראַק זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן גאַנצע רייען פון אָפענע שראַנקן און יעדן טאָג איז צוגעקומען אַ נייער געביט פון ביכער.

די מיטגלידער פון דער קאָמאַנדע האָבן איבערהויפט ניט געהאַט קיין קאָנטראָל איבער זיך, אָבער זיי האָבן פלייסיק געאַרבעט אויס טריישאַפט צו דעם אידישן קולטורעלן רייכטום.

ווי גרויס איז געווען מיין פרייד, ווען איך בין ווידער געקומען אין קאָנטאַקט מיט דער אידישער ליטעראַטור און האָב זיך געקאָנט גריבלען אין דעם דאָזיקן טיפן און רייכן אוצר.

אויסער דעם רעליגיעזן צווייג פון ביכער, האָבן זיך געפונען ווערק פון אידיש־דייטשע פילאָסאָפן, וואָס זיינען שוין לאַנג געוואָרפן געוואָרן אויפן שייטער דורך די נאַציס.

ניט קוקנדיק אויף אַלע אונזערע עינויים קשים, האָב איך זיך געפילט שטאָלץ צו זיין אַ קינד פון אַ פאָלק, וואָס האָט אַרויסגעגעבן איינשטיינס, בערגסאָנס, פרוידס און אַנדערע וויסנשאַפטלעכע מוחות.

גאַנץ אָפט האָב איך זיך דערלויבט צוצוזעצן זיך צום טיש פון די ביכער־פאַרשער, וואָס איז געווען פאַרלייגט מיט משניות׳ן תולדות־היהודים, חפץ־חיימ׳ס און ווערק פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור אין פאַרשידענע שפּראַכן, און שטונדן לאַנג האָבן מיר געפירט דיסקוסיעס אויף פאַרשידענע טעמעס.

צום באַדויערן ווייס איך ניט דעם גורל פון די מיטאַרבעטער פון דער „ביכער־פאַרשעריי״, ווייל איך האָב זיי אין חודש אָקטאָבער איבערגעלאָזט אין פליאַשאָוו. אָבער די שעה׳ן, וואָס איך האָב פאַר־

בראַכט מיט זיי, זיינען געווען די זון־שטאַרלן, וואָס האָבן דערוואָרעמט מיין נשמה און האָבן מיר געגעבן מוט צום ווייטערדיקן קאַמף.

אַרבעטנדיק ביי אַזעלכע באַדינגונגען, זיינען די טעג פאַרגאַנגען פיל לייכטער, און אין אָוונט האָט זיך ניט געוואָלט צוריקגיין אין לאַגער און ווידער ווערן אַ קנעכט.

די אידייע פון אויסבויען אַ ספּעציעלע לאַבאָראַטאָריע האָט געמוזט דורך די עס־עס־לייט אָפּגעוואָרפן ווערן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אָפּענסיווע, וואָס די רוסן האָבן אָנגעהויבן אויף דעם מזרח־פראָנט. דער פראָנט האָט זיך אָנגעהויבן צו דערנעענטערן צו קראָקע און דער ברייטער שליאַך איז באַדעקט געוואָרן מיט מיליטער־אויטאָס, וועלכע האָבן טאָג און נאַכט געמאַכט אַ פּשוט׳ן ויברח.

## קאַפּיטל 44

# די פּאַניק צווישן די עס עס לייט אין לאַגער

זענדיק ווי אונזערע שונאים מאַכן די פּליטה, האָבן פיל פון אונז געהאָפט, אַז דער לאַגער וועט ניט האָבן קיין צייט דורך זיי עוואַקואירט צו ווערן און מיר וועלן אַזוי־אַרום געראַטעוועט ווערן אין איין שמע־ישראל דורך די רוסן, וועלכע קומען אַלץ נעענטער צו אונזער לאַגער.

עס קאָן זיין, אַז די פאַנטאַזיע האָט דעמאָלט ביי אונז שטאַרק געאַרבעט און מ׳האָט מגזם געווען די געשעענישן אויפן פראָנט, אָבער סוף יולי 1944 און אָנהייב חודש אויגוסט איז די לאַגע ביי וואַרשע און קראָקע געווען זייער ערנסט פאַר די דייטשן.

ביז דעם דריטן אויגוסט האָבן אַלע דייטשישע בירגער, וואָס האָבן געוואוינט אין קראָקע, באַקומען דעם באַפעל צו פאַרלאָזן די שטאָט. ווי גרויס איז געווען אונזער שמחה ווען מיר האָבן געזען פון אונזער באַראַק גרויסע מחנות מיט קלומקעס אויף די פּלייצעס, אָפּ־

וואַרטנדיק דעם לאַסט־צוג פון פּליאַשאָוו אונטער דעם רעגן כדי זיך צו ראַטעווען פון די רוסן.

אין לאַגער איז אַלץ פאַרגעזעצט געוואָרן ווי פריער, אויסער דעם וואָס גאַנץ אָפט זיינען פאָרגעקומען פליגער־אַלאַרמען און דאַן האָבן מיר געמוזט תיכף פאַרלאָזן די אַרבעט און לויפן מיט „לויף־שריט" אין לאַגער אַריין.

דאָס האָבן פאַרלאַנגט די עס־עס־לייט, ניט חלילה כדי אונז צו ראַטעווען פון די באָמבעס, וואָס קאָנען חס וחלילה אַראָפפאַלן אין לאַגער, נאָר פשוט דערפאַר וואָס בשעת דעם אַלאַרם האָבן זיך אַלע עס־עס־לייט פאַרזאַמלט אין זייער שוץ־הייל, וועלכע איז פאַר דעם דאָזיקן צוועק אויסגעבויט געוואָרן אין דעם שטיין־באַרג ביי דעם שטיינברוך און זיי האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט אונז צו היטן אויסער די גרענעצן פון דעם „קאַצעט".

סוף יולי, אין אַן אָוונט, האָבן די פייערלעשער באַלד נאָכן אַפּעל אַרומגערינגלט די 1,500 אונגאַרישע אידן אין לאַגער און זיי באַגלייט צום טויער, וואו עס האָבן זיי איבערגענומען די עס־עס־לייט און זיי אָפּגעפירט צום באַנהויף.

מיט אַ טאָג שפּעטער האָט מען פלוצים עוואַקואירט די 4,500 אונגאַרישע מיידלעך. ביידע טראַנספּאָרטן זיינען געשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ און זיינען דירעקט געגאַנגען אין דער גאַז־קאַמער.

אין לאַגער איז געוואָרן שטאַרק אומעטיק און מ'האָט געפילט, אַז מיר לעבן אין אַן אַנטשיידנדיקן מאָמענט.

דעם צווייטן אויגוסט, 1944, וועלכער איז אויסגעפאַלן אין אַ זונטיק (צולעצט האָבן מיר אויך זונטיק געאַרבעט), האָט פלוצים די אַדמיניסטראַציע פון דעם לאַגער צונויפגערופן אַרום 2 אַזייגער ביי־טאָג אַן אַפּעל אויפן פּלאַץ.

אַלע העפטלינגע האָבן פאַרלאָזט די אַרבעט און זיינען מיט „לויף־שריט" אַריינגעקומען אין לאַגער.

דער פּלאַץ איז געווען איבערגעפילט מיט מענטשן און אַרומ־

געריינגלט דורך די פייערלעשער, וועלכע האָבן שטרענג געהיט, אַז מען זאָל זיך ניט פאַרשטעקן.

דער עולם האָט געהאַט אויף זיך רוק־זעק אָנגעפילט מיט שפּייז־פּראָדוקטן און נייטיקע זאַכן, ווייל מען האָט שוין געוואוסט, אַז עס זיינען אָנגעגרייט וואַגאָנען אויף צו עוואַקוּאירן דעם לאַגער.

זינט איך האָב זיך געפונען אין פליאַשאָווער לאַגער האָב איך נאָך ניט געהאַט די זכיה צו זען דעם קאָמענדאַנט פון לאַגער ביי אַן אַפּעל, אָבער אין יענעם טאָג איז ער געקומען בכבודו ובעצמו, באַגלייט דורך דעם אַרבעטסאַמט־פירער מילער.

צוערשט האָבן זיי זיך גענומען צו די פרויען. גאַנצע בלאָקן זיינען אויסגערופן געוואָרן און זיינען, אונטער דער באַגלייטונג פון די פייערלעשער, אַרויסגעפירט געוואָרן פון קאָנטראָל־פּלאַץ. זיי האָבן דורכגעמאַשירט פאַר דעם קאָמענדאַנט און אַריבערגעגאַנגען דאָס בריקל, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם קאָנטראָל־פּלאַץ פון דעם שליאַך, וואָס האָט געפירט צום אַרויסגאַנג פון לאַגער.

די פרויען זיינען דאָן ניט אַרויסגעפירט געוואָרן תיכף ומיד פון לאַגער, נאָר זיי זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן אויפן שליאַך מיטן פּנים צום קאָנטראָל־פּלאַץ. אַזוי אַרום האָבן מיר געקאָנט פון אונזער באַרג באַאָבאַכטן וואָס דאָרט קומט פאָר.

ווען עטלעכע טויזנט פרויען האָבן זיך שוין געפונען פון יענער זייט בריק, האָבן עס־עס־פרויען אָנגעהויבן באַזוכן די אידישע פרויען און מיט כוח אַרויסגעריסן פון זיי די אָרעמע פּעקלעך. אויב אַ פרוי האָט זיך געוואָלט אויסדרייען און דורכשמוגלען איר לעצט פאַרמעגן, האָט מען זי געשלאָגן מכות רצח.

פאַר די פּליאַשוואָער אידן איז אין דעם טאָג פאַקטיש פאָרגע־קומען די אמת׳ע טראַגעדיע, וואָס מיר, די דעפּאָרטירטע פון אַנדערע לענדער, האָבן איבערגעלעבט שוין ביים אָנקומען קיין אוישוויץ.

מיר, געבראַכטע פון די פאַרשידענע לענדער קיין אוישוויץ, ווען מען האָט ביי אונז אַוועקגעריסן די פרויען און די קינדער, זיינען דאָן געווען אַזוי דערשלאָגן און דער׳הרג׳עט, אַז עס איז גאָר קיינעם

ניט איינגעפאַלן אין געדאַנק אַרויסצואווייזן אַ ווידערשטאַנד, אָבער דאָ אין פּליאַשאָוו איז צווישן די מענער געוואָרן אַ בהלה און אייניקע בראַווע יונגען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער בריק, כדי צו אינטער־ווענירן ביים דעם קאָמענדאַנט לטובת זייערע פרויען.

די דאָזיקע יונגען האָבן געוויינלעך ניט געהערט צו דעם המון, וואָס איז נעבעך שטענדיק דיסציפּלינירט און לאָזט זיך פירן צו דער שחיטה, ווי יצחק צו דער עקדה, נאָר דאָס זיינען געווען בלאָק־עלטסטע און וויכטיקע אַרבעטער פון דער פאַרוואַלטונג, וועלכע דער קאָמענ־דאַנט קאָן שוין פון יאָרן לאַנג.

די ערשטע פון זיי האָבן באַקומען אַ באַפרידיקונג, אָבער די ווייטערע זיינען פשוט אַליין געשלאָגן געוואָרן.

אין דעם זעלבן מאָמענט איז פאָרגעקומען אַ באַוועגונג צווישן די פרויען און איין אויגנבליק איז דורכגעריסן געוואָרן דער קאָרדאָן פון די פייערלעשער און פיל פרויען האָבן זיך געלאָזט שפּרינגען אין טייך אַריין, כדי אויסצומיידן די בריק, אויף וועלכער עס האָט זיך געפונען די גאַנצע באַנדע עס־עס־לייט מיט דעם קאָמענדאַנט אין דער שפּיץ. דער טייך איז געווען אַ קינסטלעכער, ניט קיין טיפער און איז באַשטאַנען פון רעגן־וואַסער. אָבער צו יענער צייט איז ער געווען לחלוטין אָן וואַסער, כמעט אויסגעטריקנט.

ווי עס זאָל ניט זיין, איז דאָס מצד די פרויען געווען אַן ענער־גישער אַקט זיך צו ראַטעווען, און עס קומט זיי באמת אַ יישר־כוח דערפאַר.

די פייערלעשער האָבן פאַרלאָרן דעם קאָפּ און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, אָבער דער קאָמענדאַנט האָט באַלד אַרויסגעכאַפּט זיין פּיסטאָלעט און אָנגעהויבן שיסן. דאַן איז די בהלה געוואָרן נאָך גרעסער. אָבער ווי נאָר עס זיינען געפאַלן אַ פּאָר קרבנות, האָבן די פרויען געמוזט אַרויסלויפן פון טייך און זיי האָבן פאַרלאָרן די שלאַכט.

ווער עס האָט ניט געזען דעם קאַמף, וואָס איין עס־עס־מאַן האָט מיט זיין פּיסטאָלעט געפירט קעגן אַ מחנה פון אומבאַוואָפנטע פרויען, דער וועט זיכער לעבן מיט צען יאָר מער.

דער דאָזיקער גבור האָט מיט זיין הויכער בערן־שטימע אָפּגע־רופן די פייערלעשער, זיי אויסגעזידלט און האָט אויף זייער פּלאַץ אַוועקגעשטעלט די דייטשישע קאַפּאָס, וועגן וועלכע איך האָב שוין פריער געגעבן אַ כאַראַקטעריסטיק.

דער דאָזיקער אינצידענט האָט פאַרשנעלערט דאָס אַוועקשיקן פון די פרויען, ווייל מיט צען מינוט שפּעטער זיינען אין לאַגער אַריינ־געקומען די עס־עס־לייט אין אַ גרויסער צאָל, אַרומגערינגלט די פרויען און זיי אַרויסגעפירט צום באַנהויף.

עס זיינען דערנאָך אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז מען האָט זיי צו 120 פּערזאָן אַריינגעשטופּט אין אַ פּי־וואַגאָן, אָן וואַסער, און אַוועק־געשיקט קיין אוישוויץ.

מיר מענער זיינען אָפּגעשטאַנען אויפן קאָנטראָל־פּלאַץ ביז פיר אַזייגער פאַרטאָג, דאָס הייסט אַכטצן שעה צייט, ביז די רוצחים האָבן אויסגעקליבן אינגאַנצן צוויי און האַלב טויזנט מענטשן, וואָס זיינען געבליבן ווייטער אין לאַגער, און די אַנדערע זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרן.

אונזער כעמיקער־קאָמאַנדע האָט זיך געפונען אין רשות פון אָראַיענבורג, און דער קאָמענדאַנט האָט אונז געמוזט איבערלאָזן ביז עס וועט ניט אָנקומען אַ באַפעל וואוהין מען זאָל עוואַקואירן.

טאָג־איין און טאָג־אויס האָבן מיר געלעבט אין שרעק וועגן אונזער עוואַקואירן און האָבן צייטנווייז דאָך געהאָפט אויף דער רוסי־שער ישועה. אָבער אַרום 10טן אויגוסט איז קלאָר געוואָרן, אַז די רוסן זיינען געבליבן שטיין ביי דער ווייסל און גייען ניט ווייטער.

## קאַפּיטל 45

# דאָס אויסגראָבן פון די אַלטע קרבנות און די אויפגעשטעלטע תליה

אין לאַגער איז געגרינדעט געוואָרן אַ נייע קאָמאַנדע אונטער דעם נאָמען „אויסגראָבונגס־קאָמאַנדע". די אַרבעט פון דער קאָמאַנדע איז געפירט געוואָרן טאָג און נאַכט אָן שום הפסקה, און די אַרבעט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט אויסגעגראָבן אַלע אַלטע קרבנות, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אַלע פיר זייטן פון דעם לאַגער, און זיי פאַרברענט. די צאָל פון די דאָזיקע קרבנות האָט מען געשאַצט אין עטלעכע טויזנט נפשות. די לופט אין לאַגער איז פון דעם טאָג אָן אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ שווערן שטיקנדיקן גערוך פון געבראָטן פלייש, ווייל אין פליאַשאָוו האָט ניט עקזיסטירט קיין קרעמאַטאָריע און דאָס פאַרברענען איז פאָרגעקומען אויף אָן אָפענעם פעלד.

דער ווינט האָט אין דער נאַכט באַדעקט דעם לאַגער מיט רויך און מיט דעם שטיקנדיקן ריח פון אונזערע ברענענדיקע ברידער און שוועסטער, און בייטאָג האָט די זון און די טריקענע הייסע לופט געמאַכט דעם שטיקנדיקן ריח אומדערטרעגלעך.

די דאָזיקע אַקציע איז געטאָן געוואָרן לויט אַ באַפעל פון בערלין, ווייל די נאַציס האָבן נאָך אַלץ געגלויבט, אַז זיי וועלן געווינען דעם קריג און זיי האָבן, ווייזט אויס, ניט געוואָלט, אַז מען זאָל אַנטדעקן אַ „קאַטינער געשיכטע".

די „קאַטינער דערפינדונג", וואָס די דייטשישע פּראָפּאַגאַנדע האָט אויפגעדעקט אין אוקראַינע, כדי צו דיסקרעדיטירן די סאָוועטישע מאַכט, איז באַקאַנט אין דער גאַנצער וועלט.

איך האָב זיך ווידעראַמאָל איבערצייגט, אַז נאָר אַזעלכע סאַדיסטן ווי די דייטשן זיינען פעאיק צו מאַכן ברידער־קברים פון אומשולדיקע הונדערטער טויזנטער אידישע קרבנות, אומגעבראַכטע דורך זייערע פאַרטרעטער־נאַציס.

צו די אויסגעגראָבענע קרבנות, וואָס מען האָט באַדאַרפט פאַר־ברענען, זיינען צוגעקומען אויך פריש־דערשאָסענע אידן.

אין איינעם פון די סעפּטעמבער־טעג זיינען אין לאַגער אָנגע־קומען צוויי לאַסט־אויטאָס מיט 59 אידן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען קינדער. דאָס זיינען געווען געבראַכטע משפּחות פון סלאָוואַקיע, ווייל צו יענער צייט האָבן שוין די דייטשן אויך געוואַל־טעוועט פון יענער זייט סלאָוואַקישער גרענעץ, כדי צו באַקעמפן די רעוואָלטירטע סלאָוואַקן, און זעלבסטפאַרשטענדלעך זיינען די איבער־געבליבענע אידן אויסגעזוכט געוואָרן. נאָר אַ קליינער טייל פון זיי איז געפירט געוואָרן פון איין געפענגעניש אין אַ צווייטער, ביז מען האָט זיי געבראַכט קיין פּלאַשאָוו.

ביים אָנקומען אין לאַגער פון די צוויי לאַסט־אויטאָס האָט דער לאַגער־פירער אַרויסגענומען פון זיי ניין אידן, הויפּטזעכלעך די על־טערן פון די געבראַכטע קינדער, און באַפוילן דאָס רעשט פון זיי צו ברענגען אין לאַגער „בי".

די דאָזיקע ניין אידן האָט מען אַריינגעלאָזן צו אונז אין לאַגער, אָבער די אַנדערע מיט די קינדער, וועלכע האָבן באַדאַרפט קומען אין לאַגער „ב" (אַזאַ לאַגער האָט איבערהויפּט ניט עקזיסטירט), זיינען אַ הונדערט פוס ווייטער פון אונזער לאַגער אַראָפּגענומען געוואָרן פון די לאַסט־אויטאָס און מען האָט זיי אָן רחמנות דערשאָסן.

בשעת איך האָב אין דער נאַכט געשמועסט מיט אַ פאָטער פון דריי קינדער, האָט ער אומבאַדינגט געוואָלט וויסן וואו עס געפינט זיך דער לאַגער „ב", אָבער די יונגע קערפּערלעך פון די אומשולדיקע נפשות האָבן שוין געברענט אונטערן פרייען הימל און זייערע הייליקע נשמות האָבן זיך זיכער שוין געפונען אין גן־עדן. דער אָרעמער פאָטער איז געווען זיכער, אַז זיינע דריי קינדערלעך לעבן און ער האָט אַלץ געוואָלט וויסן, אויב זיי הונגערן ניט אין לאַגער „ב".

וואָס האָב איך געקאָנט ענטפערן דעם אומגליקלעכן פאָטער אויף זיינע אָנגעווייטיקע פראַגעס?

די דאָזיקע טראַגעדיע האָט מיר געגעבן צו פילן ווי גרויס דער צאָרן פון דעם רבונו של עולם איז אויף דעם פאָלק ישראל.

אין לאַגער האָט מען גלייכצייטיק אָנגעהויבן אַוועקצונעמען די אויסגעבויטע באַראַקן, און יעדן טאָג נאָכן קאָנטראָל האָבן די פייער־לעשער אונז אַרומגערינגלט און מיר האָבן אַלע אָן אויסנאַם געאַרבעט בין 10 אַזייגער אין דער נאַכט.

מיר האָבן גאַנצע טיילן פון די צענומענע באַראַקן געטראָגן ביזן אַרויסגאַנג פון לאַגער און פון דאָרט זיינען זיי אַוועקגעפירט געוואָרן צום פליאַשאָווער באַנהויף.

דער פראָנט איז געשטאַנען אַכטציק מייל פון אונזער לאַגער. די באַן־ליניעס זיינען געווען איבערפילט מיט מיליטער־עשאַלאָנען, אָבער דאָס האָלץ מיט די וואַנצן פון דעם אידישן לאַגער האָבן געקראָגן די מעגלעכקייט טראַנספּאָרטירט צו ווערן.

אין לאַגער גופא זיינען דורך דער אָרגאַניזאַציע „טאָדט" אויס־געגראָבן געוואָרן טראַנשייען און שווערע קאַנאַנען זיינען איינגעבויט געוואָרן, כדי צו געבן אַ ווידערשטאַנד דער רוסישער אַרמיי.

עס האָט זיך געפילט די ליקווידאַציע־שטימונג און עס איז געווען קלאָר, אַז מען וועט אונז דאָ ניט איבערלאָזן, ווי נאָר די מילי־טערישע אָפּעראַציעס וועלן זיך אָנהייבן.

אונזערע שעפן, דער פראָפ׳ מילער און ד"ר פּיטש, זיינען גע־קומען אונז באַזוכן און אָפּנעמען דין־וחשבון פון אונזער אַרבעט.

דעם ד"ר פּיטש איז געלונגען אַריינצוקומען אַליין אין אונזער אַרבעט־באַראַק און ער האָט אונז אָפנהאַרציק דערקלערט, אַז מיר קאָנען נאָך רואיק בלייבן אַ חודש צייט אין פליאַשאָוו, אָבער וואוהין מיר וועלן אַריבערגעשיקט ווערן ווייטער האָט ער אונז ניט געקאָנט זאָגן.

אין לאַגער האָט מען אָנגעהויבן רעדן, אַז דער לאַגער־קאָמענ־דאַנט וועט אונז אין גיכן פאַרלאָזן, אָבער די סיבה פון זיין פאַרלאָזן פליאַשאָוו האָט קיינער ניט געוואוסט.

דער פאַקט פון זיין אַוועקגיין האָט זיך שפּעטער באַשטעטיקט,

אָבער פאַר זיין „שיידן זיך" מיט אונז האָט ער צוזאַמען מיטן לאַגער־פירער איינגעטונקט זיינע הענט אין אידיש בלוט...

איך ווייס ניט, צי דאָס זיינען געווען זייערע לעצטע סאַדיסטישע אַקטן איבער אונז אידן. די לעצטע טראַגישע סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט פאַר אונזערע אויגן אין איינעם פון די סעפּטעמבער־טעג, וועט קיינמאָל ניט פאַרשווינדן פון מיינע זכרונות.

אין איינעם פון די הייסע סעפּטעמבער־טעג האָבן אונז די דאָזיקע צוויי בלוטיקע רוצחים געצייגט וואָס די פאַרטרעטער פון דעם אַרישן פאָלק זיינען פעאיק צו געבן דער אַלוועלטלעכער ציוויליזאַציע.

אַריינקומענדיק אין לאַגער נאָכן טאָג אַרבעט, האָבן מיר געפונען אויף דעם קאָנטראָל־פּלאַץ אויפגעשטעלט אַ תליה, און מיר האָבן באַלד פאַרשטאַנען, אַז עס וועט זיך דאָ פאַר אונזערע אויגן אָפּשפּילן אַ שרעקלעכע טראַגעדיע.

באַלד נאָכן קאָנטראָל האָט מען דעם גאַנצן עולם פאַרהאַלטן אויפן פּלאַץ און די עס־עס־מענער האָבן צו דער תליה צוגעפירט זעקס אידן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי האַלב־טויטע.

דער הויך־שפּרעכער האָט בקול רם דערקלערט, אַז די דאָזיקע זעקס אידן זיינען באַגאַנגען גרויסע פאַרברעכנס, ווייל מען האָט ביי זיי געפונען געלט און ווערט־זאַכן — דעריבער וועלן זיי עפנטלעך באַקומען זייער שטראָף דורך „אויפהענגען".

איך האָב צוגעמאַכט מיינע אויגן, כדי ניט צו זען דאָס שרעקלעכע בילד, אָבער די צערעמאָניע האָט געדויערט זייער לאַנג, ווייל די אומגליקלעכע האָבן ניט באַדאַרפט באַקומען זייער טויט לייכט. די תליה איז בכיוון ניט געמאַכט געוואָרן הויך, ווייל דעמאָלט וואָלט דאָך דער באַשטראָפטער מיט זיין געוויכט פון קערפּער פאַרצויגן באַלד דעם שטריק איבערן האַלדז און וואָלט תיכף דערוואָרגן געוואָרן.

די דאָזיקע צוויי עס־עס־פאַרברעכערס האָבן געהאַט גרויס פאַרגעניגן זיך צו שפּילן מיט אוממעכטיקע אידן און האָבן ספּעציעל פאַראָרדנט צו מאַכן די תליה אויף אַזאַ אופן, אַז מען זאָל לאַנגזאַם

פאַרציען דעם שטריק און לאָזן דעם באַשטראָפטן זיך לאַנג ראַנגלען מיטן מלאך־המות.

מיר אַלע האָבן געמוזט דורכגיין פאַרביי די באַשטראָפטע און זען ווי דאָס בלוט האָט זיך געגאָסן פון זייערע מיילער.

נאָרמאַל, ווען דער טויט קומט דורך הענגען, ווערט דאָס בלוט פאַרגליווערט ביים געהאַנגענעם, אָבער דאָ האָט די עקזעקוציע צוגע־טראַכט אַזאַ אוממענטשלעכן טויט־שטראָף, וואָס די קרימינאַל־גע־שיכטע האָט נאָך ניט פאַראויסגעזען.

אין משך פון עטלעכע טעג איז מיר דאָס בילד פון די זעקס אומגעקומענע אויף קידוש־השם אידן געשטאַנען פאַר די אויגן און איך האָב ניט געקאָנט נעמען קיין מאכל אין מויל.

## קאַפּיטל 46

# דאָס דערמאָרדן פון אידישן לאַגער־עלטסטן, זיין פרוי, זיין געהילף און זיין משפחה

ביי די דאָזיקע זעקס באַשטראָפטע אידן האָט מען טאַקע געפונען געלט און ווערט־זאַכן. דער אוצר איז באַשטאַנען פון אַ באַדייטיקן פאַרמעגן און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָט דער קאָמענ־דאַנט מיטן לאַגער־פירער ניט געקאָנט גובר זיין דעם יצר־הרע און האָבן אַלץ פאַר זיך צוגענומען.

און איצט, כדי עס זאָל ניט בלייבן קיין שפור פון דער דאָזיקער גנבה, האָבן זיי אויף אַזאַ אופן פאַרניכטעט די אייגנטימער פון דעם אוצר. עס איז דאָך אָבער איבערגעבליבן דער לאַגער־עלטסטער מיט זיינע מיטהעלפער, וועלכע האָבן געוואוסט דעם סוד פון דעם ענין, האָבן די דאָזיקע צוויי פאַרברעכער באַשלאָסן צו באַגיין ווייטערע פאַר־ברעכנס.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, שבת־צו־נאַכטס, ווען דער עולם האָט זיך געפונען אויסער די באַראַקן, כדי צו געניסן פון דער נאַכט־לופט, האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז דער קאָמענדאַנט איז אָנגעקומען אין לאַגער און אַז ער מאַכט אַ שפּאַציר מיט דעם לאַגער־עלטסטן.

דער עולם האָט זיך באַלד אָפּגעטראָגן צוריק אין די באַראַקן, כדי זיך ניט צו וואַרפן אין די אויגן פון דער דאָזיקער חיה־רעה.

דער לאַגער־עלטסטער האָט אין דער אָנוועזנקייט פון דעם קאָמענדאַנט, וועלכער איז געווען מיט אַ קאָפּ גרעסער פון אים, אויסגעזען ווי אַן אומשולדיק שעפעלע, אָבער דעם אמת זאָגנדיק האָט ער זיך געהאַלטן פריי און אָן שום פּחד.

די דאָזיקע צוויי שעפּן, וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט צוויי פאַרשידענע פעלקער, האָבן צווישן זיך געפירט אַ געמיטלעכן געשפּרעך און האָבן אָן שום אינצידענטן דורכגעשפּאַצירט דעם לאַגער.

קיינער פון אונז האָט זיך ניט אינטערעסירט צו וויסן דעם אינהאַלט פון זייער געשפּרעך.

אויפן צווייטן טאָג, זונטיק, זיינען מיר נאָכן „אַפּעל״ אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט כדי צו אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג, אָבער מיטאָגצייט, ווען מען האָט באַדאַרפט גיין צו דער קיך ברענגען דעם זופּ, איז געקומען אַ שליח פון שרייב־שטוב מיט דעם באַפעל איבערצולאָזן די אַרבעט און באַלד אַריינקומען אין לאַגער.

אויפן קאָנטראָל־פּלאַץ האָט מען שוין געוואוסט, אַז אַרום 10 אַזייגער אין דער פרי איז אַריינגעקומען דער קאָמענדאַנט אין לאַגער און האָט ביי דער שרייב־שטוב אָן שום סיבה דערשאָסן דעם אידישן לאַגער־עלטסטן, מיט וועלכן ער האָט פאַריקע נאַכט געפירט אַ גאַנץ געמיטלעכן געשפּרעך.

די פרוי פון דעם לאַגער־עלטסטן, וועלכע איז אַליין אויך געווען אַ לאַגער־עלטסטע, איז דורך אים מיטגענומען געוואָרן צוזאַמען מיט דעם געהילף און דעם שרייבער פון דער שרייב־שטוב, אַ יונגן בחור.

אַלע דריי זיינען דערשאָסן געוואָרן אויסערן לאַגער, און צו די

דאָזיקע פיר קרבנות זיינען צוגעקומען נאָך צווײ, וועלכע דער קאָמענ־דאַנט האָט בכבודו ובעצמו מיט זיין האַנט דערשאָסן. דאָס איז געווען די שוועסטער פון לאַגער־עלטסטן מיט איר מאַן.

מיט דעם לעצטן האָט דער קאָמענדאַנט געהאַט פינאַנס־רעכע־נונגען און ער און זיין פרוי זיינען אים אויך געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלדז.

די אַלע אַרבעטס־קאָמאַנדעס, אין דער צאָל פון 2,500 מאַן, האָט מען ספּעציעל אַריינגערופן אין לאַגער, כדי צו ווייזן זיי די דערשאָסענע קרבנות.

מיר האָבן בלאָקווייז דורכגעמאַרשירט לעבן דער אידישער שרייב־שטוב און געמוזט אויסדרייען די קעפּ מיט די פּנימער צו די דערשאָסענע, וואָס זיינען געלעגן שוין באַדעקטע מיט אַ גרויסער מחנה פון הונגעריקע פליגן.

איבער זיי איז געהאַנגען אַן אויפשריפט מיט די ווערטער: „דער־שאָסן געוואָרן, ווייל מען האָט ביי זיי געפונען געלד און זיי זיינען פאַר־דעכטיקט געווען אין צוגרייטן אַ פּליטה.“

די דייטשע „קאַפּאָס“ (אויפזעער) האָבן זיך באַשעפטיקט מיט אָרונטערציען פון זיי די גלאַנצנדיקע שטיוול און נאָכדעם מיט זייער פאַרברענען. זיי האָבן דאָס געטאָן מיט גרויס הנאה, ווייל פריער האָבן זיי געמוזט זיין אָפּהענגיק פון אַ אידישן לאַגער־עלטסטן, פאַר וועלכן זיי האָבן צייטנווייז מורא געהאַט. איצט האָבן זיי זיך נוקם געווען אין דעם טויטן קערפּער פון אידישן לאַגער־עלטסטן.

עס איז מערקווירדיק, וואָס קיינער אין לאַגער האָט ניט באַ־דויערט דעם דאָזיקן בלוטיקן אינצידענט. מען האָט נאָר מורא געהאַט פאַר ווייטערע עקסצעסן, ווייל אַלס לאַגער־עלטסטער איז באַלד באַ־שטימט געוואָרן אַ דייטש, וואָס האָט גע׳שמ׳ט אַלס גרויסער שלעגער.

נאָך דעם דאָזיקן זונטיק טאָג זיינען די צווײ תלינים, דער קאָמענדאַנט מיט דעם לאַגער־פירער, פאַרשוואונדן געוואָרן און אויף זייער פּלאַץ איז געקומען אַלס קאָמענדאַנט אַ רואיקער עלטערער דייטש,

מיטן גראַד פון הויפּט שטורעם־פירער פון דער עס־עס־וואָפּע, וועל־כער האָט זיך באַזעצט אין דעם הויז פון פריערדיקן קאָמענדאַנט.

דעם לאַגער־עלטסטן כילעוויטש איז באַשערט געווען צו שליסן די רשימה פון די אידישע קרבנות אין פּליאַשאָוו.

אין לאַגער האָבן זיך דערנאָך פאַרשפּרייט ידיעות, אַז דער קאָמענדאַנט מיטן לאַגער־פירער זיינען דורך דער געסטאַפּאָ איינגע־שפּאַרט געוואָרן, ווייל מען האָט אויפגעדעקט אַ גאַנצן שווינדל.

מען האָט גערעדט וועגן דעם, אַז די שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס זיינען אָנגעקומען פון דעם שווייצאַרישן רויטן קרייץ צו דער אידישער הילפס־אָרגאַניזאַציע, זיינען דורך דעם קאָמענדאַנט מיט דער הילף פון דירעקטאָר, וואָס איז געווען דער איינציקער איד צו בלייבן פריי וואוינען אין קראָקע, פאַרקויפט געוואָרן, און ער האָט אַזוי־אַרום פאַר די עטלעכע יאָר געמאַכט אַ גרויסן פאַרמעגן.

אויף וויפיל דער קלאַנג איז געווען אמת, קאָן איך ניט וויסן און בין פאַר אים ניט פאַראַנטוואָרטלעך.

איך האָב דעמאָלט ניט געגלויבט, אַז אַן עס־עס־מאַן מיט אַזאַ הויכן ראַנג זאָל מען צוליב אידיש פאַרמעגן איינשפּאַרן אין תפיסה.

שוין איצט האָב איך ידיעות, אַז מיט דעם קאָמענדאַנט איז דעמאָלט גאָרנישט געשען און אַז ער געפינט זיך איצט אין די הענט פון די רוסן און ער וועט גע'משפט ווערן אַלס אַ קריגס־פאַרברעכער. הלוואי זאָל דאָס זיין אמת!

## קאַפּיטל 47

# אַ ווענדונג צו אידישע כעמיקער אויסצוגעפינען אַ גאַז אויף צו געווינען דעם קריג

עם 7טן אָקטאָבער, 1944, איז צו אונז אין באַראַק, וואו מיר האָבן געאַרבעט, אַראָפּגעקומען אַ שליח פון דעם אַרבעטס־אַמט מיטן באַפעל, אַז מיר זאָלן אַלע זיך תיכף צושטעלן צום אַרבעטס־פירער מילער.

מיר האָבן באַלד פאַרשטאַנען, אַז עס דערוואַרט אונז אַן ענדערונג אין דער לאַגע. אָבער קיינעם פון אונז איז ניט איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז אונזערע גרעסטע שונאים זאָלן האָבן די חוצפה זיך צו ווענדן צו אונז, אַז מיר זאָלן אַרבעטן אין זייער טובה, כדי זיי זאָלן געווינען דעם קריג.

קומענדיק צו דעם אַרבעטס־אַמט, האָט מען אַלע עטלעכע און דרייסיק אינטעלעקטועלן אַריינגעפירט אין צימער פון דעם אַרבעטס־אַמט־פירער. דאָרט האָט זיך געפונען נאָך אַן עס־עס־מאַן מיט אַ העכערן ראַנג, וועלכע האָט זיך פאַר אונז פאָרגעשטעלט אַלס הויפּט־שטורעם־פירער פון עס־עס־וואַפע, ד״ר וועליק.

זיין אויסזען האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פשוט'ן שיכור, ווייל זיינע אויגן האָבן זיך געקלעפּט און די צונג האָט זיך ניט פריי באַוועגט.

ער האָט אַלס גאַסט, געקראָגן דער ערשטער דאָס וואָרט און האָט אונז קודם־כל, ווייזט אויס כדי אונז צו באַאיינפלוסן, דערקלערט, אַז ער איז געקומען צו אונז אין נאָמען פון דעם „גאַולייטער" איבער פוילן ד״ר פראַנק.

„מיר ווילן", זאָגט ער, „אויסגעפינען אַ מיטל, אַ דאַנק וועלכן מ'זאָל קאָנען אָפּשטעלן די באַוועגונג פון אַ מאָטאָר, און אַזוי ווי איר זענט כעמיקער, טאָ ווילן מיר, אַז איר זאָלט זיך באַשעפטיקן מיט דעם דאָזיקן ענין".

מיר זיינען שטום געבליבן און אים ניט געגעבן קיין ענטפער.

אויף זיין פראַגע, פאַרוואָס מיר שווייגן, איז געוואָרן צווישן אונז אַ באַוועגונג, און מיר האָבן באַפולמעכטיקט אונזער קאַפּאָ, אַז ער זאָל ענטפערן, אַז עס איז דערצו פאַראַן אַן עלעמענטאַר מיטל.

איינער פון אונז האָט אויף זיין צווייטער ביטע צו געבן אַ דער־קלערונג, פשוט געענטפערט, אַז דאָס בעסטע מיטל כדי אָפּצושטעלן אַ מאָטאָר אַז ער זאָל ניט אַרבעטן איז אַריינצוגעבן, אָדער צופירן צוקער צום רעזערוואוואַר, וואו עס געפינט זיך דער בענזין.

די ביידע עס־עס־לייט האָבן זיך צעלאַכט און דער אַרבעטס־אַמט־פירער האָט זיך אָפּגערופן צו זיין קאָלעגע מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„זאָג זיי דעם אמת אין וואָס עס האַנדלט זיך. מיר ווילן איר זאָלט אויסגעפינען אַ גאַז, מיט וועלכן מיר זאָלן קאָנען אָפּשטעלן אויף דער ערד און אין דער לופט די באַוועגונג פון דער מאָטאָריזירטער קראַפט, און דערביי זיינען די צוויי הויפּט־באַדינגונגען: 1) אַז דער מאָטאָר זאָל ווערן פאַרזשאַווערט אויף אַ לאַנגער צייט און 2) דער באַגלייטער פון דעם מאָטאָר זאָל ניט פאַר׳סמ׳ט ווערן״.

מיר האָבן זיך באַלד אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן און אָן ווערטער האָבן מיר פאַרשטאַנען דעם טיפן געדאַנק פון דעם פאָרשלאָג.

אין אונזערע מוחות איז באַלד געקומען די איבערצייגונג, אַז די דייטשן האָבן דעם קריג פאַרשפּילט, און איצט ווילן זיי, אַז מיר זאָלן ראַטעווען די לאַגע און דערנאָך וועלן זיי אונז ערשט פאַרניכטן.

דער קאַפּאָ האָט באַלד, לויט אונזער פאָרשלאָג, געבעטן, אַז ער זאָל אונז געבן צייט, כדי צו באַהאַנדלען מער גרינטלעך דעם געשטעלטן פּראָבלעם. זיי האָבן תיכף מסכים געווען דערצו. און דער ד״ר וועלעק האָט אונז באַוויליגט 48 שטונדן אויף באַראַטונגען. דערביי האָט ער געפונען פאַר נייטיק אונז צו פאַרזיכערן, אַז ער וועט אונז געבן די גרעסטע און בעסטע לאַבאָראַטאָריע, וועלכע עקזיסטירט נאָר אין קראָקע וואו צו אַרבעטן. אויך האָט ער צוגעגעבן, אַז מיר

קאָנען זיין זיכער אַז עס וועט אונז גאָרניט געשען אַפילו ווען מיר וועלן גאָרניט אויסגעפינען.

איך האָב שוין געוואוסט וואָס פאַר אַ וואָרט עס האָבן זייערע אַלע צוזאָגן, און האָב ביי מיר מיין באַשלוס און שטעלונג צו דעם פאָרשלאָג אָנגענומען.

דאָך האָב איך צייט געהאַט זיך צו איבערלייגן אין פאַרלויף פון די 48 שטונדן, וועלכע זיינען אונז געגעבן געוואָרן, מיטן צוועק אָנצואווייזן די מעגלעכקייטן, וועלכע עקזיסטירן אויף אויסצוגעפינען אַזאַ גאַז און אויך אָנווייזן די כעמיקער וואָס ווילן אַרבעטן אויף דעם געביט.

דער קאַפּאָ, וועלכער איז דאָך געבליבן אַ דייטש, האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם געמאַכטן פּראָיעקט, ווייל עס האָט זיך אין אים דערוועקט דער פּאַטריאָטישער געפיל. ער האָט אין דעם געזען אַ מיטל צו ראַטעווען זיין פאַטערלאַנד פון אַ קאַטאַס־טראָפע. אָבער צווישן אונז אידן זיינען ליידער געווען אָפּגעגאַרטע מוחות, וואָס האָבן געזען אין דעם פשוט אַ מעגלעכקייט זיך צו ראַ־טעווען.

אין גרונט גענומען האָבן מיר אַלע פון דעם כעמישן שטאַנד־פּונקט געוואוסט, אַז ס'איז ניט פון די לייכטע זאַכן אַזאַ מיטל אויס־צוגעפינען. אָבער דורך אינטענסיווער לאַנגער אַרבעט איז ניט אויס־געשלאָסן צו דערגרייכן אַ גוטן רעזולטאַט.

אַלס פּרינציפּ האָט געקאַנט דינען די לופט מיט איר עלעמענט פון זויערשטאָף. יעדער שילער ווייסט, אַז די לופט אַנטהאַלט אין זיך צוואַנציק פּראָצענט זויערשטאָף, וואָס דינט פאַקטיש אַלס פאַקטאָר ביי דער פאַרברענונג פון דעם בענזין, וועלכער שאַפט די טרייבקראַפט.

איצט, ווען מען זאָל דורך אָקסידיר־שטאָפן וואָס זיינען לייכט אָקסידיבאַר דורך דער לופט, אָפּציען דעם זויערשטאָף פון דער לופט, אַז ער זאָל פאַרמינערט ווערן ביז דרייצן פּראָצענט, דאַן וועט די פאַרברענונג ניט פאַרקומען און דער מענטש וועט נאָך קאָנען אָטעמען. דער שטאָף קאָן איבערגעפירט ווערן אין אַ גאַז־צושטאַנד און

זאָל אויך אַנטהאַלטן אַ מיטל, דורך וועלכן דער מאָטאָר זאָל פאַר־זשאַווערט ווערן.

דער גרעסטער טייל פון די כעמיקער האָט זיך תיכף גענומען אויסצואַרבעטן אַ פּראָיעקט, און בשעת דער קאַפּאָ איז געקומען מיך פרעגן אויב איך וועל מיטאַרבעטן אויף דעם געביט, האָב איך תיכף געענטפערט, אַז איך בין דערצו ניט פּעאיק.

דאָס האָט געפירט דערצו, אַז נאָך אייניקע חברים, וועלכע האָבן פריער געגעבן זייער הסכמה, האָבן זיך צוריקגעצויגן.

אין אַן ענגער סביבה פון חברים האָט איך אַרויסגעזאָגט מיין געדאַנק, אַז ערשטנס האָב איך ניט קיין צוטרוי צו זייער הבטחה וועגן אונזער וואוילזיין, און צווייטנס טאָר איך ניט מיטהעלפן דעם אידישן שונא מיט וואָס עס זאָל ניט זיין.

צוויי טעג האָט מיך דער קאַפּאָ געמוטשעט, אַז איך זאָל געבן מיין הסכמה, אָבער איך און אויך מיינע פּאָר חברים האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן.

ווען נאָך די 48 שטונדן, דעם 8טן אָקטאָבער, איז געקומען ד״ר וועלעק צו אונז אין באַראַק נאָך אַן ענטפער, האָט אים דער קאַפּאָ איבערגעגעבן דעם פּראָיעקט מיט דער רשימה פון 24 כעמיקער, וואָס „קאָנען״ אַרבעטן אויף דעם געביט.

דעם זעלבן אָוונט, אַריינקומענדיק צוריק אין לאַגער, האָבן מיר זיך דערוואוסט דורך דעם נייעם לאַגער־שרייבער, וועלכער איז אויך געווען אַ כעמיקער (אַ פאָלקס־דייטש פון לוקסענבורג), אַז עס איז אָנגעקומען אַ דעפּעש פון אָראַניענבורג מיטן באַפעל: אַלע כעמיקער און טעכניקער פון פּליאַשאָוו איבערצושיקן קיין פלאָסענבורג.

ניט קוקנדיק דערויף וואָס וועגן פלאָסענבורגער לאַגער זיינען געגאַנגען זייער שלעכטע קלאַנגען, ווייל נאָך פון אוישוויץ האָט מען אַהין איבערגעשיקט נאָר די וואָס האָבן זיך באמת פאַרשולדיקט, האָב איך מיך פּשוט דערפרייט מיט דער ידיעה.

ווען אונזער עוואַקואירן זאָל ניט געווען פאַרקומען אַזוי פּלוצים, וואָלט איך מיט מיינע חברים, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט מיטצו־

אַרבעטן אויפן געביט פון אויסגעפונען אַ נייעם גאַז, באַקומען אַ גע־וויסע שטראָף, און ווער ווייסט ווי ווייט די עס־עס־לייט וואָלטן געווען געגאַנגען אין זייער צאָרן קעגן די פּאָר „שמוציקע אידן", וואָס האָבן געהאַט די העזה צו סאַבאָטירן זייער ווילן.

## קאַפּיטל 48

# דער פלאָסענבורגער לאַגער און אונזער נסיעה

פלאָסענבורג וואָלט באַשטימט געווען געבליבן אומבאַקאַנט ביז דעם אונטערגאַנג פון דער וועלט, ווייל דאָס איז אַ קליין דערפל מיט געציילטע הייזער, וואָס ליגט אין דרום פון בייערן און געפינט זיך 900 פוס איבער דער פלאַך פונעם ים. אין דער געאָגראַפיע איז שווער צו געפינען אַזאַ פאַרוואָרפן ווינקל, וואָס ליגט אין די שטיינערנע בערג פון „האָענפאַלס" און וואו די נאַטור האָט אויסער שטיינער גראַניט געגעבן דער מענטשהייט.

היטלער און זיין קליקע האָבן גוט געוואוסט אין וועלכע ערטער אויסצובויען קאָנצענטראַציע לאַגערן, כדי די פאַרניכטונג פון זיינע קעגנער זאָל צוגיין שנעל און בשתיקה פון דער אויסערלעכער וועלט. נאָך אין יאָר 1934 האָט ער פאַרשיקט זיינע פּאָליטישע קעגנער קיין פלאָסענבורג און זיי געצוואונגען אויסצובויען עטלעכע מייל פון דעם דאָרף אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. פיל מענטשן זיינען אומגעקומען ביז עס איז געלונגען אויסצוהאַקן אין מיטלפּונקט פון דעם שטיינערנעם באַרג אַ פּלאַץ, אין וועלכן דער לאַגער איז פּאַקטיש איינגעאָרדנט געוואָרן.

שוין אין צייט פון קריג איז דער דאָזיקער לאַגער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ריכטיקער קאַטאָרגע, וואוהין עס זיינען פאַרשיקט גע־וואָרן אמת'ע פאַרברעכער.

קיין אידן האָט מען אין דעם לאַגער ניט געבראַכט, ווייל בכלל

איז דייטשלאַנד זינט דעם יאָר 1943 געוואָרן „אידן־פריי״, און די יעניקע, וועלכע האָבן זיך נאָך געפונען אין די אַרבעטס־לאַגערן אין דייטשלאַנד, זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן קיין אוישוויץ.

איצט האָט דער גורל פון דייטשלאַנד געוואָלט, אַז אידן זאָלן אָנהייבן זיך צוריקקערן אין דעם פאַרשאָלטענעם לאַנד, זאָל זיין אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אָדער אין דער קאַטאָרגע, ווי פלאָסענבורג, אויף דעם באָדן פון דעם אַרישן לאַנד.

אין פליאַשאָוו האָט קיינער, אויסער איינציקע כעמיקער, ניט געוואוסט, אַז מען גרייט זיך אונז צו טראַנספּאָרטירן ערגעץ, און די אַלע פון אונז, וועלכע האָבן מסכים געווען צו אַרבעטן אויף דעם נייעם געביט, האָבן איבערהויפּט ניט געוואָלט גלויבן אין דעם.

דעם 9טן אָקטאָבער אין דער פרי, באַלד נאָכן קאָנטראָל, האָט מען אויסגערופן די נעמען פון די כעמיקער און טעכניקער, און ווי נאָר אונזער גרופּע האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט, האָבן די פייערלעשער אונז אַרומגערינגלט און מיר זיינען שוין געוואָרן איזאָלירט פון די אַנדערע.

דעם טאָג האָט געגאָסן אַ קאַלטער רעגן און מיר זיינען אַלץ געבליבן שטיין אויפן קאָנטראָל־פּלאַץ, ווייל דער אַרבעטס־אַמט־פירער מילער האָט געוואַרט פאַר אַן ענטפער אויף זיין דעפּעשע, אין וועלכער ער האָט פאַרגעלייגט איבערצולאָזן די אַלע, וואָס זיינען אים נייטיק פאַר דער אוואַנטורע פון דעם גאָולייטער ד״ר פראַנק.

דער ענטפער פון בערלין איז, ווייזט אויס, געווען אַ נעגאַטי־ווער, ווייל אַרום 11 אַזייגער האָט מען אונז אונטער דער באַגלייטונג פון אַן עס־עס־וואַך, אָפּגעפירט צום באַנהויף.

צו אונזער גרופּע זיינען אויך צוגעקומען די דייטשישע כעמי־קער און אויך די כעמיקער און טעכניקער, וואָס האָבן אין פליאַשאָוו איבערהויפּט ניט געאַרבעט מיט אונז צוזאַמען, און עס איז געוואָרן אַ גרופּע פון זעכציק פערזאָן.

מען האָט אונז אַריינגעזעצט אין אַ וואַגאָן, אין וועלכן מען פירט בהמות, און פון דרויסן צוגעשלאָסן דעם וואַגאָן. אַלס שפּייז האָט יעדער

פון אונז באַקומען אַ ברויט פון צוויי פונט און אַ שטיקל קעז. וואַסער צום טרינקען האָט מען אונז ניט געגעבן.

פינף טעג האָט געדויערט אונזער נסיעה, ווייל אויף פאַרשידענע סטאַנציעס זיינען מיר שעה'נווייז געבליבן שטיין ביז מען האָט אונזער וואַגאָן אָנגעשלאָסן אין אַ לאַסט־צוג.

מיט אונזער צוג זיינען מיטגעפאָרן באַזונדערע פיר עס־עס־לייט פון פּליאַשאָווער לאַגער, וועלכע האָבן איינמאָל אין טאָג אויפ־געעפנט אונזער שטאָל, און אונז, צו צוויי פּערזאָן אויף אַמאָל, אַרויס־לאָזן צו באַפרייען זיך פון אונזערע היגיענישע באַדערפעניש, און גלייכ־צייטיק האָבן זיי אונז אויך געגעבן אין וואַגאָן וואַסער צום טרינקען.

די לעצטע דריי טעג פון דער נסיעה האָבן מיר שטאַרק צוגע־הונגערט און מיר זיינען אויסערגעוויינלעך אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון זיצן אויפן באָדן מיט איינגעבויגענע קני, ווייל וועגן ליגן אויסגעצויגן האָט ניט געקאָנט זיין קיין רייד צוליב דעם מאַנגל אין פּלאַץ.

דערפאַר אָבער זיינען אויך געווען מאָמענטן פון געוויסער מאָ־ראַלישער באַפרידיקונג, ווייל מיר האָבן שוין ביי דער דאָזיקער נסיעה געקאָנט דורך דעם קליינעם פענצטערל פון אונזער געפענגעניש צוזען דעם אָנהייב פון דעם דייטשישן חורבן.

ענדלעך זיינען מיר דעם 15טן אָקטאָבער, אין אַ זונטיק טאָג, אָנגעקומען קיין פלאָסענבורג. קיין באַנהויף האָט דאָרט ניט עקזיסטירט און מיר האָבן פּשוט אויסגעשטיגן אויף דעם פרייען פעלד, וואָס איז געווען איבערפילט מיט געשליפענע דיקע שטיינער, וואָס דינען פאַר מצבות.

ניט ווייט פון דעם פּלאַץ, וואו מיר האָבן אויסגעשטיגן, האָט געאַרבעט אַ גרופּע אינטערנירטע. זייער אויסזען האָט אויף מיר געמאַכט דעם רושם, אַז מיר זיינען געבראַכט געוואָרן אין אַן אמת'ן גיהנום.

די אינטערנירטע זיינען ניט געווען אָנגעטאָן אין איינהייטלעכע יוניפאָרם קליידער, נאָר יעדער איינער פון זיי איז געווען אָנגעטאָן אין וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. זייערע פּנים'ער זיינען געווען פאַרוויסט און פאַרשוואַרצט.

אונזערע שומרים, וואָס זיינען מיט אונז געקומען פון פליאַשאָוו, האָבן אונז מיט ביקסן אין די הענט, גרייט צום שיסן באַגלייט אין לאַגער אַריין.

## קאַפּיטל 49

# די פגישה אין לאַגער און דער ערשטער קרבן

דריי מייל האָבן מיר באַרג־אַרויף מאַרשירט, כדי צוצוקומען צו די טויערן פון דעם פּלאַסענבורגער גהינום, וואָס האָבן זיך פאַר אונז שנעל און לייכט אויפגעעפנט.

פאַר אונזערע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ גרויסער פּלאַץ, אויף וועלכן עס האָבן זיך געפונען אינטערנירטע. ווי נאָר מיר זיינען אַריינגעקומען אין לאַגער, האָט מען די מאַסע מענטשן אָנגעהויבן צו טרייבן מיט גומי־בייטשן, און אין משך פון אַ פּאָר מינוט איז קיין איינער פון זיי ניט געבליבן אויפן פּלאַץ.

דער לאַגער־עלטסטער מיטן שרייבער האָבן אונז אָפּגעציילט, לויטן שטייגער פון אַלע לאַגערן, און מען האָט אונז אָפּגעפירט אין מרחץ, מיר זאָלן נעמען אַ דוש (שאָוער).

דער דוש האָט זיך געפונען אין אַ קעלער, זייער מאָדערנע איינגעריכט. דאָרט האָט אונז באַגעגנט אַ קליין־געוויקסיקער, מאָגערער דייטש, אָנגעטאָן אין ציווילע קליידער, און אין זיין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גראָבן שטעקן. ער האָט אונז באַפוילן זיך באַלד אויסצוטאָן און אַריינגיין אין באָד־צימער. דאָס וואָסער האָט אונז באמת דערפרישט און מיר האָבן זיך טאַקע מחיה געווען. אָבער דערנאָך האָט מען יעדן פון אונז אויסגעשמירט די בצים מיט פּשוט׳ן פּעטראָל און עס האָט אונז געברענט די הויט ווי מיט פייער.

מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי צו באַקומען פרישע וועש און מלבושים. קיינער פון אונז האָט ניט געהאַט קיין רעכט אויס־

צוקלייבן די זאַכן, נאָר נעמען דאָס, וואָס אויף זיין גורל איז אַריינגעפאַלן פון די הענט פון דעם רוס, וועלכער האָט עס אונז אַרויסגעגעבן.

איך האָב דאָס זעלבע דורכגעמאַכט אין אוישוויץ מיט אַ יאָר פריער און איך האָב שוין געוואוסט, לויט מיינע דערפאַרונגען, אַז אויף מיין מזל וועט צו מיר ניט אַריינפאַלן קיין גוטע הלבשה. איך האָב אָבער געהיט מיינעביינער און האָב צוגענומען וואָס מען האָט מיר געגעבן.

איינער פון אונז, אַ כעמיקער פון וואַרשע מיטן נאָמען אַברהם פ., וועמען דער שיקזאַל האָט אַביסל געבאַלעוועט, ווייל אין די לאַגערן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט (ווי בוזין און פליאַשאָוו), איז אים ניט שלעכט צוגעגאַנגען, האָט זיך לחלוטין פאַרגעסן וואו ער געפינט זיך און האָט געמאַכט אַ באַמערקונג וועגן די הויזן, אין וועלכע ער האָט פשוט, צוליב זיין הייך, ניט געקאָנט אַריינקריכן.

דאָס קליינע דייטשל מיטן שטעקן אין האַנט האָט אים באַלד, אָן שום ווערטער, דערלאַנגט אַ שטאַרקן קלאַפּ איבערן קאָפּ און האָט אים, ווייזט אויס, געטראָפן אין די מוח־דריזן, ווייל דער אומגליקלעכער איז גלייך אומגעפאַלן טויט. אָבער דאָס האָט נאָך ניט באַפרידיקט דעם רוצח, ווייל ער האָט פאַרגעזעצט צו שלאָגן דעם טויטליגנדיקן קערפּער.

דער דאָזיקער טראַגישער פאַל האָט נאָר באַשטעטיקט דעם שלעכטן נאָמען, וואָס דער פלאָסענבורגער לאַגער האָט געהאַט ביי די אינטערנירטע אין אוישוויץ.

מיט דעם אומדערוואַרטעטן טויט פון אונזער חבר האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי קאַפּיטל פון אונזער אינקוויזיציע.

די הלבשה, אין וועלכער יעדער פון אונז איז קוים אַריינגעקראָכן, איז ניט געווען קיין לאַגער־הלבשה, נאָר אַלטע רוסישע, בעלגישע און פראַנצויזישע מיליטער־קליידער, וואָס מען האָט אַראָפּגענומען פון די אויסגעשטאָרבענע קריגס־געפאַנגענע. מיר זיינען פלוצים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָפּגעפּאַרענע סאָלדאַטן מיט אויסגעלאַטעטע

און דורכגעלעכערטע קליידער, ווי סאָלדאַטן נאָך אַ פאַרלוירענער שלאַכט.

אַרום פיר אַזייגער נאָכמיטאָג האָט מען אונז אָפּגעפירט אויפן בלאָק 24, וואָס האָט זיך גערעכנט אַלס טראַנספּאָרט־בלאָק און וועלכער איז אַליין פאַר זיך געווען אַרומגעצוימט מיט אַ דראָט און ביים טויער איז געשטאַנען אַ שמירה פון רוסישע העפטלינגע.

## קאַפּיטל 50

# אונזערע ערשטע עינויים קשים אין פלאָסענבורגער לאַגער

דער בלאָק 24 איז געווען דאָס איינציקע הויז אויס־געבויט פון ציגל, ווייל אויסער דער קיך און דער וועשעריי זיינען אַלע וואוינונגס־באַראַקן באַשטאַנען פון האָלץ. דאָס הויז האָט פאַר־מאָגט קליינע צימערן, וועלכע זיינען געווען איבערפילט מיט בעטן אין דריי עטאַזשן.

צוויי צימערן אין דעם הויז האָבן איבערהויפּט ניט געהאַט קיין פענצטער, און מען האָט מיר דערנאָך דערקלערט, אַז אין אָט די פינצטערע צימערן האָבן זיך געפונען די גאַז־קאַמערן, וואָס זיינען לעצטנס אָפּגעשאַפט געוואָרן.

דער בלאָק־עלטסטער איז געווען אַ פאָלקס־דייטש פון סודעטן־לאַנד, און זיין שנאה צו אידן איז געווען אַ עכט־נאַצישע.

אונזער גרופּע, וואָס איז לרוב באַשטאַנען פון אידן, האָט אין אים דערוועקט עשו׳ס רציחה און ער האָט באַשלאָסן ביי זיך אין אונז נוקם צו זיין.

די אַלע, וועלכע האָבן געוואוינט אויף דעם בלאָק האָבן באַדאַרפט

אָפּגעשיקט ווערן אין ווייטערע קאָמאַנדעס, אָבער ביז זייער אָפּפאָרן האָט מען זיי שטאַרק געפּייניקט.

אונזער גרופּע האָט זיך ניט געטאָרט צונויפמישן מיט די אַלטע, און מיר זיינען דעם ערשטן טאָג אָפּגעשטאַנען ביז שפּעט אין דער נאַכט אין דרויסן, אונטערן ווינט, וואָס הערשט צו יענער צייט אין דרום־דייטשלאַנד.

צום עסן האָבן מיר ווידער גאָרנישט באַקומען, ווייל מיר האָבן זיך נאָך ניט גערעכנט אויף דעם שטאַנד פון דעם לאַגער. דער הונגער און די קעלט האָבן אונז ממש קראַנק געמאַכט. און ערשט ווען עס איז געוואָרן גוט פינצטער אין דרויסן האָט מען אונז באַפוילן אַריינצוגיין אין בלאָק.

דער בלאָק־עלטסטער האָט אונז באַגעגנט מיטן שטעקן אין האַנט און אונז באַפוילן אַריינצוקריכן צו דריי אין אַ בעט פון זיבעציק סענטימעטער די ברייט, און דערצו נאָך אָן שום שטרויזעק און דעקן.

ביי צעבראָכענע פענצטער זיינען מיר צו דריי אין אַ בעט איינגעשלאָפן אַזוי געשמאַק, ווי דער נגיד אין זיין באַקוועמען, ווייכן בעט.

אַרום 4 פאַרטאָג, בעסער געזאָגט, אין דער נאַכט, ווייל אין דרויסן האָט נאָך געהערשט די פינצטערע נאַכט, האָט מען אונז אַראָפּגעשלעפּט פון די בעטן בפועל ממש אין די אונטערוועש, כדי מיר זאָלן גיין ברענגען די שוואַרצע קאַווע פון קיך.

וועגן וואַשן זיך איז לחלוטין ניט געווען קיין רייד, ווייל עס איז פּשוט ניט געווען קיין וואַש־צימער. אויסערדעם איז די אויפגאַבע פון דעם בלאָק־עלטסטן באַשטאַנען אין דעם, אַז מען זאָל אונז אין דער פינצטער אַרויסטרייבן אין הויף אַריין.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען אונזער גרופּע אָפּגעפירט צוערשט אין שפּיטאָל, וואו מיר האָבן זיך אויסגעטאָן אין דרויסן און אַן עס־עס־דאָקטאָר האָט אונז אויפן ברוסטקאַסטן אויפגעשריבן מיט אַ רויטע בליישטיפט נומערן, פּונקט ווי מען באַצייכנט בהמות אײדער זיי ווערן געשיקט צו דער שחיטה.

ווער פון אונז עס האָט באַקומען אויפגעשריבן דעם נומער 3,

האָט זיך באַטראַכט אַלס אַ גליקלעכער, ווייל מיט אַזאַ נומער האָט מען ניט באַדאַרפט, טעאָרעטיש, געשיקט ווערן אין טראַנספּאָרט אויף שווערער אַרבעט, אָבער פּאַקטיש האָט זיך די לאַגער־אַדמיניסטראַציע מיט דעם ווייניק גערעכנט. די נומערן איינס און צוויי זיינען שוין במילא געווען די גבורים און זיי האָט דערוואַרט שווערע אַרבעט.

פון דעם שפּיטאָל זיינען מיר געגאַנגען אונטער דער באַגלייטונג פון אַ דייטשישן שרייבער צו דער שרייב־קאַנצעלאַריע פון לאַגער, וואו מען האָט מיך מכבד געווען מיט אַ פרישן נומער 29003.

די נומערן האָבן די אינטערנירטע געטראָגן אויף דער לינקער זייט פון ברוסטקאַסטן און אויך אויף די הויזן פון דער רעכטער זייט.

די געשיכטע מיט די רויטע און גרינע ווינקלען פאַר די אַריער און מיט דעם מגן־דוד פאַר די אידן איז דאָ געווען די זעלבע, ווי איבעראַל אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אָבער דאָ האָט זיך שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן דער איבערפלוס פון די גרינע ווינקלען, וועלכע זיינען אַלע געווען אַ צייכן פון די דייטשישע פאַרברעכער. זיי האָבן אויף זייער געוויסן געהאַט קרימינעלע פאַרברעכנס, ווי מאָרד פון דער אייגענער פרוי אָדער עלטערן.

די מערהייט פון זיי האָט זיך געפונען אין געפענגעניש נאָך איידער היטלער איז געקומען צו מאַכט, און זיי האָבן אייגנטלעך ניט געטראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די טאַטן פון די נאַציס, אָבער זייער סימפּאַטיע איז געווען גרויס צו דעם רעזשים, וואָס איז געבוירן געוואָרן דורך פאַרברעכערישע מעטאָדן און וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך זייערע קאָלעגן־פאַרברעכער.

אויסער דעם איז די שנאה צו דעם אידישן פאָלק געווען אין זייערע הערצער שטאַרק איינגעוואָרצלט און די פאַרניכטונג פון די אידן האָט געשטימט מיט זייער וואונטש.

אַזוי ווי דער לאַגער פלאָסענבורג איז אָנגעפירט געוואָרן בלויז דורך די דאָזיקע עלעמענטן, וועט מיר נאָך אויסקומען צו שילדערן זייער טעטיקייט, אָבער איצט וועל איך פאָרזעצן די געשעענישן לויט זייער כראָנאָלאָגישן גאַנג.

אין יענעם טאָג האָט זיך דער וועטער שטאַרק געענדערט צום שלעכטן. דער רעגן האָט באַגאָסן דעם לאַגער מיט אַ סך וואַסער, וואָס האָט ממש פאַרפלייצט דעם באָדן. אָבער מיר זיינען אָן רחמנות גע־שטאַנען אין דרויסן און זיינען דורכגענעצט געוואָרן.

ווייטער זיינע מיר גאַנצע טעג געשטאַנען אין דרויסן אין דער קעלט און אונטערן רעגן און דער בלאָק־עלטסטער האָט געשלאָגן יעדן איינעם מיט זיין גראָבן שטעקן.

דאָס עסן איז געווען זייער קנאַפּ און מיר האָבן געפילט אַ שטאַרקן הונגער. מיר האָבן באַקומען טעגלעך מיטאָג־צייט דריי־פערטל ליטער זופּ און אין אָוונט 250 גראַם שוואַרץ ברויט, פול מיט שטרוי, און דערצוו אַ שטיקל זשעלאַטין, געמאַכט פון פאַרשידענע ערזאַצן.

צום רויכערן האָט מען אויך גאָרנישט באַקומען. אין אוישוויץ, צום ביישפּיל, האָט מען אין קאַנטין געקאָנט באַקומען פּאַר אַ לאַגער־מאַרק הונדערט גראַם מאַכאָרקע (האָלץ־טאַבאַק), אָדער 25 פּוילישע געוויינלעכע סיגאַרעטן. דאַגעגן, אין פּליאַשאָוו האָט קיינער ניט געוואָלט רויכערן מאַכאָרקע אָדער אָפּענעם טאַבאַק, ווייל אויף דעם לאַגער־מאַרק האָט מען פּאַר אַ פּאָר פּוילישע זלאָטעס באַקומען גוטע סיגאַרעטן „יעגיפּעטסקי״, אָבער דאָ, אין דעם מקום פּורעניות האָט מען חוץ שמעק־טאַבאַק אין דער קאַנטין גאָרנישט באַקומען.

מיר, די פּריש אָנגעקומענע, האָבן אויך דאָס ניט געקאָנט באַ־קומען, ווייל מיר האָבן ניט געהאַט מיט וואָס צו קויפן אין דער קאַנטין, אָבער די אַלטע תושבים פון דעם לאַגער האָבן ביי דער אַרבעט באַ־קומען „פּרעמיער־שיינען״. יעדן חודש אָדער זעקס וואָכן — צוויי אָדער פיר מאַרק, פאַר וועלכע די קאַנטין האָט פאַרקויפט פאַרשידענע ערזאַצן.

עס האָבן עקזיסטירט פעפער און זאַלץ ערזאַצן, אין וועלכע די אינטערבירטע זיינען געווען זייער פאַראינטערעסירט, אָבער דאָס זיינען געווען פשוט זעגעכצן פון האָלץ באַשפּריצט מיט אַן ערזאַץ־עקס־טראַקט. ביים אויפמאַכן דאָס פּאַפּיר־זעקל, אין וועלכן דאָס געוואונ־

טשענע פעפער האָט זיך געפונען, האָט מען געפילט דעם ריח פון פעפער, אָבער ביים אַריינגעבן אין דעם זופּ דעם פּולווער, איז דאָס פּשוט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין האַלץ.

דער מאַנגל אין רויכערן האָט נאָך פאַרשטאַרקט אונזער הונגער־ליידנשאַפט.

אַ וואָך צייט האָט מען אונז איבערגעלאָזן אַן אַרבעט און די צייט האָט זיך זייער לאַנג געצויגן ביי די לעבנס־באַדינגונגען, אין וועלכע מיר האָבן זיך געפונען.

אויף דער צווייטער וואָך האָט מען שוין פון אונזער בלאָק גענומען אויף אַרבעט און איך צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר חברים זיינען אַריינגעפאַלן צו אַ פּוילישן „קאַפּאָ", אַ יונגער שגץ, וועלכער האָט אונז זייער שטאַרק געפּייניקט.

אויף אַן אָקס־וואָגן האָבן מיר, פּופּצן פערזאָן, געמוזט אויפלאָדן גרויסע שטיינער פון 200, 300 פונט אַ שטיין און שלעפּן דעם וואָגן מיט דער משא פון עטלעכע טאָן באַרג־אַרויף אויף אַ שטח פון דריי מייל און דאָרט די משא אויסלאָדן.

צוריק האָבן מיר שוין געפירט אַ ליידיקן וואָגן, אָבער דאָס איז סיי ווי געווען באַרג־אַראָפּ, און מיר וואָלטן גיכער געוואָלט אים האָבן אָנגעלאָדן, כדי די משא זאָל איינהאַלטן די שנעלקייט פון די רעדער. פאַר אונז וואָלט געווען בעסער צו שלעפּן אַ ליידיקן וואָגן באַרג־אַרויף און צוריק מיט דער משא, אָבער דעמאָלט וואָלט פלאָסענבורג באַנקראָטירט.

אונזער אַרבעט איז בכלל פאַר קיינעם ניט געווען ניצלעך. זי איז נאָר צוגעטראַכט געוואָרן אויף צו פּייניקן די אינטערנירטע.

אַרויסצודרייען זיך פון דער דאָזיקער גרופּע איז געווען אוממעגלעך, ווייל דער „קאַפּאָ" האָט ביי זיך פאַרשריבן אונזערע נעמען און ער האָט אונז יעדן טאָג קאָנטראָלירט, און ווער עס האָט געפעלט, איז באַשטראָפט געוואָרן מיט 25 מלקות.

די דאָזיקע שטראָף איז געווען זייער „פּאָפּולער" אין פלאָסענבורג. יעדער בלאָק־עלטסטער האָט געהאַט אַ רעכט צו באַשטראָפן

זיינע איינוואוינער מיט מלקות, און אויף יעדן בלאָק האָט מען ביי־נאַכט געהערט ווי די באַשטראָפטע שרייען.

די אויספירער פון דער ברוטאַלער עקזעקוציע זיינען זעלבסט־פאַרשטענדלעך געווען די דייטשישע „קאַפּאָס“.

אויף אונזער בלאָק האָט מען פאַר יעדער קלייניקייט געקאָנט באַקומען מלקות, און איך האָב צוגעזען מיט וואָס פאַר אַ תענוג די דייטשישע קרימינעלע פאַרברעכערס האָלטן דעם באַשטראָפטן פאַר די פיס און פאַר דעם קאָפּ און וואַרפן אים אַריין מיט אַ גומענער בייטש די 20, 25 מלקות.

אויב דער שלעגער איז אין מיטן מיד געוואָרן, האָט אים אַ צווייטער פאַרביטן, ווייל יעדער קלאַפּ האָט געמוזט געמאַכט ווערן מיט גרויס כוונה און מיט אַ שטאַרקער קראַפט.

## קאַפּיטל 51

# מיין שטראָף און דאָס אָנקומען פון די אונגאַרישע אידן

דעם 15טן נאָוועמבער, פּונקט אַ חודש צייט נאָך אונזער אָנקומען קיין פלאָסענבורג, איז אַראָפּגעקומען דער פּראָפעסאָר מילער מיט דעם עס־עס־אָבערשאַרף־פירער ד״ר שאַפער און צוגע־נומען צוריק קיין קראָקע די עטלעכע און צוואַנציק כעמיקער, וועל־כע האָבן זיך פאַרשריבן צו אַרבעטן אויף דעם געביט פון אויפזוכן דעם נייעם גאַז. איך און מיינע פאַר חברים „סאַבאָטאַזשניקעס“ זיינען געבליבן אין דעם פלאָסענבורגער גיהנום.

אַפילו ביי די איצטיקע באַדינגונגען פון מיין לאַגער־לעבן האָב איך אויך ניט חרטה געהאַט אויף מיין אַלטן באַשלוס — ניט מיט־צואַרבעטן מיט אונזערע שונאים.

איך האָב ווייטער פאָרגעזעצט צו אַרבעטן ביי דער אויפלאָדונג פון די שטיינער, ביז אין איינעם פון די דעצעמבער־טעג, ווען אַ פשוט׳ער עס־עס־סאָלדאַט האָט איניקע פון אונזער גרופע מהנה געווען מיט קלעפּ און מיר דערביי אויסגעזעצט צוויי ציין. דער קלאַפּ מיט זיין האַרטן פויסט איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז איך בין אומגעפאַלן, און געבליבן אין חלשות׳דיקן צושטאַנד.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, ביז איך געווען פאַרגאָסן מיט בלוט, וואָס האָט געפלאָסן פון מיין מויל. מ׳האָט מיך באַלד אָפּגעפירט אין שפּיטאָל, וואו אַ פראַנצויזישער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט דעם פאַרלוסט פון צוויי ציין און האָט מיר געגעבן דריי טעג „שוינונג״.

מיינע חברים האָבן מיט מיר געשפּאַסט, אַז דאָס האָב איך שוין באַקומען דעם שכר פאַר ניט ווען אַרבעטן פאַר דער דייטשישער אַרמיי.

ווי עס זאָל ניט זיין, איז מיין שכר געוואָרן נאָך גרעסער, ווייל איך בין נאָך די דריי טעג אָפּרו צוריקגעגאַנגען צו דער ראַל־וואָגן קאָמאַנדע.

איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ גרופּע, וואָס האָט געטראָגן שטיי־נער פון אַ טיפן טאָל באַרג־אַרויף. אויסער דעם וואָס די אַרבעט האָט פאַרלאַנגט טאָפּלטע כוחות, איז אין דעם פעריאָד שוין אויסגעפאַלן אַ שניי און ס׳איז פשוט געווען אוממעגלעך צו גיין אין די הילצערנע שיך, וואָס האָבן זיך שטאַרק געגליטשט. מ׳האָט פשוט יעדן טאָג באַדאַרפט בענטשן גומל, ווען מען איז צוריקגעקומען מיט גאַנצע ביינער אין לאַגער אַריין נאָך אַזוי פיל מאָל פאַלן.

אַריינקומענדיק אין לאַגער נאָך דער אַרבעט אין איינעם פון די דעצעמבער־טעג, האָט מען אונז מודיע געווען, אַז די אַלע, וואָס וואוינען אויף בלאָק 24, וועלן באַלד באַכן אָוונטברויט פאַרלאָזן דעם בלאָק, ווייל מען דערוואַרט עטלעכע טויזנט אונגאַרישע אידן.

מיר זיינען איבערגעגאַנגען אויף בלאָק 18, און אין דעם זעלבן אָוונט זיינען טאַקע אָנגעקומען 2,500 אונגאַרישע אידן.

ווען מיר זיינען אויפן צווייטן טאָג גאַנץ פרי אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט, האָבן מיר אין הויף פון דעם בלאָק 24 געזען אויס־

געשטעלט די אָנגעקומענע אידן, פשוט אין זייער אונטערוועש, ביי דער 25־גראַדיקער קעלט.

ביים אַריינגאַנג פון דעם מרחץ איז געלעגן אַ גאַנצע מענגע פון טויטע, וועלכע מען האָט נאָך ניט געהאַט קיין צייט אָפצופירן אין קרעמאַטאָריע.

אין פלאָסענבורג האָט די קרעמאַטאָריע בכלל געאַרבעט אָן הפסקה, ווייל יעדן טאָג זיינען פאַרברענט געוואָרן אַ פּאָר הונדערט „מאַקאַבייער" (אַזוי האָט מען גערופן די קאַנדידאַטן צום קרעמאַטאָריום).

איצט איז באַשערט געווען, אַז דער פלאָסענבורגער הימל זאָל אויך אויפנעמען די נשמות פון די אונגאַרישע אידן.

איך האָב זיך שפּעטער געטראָפן מיט אַ בעמיקער פון בודאַ־פּעסט, וואָס איז געקומען קיין פלאָסענבורג מיט דער דאָזיקער גרופּע, און ער האָט פאַר מיר דערציילט זייער געשיכטע.

אין סערביע האָבן זיך געפונען עטלעכע טויזנט אונגאַרישע אידן. זיי זיינען נאָך אין יאָר 1941 מאָביליזירט געוואָרן אויף אַרבעט. לויט זייערע יאָרן האָבן זיי באַדאַרפט זיין אין מיליטער־דינסט. אָבער אַזוי ווי קיין אידן האָט מען ניט גענומען אין דער רעגולערער אַרמיי, האָט דאָס אַנטיסעמיטישע אונגאַרן געגרינדעט אידישע אַר־בעט־באַטאַליאָנען.

די דאָזיקע באַטאַליאָנען האָבן זינט 1941 געאַרבעט אויף די פעלדער אין אוקראַינע, אָבער נאָך סטאַלינגראַדער מפלה האָט מען זיי איבערגעפירט קיין סערביע.

אין חודש יאַנואַר, 1944, האָט די אונגאַרישע רעגירונג אַרויס־געפאָדערט די אידישע באַטאַליאָנען צוריק קיין אונגאַרן און זיי אי־בערגעבן צו די דייטשן, וועלכע האָבן זיי געטריבן 500 מייל צופוס, כמעט אָן עסן.

דריי וואָכן צייט האָט געדויערט זייער וועג ביז זיי זיינען געקומען קיין פלאָסענבורג, און לויט זיין דערציילונג איז אַ העלפט פון זיי פאַרלוירן געגאַנגען אין וועג.

בשעת כ'האָב אויסגעהערט די דערציילונג פון מיין קאָלעגע, האָב

איך ניט געוואוסט, אַז מיט עטלעכע חדשים שפּעטער וועט מיר אַליין אויסקומען איבערצולעבן דאָס זעלבע און מיין מוח האָט ניט געקאָנט באַנעמען, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ מענטשלעכער כוח, וואָס קאָן איבער־טראָגן אַזוינע שווערע נסיונות, ווי די דאָזיקע אידישע „אונגאַרישע באַטאַליאָנען" האָבן געהאַט אויסצושטיין אין וועג.

די יעניקע, וואָס זיינען שוין נעבעך געלעגן טויט ביים מרחץ, האָבן געמוזט דאָס אַלץ דורכמאַכן, און ערשט אַריינקומענדיק אין לאַגער אָפּגעבן זייערע הייליקע נשמות.

מיטן אָנקומען פון די אונגאַרישע אידן האָט זיך די צאָל פון די אידן אין פלאָסענבורג אויף איינמאָל פיל פאַרגרעסערט, אָבער דאָס האָט אָנגעהאַלטן נאָר עטלעכע טעג, ווייל זיי זיינען באַלד נאָכ־דעם אָפּגעשיקט געוואָרן אין אַרבעט־קאָמאַנדעס.

פלאָסענבורג איז געווען דער צענטער פון אַ סך אַרבעט־לאַגערן, וועלכע האָבן זיך שטאַרק פאַרצווייגט נאָך דעם עוואַקואירן פון די לאַגערן אין אָבערשלעזיע (וואָס איז שוין געשען אין אָנהייב פון 1945), אָבער ביז סוף 1944 זיינען פיל אָפּגעשיקט געוואָרן אין דעם איינציקן אַרבעט־לאַגער „הערצבורג", וואו די אַרבעט־באַדינגונגען האָבן פאַר־ניכטעט טויזענטער און טויזנטער נפשות.

עס איז דאָרט געבויט געוואָרן אַן אונטערערד־טונעל אויף פיל מיילן, וואָס האָט אין זיך איינגעשלונגען פיל מענטשלעך בלוט און פיל אידן זיינען דאָרט אומגעקומען.

## קאַפּיטל 52

# דער אַכטצנטער בלאָק מיט דעם אידן־פרעסער ווילי

דער 18טער בלאָק איז פאַקטיש געווען אַ מאַגאַ־זין־בלאָק, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען די אָנגערויבטע ביי די אידן זאַכן. אָבער מיטן אָנקומען פון די אונגאַרישע אידן האָט מען

דעם בלאָק אויף אַ שנעלן אופן פאַרוואַנדלט אין אַ וואוינונגס־באַראַק, כדי אונז פון דעם באַראַק 24 אַהין אַריבערפירן. דאָס איבערגיין פון איין באַראַק אויפן צווייטן איז אויך צוגעגאַנגען לויט אַ באַשטימטן פלאַסענבורגער נוסח.

מען האָט אונז אויף אַ שנעלן אופן אַרויסגעגעבן דאָס שטיקל פּאַרציע ברויט מיט דעם פּאַרקילטן שטיקל „ערזאַץ־זשעלאַטין", און ניט לאַזנדיק קיין צייט אויף אַראָפּצושלינגען דעם ערשטן ביסן, האָט מען אונז תיכף אַרויסגעטריבן אין דרויסן, ביי אַ פראָסט פון 25 גראַד קעלט, און נאָכדעם ווי מען האָט יעדן איינעם באַזוכט, אויב ער האָט ניט חלילה ביי זיך באַהאַלטן אַ פאַרזשאַווערטן אייזערנע לעפל, האָט מען אונז, צו פינף אין אַ שורה, געפירט צום בלאָק 18, וואָס האָט זיך געפונען 200 פוס ווייט.

דאָרט זיינען ווידער אַלע, אין דער צאָל פון איבער טויזנט מאַן, אַ פּאָר שעה געשטאַנען אין דרויסן, און ערשט נאָכדעם ווי מיר זיינען היפּש דורכגעפרוירן געוואָרן, האָט מען אונז אָנגעהויבן אַריינלאָזן אין בלאָק, וואו אַ פּאָר דייטשישע פאַרברעכערס האָבן אונז מיט שטעקנס געשלאָגן און געצוואונגען צו קלעטערן אין די בעטן מיט דעם גאַנצן שמוץ, וואָס מיר האָבן אָנגענומען אויף אונזערע הילצערנע שיך.

עס איז מערקווירדיק, וואָס פּאָר אַ קראַפט דער שטעקן האָט אין זיך, אַז אַפילו די רוסן און פּאָליאַקן האָבן געזוכט אויסצומיידן די קלעפּ און אין משך פון צען מינוט זיינען שוין אַלע, צו דריי אָדער צו פיר, געלעגן אויף די הוילע ברעטער, צונויפגעדריקט ווי סאַרדינען.

אין דעם מאָמענט, ווען די געפאַר פון דעם שטעקן האָט געדראָעט איבער אַלע אָן שום אויסנאַם און אָן אונטערשייד פון ראַסן, האָבן אונזערע שונאים, די פּאָליאַקן און די אוקראַאינער, פאַרגעסן אין זייער אידן־שנאה, און אין דער איינציקער נאַכט האָט ווירקלעך געהערשט פרידן, ווייל די אידישע מינדערהייט האָט זיך געפונען צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע בעטן פון דעם בלאָק, אויסגעמישט מיט די גויים.

לײדער האָט די דאָזיקע פּרײַנטשאַפט אָנגעהאַלטן נאָר אײן נאַכט, װײַל אױפן צװײטן טאָג האָט דער בלאָק־שרײַבער, אַ פּאָליאַק, צונױפגעשטעלט אַ רשימה פון אַלע אידן און פאַר זײ איז אָפּגעגעבן געװאָרן אַ ספּעציעל װינקל, װאָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן „געטאָ".

אױסער דעם בלאָק־שרײַבער, האָט זיך אױף דעם בלאָק געפונען נאָך אַ גרױסער שונא ישראל — אַ דײַטשישער „קאַפּאָ" מיטן נאָמען װיליע. ער האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געטראָגן אַ גרינעם װינקל, אַלס אַ קרימינעלער פאַרברעכער, און האָט שטאַרק הנאה געהאַט צו שלאָגן די אידן.

דעם דאָזיקן רוצח װעל איך קײנמאָל ניט פאַרגעסן און איך װאָלט שטאַרק געװאָלט זיך מיט אים טרעפן איצט. כאָטש בײַ אידן איז ניט קײן שײנע מידה צו נעמען נקמה, װײַל נאָר דעם רבונו־של־עולם איז דערלױבט זיך אָפּצורעכענען פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט, אָבער איך װאָלט זיך שױן די דאָזיקע עבירה דערלױבט.

איך טראָג קעגן דעם דאָזיקן סאַדיסט אַ גרױסע שנאה, װײַל ער האָט זיך דערלױבט אױסצופירן איבער מיר אַ טעראָריסטישן אַקט, װאָס האָט געקאָסט קאָסטן מײַן לעבן און װאָס פאַרשאַפט מיר נאָך ביז הײַנט צײַטנװײַז גרױסע יסורים.

עס איז כדאי צו באַרירן דעם דאָזיקן אינצידענט, כדי צו באַ־װײַזן דער גאַנצער ציװיליזירטער װעלט, װאָס אײגנטלעך פאַר אַן אַחריות עס טראָגן די דײַטשישע אינטערנירטע אין באַצוג צו אונז אידן.

מיט אונזער גרופּע כעמיקער איז געקומען קײן פלאָסענבורג אַ באַװאוסטער דאָקטאָר־כעמיע װינטענבערג. ער האָט אײגנטלעך גע־שטאַמט פון אַ אידישער משפּחה אין פּראַג, אָבער ער האָט לאַנגע יאָרן געװאױנט אין דער שװײץ, װאו ער האָט זיך פאַרשאַפט אַ שײנעם נאָמען אין דער אַקאַדעמישער װעלט. אַלס כעמיקער איז ער אױך געװען דער טעכנישער ראַטגעבער פון דעם קאָנסאָרציאום „שיכט" אין אײראָפּע, און ער איז געשעפטלעך גאַנץ אָפט געקומען קײן פּראָג.

בײַ אײנעם פון אָזעלכע װיזיטן אין דער טשעכישער הױפּט־

שטאָט, האָט די היטלער־אַרמיי באַזעצט דאָס לאַנד און ער האָט שוין ניט געהאַט קיין צייט זיך צו ראַטעווען. דאָך האָט ער אונטערגענומען אַן אומלעגאַלע רייזע און די דייטשן האָבן אים געכאַפּט ביי דער שווייצאַרישער גרענעץ.

פאַר אַזאַ פאַרברעכן האָט מען אים געקאָנט פאַר'משפט'ן צום טויט, אָבער די עס־עס־לייט, פאַר וועלכע ער האָט אין דער תפיסה פאַבריצירט אַלקאָהאָל אויף אַ גאַנץ פּרימיטיוון אופן, האָבן אים ניט איבערגעגעבן צום געריכט, נאָר געהאַלטן צוואַנציק חדשים אין דער באַקאַנטער פּראַגער געפענגעניש „פּאַנקראַץ", און אין דעם זומער פון 1944 איז ער אויך אַראָפּגעבראַכט געוואָרן, לויטן באַפעל פון הימלערן, קיין פליאַשאָוו. דאָרט האָב איך זיך מיט אים שטאַרק באַפריינדעט און ער האָט מיט מיר סאַבאָטירט דעם פּראָיעקט אויסצוגעפינען דעם נייעם גאַז.

אין פליאַשאָוו האָט ער שטאַרק געליטן אויף די פיס, און פון דער לאַנגער, פיינלעכער רייזע קיין פלאָסענבורג און פון די לאַנגע קאָנטראָלן אונטער רעגן, איז ער פּאַראַליזירט געוואָרן אויפן לינקן פוס און מען האָט אים דאַן אויפגענומען אין שפּיטאָל.

וואָכנלאַנג האָב איך ניט געהאַט פון אים קיין שום ידיעה, ווייל עס איז פאַרבאָטן געווען צו גיין אין שפּיטאָל. אין איינעם פון די דעצעמבער־נעכט, שטייענדיק אין דער רייע צו באַקומען מיין אָוונט־ברויט, האָט מיר אַ טשעך געבראַכט אַ צעטל פון מיין אומגליקלעכן חבר ווינטענבערג עליו־השלום, אין וועלכן ער בעט מיך מיטגיין מיט דעם צעטל־ברענגער, וואָס וועט מיך צו אים אָפּפירן בסוד.

אַזוי ווי איך האָב נאָך געהאַט זייער לאַנג צו שטיין אין דער ריי ביז עס וועט צוקומען צו מיר, האָב איך באַשלאָסן די בקשה פון מיין פריינט אויסצופילן און אויסנוצן די געלעגנהייט זיך צו זען מיט אים.

גרויס איז געווען אונזער ביידנס פרייד נאָך אַזאַ לאַנגער הפסקה, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען, און מיר האָבן זיך ניט געקאָנט אָנזעטיקן מיט רייד. דערפאַר אָבער, קומענדיק צוריק אויפן בלאָק, האָב איך

שוין ניט געפונען קיין ברויט אויסגעלייגט אויפֿן טיש. דער הונגער האָט מיר שטאַרק געפּייניקט און איך האָב זיך געווענדט צום ברויט־אויסטיילער, אַ טשעך, און אים געבעטן מיר אַרויסגעבן מיין פּאַרציע ברויט, וואָס איז פֿאַרשלאָסן אין זיין שאַפֿע.

אָבער אַנשטאָט אויסצופירן מיין בקשה, האָט ער באַלד אָנגעהויבן שרייען און רופן צו הילף דעם באַקאַנטן ווילי.

דעם אָוונט האָט דעם רוצח ווילי ניט געגליקט, ווייל עס איז קיינער ניט אַריינגעפאַלן אין זיינע הענט, דערפֿאַר האָט ער זיך דערפרייט איבער דעם קרבן, וואָס איז איצט צו אים אין די הענט גאַנץ אומדערוואַרט אַריינגעפאַלן.

איך האָב באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז דער ענין נעמט אָן אַ שלעכטן דרך, אָבער עס איז שוין געווען צו־שפּעט זיך צוריקצוציען. דער דאָזיקער רוצח האָט מיר מיט זיין שטאַרקן פויסט אָפּגעציילט אַ פּאָר שיינע פּעטש, וואָס האָט מיך אַביסל פאַר׳שיכור׳ט. דערנאָך האָט ער גענומען אַ גומענע שלויך און מיט דער גאַנצער קראַפט אָנגעהויבן מיך שלאָגן איבער דעם הוילן קאָפּ. ביז דער צאָל 16 בין איך נאָך געווען ביי די געדאַנקען, אָבער דערנאָך בין איך אומגעפאַלן און שוין ניט געפילט די ווייטערע קלעפּ.

ווי מ׳האָט מיר דערנאָך דערציילט, האָט ער מיר דאָך אָפּגעציילט פינף־און־צוואַנציק קלעפּ.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט בין איך געלעגן אין דער פינצטער אויפן באָדן פון וואַש־צימער, פון וואַנען מען וואָלט מיך אויף געוויס אין דער פרי געווען אָפּגעפירט אין קרעמאַטאָריע.

אָבער מיין ווידערשטאַנדס־קראַפט האָט מיר צוריק אומגעקערט מיין נאָרמאַלן געדאַנק און איך האָב פאַרשטאַנען צו האַלטן מיין קאָפּ אַ היפּשע צייט אונטער דעם פליסיקן קאַלטן וואַסער, וואָס האָט מיך געראַטעוועט.

אַלס קאָמפּענסאַציע בין איך אין דער דאָזיקער נאַכט געשלאָפן בהרחבה אין אַ צימער. אמת, אויפן נאַסן באָדן און מיט אַ טויטן שכן, וואָס איז פון די קלעפּ געשטאָרבן, אָבער עס איז דאָך געווען בעסער ווי

זאַלבעפערט אין אַ בעט פון פערציק סאַנטימעטער. אויסער דעם האָבן די וואַנצן אין דער דאָזיקער אומגליקלעכער פאַר מיר נאַכט ניט געהאַט די שליטה איבער מיר.

## קאַפּיטל 53

# די כינים און פלעקן טיפוס אין פלאָסענבורגער לאַגער און מיין חלום

אַחוץ די וואַנצן און די פליי, איז דער לאַגער געווען פול מיט כינים, וואָס האָבן פאַרשפּרייט פאַרשידענע אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן, צום מייסטן פלעקן־טיפוס...

מען קאָן ניט באַשולדיקן די אַדמיניסטראַציע פון דעם לאַגער, אַז זי האָט ניט אָנגענומען קיין מיטלען צו פאַרניכטן דעם דאָזיקן געפערלעכן מענטשלעכן שונא. אַלע צוויי טעג איז דערקלערט געוואָרן אויף יעדן בלאָק אַ „לויזע־קאָנטראָל״, וואָס איז צוגעגאַנגען זייער ערנסט. מען האָט באַדאַרפט צוערשט דורכגיין דעם קאָנטראָל, כדי צו באַקומען דעם אָוונט־ברויט, אַזוי אַרום האָט יעדער איינער געמוזט, ווילנדיק צי ניט ווילנדיק, די דאָזיקע פּראָצעדור דורכמאַכן.

אויף אונזער בלאָק האָט זיך מיטן „לויזע־קאָנטראָל״ באַשעפטיקט אַ קאָמיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פון רוסן און דייטשישע ציגיינער. צוויי פון זיי האָבן געזוכט די כינים אין העמד וואָס דער אינטערנירטער האָט פאַר זייערע אויגן פון זיך אַראָפּגענומען, און אויב מען האָט אין העמד גאָרניט געפונען, האָט זיך דער באַטרעפנדער געשטעלט אויף אַ שטול, אַראָפּגעלאָזט זיינע הויזן און צוויי מיטגלידער פון דער קאָנטראָל־קאָמיסיע האָבן מיט עלעקטרישע לאָמפּן געזוכט די חיה אין די אונטערהויזן.

אויב ס׳האָט זיך פאַר זיי באַוויזן אַ איד, ווען זיי האָבן דער־

קענט נאָכן אַראָפּלאָזן די הויזן, האָבן זיי שוין ניט געוואָלט נאָכזוכן און האָבן באַלד אויפגעשריבן זיין נומער.

אַרום 10 אַזייגער אין אָוונט, ווען אַלע האָבן שוין דעם קאָנטראָל דורכגעמאַכט, האָבן זיך די אַלע, וואָס זיינען אויפגעשריבן געוואָרן, אויסגעשטעלט אין דרויסן, און נאָכדעם ווי די רשימה איז דורך דעם בלאָק־שרייבער דורכגעלייענט געוואָרן און די צאָל פון די אַנוועזנדיקע האָט געשטימט, איז די גרופּע אָפּגעפירט געוואָרן אין מרחץ.

דער יעניקער, וואָס איז אויפגעשריבן געוואָרן און האָט זיך ניט צוגעשטעלט אויף צו גיין אין מרחץ, האָט אויפן צווייטן טאָג פאַר יעדן אין די אויגן באַקומען 25 מלקות.

עס זיינען געווען צווישן די רוסן אַזעלכע וואָס זיינען יעדע וואָך אַריינגעפאַלן מיט זייערע כינים, און פיל פון זיי האָבן בעסער אָנגענומען די פיזישע שטראָף פון מלקות, איידער צו גיין אין באָד אַריין.

איך אַליין האָב נאָר איינמאָל דורכגעמאַכט די דאָזיקע דיזענ־פעקציע און עס ליגט מיר נאָך אין טעם די דאָזיקע שווערע ווינטער־נאַכט.

צוויי יונגע רוסן האָבן אונז, אין דער צאָל פון 300 מאַן, אַריינ־געטריבן, אונטער קלעפּ פון נאַגאַיקעס, אין אַ קליין צימערל, אין וועלכן מיר האָבן זיך באַדאַרפט אין איין אויגנבליק אויסטאָן נאַקעט.

דערנאָך זיינען מיר שוין אַריינגעטריבן געוואָרן אין באָד־צימער, וואו מיר זיינען פון רערן באַגאָסן געוואָרן מיט קאַלטן וואַסער. די גאַנצע נאַכט זיינען מיר געבליבן שטיין נאַקעט אין דעם באָד־צימער און מיר זיינען שיר־ניט דערפרוירן געוואָרן פון קעלט.

ערשט פיר אַזייגער פאַרטאָג האָט מען אונז, ווידער אונטער קלעפּ פון נאַגאַיקעס, אויסגעטיילט די מלבושים, וואָס מיר האָבן געמוזט בליץ־שנעל אויף זיך אַרויפוואַרפן.

די וועש און די מלבושים זיינען ניט געווען קיין פרישע, נאָר אונזערע אַלטע, שמוצקע זאַכן, וואָס מען האָט נאָר דיזינפעקציאָנירט.

נאָך אַזאַ שווערע נאַכט זיינען מיר אַרויסגעקראָכן פון מרחץ־

קעלער מידע און צעבראָכענע און האָבן באַלד געמוזט גיין צו דער אַרבעט.

אַזאַ סיסטעם פון כינים־פאַרניכטונג האָט גיכער געפירט צו דער פאַרניכטונג פון דעם מענטשן, ווייל די שעדלעכע קליינע חיה האָט זיך דערנאָך שנעלער אַנטוויקלט דורך דעם שווייס פון דעם אָפּגעשוואַכטן קערפּער און איז געוואָרן וואָס מער געפערלעך.

און אויף דעם בלאָק אַליין האָבן זיך די כינים ניט פאַרמינערט.

ווען די בלאָק־עלטסטע זאָלן די זאַך געווען נעמען ערנסט, וואָלטן זיי באַדאַרפט דעם גאַנצן בלאָק שיקן אויף איין נאַכט אין מרחץ אַריין און אַלע זאַכן, וואָס געפינען זיך אויפן בלאָק און דעם באַראַק אַליין אונטערוואַרפן אַ געוויסער דיזינפעקציע.

מיט דעם וואָס זיי האָבן צוויי מאָל אין וואָך געשיקט נאָר אַ געוויסע גרופּע צו דער דיזינפעקציע, האָבן זיי פאַקטיש די גאַנצע אָפּעראַציע צונישט געמאַכט, ווייל די יעניקע, וואָס האָבן שוין דורכגעמאַכט די ביטערע נאַכט אין מרחץ און זיינען אַפילו באַפרייט געוואָרן פון די לייז, האָבן זיי צוריק באַקומען שלאָפנדיק צוזאַמען מיט זייערע פאַרלייזטע חברים.

די קראַנקהייטן זיינען אַ דאַנק דעם אויך ניט פאַרמינערט געוואָרן, און איך האָב פונקט צוויי וואָכן נאָך מיין דורכמאַכן די דאָזיקע שווערע דיזינפעקציע־נאַכט באַקומען הויכע היץ.

צוויי טעג בין איך געגאַנגען צו דער אַרבעט און האָב ממש געברענט פון היץ. אויפן דריטן טאָג אין דער פרי האָט מיך דער בלאָק־שרייבער אַליין אָפּגעפירט אין שפּיטאָל, וואו מ׳האָט מיך אָן שום שוועריקייטן אויפגענומען, ווייל מיין טעמפּעראַטור האָט שוין איבערגעשטיגן 105 גראַד.

מיט דעם צימער 3 פון שפּיטאָל־בלאָק 14, וואו עס זיינען געלעגן די שווערע קראַנקע, ביי וועלכע דער דיאַגנאָז איז נאָך ניט געווען פעסטגעשטעלט, האָט אָנגעפירט אַ פראַנצויזישער קריסטלעכער דאָקטאָר, וועלכער האָט זיך צו די קראַנקע באַצויגן גוט.

אויפן צווייטן טאָג פון מיין זיין אין שפּיטאָל האָב איך באַקומען

אַ הייסן דוש און בין צוגעשטעלט געוואָרן צום עס־עס־דאָקטאָר שמיד, פון וועלכן עס איז פּאַקטיש אָפּהענגיק געווען מיין ווייטער פאַרבלייבן אין שפּיטאָל.

מיין קערפּער האָט ניט באַוויזן קיין שום פלעקן, אָבער די טעמ־פּעראַטור איז געווען צו־הויך, כדי ניט צו פאַרדעכטיקן דעם פלעקן־טיפוס.

דער עס־עס־דאָקטאָר שמיד האָט מיך איבערגעלאָזט נאָך אויף דריי טעג אין דעם זעלבן צימער און איך בין געלעגן איינער אַליין אין אַ בעט און געפלאַמט פון גרויסער היץ.

דער פראַנצויזישער דאָקטאָר האָט מיר געגעבן אַספּירין־טאַב־לעטן און געזען, אַז די קאַלטע קאָמפּרעסן אויף מיין קאָפּ זאָלן מיר ניט אויספעלן.

נאָכן צווייטן וויזיט ביי דעם ד״ר שמיד האָט מען מיר מיין נומער אויפגעשריבן אויף דער פּלייצע און אויף די פיס און אָפּגע־שיקט אויפן בלאָק 13, וואו עס האָט זיך געפונען אַן איזאָלירטער צימער פאַר טיפוס־קראַנקע.

ווי מען האָט מיר דערנאָך דערקלערט, זיינען אין דעם צימער געשיקט געוואָרן קראַנקע, וואָס וועלן, לויט דעם דיאַגנאָז פון דעם עס־עס־מאַן דאָקטאָר שמיד, מער ניט אַרויס לעבעדיק פון דער קראַנק־הייט. דערפאַר האָט מען מיר אויפגעשריבן מיין נומער און אַריינגע־לייגט אין אַ בעט מיט נאָך צוויי קראַנקע.

מען האָט מיר אויסער וואַסער קיין שום מיטל ניט געגעבן און איך בין אַלץ געבליבן ביי מיינע נאָרמאַלע געדאַנקען. איך האָב געזען, ווי מען האָט מיינע שכנים איינציקווייז אַרויסגעשלעפּט שוין טויטע, און איך בין געבליבן אַליין אין בעט.

אויפן זעקסטן טאָג פון מיין געפינען זיך אין דעם טויטן־שטיבל בין איך איינגעשלאָפן אין אַ שטאַרקן שלאָף.

עס חלומ׳ט זיך מיר, אַז אַגענטן פון דער דייטשישער געסטאַפּאָ זיינען אין דער נאַכט געקומען נאָך מיר און רייסן די טיר פון מיין וואוינונג.

אין מיין שלאָף־העמד בין איך אויף גיך אַרויס פון בעט, געכאַפּט מיין קינד אויף די הענט און בין מיט אים אַרויס דורך אַ פענצטער.

די ערד איז געווען באַדעקט מיט אַ טיפן שניי און איך בין געלאָפן אָן אויפהער ביז איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן גרוב.

דער שניי האָט מיך דערוואַרעמט און איך וויל צודריקן מיין זון צו זיך, אָבער דאָס קינד איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

איך האָב זיך שטאַרק צעוויינט פון גרויס ווייטיק און בענקשאַפט און בין איינגעשלאָפן.

פלוצלינג פיל איך, ווי עמיצער וועקט מיך.

איך עפן די אויגן און דערזע פאַר זיך מיין טאַטעניו, הרב ז״ל, אָנגעטאָן אין זיין שאָפּענעם ווינטער־טולופּ, אין וועלכן ער פלעגט אין די ווייסע אוקראַינער ווינטער־נעכט מאַכן מיט אונז קינדער אַ שפּאַציר אין אַ שליטן איבער דעם טיפן שניי־טעפּיך, וועלכער האָט געקרעכצט אונטער די שינעס פון שליטן.

ער שטרעקט אויס אַ שטיקל ווייסע חלה מיט אַ שטיקל עוף און זאָגט צו מיר פאָלגנדיקע ווערטער:

„זון מיינער, זאָרג זיך נישט, דו וועסט אם־ירצה־השם געראַטעוועט ווערן, דערוויַיל נעם דאָס שטיקל חלה און מאַך המוציא!״...

דער טעם פון דעם דאָזיקן שטיקל ווייסע חלה ליגט מיר נאָך אויך איצט אין מויל. איך בין דערמיט אָנגעזעטיקט געוואָרן פאַר דער צייט פון מיין הונגערן אין די לאַגערן.

ווי נאָר איך האָב זיך אין דער אמת׳ן אויפגעכאַפּט פון מיין שלאָף, האָב איך דערפילט, אַז איך ליג אין אַ טייך פון שווייס.

דאָס איז געווען דער קריזיס פון מיין טיפוס־קראַנקהייט.

די היץ איז תיכף אַראָפּגעפאַלן און איך בין געלעגן אינגאַנצן אַ טויט־אָפּגעשוואַכטער.

מיין קריזיס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן טומל אין שפּיטאָל און די ידיעה האָט זיך פאַרשפּרייט איבער אַלע באַראַקן, ווייל אַלע דאָקטוירים־אינטערנירטע זיינען געקומען אויף מיר אַ קוק געבן.

אַלע מיינע נייגעריקע באַזוכער האָבן מיר כאַטש עטוואָס גע־בראַכט צום עסן, און מיין המוציא, וואָס מיין טאַטעניו ע״ה האָט מיר געבראַכט אין חלום, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווירקלעכקייט.

די ידיעה וועגן מיין געזונט ווערן איז אויך אָנגעקומען צום הויפּט דאָקטאָר שמיד, וואָס האָט מיך, פאַר כעס, פינף טעג נאָכן קריזיס, אָן אָפּגעשוואַכטן, אָן שום כוחות אַפילו צו שטיין אויף די פיס, אויסגעשריבן אויפן בלאָק צוריק צו דער אַרבעט.

צוויי געטרייע חברים, פראַנצויזישע אידן, וועלכע זיינען שפּע־טער אומגעקומען, האָבן מיך יעדן טאָג געפירט אונטער מיינע אָרעמס צו דער אַרבעט, און דאָרט האָט מיך דער קאַפּאָ אַביסל געשאַנעוועט.

איך בין אין משך פון צוויי וואָכן צייט ניט געגאַנגען אויף מיינע אייגענע פיס, עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך גיי אויף קוליעס.

## קאַפּיטל 54

# דאָס געלע בענדל פאַר אידן און דער שיקזאַל פון די כעמיקער

אין חודש יאַנואַר, 1945, זיינען דערגאַנגען ידיעות, אַז די רוסן האָבן אָנגעהויבן זייער ווינטער־אָפענסיווע און אַז דער לאַגער אוישוויץ איז שוין דורך זיי באַפרייט געוואָרן.

דער ערשטער געדאַנק, וואָס האָט געבויערט מיין מוח, איז געווען דער גורל פון אונזערע קאָלעגן, וועלכע זיינען צוריקגעשיקט געוואָרן קיין פּליאַשאָוו, קראָקע: צי זיינען זיי שוין פרייע מענטשן, אָדער זיי זיינען חס ושלום אומגעקומען דורך די עס־עס־לייט?

אין לאַגער איז דער רעזשים, אין באַציאונג צו די אידן, געוואָרן פיל שטרענגער, און כדי מען זאָל אונטערשיידן אַ אידן פון אַן אַריער, האָט דער קאָמענדאַנט באַפוילן, אַז די אידן זאָלן אויסער זייערע מאַטריקול־נומערן צונייען אַ געל בענדל אויפן רעקל און אויף די הויזן.

די בלאָק־עלטסטע און די שרייבער האָבן די דאָזיקע גזירה דורכגעפירט מיט גרויס חשק און האָבן שוין ווייטער געטאָן אַלץ, כדי צו דערגיין די אידן די יאָרן.

די לויז־קאָנטראָלן האָבן זיך שוין צוגעגעסן, און אום צו באַ־פרידיקן, אַז דער מרחץ זאָל ניט בלייבן אָן קונדשאַפט, האָט מען פשוט פאַרשריבן די אידן אַליין אַלס פאַרלויזטע און זיי זיינען אָן שום קאָנטראָל געשיקט געוואָרן זיך מאַטערן דאָרט אַ גאַנצע נאַכט.

ביזן טראָגן די געלע בענדלעך האָט נאָך אַ איד געקאָנט זיך באַזאָרגן אויפן מאַרק מיט אַ זופּ, אָדער קריגן עטוואָס אין דער קאַנ־טין פאַר די געלט־מאַרקן, וואָס מען באַקומט ביי דער אַרבעט. אָבער נאָכדעם ווי די אידן זיינען אַזוי גרויסאַרטיק דעקאָרירט געוואָרן, איז זייער לעבן אין לאַגער געוואָרן אַ ריכטיקע אינקוויזיציע.

די פּאָליאַקן און אוקראַינער האָבן געזוכט יעדעס מאָל צו פּראָ־וואָצירן די אידן, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט צוצונעמען ביי זיי זייער שטיקל ברויט.

יעדער פון אונז האָט געדאַרפט גוט אַכטונג געבן און אָפּטרעטן דעם וועג יעדן דייטשישן אינטערנירטן, אויב מען האָט ניט געוואָלט כאַפּן אַ קלאַפּ אין די זייטן.

דער ערשטער טראַנספּאָרט אידן, וואָס איז עוואַקואירט גע־וואָרן פון פּליאַשאָוו דעם 16טן יאַנואַר, איז אָנגעקומען קיין פלאָסענבורג אין דעם חודש פעברואַר. עס איז ממש געווען אַ שרעק צו זען ווי אויסגעמוטשעטע און אויסגעהונגערט די דאָזיקע אומגליקלעכע נפשות זיינען געווען בשעת זייער אָנקומען אין לאַגער. מען האָט ניט געקאָנט אין זיי דערקענען די פריערדיקע תושבים פון פּליאַשאָוו, וואָס האָבן פּאַקטיש ביז דעם מאָמענט ניט געזען פאַר זיך קיין אמת׳ן קאָנצענ־טראַציע־לאַגער.

לויט זייערע דערציילונגען זיינען אַלע אָנגעקומענע באַשטאַנען בלויז פון גבורים, ווייל עס איז באמת ניט געווען קיין מענטשלעכער כוח איבערצוטראָגן די אַלע עינויים־קשים, וואָס זיי האָבן געהאַט אויס־צושטיין אין וועג.

ליידער האָבן נאָר צוואַנציק פּראָצענט אויסגעהאַלטן די דריי־וואָכנדיקע נסיעה אין אָפענע וואַגאָנען, אונטערן שניי און אָן שום צדה לדרך. די איבעריקע זיינען אויסגעפרוירן געוואָרן אָדער דערשאָסן געוואָרן.

וועגן דער גרופּע כעמיקער האָבן זיי אונז איבערגעגעבן זייער טרויעריקע ידיעות.

די כעמיקער זיינען מיטגעגאַנגען מיט זיי ביז דעם לאַגער גלייוויץ אין אַ באַזונדערן וואַגאָן, באַגלייט דורך זייער שעף, ס. ס. אָבערשאַרף פירער ד"ר שאָפער, אָבער דאָרט האָט מען זיי אָרונטער־גענומען און זייער וויטערער שיקזאַל איז געבליבן פאַר זיי אומבאַקאַנט.

איך האָב שוין געוואוסט וואָס עס הייסט, ווען מען נעמט אַרונטער אַ גרופּע און מען איזאָלירט זיי...

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען ביים קאָנטראָל אַרויסגע־רופן ביי אונז אין לאַגער אַלע כעמיקער, צווישן וועלכע איך בין אויך געווען, און אונז באַפוילן צו מעלדן זיך גלייך צום אַרבעטסאַמט.

איך האָב קעגן מיין ווילן געמוזט מיטגיין. און ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב פאַר זיך דערזען דעם דאָזיקן עס־עס־„אינטעליגענט", דעם ד"ר שאָפער.

ער האָט אין מיינע אויגן אויסגעזען, מיט זיינע פאַרבלוטיקטע הענט אין ווייסע הענטשקעס, ווי אַ גזלן פון די ברייטע שליאַכן, וויל ער האָט באַשטימט געהאַט אַ גרויסן חלק אין דעם טרויעריקן שיקזאַל פון מיינע חברים־כעמיקער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין קראָקע

ער איז געקומען קיין פלאָסענבורג פאָרצוזעצן די שוין אָנגע־הויבענע אַרבעט און ער האָט פאַרלאַנגט פון אַרבעטסאַמט, די רשימה פון אַלע כעמאקער, וואָס געפינען זיך אין דעם לאַגער.

מיט צוויי טעג שפּעטער האָט מען מיך פון דעם שטיינברוך אַרויסגערופן צום עקזאַמען פאַר אַן עס־עס־קאָמיסיע, אין וועלכער עס האָט זיך באַטייליקט, אויסער ד"ר שאָפער, דער ציוויל־פּראָפעסאָר מילער, וואָס האָט מיך שוין געקענט פון פליאַשוו.

דער עקזאַמען איז געווען אַ רייך־ווויסנשאַפטלעכער און האָט

געטראָגן אַן ערנסטן כאַראַקטער, ווייל פון 36 צוגעשטעלטע פון אַלע מינים כעמיקער זיינען נאָר 16 פון זיי (איך בתוכם) באַשטימט געוואָרן אין דער ניי־געגרינדעטער כעמיקער־קאָמאַנדע.

מען האָט פאַר אונז אָפּגעגעבן אַ חדר מיוחד אין אַ ווערקשטאַט, אין וועלכן מען האָט אַריינגעשטעלט טישן און בענק, אָבער די ריכטיקע מכשירים, וואָס זיינען פאַקטיש נייטיק פאַר אַ לאַבאָראַטאָריע, האָבן זיך דאָרט ניט געפונען.

די ערשטע טעג האָבן מיר ניט געהאַט וואָס צו טאָן און מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען דעם צוועק פון דער דאָזיקער נייער קאָמאַנדע.

דעם אמת זאָגנדיק האָבן מיר דערפון קיין גרויסן עגמת־נפש ניט געהאַט, ווייל אין דרויסן איז דער ווינטער מיט זיינע צפון־פרעסט געווען אין פולן גאַנג, און עס איז אין דער אמת׳ן געווען אַ גרויס גליק, ביי די לאַגער־אומשטענדן, צו זיצן אין אַ וואַרעם צימער.

איך פערזענלעך האָב אין מיין באַשטימונג — נאָך דער שווער־ר׳ער קראַנקהייט, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט — געזען, אַז די ברכה פון מיין פאָטער ווערט מקוים, און איך האָב אָנגעהויבן צו באַקומען מוט און זיכערקייט אין מיין גליקלעכן גורל.

אין לאַגער גופא איז מיין לאַגע פאַרערגערט געוואָרן, ווייל מיט דער ענדערונג פון מיין אַרבעטס־קאָמאַנדע האָט מען מיך איבער־געשיקט אויפן בלאָק נומער 8.

אויסער דעם, וואָס דער בלאָק האָט זיך געפונען אויפן שפּיץ פון באַרג, און עס איז מיר אויסגעקומען צוויי מאָל אין טאָג אַרויפ־קלעטערן און אַראָפּגליטשן זיך פון 160 פוס די הייך, איז דער בלאָק־עלטסטער, וואָס האָט געהאַט הינטער זיך שוין צען יאָר קאָנ־צענטראַציע לאַגער פאַר אַ פאַרברעכן, געווען פשוט אַ משוגענער און שלעכטער מענטש. ער האָט אונז געהאַלטן לאַנגע שעה׳ן אין דרויסן און אונז געהאַלטן אין איין זאָגן מוסר. אָפטמאָל איז זיין דרשה געווען איבערפילט מיט סאַרקאַזם און גלייכצייטיק מיט ציניזם.

זיין לייט־מאָטיוו איז תמיד געווען, אַז מיר געפינען זיך איצט

אין אַ סאַנאַטאָריום (אַזאַ משוגעת!) און אַז ער באַדויערט וואָס מיר האָבן מיט פינף יאָר פאַרשפּעטיקט צו קומען אין לאַגער אַריין.

די רוסן אין לאַגער האָבן אים פּשוט ניט געקענט פאַרטראָגן און זיי האָבן אים אָפּגעטאָן אַ שפּיצל.

זייענדיק די פּעאיקסטע צו גנבה, האָבן זיך אייניקע אַריינגע־ריסן צו אים אין דער נאַכט אין שלאָפצימער, און ניט קוקנדיק אויף זיינען דייטשישע שומרים האָבן זיי ביי אים צוגענומען זיין זייגער און אויך זיינע קינסטלעכע ציין. דאָס האָט אים אינגאַנצן שוין אַרויס־געבראַכט פון זיין אומנאַרמאַלן צושטאַנד און ער האָט קעגן דעם גאַנצן בלאָק אָנגענומען דראַקאָנישע שטראָף־מיטלען.

צוועלף שטונדן זיינען מיר דערנאָך, אונטערן פראָסט, געשטאַנען אין דרויסן און יעדער פון אונז איז גאַנץ ערנסט באַזוכט געוואָרן.

ער האָט זיינע ציין צוריק ניט באַקומען, אָבער פון אונז האָט ער דערפאַר גענומען נקמה.

צוויי וואָכן צייט זיינען מיר יעדן טאָג נאָכן קאָנטראָל געבליבן שטיין אין דרויסן ביז 10 אין דער נאַכט און געפרוירן.

דער לאַגער־עלטסטער האָט אים פון אונזער בלאָק דערנאָך איבערגעפירט אויף אַן אַנדער בלאָק אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון די טשעכן, מיט וועלכע מען האָט זיך אין לאַגער געמוזט רעכענען.

## קאַפּיטל 55

# די מיליטער סודות פון דייטשן פּאַטענטן־אַמט

עס איז ניט פאַריבער פיל צייט און מען האָט צו אונז אין דער קאַטאָרגע אַראָפּגעבראַכט פינף גרויסע קאַסטנס אָנגע־פילט מיט פּאַפּירן, און אונזערע שעפן, דער פּראָפעסאָר מילער און ד״ר שאַפער, זיינען אַראָפּגעקומען אָנצופירן מיט דער אַרבעט.

אין די קאַסטנס האָבן זיך געפונען אַריבער 500 אַרכיוו־דאָקו־מענטן פון דעם שאַרלאָטנבורגער שטאַטלעכן פּאַטענטן־אַמט, אויף

וועלכע עס איז געווען אויפגעשריבן „געהיימניס״, ד״ה בסוד־סודות. אין זיי זיינען געווען פאַרשריבן די מיליטערישע סודות וועגן פאַרשי־דענע מיליטער־פאַבריקן אין דייטשלאַנד זינט דעם יאָר 1918.

אָט די שטאַטלעכע ווערטפולע סודות האָבן די עס־עס־לייט איבערגעגעבן אין די הענט פון די אינטערנירטע, אַז מיר זאָלן אויס־זוכן דעם תמצית פון די אַלע דורכגעפירטע מעטאָדן וועגן אויפרייס־שטאָפן, און מיר זאָלן דאָס שריפטלעך צושטעלן צום פּראָפעסאָר מילער.

אין דעם קריטישן מאָמענט, אין וועלכן דייטשלאַנד האָט זיך שוין געפונען אין פעברואַר, האָט הימלער מיט זיין קליקע זיך דער־מאָנט אין דעם אַרכיוו און אים ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט קיין פלאָ־סענבורג, אַז די אינטערנירטע זאָלן אין אים אויסגעפינען עפּעס וויכ־טיגעס, וואָס זאָל קאָנען זיי ראַטעווען פון דעם אונטערגאַנג.

דער מאַטעריאַל פאַר זיך אַליין איז געווען אַן אינטערעסאַנטער, אָבערביים איצטיקן פּראָגרעס פון מיליטערישע דערפינדונגען האָט ער, לויט מיין מיינונג, ניט געהאַט קיין שום וויכטיקע באַדייטונג.

וואָכנלאַנג זיינען מיר געזעסן און זיך געגריבלט אין די שוין פאַרגעלטע שריפטן, און די „צייט״, וועלכן די דייטשן האָבן תמיד געהאַלטן פאַר דעם גענעראַל פון די אַליאירטע און האָבן איבער אים אין דער פּרעסע תמיד חוזק געמאַכט, האָט ווייטער געטאָן איר אַרבעט.

די לאַגע אויף די פראָנטן איז געוואָרן אַלץ ערנסטער און קאַ־טאַסטראָפאַלער פאַר דער דייטשישער אַרמיי.

פאַר דער צייט איז צו אונז אַראָפּגעקומען דער רייכסוועהר קאָ־לאָנעל פּיטש, מיט וועלכן איך האָב שוין באַקאַנט געמאַכט דעם לייַ־ענער אין מיין דערציילן וועגן פּליאַשאָווער לאַגער.

דער קאָלנעל פּיטש האָט פעסטגעשטעלט, אַז מיר זיינען שטאַרק אָפּגעמאָגערט געוואָרן און אַז מיר זעען אויס שלעכט, האָט ער דעריי־בער אַליין פאַרשפּראָכן צו אינטערווענירן ביי דעם קאָמענדאַנט פון דעם לאַגער, אַז מען זאָל אונז מוסיף זיין צו דער פּאָרציע זופּ.

דעם צווייטן טאָג האָט טאַקע יעדער פון אונז באַקומען נאָך אַ

האַלבן ליטער זופּ, אָבער דאָס איז ניט פאַרגעזעצט געוואָרן ווייטער, און די דאָזיקע אינטערוועניץ האָט דעם גוט־האַרציקן קאַלאָנעל געקאָסט זייער טייער.

עס איז קעגן אים געמאַכט געוואָרן, דורך דער אַדמיניסטראַציע פון לאַגער, אַן אָנקלאַגע צו הימלערן, אַז ער באַציט זיך מענטשלעך צו אונז, און ווען ער איז צום צווייטן מאָל ווידער געקומען צו אונז, איז ער שוין געווען דעגראַדירט ביז מאַיאָר.

## קאַפּיטל 56

# די לעצטע וואָכן אין לאַגער

דער אַרכיוו־מאַטעריאַל איז דורך אונז פאַרענדיקט געוואָרן צום סוף פון חודש מערץ, און אין אָנהייב אַפּריל זיינען אונזערע שעפן אַפּגעפאָרן קיין פּראַג, פון וואַנען זיי זיינען צוריקגעקומען מיט אַן אָנגערויבטן קאָלאָסאַלן רייכן מאַטעריאַל אויף איינצוריכטן אַ לאַבאָראַטאָריע.

מען האָט פאַר אונז אויסגעבויט, אַכט מייל ווייט פון פלאָסענבורג, אין „אַלטן־האַמער”, אַ באַראַק, וואו מיר האָבן געזאָלט וואוינען און גלייכצייטיק מאַכן פאַרשידענע עקספּערימענטן איבער אויפרייס־מאַטעריאַל.

דער דאָזיקער פּראָיעקט, ווען עס זאָל נאָר געווען בלייבן צייט אים צו פאַרווירקלעכן, וואָלט באַשטימט אונז אַלעמען געווען געקאָסט דאָס לעבן, אָבער דער כוס פון די אידישע טרערן איז שוין, ווייזט אויס, איבערפילט געווען, און דער רבונו־של־עולם האָט זיך אויף אונז דערבאַרעמט און מקרב געווען די ישועה.

דער פּראָפעסאָר מילער איז באַלד נאָך זיין צוריקקומען פון פּראַג אַפּגעפאָרן קיין בערלין, און דער ד"ר שאַפער האָט זיך מיט אונז קיין עצה ניט געקאָנט געבן.

אינצווישן האָט די אַמעריקאַנער אַרמיי שוין מאַרשירט אויף נירענבערג פון איין זייט און אויף עגער — פון דער צווייטער זייט.

דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט דאַן צוזאַמענגערופן אַלע דייטשע אינטערנירטע פון דעם לאַגער און פאַר זיי געהאַלטן אַ וואַרעמע דרשה. ער האָט זיי געגעבן אַנצוהערן, אַז די לאַגע איז זייער קריטיש און עס איז מעגלעך, אַז די עס־עס־לייט וועלן מוזן פאַרלאָזן דעם לאַגער און איבערגיין אויפן פראָנט, כדי ווייטער צו פירן די מלחמה.

„איר זענט שוין אָפּגעקומען אייער שטראָף,״ האָט ער צו זיי געזאָגט, „און איר קאָנט איצט ווערן אַנשטענדיקע דייטשישע בירגער, ווען איר וועט זיין איינפאַרשטאַנען מיטצוגיין מיט אונז און פאַרגיסן אייער בלוט פאַר דעם פאָטערלאַנד. איך עצה אייך, אַז איר זאָלט מיט־גיין מיט אונז, אײדער צו בלייבן צווישן אונזערע און אייערע שונאים, די רוסן, וועלכע וועלן אייך צערייסן אויף שטיקער.״

זיין רעדע האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף די דייטשן, ווייל ניינציק פּראָצענט פון זיי האָבן זיך באַלד פאַרשריבן אין דער עס־עס־וואַפע.

דעם 9טן אַפּריל זיינען מיר שוין צו דער אַרבעט ניט אַרויסגעגאַנגען און עס איז דערקלערט געוואָרן אַ „בלאָק־שפּערע״, ד״ה מען האָט ניט געטאָרט אַרויסגיין פון די בלאָקן.

מיר האָבן שוין געמיינט, אַז די עס־עס־לייט וועלן אונז פאַר־לאָזן און מיר וועלן באַלד באַפרייט ווערן דורך די אַמעריקאַנער.

צום סוף האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער גאַנצער לאַגער איז דערקלערט געוואָרן אַלס קראַנקן־לאַגער און אַלע בלאָקן זיינען אונ־טערוואָרפן אַ שטרענגער דיזינפעקציע.

דאָס וואָס האָט אייגנטלעך באַדאַרפט געמאַכט ווערן מיט זעקס חדשים פריער, איז געמאַכט געוואָרן ערשט נאָך דעם ווי דער טיפוס האָט איינגעשלונגען טויזנטער נפשות.

דריי טעג האָט געדויערט די דיזינפעקציע פון דעם לאַגער, און

דעם 12טן אַפּריל זיינען מיר ווידער געגאַנגען צו דער אַרבעט, אָבער דעם ד"ר שאַפער האָבן מיר שוין מער ניט געזען.

דעם 14טן אַפּריל אין אָוונט, ווען מיר זיינען צוריקגעגאַנגען פון דער אַרבעט, האָבן מיר געקליבן נחת, צוקוקנדיק ווי די עס־עס־לייט, וועלכע האָבן געוואוינט מיט זייערע פאַמיליעס אויסער דעם לאַגער, האָבן געפּאַקט זייערע בעבעכעס און זיך האַסטיק געקליבן אין וועג אריין.

דעם דאַזיקן אָוונט האָבן מיר אָבער אויך געזען אַן אַנדער בילד, וואָס האָט אונז שוין קיין פאַרגעניגן ניט פאַרשאַפט.

עס זיינען אָריינגעקומען אין לאַגער עטלעכע טויזנט אינטער־נירטע, וואָס זיינען געטריבן געוואָרן פון בוכענוואַלד צופוס ביז פלאָ־סענבורג.

נאָר אַ העלפט איז אַריינגעקומען כמעט האַלב־טויט אין לאַגער אַריין, די אַנדערע העלפט איז אין וועג אויסגעשאָסן געוואָרן.

אויפן צווייטן טאָג אין דער פרי זיינען גערופן געוואָרן אַלע דייטשישע אינטערנירטע צום קאָמענדאַנט און זיי זיינען איבערגעטאָן געוואָרן אין דער עס־עס־יוניפאָרם.

נאָכדעם ווי זיי זיינען אַזוי לאַנג געווען איזאָלירט פון דעם דייטשישן פאָלק און האָבן זיך ניט באַטייליקט אין דעם פּאָליטישן לעבן פון לאַנד, זיינען זיי גערופן געוואָרן, ביי דעם אונטערגאַנג פון דעם נאַצי־רעזשים, צו טראָגן די „הייליקע" יוניפאָרם פון די אמת'ע פאַר־ברעכער, כדי אויך צו טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם דייט־טשישן טעראָר.

הומאַניש געשמועסט, וואָלט מען אָט די עלעמענטן באַדאַרפט מוחל זיין זייער אומלאָגישן טאָט, אָבער זיי האָבן מיט זייער טעטי־קייט אין לאַגער און שפּעטער שוין אין זייערע יוניפאָרמס אַרויסגע־וויזן דעם זעלבן סאַדיזם, ווי די אַלטע עס־עס־לייט, און זיי פאַרדינען אויך אומבאַדינגט דעם זעלביקן סוף.

## קאַפּיטל 57

# „פינף מינוט פאַר צוועלף וועל איך אַלע אידן פאַרניכטן", האָט היטלער פאַרשפּראָכן

דעם 15טן אַפּריל איז געווען אין לאַגער אַ גאַנץ געהויבענע שטימונג. ניט קוקנדיק דערויף, וואָס מען איז געווען שטאַרק הונגעריק, ווייל זינט אַ פּאָר וואָכן האָבן מיר אויפגעהערט צו באַקומען טעגלעך ברויט (איינמאָל אין דריי טעג 170 גראַם), האָבן מיר אַלע געפילט, אַז די גאולה דערנעענט זיך.

ביי אונז אידן איז נאָך געווען די פּראָבלעם איבערצולעבן די לעצטע שעה, ווייל מיר האָבן געוואוסט, אַז ביזן אָנקומען פון די אַמעריקאַנער איז די געפאַר פאַר אונז זייער גרויס.

איך פּערזענלעך האָב ניט געהאַט קיין שום צוטרוי צו די עס־עס־לייט, אַז זיי וועלן אונז איבערלאָזן לעבעדיק, און איך האָב באַשלאָסן זיך צו ראַנגלען מיט אַלע מיטלען, בכדי ניט אַריינצופאַלן אין זייערע הענט.

איך האָב ערשטנס פאַרשטאַנען זיך ניט צו וואַרפן אין די אויגן מיט מיין געלן בענדל און צווייטנס אויסצונוצן דעם פאַקט, וואָס דער קאַרטאָטעק איז צוגענומען געוואָרן פון די בלאָקן און פאַרניכטעט געוואָרן.

אַלע מיינע חברים זיינען געווען מער אָפּטימיסטיש פון מיר און האָבן ניט געלייגט קיין ווערט אויף מיין אומרואיקן צושטאַנד.

ווי דאָס האַרץ און די לאָגיק האָט מיר פאָראויסגעזאָגט, האָבן די בלאָק־עלטסטע אין דעם זעלבן אָוונט באַקומען דעם באַפעל צו־זאַמענצושטעלן רשימות פון אַלע אידן.

צוליב דעם צוועק זיינען אויף אַלע בלאָקן פאָרגעקומען ספּע־ציעלע קאָנטראָלן פאַר אידן, און זעלבסטפאַרשטענדלעך אויך אויף מיין בלאָק נומער 8.

איך האָב זיך צו דעם דאָזיקן אידישן קאָנטראָל ניט געמעלדעט און בין אַזוי־אַרום ניט אַריינגעטראָגן געוואָרן אין דער רשימה.

מען איז געגאַנגען שלאָפן אומרואיקע און אויף מאָרגן, דעם 16טן אַפּריל, 4 אַזייגער פּאַרטאָג, איז אויסגערופן געוואָרן אויף מיין בלאָק, אַז אַלע אידן, וואָס זיינען אויפגעשריבן געוואָרן, זאָלן זיך תיכף אויסשטעלן אין דרויסן פאַר דער טיר.

צו דער צייט איז דער לאַגער געווען איינגעטונקען אין אַ פינ־צטערניש. עס איז פאַרבאָטן געוואָרן צו מאַכן ליכט אין דער נאַכט, ווייל די קאַמף־ליניע שטייט שוין גאַנץ נאָענט.

איניקע אידן האָבן פאַרשטאַנען,אַז זייער לאַגע איז אַ גאַנץ ערנסטע,און זיי האָבן געמיינט, אַז מיט דער פינצטערניש קאָנען זיי זיך באַנוצן ניט אויסצופילן דעם באַפעל.

דער בלאָק־עלטסטער האָט די רשימה איבערגעגעבן אין לאַ־גער־אָפּיס און ער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אויפגע־שריבענער צאָל נפשות.

זעענדיק, אַז די צאָל פון די געקומענע שטימט ניט, האָט ער באַפוילן אַרויסצוטרייבן דעם גאַנצן בלאָק אין דרויסן, כדי אויסצוגע־פינען די אידן, וואָס פעלן.

אַלע 1,000 איינוואוינער פון בלאָק זיינען אין משך פון צען מינוט אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון די בעטן און זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן אין פינף שורות. צווישן יעדער שורה איז געמאַכט געוואָרן אַ דורכגאַנג פון אַ האַלבן פוס, אַז אַ מענטש זאָל קאָנען דורכגיין.

דער בלאָק־עלטסטער, אָנגעטאָן אין זיין נייער עס־עס־יוני־פאָרם, מיטן צייכן פון אַ סקעלעט אויף זיין קאַסקעט, האָט אויסגע־רופן, אַז אַלע אידן זאָלן זיך פרייווילליק צושטעלן, אַנדערש וועט יע־דער געכאַפּטער דערשאָסן ווערן אויפן אָרט. ער האָט באַשטימט אַ פּאָר פּאָליאַקן און ציגיינער, אַז זיי זאָלן דורכגיין צווישן די שורות און זאָלן אויסזוכן די אויסבאַהאַלטענע.

איידער זיך איבערגעבן אַליין, האָב איך ווידער באַשלאָסן צו שטעלן מיין גורל אויפן וואָג. איך האָב אין דער פינצטער אַראָפּגע־

ריסן מיין געל בענדל און זיך אַריינגעשטעלט צווישן די פּראַנצויזן, וואָס האָבן גוט געוואוסט, אַז איך בין אַ איד, אָבער צו וועלכע איך האָב געהאַט צוטרוי.

די דאָזיקע שווערע מינוטן פון מיין לאַגער־לעבן וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ווייל מיין לעבן איז באמת געהאַנגען אויף אַ האָר.

דער קאָנטראָל האָט זיך אָנגעהויבן. אַ ציגיינער האָט מיך דער־קענט און גיט אַ זאָג צו מיר:

„דו ביסט דאָך יודע!"

איך האָב זיך ניט פאַרלוירן און מיט כעס אַ געשריי געטאָן:

„גיי אַוועק, דו שווין!"

„ניין!" ענטפערט ער מיר. „קום צו דעם בלאָק־עלטסטן!"

„דו קאָנסט גיין אַליין!" ענטפער איך אים.

ער האָט דעמאָלט אָנגעהויבן צו שרייען:

„בלאָק־עלטסטער, בלאָק־עלטסטער!"

אויף זיין געשריי האָט זיך דער בלאָק־עלטסטער, צו מיין גליק, ניט אָפּגערופן, ווייל ער איז געשטאַנען צו־ווייט פון מיר, אָבער זיין געהילף, אַ רוס, וועלכער האָט מיך גוט געקענט, איז צוגעלאָפן, און ווען ער האָט געזען, אַז עס האַנדלט זיך וועגן מיר, האָט ער באַפוילן דעם ציגיינער אַז ער זאָל מיך לאָזן צו רו. דער ציגיינער האָט זיך פאַרלוירן און איז באַלד פאַרשוואונדן.

איך האָב געמיינט, אַז איך האָב די געפאַר שוין אויסגעמיטן, אָבער מיט אַ פּאָר מינוטן שפּעטער איז לעבן מיר אויסגעוואַקסן אַ פּאָליאַק, וועמען מען האָט, ווייזט אויס, אונטערגעשיקט, און ער ווענדט זיך צו מיר, אַז איך זאָל אַרונטערלאָזן די הויזן, כדי ער זאָל זיך אי־בערצייגן, צי בין איך ניט קיין איד.

איך האָב גוט פאַרשטאַנען וואָס ער וויל פון מיר, אָבער איך האָב זיך קאָלטבלוטיק געמאַכט תמ'עוואַטע, אַז איך פאַרשטיי אים ניט, און איך האָב זיך געווענדט צו מיין שכן, אַ פראַנצויז, אַז ער זאָל אים שיקן לעזאזל.

דער פראַנצויז האָט ווירקלעך ניט געוואוסט וואָס דער פּאָליאַק

וויל פון מיר, ווייל ער האָט זיין פוילישע שפּראַך ניט פאַרשטאַנען, אָבער ער האָט פון דער נאַטור פיינט געהאַט די פּאָליאַקן און ער האָט גערן מיין בקשה דערפילט. ער האָט אויף אים אויסגעלאָזט זיין רייכן פראַנצויזישן קללות׳דיקן לעקסיקאָן. פון אַלע זייטן האָבן פראַנ־צויזן אָנגעהויבן שרייען און דער פּאָליאַק האָט געקראָגן פּחד און זיך אָפּגעטראָגן.

פאַר דער צייט, וואָס עס איז פאָרגעקומען דער אינצידענט מיט מיר, האָבן זיך די אַנדערע אידן, ווייזט אויס פרייוויליק צוגע־שטעלט און זיינען דורך דעם בלאָק־עלטסטן אָפּגעפירט געוואָרן אין ביורא פון לאַגער.

די איבערגעבליבענע האָבן געהאַט דאָס רעכט אַריינצוגיין צו־ריק אויפן בלאָק. איך האָב זיך אָבער באַהאַלטן אויף אַן אַנדער בלאָק, וואו מען האָט מיך ניט געקענט אַלס איד.

דאָרט האָבן די רוסן דערציילט, אַז דער קאָמענדאַנט מיט די עס־עס־לייט האָבן פאַרלאָזן דעם לאַגער און האָבן מיט זיך מיטגע־נומען 1,100 אידן.

היטלערן איז,ליידער, געלונגען אויסצופילן זיין הבטחה בנוגע צו די דאָזיקע אידן.

## קאַפּיטל 58

# די „ווייסע פאַן" און אונזער אַנטוישונג

מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט זיך באַוויזן אַ דייטשישער „קאַפּאָ", וועלכער איז מיסטעריעז געבליבן אין לאַגער און געהאַלטן אַ רעדע אויף אונזער בלאָק. ער האָט דערקלערט, אַז מיר אַלע, די אינטערנירטע, לעבן איצט איבער אונזערע לעצטע אינטער־נירטע שטונדן, דעריבער אַפּעלירט ער צו אונזער געוויסן, אַז מיר זאָלן זיך האַלטן רואיק און ניט מאַכן קיין שום עקסצעסן.

אויב איניקע וועלן פּרוּוון זיך אַרויסצורייסן פון דעם לאַגער, וואַרנט ער זיי, אַז די אייזערנע דראָטן זיינען אויף ווייטער געבליבן עלעקטריפיצירט און זיי וועלן דורך די שומרים דערשאָסן ווערן.

ער האָט אונז אויך באַרואיקט, אַז אין לאַגער זיינען פאַראַן גענוג שפּייז־מיטלען, אַז יעדער אינטערנירטער זאָל באַקומען זיין באַגרענעצטע פּאַרציע זופּ, וואָס וועט געבן די מעגלעכקייט אויסצוהאַלטן ביז עס וועלן קומען די באַפרייער.

אַזאַ דרשה האָט ער געהאַלטן אין אַלע בלאָקן פון לאַגער און דער המון האָט אים אַרויסגעוויזן צוטרוי און אַפילו ענטוזיאַסטיש אַפּלאָדירט.

דעם זעלבן טאָג נאָכמיטאָג איז אויפן דאַך פון יעדן בלאָק אַרויסגעהאַנגען געוואָרן אַ ווייסע פאָן.

דער דאָזיקער צייכן פון נייטראַליטעט האָטווירקלעך געצייגט, אַז מיר זיינען אויפן וועג צו דער רעטונג.

די אינטערנירטע האָבן ניט געקאָנט פאַרבאָרגן זייער שמחה, מען האָט געטאַנצט פאַר פרייד, דער עולם האָט זיך געקושט און באַגירסט זיך מיט דער באַפרייאונג.

אַרום דעם לאַגער האָט מען נאָך אַלץ געזען אויף איניקע פּאָסטן אַ פּאָר שומרים, עס־עס־מענער, אָבער די דאָזיקע האָבן זיך באַצויגן גלייכגילטיק צו דער שמחה פון דעם לאַגער.

איניקע פון זיי האָבן אַריינגעוואָרפן סיגאַרן און סיגאַרעטן דורך די דראָטן און דער אויסגעהונגערטער המון האָט זיך געוואָרפן אויף זיי מיט אַזאַ מין אימפּעט, אַז צוויי שוואַכע זיינען אויפן אָרט צעקוועטשט געוואָרן דורך די שטאַרקערע.

אין לאַגער האָט זיך שטאַרק געפילט די שטימונג פון ערב דער באַפרייאונג, אָבער איך פערזענלעך האָב, אויסער דעם טרויער, וואָס איך האָב געטראָגן אין דער טיפעניש פון מיין האַרצן איבער מיינע ברידער, וואָס מען האָט נאָר וואָס אַרויסגענומען פון דעם לאַגער, ניט געפילט קיין שמחה און האָב ניט געהאַט קיין שום צוטרוי צו די אַלע מאַסקאַראַדן, וואָס קומען איצט פאָר.

מיינע צוויי גוטע באַקאַנטע — אַ רוסישער פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק אין כאַרקאָוו, און אַ רוסישער הויך־קאָמאַנדיר פונעם הויפּט־שטאַב, מיט וועלכן איך האָב זיך אין פלאָסענבורג שטאַרק באַפריינדט — האָבן באַגלייך מיט מיר ניט געגלויבט, אַז די עס־עס־לייט זאָלן זיין פעאיק פאַר אַזאַ הומאַניטאַרישן אַקט בנוגע צו זייערע שונאים, וועלכע מיר שטעלן מיט זיך פאָר.

איך האָב אָבלד אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג, אַז דער מיסטעריעז פאַרבליבענער דייטשישער „קאַפּאָ" איז ניט מער ווי אַ באַפולמעכטיקטער פון די עס־עס־לייט צו שפּילן די קאָמעדיע, כדי אָפּצונאַרן די אינטערנירטע, אַז זיי זאָלן ניט אַרויסרופן קיין אויפשטאַנד.

מען האָט ניט באַדאַרפט זיין קיין גרויסער חכם אויף צו מאַכן אָט די השערות, אָבער דער המון האָט די דאָזיקע שפּיל אָנגענומען פאַר ערנסט און האָט זיך געלאָזט איינרעדן, אַז מען וועט דעם פלאָסענבורגער לאַגער מיט די שיינע אינטערנירטע רוסן און פּאָליאַקן איבערגעבן צו דעם דייטשישן רויטן־קרייץ, וועלכער וועט זיי דערנערן ביז עס וועלן אָנקומען אונזערע רעטער, די אַמעריקאַנער.

מען האָט זיך באַנוגנט מיט די פאַר לעפל זופּ און מען האָט יעדן טאָג אָפּגעוואַרט די אויטאָס פון דעם דייטשן רויטן־קרייץ, וואָס וועלן אונז מאַכן פאַר האַלב־פרייע מענטשן און וועלן אונז באַוואַרפן מיט די בעסטע מאכלים, וואָס די עולם הזה פאַרמאָגט.

די דייטשן קאָנען ווירקלעך דענקען, אַז זיי זיינען קליגער פון אַלע פעלקער, ווייל זינט היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, האָבן זיי אַלעמען איבערגעקליגט, אָבער אין דער אמת'ן געזאָגט, איז גאָרניט קיין גרויסע חכמה אָפּצונאַרן אַ מענטשן אָדער אַ גאַנץ פאָלק, ווען דער דאָזיקער באַציט זיך צו דיר מיט צוטרוי און מיט אמונה, אַז דו ביסט אַזוי ערלעך ווי ער.

אַפילו צו אונז אומגליקלעכע, דערשלאָגענע מענטשן, וועלכע ראַנגלען זיך מיטן טויט, האָבן זיי אויך באַנוצט פאַלשקייט, ווייל אויפן דריטן טאָג נאָך אונזער כלומר'שטער באַפרייאונג איז דער לאַגער־קאָמענדאַנט מיט זיינע ניי־געבאַקענע עס־עס־לייט ווידער צוריק־

געקומען קיין פלאָסענבורג און פון דער באַפרייאונג האָט זיך אויס־געלאָזט אַ בוידעם.

אַלע ווייסע פאַנען זיינען אומפאַרשעמט פאַרשוואונדן געוואָרן און מיר אַלע זיינען געבליבן אַנטוישטע און אָפּגענאַרטע נאַראָנים.

## קאַפּיטל 59

# ליקווידאַציע פונעם לאַגער אין פלאָסענבורג

דעם זעלבן טאָג, וואָס די עס־עס־לייט זיינען צו־ריקגעקומען, האָבן זיי אין דער נאַכט אַרויסגעפירט 700 קראַנקע, וועלכע זיינען געווען אין שפּיטאָל, כדי זיי צו טרייבן צופוס קיין זאַלצבורג, אין טיראָל, און אויפן צווייטן טאָג, דעם 20טן אַפּריל, איז דורכגעפירט געוואָרן די ליקווידאַציע פון דעם גאַנצן לאַגער.

מיין בלאָק — איז מיטן אַוועקגיין פון דעם בלאָק־עלטסטן אין דער עס־עס־בריגאַדע געבליבן עטלעכע טעג אָן אַ באַלעבאָס, אָבער אַ טאָג פאַרן ליקווידירן דעם לאַגער איז אַלס בלאָק־עלטסטער באַ־שטימט געוואָרן אַ דייטשישער אינטערנירטער מיטן נאָמען שוואַרץ, וועלכער האָט געטראָגן אויף זיין ברוסט אַ רויטן ווינקל.

מים דעם דאָזיקן טיפּ האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען ליגנדיק אין שפּיטאָל נאָך מיין טיפוס קריזיס, ווייל ער פלעגט יעדן טאָג קומען אַהין באַזוכן מיינעם אַ באַקאַנטן, דעם זון פון דעם סאָציאַליסטישן בירגערמייסטער פון דרעזדען, וועלכן די נאַציס האָבן אומגעבראַכט בעת דער אָקופּאַציע פון דענמאַרק, וואוהין ער איז מיט זיין פאַמיליע אַנטלאָפן נאָכדעם ווי די נאַציס זיינען געקומען צו דער מאַכט.

אַזוי ווי איך בין געלעגן לעבן דעם דאָזיקן ערנסטן קעגנער פון דעם היטלער־רעזשים, האָב איך זיך מיט אים באַפריינדט און

איך האָב אַזוי־אַרום געהאַט די מעגלעכקייט אויסצוהערן די דרשות פון דעם שוואַרץ וועגן דעם גורל פון דייטשלאַנד.

דער שוואַרץ האָט זיך פאַרגעשטעלט אַלס פאַרביסענער קאָמוניסט און האָט געלייגט פיל האָפענונג אויף דער רוסישער אַרמיי. דאַגעגן, איז זיין שנאה צו די דעמאָקראַטישע מלוכות געווען זייער גרויס.

ווען דער שוואַרץ האָט באַקומען ביי אונז אויפן בלאָק אַזאַ וויכטיקן פאָסטן, האָב איך געהאָפט צו זען אין אים אַן אמת׳ן פריינט פון די אינטערנירטע. צום סוף האָט ער זיך גאָר אַרויסגעוויזן מיט זיינע טאָטן אַלס אַ הונדערט־פּראָצענטיקער נאַצי.

אפשר פאַרנעמט ער איצט אין דרעזדען אַ וויכטיקן פאָסטן, ווייל דער זון פון דעם געוועזענעם בירגער־מייסטער, וועגן וועלכן איך האָב פריער גערעדט, איז געשטאָרבן אין שפּיטאָל, אָבער דער דאַזיקער שוואַרץ איז געוויס לעבן געבליבן און קאָן ווייטער פאַרזעצן צו שפּילן די קאָמעדיע פון אַ צוויי־פּנים׳דיקן, ווי די אַלע פּחדנים דייטשן.

אין זיין האַרצן טראָגט ער מסתמא זיין טריישאַפט צום היטלער־רעזשים און זיין האָפענונג צו נעמען רעוואַנש איז גרויס.

דעם 20טן אַפּריל, ווען מען האָט שוין געוואוסט, אַז מיר אַלע מוזן פאַרלאָזן דעם פלאָסענבורגער לאַגער, כדי צו גיין מער ווי 500 מייל צופוס, האָט אונזער נייער בלאָק־עלטסטער געהאַלטן אַ דרשה און אונז פאַרזיכערט, אַז יעדער איינער פון אונז וועט קריגן פיר פונט שפּייז אין וועג אַריין און אויך גוטע שיך.

ביים אַרויסגיין פון לאַגער וועט מען אונז אַפילו אַרויסגעבן קאַרטאָפל און אַ קאָלדרע פאַר צודעקן דעם קערפּער אין די קאַלטע נעכט. אַזוי האָט אַט דער קאָמוניסט אונז פאַרזיכערט.

און ווירקלעך, מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט מען אונז אויפן בלאָק געבראַכט גאַנצע זעק מיט רויע קערענדלעך פון קאָרן, מיט וועלכע מען האָט געפיטערט עופות, און אַ פעסל מיט האָניג־ערזאַץ.

די זעק האָבן, ווייזט אויס, דערפילט, אַז דערויף וואַרטן אויס־

געהונגערטע מענטשן, און האָבן זיך אונטער דעם דרוק פון די קאָרן־קערנדלעך געעפנט אין אייניקע שטעלן דורך וועלכע עס האָבן זיך דורכגעזיפּט די לאַנג דערוואַרטעטע ברוינע פּערעלעך.

די הונגעריקע רוסן, דערזעענדיק דעם מן, וואָס שיט זיך פון די זעק, האָבן ניט געקאָנט איינהאַלטן זייער יצר הרע און האָבן זיך געוואָרפן אויף דער ערד, כדי צו געניסן פון דעם טייערן מאכל, וואָס אַנטהאַלט אין זיך מעל.

דעם כלומר'שט „רויטן" בלאָק־עלטסטן איז די זאַך ניט געפעלן געוואָרן און ער האָט מיט אַ גראָבן האָלץ־שטעקן, וואָס מיר האָבן פריער ניט געזען אויף אונזער בלאָק, זיך געוואָרפן אויף זיי און אָן שום רחמנות געשלאָגן זיי מכות רצח.

זיין נייעם פאָסטן האָט ער שוין באַנעצט מיט מענטשלעך בלוט, ווייל אויפן „שלאַכטפעלד" האָט דער דאָזיקער גבור איבערגעלאָזט צוויי טויטע מיט צעשפּאָלטענע מוחות.

נאָר וואָס פּאָר אַ באַדייטונג האָבן צוויי מענטשלעכע לעבנס אויף דעם געוויסן פון אַ דייטש, ווען זיין ציל איז געווען אומצוברענגען די אַלע, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף זיין בלאָק.

ער האָט אונז די געבראַכטע פּראָדוקטן ניט אויסגעטיילט. און אַרום 2 אַזייגער בייטאָג האָט ער אונז, מיט דעם הילף פון אַ פּאָר ציגיינער, אונטער די קלעפּ פון פריש צוגעשניצטע שטעקנס, אַרויסגעטריבן פון דעם בלאָק און אַראָפּגעטריבן צו דעם טויער, כדי אָן שום שפּייז־פּראָדוקטן צו פאַרלאָזן פלאָסענבורג.

## קאַפּיטל 60

# דער טויט־מאַרש

ביים טויער האָט מען אונז — אָנשטאָט די פאַר־שפּראָכענע געקאָכטע קאַרטאָפל און קאָלדרעס — אַרומגערינגלט מיט אַ קייט פון עס־עס־מענער און מיט דעם געשריי „שנעלער!" אונז אַרויסגעטריבן פון לאַגער.

אַלע 18 טויזנט אינטערנירטע, וועלכע האָבן זיך צו דער צייט געפונען אין פלאָסענבורגער לאַגער האָט מען איינגעטיילט אין דריי „קאָלאָן־צוגן״, צו זעקס טויזנט מאַן אין אַ קאָלאָנע.

איך בין געווען צווישן די, וואָס האָבן צונויפגעשטעלט די צווייטע קאָלאָנע. מיר האָבן מאַרשירט צו פינף אין אַ שורה. מיינע פיר שכנים זיינען געווען כעמיקער, מיט וועלכע איך האָב זיך גוט באַפריינדט בשעת דער אַרבעט אין דער קאָמאַנדע.

דער טאָג איז געווען אַ וואַרעמער, די זון האָט אונז געוואַרעמט מיט אירע ליכטיקע שטראַלן.

די פרייע לופט פון די ביירישע וועלדער און פעלדער, וואָס מיר האָבן דורכגעשניטן גייענדיק צו־פוס, האָט מיך דערפרישט און עס האָט זיך אין מיר אַנטוויקלט דער געפיל, אַז איך גיי ווערן אַ פרייער מענטש.

צום אָנהייב האָט אונזער קאָלאָנע מאַרשירט זייער גוט, אַפילו מיט אַ געוויסן ענטוזיאַזם, און נאָר איינצלנע, וואָס האָבן זיך נאָכגעשלעפט זיינען דערשאָסן געוואָרן.

נאָך אַ פּאָר שטונדן אַזוי גיין האָב איך אָנגעהויבן צו פילן דעם הונגער און די מידקייט, אָבער דער חוש, אַז מיר לעבן איצט איבער די העכסטע שטופע פון אונזער קריטישער עקזיסטענץ, האָט מיר צוגעגעבן מוט פאָרצוזעצן דעם מאַרש.

נאָך פיר שעה קלעטערן איבער די שמאָלע וועגן פון די וועלדער האָט מען אונז דערלויבט צו מאַכן אַ קליינע הפסקה און זיך צוזעצן אויף דעם גרינעם גראָז פון אַ גרויס פעלד.

די אָנוועזנהייט פון די עס־עס־לייט מיט זייערע ביקסן אין דער האַנט, גרייט צו שיסן, האָט אונז איבערצייגט, אַז מיר זיינען נאָך אין אַ גרויסער סכנה און אַז ניט פיל פון אונז וועלן אָנקומען קיין זאַלצבורג, אין טיראָל, וואוהין מיר ווערן געפירט.

די הפסקה האָט אינגאַנצן געדויערט צען מינוט און האָט נאָר פאַרגרעסערט די סכנה, ווייל די פיס, וועלכע האָבן זיך פריער אונטערוואַרפן דעם שווערן חוב צו שלעפן דעם אויסגעהונגערטן קערפּער,

האָבן זיך נאָך דעם אָפּרו ביי איניקע פון אונז אָפּגעזאָגט צו דינען, און דאָס פּעלד, אויף וועלכן מיר זיינען אַזוי גוטמוטיק געזעסן, האָט פאַרלאַנגט זיין שכר.

פיל פון אונז זיינען אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן און די דייַטשישע ערד האָט אַנגעזויפּט דאָס בלוט פון די אומגליקלעכע גאָט׳ס נפשות.

ביז אַכט אַזייגער אין אָוונט האָט מען אונז געטריבן ווייטער. די רייען זיינען אַלץ שיטערער געוואָרן, ווייל די עס־עס־לייט האָבן זיך ניט געוואָלט מיטשלעפּן מיט שוואַכע פיס־גייער. דער יעניקער, וואָס האָט ניט געקאָנט מיטגיין מיט דעם טעמפּאָ פון זיין שורה, איז אַלץ אָפּגעשטאַנען, און זיינע שכנים זיינען געטריבן געוואָרן ווייטער.

די עס־עס־לייט, וועלכע זיינען אין דער מערהייט באַשטאַנען פון פריערדיקע דייטשישע אינטערנירטע, האָבן זיך באַצויגן מיט גרויס „רחמנות" צו דעם אָפּגעשוואַכטן, ווייל ווי נאָר איינער פון זיי האָט באַמערקט אַן אָפּגעשטאַנענעם, איז ער צו אים צוגעלאָפן מיט אַ סאַדיסטישן שמייכל אויף זיין מיאוס׳ן פּרצוף, געפרעגט דעם אומגליקלעכן, פונקט ווי מען פרעגט אַ ליב קינד, צי וויל ער ניט אַ צוקערקעלע, ווענדנדיק זיך צו אים:

„דו קאָנסט מער ניט מיטגיין?"

„„ניין!" האָט תמיד געפאָלגט דער ענטפער.

דאַן האָט דער אַזוי־גערופענער גוט־האַרציקער עס־עס־מאַן מיט גרויס כוונה און חשק אַריינגעשאָסן אין יענעם אַ קויל.

ווען עס איז שוין געוואָרן גוט פינצטער, האָט מען אונז פאַרטריבן אויף אַ זייטיקן וועג, און דאָרט האָט מען אונז אָפּגעטיילט אַ פּעלד, וואו מיר זאָלן איבערנעכטיקן.

אונזער גרופּע פון פינף האָט אין דעם טאָג קיינעם ניט פאַרלאָרן. מיר האָבן זיך מיט גרויס פרייד אַנידערגעוואָרפן אויף דער נאַסער ערד און זיך צוגעטוליעט ענג איינער צום צווייטן, כדי מיר זאָלן אין דער קאַלטער נאַכט ניט איינפרירן.

פון צוויי ביז אַכט אין אָוונט האָבן מיר געמאַכט דרייסיק מייל

און מיר זיינען ממש געווען גליקלעך צו קריגן אַ פּלאַץ, וואו מיר זאָלן קאָנען אויסרוען אונזערע אויסגעמאַטערטע פיס.

מיר זיינען שנעל איינגעשלאָפן אונטער דער שיסעריי פון די עס־עס־לייט, וועלכע האָבן געשאָסן אָן אויפהער אין יעדן באַוועגלעכן שטן.

און אַזעלכע שאָטנס זיינען, ווייזט אויס, געווען פיל, ווייל די רוסן האָבן מיט דרייסקייט געוואָלט אויסנוצן די נאַכט אויף צו מאַכן די פליטה.

אין דער נאַכט האָט אונז דער הימל באַשאָנקען מיט אַ רעגן און איך האָב זיך פון דער נאַסקייט אויפגעכאַפּט מיט פאַרגליווערטע גלידער.

מיינע חברים, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען אַ בעלגישער פּראָפעסאָר פון כעמיע מיטן נאָמען דעזהיים, האָבן זיך אויך אויפגעכאַפּט, און מיר האָבן אונטער דעם רעגן, וואָס האָט פאַרגעזעצט צו גיסן איבער אונזערע דורכגענעצטע קערפּערס, איינגעריבן איינער דעם צווייטן די פיס, כדי מיר זאָלן קאָנען ווייטער מיט זיי באַוועגן.

נאָך אַ געוויסער צייט און ענערגישער אַרבעט זיינען מיר אַלע ווידער געווען בכוח זיך צו שטעלן אויף די פיס. און ווען עס איז געקומען דער רוף: „אַלעס אויפשטיין!" זיינען מיר געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן זיך אַנגעשלאָסן אין דער קאָלאָנע צום ווייטערדיקן מאַרש.

מיר האָבן דאָס פעלד פאַרלאָזט, ווען עס איז נאָך געווען פינ־צטער, אָבער איידער מיר זיינען אָפּגעגאַנגען, האָט מען געהערט שיסן. דאָס האָט מען ליקווידירט די אַלע, וועלכע זיינען ניט געווען אימשטאַנד אויפצושטיין, האָט אונז דערקלערט דער עס־עס־מאַן, וועלכער איז געגאַנגען לעבן אונזער שורה.

די קעלט און דער רעגן האָבן מיך געמאַכט פאַרגעסן אין דעם הונגער, אָבער די פיס־מוסקולן האָבן מיר פאַרשאַפט גרויסע יסורים.

איך האָב געוואוסט, אַז צום ווייניקסטן דריי טעג וועל איך ליידן די דאָזיקע גרויסע ווייטיקן, ביז די מוסקולן וועלן זיך צוגעוואוינען צום גיין.

אָבער, רבונו־של־עולם, וואו נעמט מען כוח דערצו?

טרערן האָבן זיך געגאָסן פון מיינע אויגן און איך האָב זיך געצוואונגען צו מאַרשירן ווייטער.

עס איז לייכט צו שרייבן „מאַרשירן". ווען איך דערמאָן זיך איצט אין דעם דאָזיקן מאַרש, וועלכן מיר האָבן אָנגערופן „טויט־מאַרש", גייט מיר ממש דורך אַ גרויל איבערן לייב און די האָר שטעלן זיך קאַפּויר.

עס ווילט זיך מיר אַליין גאָר ניט גלויבן, אַז איך האָב געקאָנט אויסהאַלטן די דאָזיקע שרעקלעכע, אוממענטשלעכע ליידן.

די ברכה, וועלכע איך האָב באַקומען פון מיין טאַטעניו, הרב ז"ל, אין חלום, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק בעת דעם מאַרשירן, און איך האָב פאַרגעזעצט מיין וועג קעגן די אַלע יסורים, וואָס די פיס־מוסקולן האָבן מיר פאַרשאַפט.

אין דעם טאָג האָבן מיר געמאַכט אבער 45 מייל אָן אַן אָפּ־שטעל און אונזער קאָלאָנע איז געוואָרן שיטערער דורך די אַוועקגע־פאַלענע קרבנות.

צום עסן האָבן מיר ווידער גאָרנישט באַקומען. אין אָוונט איז אונזער קליינע גרופּע ווידער געשלאָפן אין דער טיפער בלאָטע פון דעם גרינעם פעלד.

אין דער פינצטערער נאַכט האָבן מיר ווידער אָנגעווענדט דעם מאַסאַזשירונג־מיטל און מיר זיינען אַזוי־אַרום אויפן דריטן טאָג פון אונזער מאַרש צו דער ריכטיקער צייט געווען גרייט צו גיין.

דער דאָזיקער דריטער טאָג איז פאַר אונז געווען דער אָנהייב פון אונזער פאַרניכטונג, ווייל אין דעם טאָג איז אומגעקומען אַ דריטל פון אונזער קאָלאָנע.

אויף צו־להכעיס זיינען מיר דורכגעגאַנגען די שיינע וועלדער פון בייערן, וואו גאָט'ס נאַטור האָט באַוויזן גרויס געשיקטקייט. פון יעדן בערגל האָט געפלאָסן קרישטאָלענע וואַסער און מיר, גאָט'ס קינדער, אויסגעווייקטע אין שמוץ, מיט פוסטע בייכער און ליידיקע

מאַגנס, פאַר וועלכע די נאַטור איז אייגנטלעך געשאַפן געוואָרן, זיינען דורכגעגאַנגען און ניט געהאַט דאָס רעכט פון דעם צו געניסן.

ווער פון אונז עס האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום לויפנדיקן וואַסער, איז דורך אַ קויל פון דעם מלאך־חבלה אויף צוויי פיס שוין דאָרט געבליבן אויסגעצויגן.

איך האָב אָנגעהויבן צו פילן גרויסע ווייטיקן אין מיין ליידיקן מאָגן, אָבער דער רעטונגס־געפיל איז ביי מיר שוין געווען שטאַרק אַנטוויקלט, און איך האָב באַשלאָסן זיך אַזוי לייכט ניט אונטערגעבן דעם מלאך־המות.

אונזער ריכטונג האָט באַדאַרפט פירן איבער רעגענסבורג, אָבער אַזוי ווי זיי האָבן זיך געשראָקן, אַז דער וועג זאָל ניט ווערן איבערגעשניטן דורך דער אַמעריקאַנער אַרמיי, האָט מען אונז דעריי־בער געטריבן וואָס שנעלער.

וואָס אייגנטלעך האָט זיי געאַרט אונזערע קרבנות? זיי זיינען מיטגעפאָרן אין וואַגנס און האָבן זיך אַלע צוויי שעה געביטן.

אין וועג האָבן די שומרים אונזערע באַקומען דעם באַפעל אויסצומיידן רעגענסבורג און אונז פירן קיין דאַכאַו דורך דער שטאָט קאַם.

יעדע פופציק מעטער איז געפאַלן אַן אַנדער קרבן, און דער גאַנצער וועג איז דעם טאָג באַנעצט געוואָרן מיט מענטשלעך בלוט.

מענטשלעכע מוחות האָבן זיך ממש געוואַלגערט אויפן שליאַך, איבער וועלכן מיר האָבן געטראָטן.

צו דער נאַכט פון דריטן טאָג האָבן מיר זיך שוין געפונען פינף מייל ווייטער פון קאַם.

אונזערע קליינע גרופע איז שוין דערפירט געוואָרן ביז דריי, ווייל צוויי פון אונז זיינען אין דעם טאָג דערשאָסן געוואָרן. זיי האָבן זיך שוין שלעכט געפילט באַלד אין דער פרי, אָבער מיר האָבן זיי אַלץ מיטגעשלעפט און געהאָפט, אַז עס וועט זיך איינגעבן זיי צו ראַטעווען. אָבער נאָכמיטאָג האָבן זיך זייערע פיס אינגאַנצן אָפגעזאָגט צו דינען. זיי האָבן שטאַרק ניט געוואָלט דערשאָסן ווערן, אָבער מיר אַליין

האָבן שוין אויך אָנגעהויבן צו פאַרלירן אונזערע כוחות דורך דעם, וואָס מיר האָבן זיי מיטגעשלעפּט.

ביי אָט דעם עפּיזאָד האָב איך זיך איבערצייגט, אַז ביי די מיטגלידער פון די אומות העולם איז דער ווילן צו לעבן פיל שטאַרקער ווי ביי אונז אידן.

וויפיל מיליאָנען אידן זיינען נעבעך געגאַנגען מיט געזונטע פיס אין די גאַז־קאַמערן? און דאָ אויפן וועג, ווען יעדער מענטש שטייט אויף דער שוועל צו פאַרלירן זיינע כוחות, האָבן זיך די אָפּגעשוואַכטע אָנגעהאָנען גאַין זייערע שכנים און אומבאַדינגט געוואָלט מיטשלעפּן דעם צווייטן אין קבר אַריין.

דאָס דערקלערט זיך, ווייזט אויס, דערמיט, וואָס מיר אידן האָבן ווייניק עולם־הזה, און דער גלויבן אין קידוש־השם און אין עולם־הבא איז זייער גרויס ביי אונז.

די אומות העולם זיינען אָבער ענג פאַרבונדן מיטן עולם־הזה און זיי איז אַ שאָד זיך צו שיידן מיט אים.

אויפן פערטן טאָג אין דער פרי האָט מען אונז, אונטער דעם רעגן, אויסגעטיילט דריי רויע קאַרטאָפל און אַ האַלבן ליטער ברודיק וואַסער.

איך פערזענלעך האָב נאָר די זאַפט פון די רויע קאַרטאָפל אַראָפּגעשלונגען. די אַנדערע אָבער זיינען אין וועג קראַנק געוואָרן, ווייל זיי האָבן די רויע קאַרטאָפל געגעסן.

דעם אין דער פרי האָבן מיר געקאָנט לייכט געראַטעוועט ווערן, ווייל ווי נאָר מען האָט אונז אַרויסגעפירט אויפן ברייטן שליאַך, האָט זיך דערהערט פון גאַנץ נאָענט אַ שיסעריי.

ביי די עס־עס־לייט, אונזערע שומרים, איז לכתחילה געוואָרן אַ פּאַניק, דער צוג־פירער האָט באַפוילן אונז צו טרייבן ווייטער, און מיר האָבן זיך ביסלעכווייז דערווייטערט פון דער שיסעריי.

דאָס האָבן די אַמעריקאַנער אין דעם מאָמענט באַזעצט די שטאָט קאַם. אָבער דער וועג, וואָס האָט געפירט קיין מוסבורג, איז

נאָך געווען פריי און די עס־עס־לייט האָבן געקאָנט ווייטער פאָרזעצן זייער צוריקגיין.

איינער פון אונז דריי האָט באַשלאָסן איינצושטעלן זיין לעבן און שפּרינגען אין וואַלד אַריין פאַר די אויגן פון אונזערע שומרים, ווייל, לויט זיין מיינונג, וועט קיינער פון אונז ניט בלייבן לעבעדיק ביז מיר וועלן קומען צום באַשטימטן אָרט, און ער וויל פּרואוון זיין גורל.

ביים דורכגיין אַ געדיכט וועלדל האָט ער זיך אָפּגעריסן פון אונזער שורה און איז הינטער דער פּלייצע פון דעם עס־עס־מאַן אַוועקגעלאָפן אין וואַלד אַריין שנעל ווי אַ האָז.

מען האָט אים באַלד נאָכגעשאָסן, און איך ווייס עד היום ניט וואָס עס איז מיט אים געשען.

איך און מיין חבר, דער בעלגישער כעמיקער, האָבן ווייטער פאָרגעזעצט אונזער גאַנג און מיר האָבן געפילט, אַז אונזערע כוחות קומען שוין צום סוף.

מען האָט אונז געטריבן אָן אַן אָפּשטעל, ווייל אונזערע באַלע־באַטים האָבן אומבאַדינגט געוואָלט מיט אונז אַריבער די בריק אויפן טייך, „אָדער”, וועלכע האָט באַדאַרפט צעשטערט ווערן, כדי אָפּצושניידן דעם וועג דער אַמעריקאַנער אַרמיי.

אויפן וועג האָבן מיר יעדע עטלעכע מייל געטראָפן אויפגע־שטעלט די מעכטיקע וועלדער —ביימער אַלס פאַרצאַמונגען און ביי יעדן פון אונז האָבן אַרויסגערופן אַ שמייכל די מיטלען, וועלכע די „מעכטיקע” דייטשישע אַרמיי ווענדט אָן צו פאַרשפּעטיקן איר מפּלה.

אין דער נאַכט זיינען מיר צוגעקומען צום טייך „אָדער”, וואו מען האָט אונז אַלס פּרעמיע אַרויסגעגעבן פאַר דריי פּערזאָן אַ ברייטל פון 750 גראַם.

כדי צו באַקומען דאָס לאַנג־דערוואַרטעטע ברויט, האָט מען זיך באַדאַרפט אויסשטעלן אין אַ שורה פון דריי פּערזאָן און אַ גאַנץ ברויט איז געגעבן געוואָרן איינעם פון די דריי.

די שמחה פון די אויסגעהונגערטע מענטשן צו באַקומען אַ

שטיקל ברויט איז געווען זייער גרויס, אָבער דאָס פּאַרטיילן פון דעם ברויטל האָט אַרויסגערופן גרויסע אינצידענטן.

זעלטן ווער פון אונז עס האָט געהאַט אַ מעסער, מיט וואָס צו צעשניידן דאָס ברויט אויף דריי גלייכע טיילן, און זעלבסטפאַרשטענדלעך האָבן די שותפים באַדאַרפט זיין גוטע חברים, כדי יעדער פון זיי זאָל גלייכצייטיק מאַכן אַ ביס אין דעם ברויט און מען זאָל אים אויפעסן צוזאַמען אויף „קאָלעקטיווע" יסודות.

די מערהייט פון די גרופן איז אָבער באַשטאַנען פון צופעליקע מיטגלייער, און דער פאַקטישער באַלעבאָס איבערן ברויט איז געווען דער, וואָס האָט אים באַקומען אין זיינע הענט.

מיר זיינען געטריבן געוואָרן מיט דעם ברויט אויף אַ גרויס פעלד, וואו די חלוקה האָט באַדאַרפט דורך אונז אַליין, און אָן מעסערס, דורכגעפירט ווערן.

דאָס איז געווען אַ פולקאָמענע פּראָוואָקאַציע אַרויסצורופן געשלעגן און אינצידענטן.

פון אַלע זייטן האָבן זיך דערטראָגן ווילדע געשרייען פון אומצופרידענע און דאָס גאַנצע פעלד איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שלאַכטפעלד.

די אויסגעהונגערטע רוסן, דערפילנדיק דעם ריח פון ברויט, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווילדע חיות און האָבן אַרויסגעריסן דאָס ברויט פון די שוואַכערע, וועלכע האָבן העראָאיש געקעמפט ביזן לעצטן אָטעם.

דער דריטער אין מיין גרופּע איז געווען אַ טשעך, און דאָס ברויט איז אַריינגעפאַלן צו אים אין די הענט. ער האָט אונז אין דער פינצטער אָפּגעטיילט אונזערע חלקים און מיר האָבן תיכף ומיד דאָס אַראָפּגעשלונגען מיט גרויס הנאה.

איך געדענק ניט קיין פאַל, ווען איך זאָל געווען אַמאָל עסן אַ מאכל מיט אַזאַ כוונה און געשמאַק, ווי דאָס מאָל דאָס שטיקל שוואַרצע ברויט.

אויפן פינפטן טאָג איז שוין אונזער קאָלאָנע באַשטאַנען פון אַ

דריטל — דאָס הייסט, פון בלויז צוויי טויזנט מאַן — און דער טויט־מאַרש איז ווייטער פאָרגעזעצט געוואָרן אין דער ריכטונג צו מינכען.

מיין בעלגישער חבר דעזהיים איז קראַנק געוואָרן און האָט באַשלאָסן צו מאַכן די פליטה. איך האָב ניט געוואָלט נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט בכדי אים אָפּ׳עצה׳ן דערפון.

אין דער טונקעלער נאַכט נאָך דעם פינפטן טאָג, ווען מיר זיינען דורכגעגאַנגען אַ קליין דערפל, האָט ער אויף גיך זיך אָפּגעזעגנט מיט מיר און איז אָפּגעשטאַנען פון מיר.

איך האָב אים שוין מער ניט געזען. מיר איז געוואָרן שטאַרק אומעטיק פון דער עלנטקייט, אין וועלכער איך האָב זיך געפונען.

די דאָזיקע נאַכט האָב איך ניט צוגעמאַכט קיין אויג, בין געזעסן אויף דער נאַסער ערד, געפרווירן פון קעלט און פאַרגאָסן בלוטיקע טרערן אויף מיין גורל.

אין דער פרי האָב איך צופעליק געפונען מיינע צוויי באַקאַנטע רוסן, דעם מאַטעמאַטיקער פון כאַרקאָוו און דעם קאָמיסאַר פון מאָס־קווע, וועלכע האָבן זיך שטאַרק דערפרייט איבער מיר און זיי האָבן מיך אָנגעשלאָסן אין זייער שורה.

דער זעקסטער און דער זיבעטער טאָג פון אונזער מאַרש איז שוין געווען איבער די כוחות, ווייל אויסער מיין שוואַכקייט און הונ־גער, האָב איך באַקומען גרויסע וואונדן אויף די פיס און האָב ממש ניט געקאָנט מער שטיין אויף מיינע פיאַטעס.

פונקט פופצן מייל פאַר דאַכאַו בין איך געבליבן אָן כוחות און איך בין געווען גאַנץ אַנטשלאָסן אַנצונעמען במנוחה די קויל פאַר דער לייזונג פון מיינע ליידן.

מיינע צוויי רוסן האָבן מיר צוגעגעבן מוט ווייטער צו גיין, און גראָד אין דעם מאָמענט איז געשען אַ נס — אויפן האָריזאָנט האָבן זיך באַוויזן אַמעריקאַנער באָמבאַרדירונג־עראָפּלאַנען און די עס־עס־לייט האָבן אונז באַפוילן זיך אַנידערצולייגן.

עטלעכע שעה האָט געדויערט דער אַלאַרם און איך האָב

געהאַט די מעגלעכקייט פאַר דער צייט צו קומען ווידער צו מיינע כוחות און פאַרזעצן דעם לעצטן עטאַפּ פון אַט דעם שרעקלעכן מאַרש.

דעם 27טן אַפּריל, אַרום פינף נאָכמיטאָג האָבן מיר שוין גע־האַט הינטער זיך 280 מייל און מיר האָבן זיך שוין דערנענטערט צו דעם דאַכאַו־לאַגער.

די גרויסע עס־עס־געביידעס ביי דעם באַנהויף זיינען שוין געווען עוואַקואירט, און עס האָבן אויף אונז געמאַכט אַ שטאַרקן רושם די איינריכטונג־ליניעס אַרום דעם לאַגער, וואָס זיינען ניט געווען באַרירט פון לופט־אַנגריפן.

צו דער נאַכט צו האָט מען אונז אַריינגעלאָזט אין לאַגער און איך האָב שוין געקאָנט בענטשן גומל, ווייל אויף זעקס־טויזנט מאַן, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען צוריק מיט זיבן טעג פון פלאָסענבורגער לאַגער, זיינען מיר אַריינגעקומען אין דער צאָל פון בלויז 600 מאַן.

## קאַפּיטל 61

# קאָנצענטראַציע־לאַגער דאַכאַו

דאָס איז דער ערשטער באַוואוסטער לאַגער, וועלכן היטלער מיט זיין קליקע האָט געגרינדעט אין יאָר 1933, ווי נאָר די נאַציס זיינען געקומען צו דער מאַכט.

אַכצן מייל פון מינכען, וואו היטלער האָט נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג געשאַפן זיין פּאַרטיי, איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ גרוי־סער לאַגער, וואָס האָט געוואָרפן אין שרעק די גאַנצע הומאַניטאַרע פּאָליטישע וועלט.

וועגן דעם לאַגער האָט מען פאַר דעם לעצטן קריג זייער פיל געשריבן אין דער דעמאָקראַטישער וועלט, ווייל פון דאָרט זיינען צו יענער צייט אַרויסגעלאָזן געוואָרן אידן, וועלכע האָבן באַוויזן שוואַרץ אויף ווייס, אַז זיי האָבן אַ לאַנד וואוהין צו עמיגרירן.

די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט איז אויפגערודעט געוואָרן פון דעם שרעקלעכן רעזשים, וואָס האָט געהערשט אין דאַכאַו, אָבער קיינעם איז ניט געקומען אויפן געדאַנק, אַז דאָרט וועלן שפּעטער איינגעאָרדנט ווערן שוידערלעכע עקספּערימענטאַלע סטאַנציעס איבער לעבעדיקע מענטשן, וואָס וועלן איבערשטייגן מיט זייערע סאַדיסטישע איינפאַלן דעם דאָזיקן רעזשים.

ס׳איז שוין פאָרגעקומען אין פראַנקפורט ביי מאַין דער פּראָצעס איבער פערציק קרימינאַלן פון דעם לאַגער, וועלכע זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין אויספירן איבער די אינטערנירטע שרעקלעכע אַקטן פון פּיינקונג.

דער דאָקטאָר שילינג האָט אויסגעשריבן פון רוסלאַנד און אַפריקע קאָמאַרן (פליגן) „אַנאָפעלסן״, וועלכע פאַרשפּרייטן די מאַ־לאַריע־קראַנקהייט, און האָט געלאָזט דורך זיי אָנבייסן די אינטער־נירטע. דאָס בלוט פון די שוין אָנגעביסענע קרבנות האָט ער איינ־געשפּריצט אין אַנדערע אומגליקלעכע אינטערנירטע, כדי פעסטצו־שטעלן אויף וויפיל עס איז שטאַרק דאָס איבערגעבן די קראַנקהייט פון איינעם צום צווייטן (וואָס איז, אַגב־אורחא שוין פון לאַנג פעסט־געשטעלט דורך דער מעדיצינישער וועלט).

דערנאָך האָט ער די אָנשטעקנדיקע קראַנקע געפּרואווט היילן דורך פאַרשידענע אומפּאָפּולערע מיטלען, כדי צו מאַכן נייע דערפינ־דונגען, און ער האָט דורך דעם געטויטעט טויזנטער מענטשן.

אין דעם געהיימען בלאָק נומער 5 זיינען פאָרגעקומען נאָך גרעסערע סאַדיסטישע עקספּערימענטן, כדי פעסטצושטעלן די ווי־דערשטאַנדסקראַפט פון אַ בשר־ודם קעגן דער קעלט.

מיט די דאָזיקע עקספּערימענטן האָט אָנגעפירט דער עס־עס־ד״ר ראַשער, וועלכער האָט געהאַנדלט דירעקט אין נאָמען פון דעם רוצח הימלער.

דער לעצטער האָט זיך באַטראַכט אַלס דער נייער שאַפער פון דער וויסנשאַפט.

ביז דעם יאָר 1935 זיינען אַלע געלערנטע מעדיקער געווען

איינפאַרשטאַנען, אַז אַ געפּרווירענעם קערפּער דאַרף מען לעבעדיק מאַכן דורך קאַלטע מאַסאַזשן (צב״ש דורך שניי).

אין רוסישער געלערנטער איז אָבער אַרויסגעקומען מיט אַ גאַנץ קעגנגעזעצטער טעאָריע, לויט וועלכער ער האָט באַוויזן, אַז אין אַזעלכע פאַלן דאַרף מען די פאַרפרווירענע אַראָפּלאָזן אין ווי־ווייט מעגלעך הייסע וואַסער.

די דייטשע דאָקטוירים האָבן באַשלאָסן אויסצופּרואוון די דאָזיקע נייע טעאָריע אויף לעבעדיקע מענטשן, כדי צו זען ווי ווייט דער רו־סישער מעדיקער איז גערעכט מיט זיין נייער טעאָריע.

די אינטערנירטע אין דאַכאַו האָט מען אַראָפּגעלאָזן אין מקווה׳ס, וואָס האָבן אין זיך אַנטהאַלטן קאַלט וואַסער, ביז 25 גראַד, און זיינען דאָרט פאַרבליבן ביז זיי האָבן פאַרלאָרן דעם לעבנס־חוש.

איניקע האָט מען געצוואונגען צו שלאָפן אין די ווינטער־נעכט אין דרויסן, כדי דערפרווירן צו ווערן.

ווען די טעמפּעראַטור פון דעם אומגליקלעכן נפש האָט שוין דערגרייכט 68 גראַד, האָט מען אים דאַן אַריינגעוואָרפן אין אַ מקווה מיט הייס וואַסער פון 122 גראַד.

די דאָזיקע עקספּערימענטן האָבן באַשטעטיקט די טעאָריע פון דעם רוס, ווייל איניקע פון די דערפרווירענע זיינען ווידער געקומען צו זיך, אָבער די מערהייט איז אומגעקומען.

מיר אין די לאַגערן האָבן לחלוטין ניט געוואוסט וועגן די אַלע סאַדיסטישע אַקטן, וואָס קומען פאָר אין דאַכאַו. פאַרקערט, מיר איז אויסגעקומען צו רעדן מיט אַ דייטשן אינטערנירטן, אַ כעמיקער, וואָס איז פון דאַכאַו געשיקט געוואָרן קיין פּליאַשאָוו, און ער האָט גערעדט מיט גרויס „יראת הכבוד״ וועגן דעם דאָזיקן לאַגער.

מיר איז נאָר געווען באַקאַנט, אַז זינט דעם אָנהייב פון קריג געפינט זיך מער ניט קיין איד אין דאַכאַו, ווייל דער דאָזיקער לאַגער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ריין פּאָליטישן לאַגער פאַר אַריער.

דעריבער, ווען עס איז אונז אויפן וועג באַקאַנט געוואָרן, אַז מיר ווערן געפירט קיין דאַכאַו, האָבן זיך אַ סך פון אונז געפרייט, און

ווירקלעך, אַריינקומענדיק אין לאַגער, האָט מען באַלד דערפילט, אַז דאָ הערשט אַ גאַנץ אַנדער אָרדענונג און שטימונג, ווי אין די אַנדערע לאַגערן.

די בוי־סטרוקטור פון דעם לאַגער מאַכט אויך אַ בעסערן איינדרוק. די באַראַקן זיינען געבויט פון האָלץ און גאַנץ פּראַקטיש געמאַכט, אויסגעלייגט אין שורות, צווישן וועלכע עס געפינען זיך גאַסן מיט הויך־באַפּלאַנצטעביימער.

אַריינשלעפנדיק זיך אין לאַגער, זיינען מיר, אַלע אָנגעקומענע פון פלאָסענבורג, אומגעפאַלן פון טויט־מידקייט און האָבן זיך אויסגעלייגט אויף דער ערד.

דער קאָנטראָל־פּלאַץ פון לאַגער איז געווען איבערפילט מיט מענטשן, וואָס האָבן געהאַט מיט זיך געפּעק, און מען האָט אונז דערקלערט, אַז דער גאַנצער לאַגער מיט זיינע 40 טויזנט איינוואוינער ווערט עוואַקואירט.

די דאָזיקע ידיעה האָט מיך געלאָזט גלייכגילטיק, ווייל איך האָב געפילט, אַז ווייטער מיטגיין וועל איך ניט זיין בכוח, און איך האָב פאַרגעצויגן דעם טויט איידער ווייטער זיך אַזוי צו מאַטערן.

דער דרושט דורך דעם הייסן טאָג און אויסגעליידיקטן מאָגן, איז מיר ממש דערגאַנגען די יאָרן, און איך האָב זיך געווענדט צו אַ פּראַנצויז, וועלכן איך האָב דערקענט לויט זיין אות פ., מיט דער בקשה, אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף מיר און מיר פאַרשאַפן אַביסל וואַסער צו שטילן מיין דורשט.

כ׳בין אַריינגעפאַלן אין אַ שטאַרקן יאוש, ווען דער פּראַנצויז האָט מיר אויסגעשפּראָכן מיטלייד און זיך אָפּגעזאָגט צו ברענגען מיר וואַסער, ווייל אין משך פון דעם לעצטן חודש זיינען 12 טויזנט אינטערנירטע געשטאָרבן אין לאַגער פון בויך־טיפוס — און די קראַנקהייט איז געקומען פון דעם וואַסער.

אַלע מיינע בקשות האָבן ניט געהאָלפן — איך בין געבליבן אָן וואַסער.

איך האָב געמיינט, אַז איך ווער פאַרברענט פון דורשט, אָבער

דער רבונו־של־עולם האָט זיך אויף מיר דערבאַרעמט און אַראָפּגעלאָזן פון הימל אַ מבול. די גאַנצע צייט פון אונזער גיין האָבן מיך נאָך אַזאַ פאַרפלייצונג ניט געהאַט.

די דאַכאַו'ער תושבים, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דעם קאָנ־טראָל־פּלאַץ גרייט צום טראַנספּאָרט, זיינען באַלד זיך צעלאָפן אין זייערע בלאָקן, אָבער מיר, די נאַר־וואָס אָנגעקומענע, זיינען געבליבן אונטער רעגן אין דער פינצטערניש.

איך האָב זיך דאָ גוט אָנגעטרונקען מיט רעגן־וואַסער, סיי אי־נערלעך און סיי אויסערלעך, און שוין געוואָלט חרטה האָבן וואָס דער רבונו־של־עולם האָט זיך „צוגעהערט" צו מיין בקשה, אָבער שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער דאָזיקער רעגן האָט אונז געראַטעוועט פון גיין ווייטער.

מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער האָבן זיך די אויפזעער און אויך די אינטערנירטע דערמאָנט אין אונז און מען האָט אונז אָפּגעפירט אויפן בלאָק נומער 21, וואו מר זיינען צו פיר מאַן, אין אַ בעט אָדער קופּעס־ווייז אויפן באָדן איינגעשלאָפן ווי טויטע אין אונזערע נאַסע מלבושים.

## קאַפּיטל 62

# ענדלעך איז געקומען די ישועה

אויפן צווייטן טאָג, דעם 28טן אַפּריל, האָט מען אונז פרימאָרגנס אַרויסגעטריבן פון דעם בלאָק אין דרויסן.

איך האָב געהאַט שרעקלעכע וואונדן אויף מיינע פיס און ממש זיך ניט געקאָנט באַוועגן. דאָס האָט באַמערקט דער בלאָק־עלטסטער, אַ האָלענדער, און ער האָט מיך דערלויבט צו בלייבן ליגן אין בלאָק.

דעם גאַנצן טאָג האָבן מיר געוואַרט, אַז מען זאָל אונז אַוועקשיקן ווייטער, אָבער די עס־עס־לייט זיינען, וויזט אויס, געווען צופיל באַ־שעפטיקט מיט זיך און האָבן אין אונז פאַרגעסן.

אין דעם לאַגער האָבן זיך אָפיציעל ניט געדאַרפט געפינען קיין אידן, ווייל זיי האָבן צוריק מיט אַ פּאָר טעג אַרויסגעפירט 6,000 אידן אין אַ טראַנספּאָרט, וועלכן די אַמעריקאַנער האָבן שפּעטער גע־פונען דערמאָרדעטע אין די וואַגאָנען. אָבער צווישן די אָנגעקומענע פרישע טראַנספּאָרטען זיינען דאָך געווען אידן, וועלכע זיינען שפּע־טער, נאָך דער באַפרייאונג, אַרויסגעשוואומען.

דעם 29טן אַפּריל האָט זיך גליך אין דער פרי אָנגעהויבן הערן אַ שטאַרקע קאַנאָנאַדע. געוועזענע רוסישע אָפיצירן, קריגס־געפאַנגענע, האָבן צולייגנדיק זייער אויער צו דער ערד פעסטגע־שטעלט, אַז דאָס שיסן קומט פון דעם אַטאַקירנדיקן לאַגער און געפינט זיך אויף אַ שטח פון צען מייל.

אין לאַגער איז אָבער אַלץ געווען אין אָרדענונג. די שמירה פון די עס־עס־לייט אין די טורמעס און אַרום דעם לאַגער איז געווען אויף דער וואַך און די קיך האָט פאַרגעזעצט קאָכן פונקט ווי עס וואָלט גאַרנישט פאָרגעקומען.

נאָכמיטאָג האָט מען שוין אָנגעהויבן הערן אַ שטאַרקערע שי־סעריי און אַמעריקאַנער לופט־באָמבערס האָבן זיך באַוויזן איבערן לאַגער.

אונז האָט זיך געדאַכט, אַז זיי וועלן באַלד אויסשפּייען זייערע באָמבעס אויף אונזערע קעפּ און מיר וועלן אַלע אומקומען.

אין דעם מאָמענט האָט זיך שטאַרק געוואָלט לעבן, ווייל עס האָט זיך שוין דערפילט די פרייהייט, און עס וואָלט ווירקלעך געווען אַ חילול־השם, ווען מען וואָלט געווען באַשאָסן דעם לאַגער פון די עראָפּלאַנען.

מיר אַלע האָבן דאָן איבערגעלעבט שווערע שטונדן פון שרעק, אָבער אַרום פינף אַזייגער פאַרנאַכט האָט מען אויף אונזער בלאָק, וואָס האָט זיך געפונען פונקט לעבן די עלעקטריפיצירטע דראָטן פון לאַגער, אָנגעהויבן שרייען, אַז די אַמעריקאַנער האָבן זיך אַריינגעריסן אין לאַגער.

דער גאַנצער עולם אויף אונזער בלאָק, וואָס איז באַשטאַנען פון

קראַקנע, אויסגעהונגערטע, האַלב־טויטע מענטשן, און איך בתוכם, האָט מיטאַמאָל באַקומען אומבאַגרענעצטע כוחות און אָנגעהויבן שפּרינגען דורך די פענצטער און טירן, כדי וואָס שנעלער צו באַגעגענען אונזערע רעטער און באַפרייער.

די שמירה פון לאַגער האָט באַלד אויסגעשטעלט ווייסע פאָנען.

איך האָב זוכה געווען צו זען, ווי אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט, באַדעקט מיט בלאָטע און שטויב, אָבער באַוואָפנט, ביז אין די ציין, האָט גענומען אין געפאַנגענשאַפט אַן עס־עס־מאַן.

די רוסישע אינטערנירטע, וועלכע זיינען געווען פיל קרעפטיקער פון אונז, האָבן מיט שטעקנס איבערגעריסן די עלעקטריפיצירטע דראָטן און מיר אַלע האָבן זיך געוואָרפן צו האַלזן און קושן אונזערע רעטערס.

די גרופּע, צווישן וועלכער איך האָב זיך געפונען, האָט אָנגעהויבן שרייען צום אַמעריקאַנער סאָלדאַט, אַז ער זאָל מאַכן „קאַפּוט" מיט דעם עס־עס־מאַן, וועלכער איז דאַן געשטאַנען מיט אויפגעהויבענע הענט און איז געווען בלאַס פון שרעק.

דער אַמעריקאַנער האָט צו אונז געשמייכלט און זיינע ווייסע ציין האָבן באַלויכטן זיין פּנים.

דער „יענקי" איז, ווייזט אויס, ניט געווען קיין תם, ווייל ער האָט אונז צוגעוואָרפן זיין מיליטער־רויב, דעם געפאַנגענעם עס־עס־מאַן, וועלכן דער המון האָט ממש צעריסן אויף שטיקער און אַריינגעוואָרפן אין קאַנאַל, וואָס רינגלט אַרום דעם לאַגער.

מיר איז אַריינגעפאַלן די קעפּקע פון דעם דער־הרג־עטן, אויף וועלכער עס האָט זיך געפונען דער סקעלעט פון אַ מענטשלעכן קאָפּ, וואָס איז דער סימבאָל פון אַ געטרייען דינער צום נאַצי־רעזשים.

אַזוי ווי איך האָב אין דער קעפּקע געפונען אַ צייגעניש מיט דעם נאָמען פון דעם אייגנטימער, האָב איך געהאַט די באַפרידיקונג פון דעם ערשטן נקמה־אַקט.

דער גאַנצער לאַגער איז באַלד פאַרפלייצט געוואָרן מיט באַ־

פרייט־געוואָרענע מענטשן, וועלכע האָבן זיך געקושט און געטאַנצט פאַר שמחה.

ביי מיר האָט אָבער די שמחה אָנגעהאַלטן ביז איך האָב דער־זען דאָס בלוט פון דעם עס־עס־מאַן — מענטשלעך בלוט האָט מיר גאָר דערמאָנט אין די גרויסע פאַרלוסטן פון אונזער פאָלק. איך האָב זיך אויך דערמאָנט אין מיין פרוי און אין מיין בן־יחיד.

לעבן זיי? — האָב איך זיך אַליין געשטעלט די פראַגע — און איך האָב זיך שטאַרק צעוויינט פאַר גרויס פרייד און בענקשאַפט.

איך בין אין דער מינוט געוואָרן אַ פרייער מענטש, און אַלס אַזעלכער האָב איך באַלד געריסן קריעה נאָך די אידישע קרבנות.

## קאַפּיטל 63

# וואו זיינען געוועזן די פאַרטרעטער פון דעם אידישן פאָלק

נאָך זייענדיק אין פלאָסענבורג איז מיר אָפט אויס־געקומען צו רעדן מיט מיינע חברים, פוילישע אידן, וועגן דער צו־קונפט פון דעם אידישן פאָלק און וועגן דעם גורל פון דעם געראַ־טעוועטן אייראָפּעאישן אידנטום נאָך דער צעשטערונג פון דייטשלאַנד.

עס זיינען געוועזן גרויסע אָפּטימיסטן, וואָס האָבן געדענקט, אַז מיט דער אַמעריקאַנער אַרמיי פאָרן נאָך פאַרטרעטער פון אַמערי־קאַנער אידנטום און ווי נאָר אַ לאַגער וועט באַפרייט ווערן, וועלן אונזערע ברידער־פאַרטרעטער אַהין אַריין, כדי אויפצוזוכן דעם שארית־הפליטה. ווי נאָר זיי וועלן געפינען אַ אידן, וועלן זיי אים באַוואָרפן מיט אַלעם גוטן און זיך טראָגן מיט אים אויף די הענט ווי מיט אַ צירונג.

איך האַלט זיך ניט פאַר קיין נביא און נאָך ווייניקער פאַר אַ

חכם, אָבער מיינע דערפאַרונגען און לעבן — ווי דער עטאַפּ, וועלכן איך האָב דורכגעמאַכט אַלס פליכטלינג פון רוסלאַנד נאָך די אידישע פאָגראָמען — האָבן מיך געלערנט, אַז מען טאָר זיך ניט אַריינלאָזן אין חלומות.

ביי מיר האָבן די אַלע אַרויסגעזאָגטע האָפענונגען אויסגעזען ווי חלומות.

איך האָב גוט געוואוסט, אַז מיר האָבן פון יענער זייט ים האַר־ציקע ברידער און שוועסטער, וועלכע טראָגן איבער גרויסע שמערצן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם פאַרלוסט פון דעם אייראָפּעאישן אידנטום און אין צוזאַמענהאַנג מיט אַלע אונזערעליידן. פאַר מיר איז ניט געווען קיין ספק, אַז יעדער איינציקער פון זיי וועט אָוועקגעבן דאָס לעצטע, כדי צו פאַרלייכטערן די טרויעריקע לאַגע, אין וועלכער עס וועלן זיך געפינען די איבערגעבליבענע אידישע מאַרטירער — אָבער מער ווי ברענגען מאַקסימאַלע מאַטעריעלע קרבנות קאָנען זיי ניט, און אונז וועט נאָכן באַפרייען אויספעלן עפּעס העכערס.

ניט דער טאָג מיט לינדזן וועט אונז באַפרידיקן. מיר וועלן לעכצן צו זען די אמת׳ע פאַרטרעטער פון דעם נאַציאָנאַלן אידנטום, וועלכע האָבן ביז איצט געטראָגן די פאָן פון דעם אידישן פאָלק און האָבן זיך געהאַלטן פאַר די מורה־דרך פון דעם אידנטום.

איצט איז דער אמת׳ער מאָמענט צו צייגן דער גאַנצער וועלט, אַז ניט נאָר קאָנפערענצן און באַגעגענישן מיט מלוכה־לייט אין די רעזידענצן פון די הויפּט־שטעט פאַרבינדט זיי מיט דעם אידנטום. זייער חוב וועט זיין צו קומען אויף די פרישע קברים פון דעם אייראָ־פּעאישן אידנטום און באַגלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער ברענגען אַ גרוס און אַ וואָרעם וואָרט דעם געראַטעוועטן געפייניקטן אידן אין יעדן פאַרוואָרפענעם ווינקל.

וואָס האָב איך אָבער געזען אין דאַכאַו?

אויף דער טריבונע פון דעם גרויסן לאַגער־פּלאַץ האָבן געפלאַ־טערט די פאָנען פון אַלע באַפרייטע פעלקער, אָבער די אידישע פאָן האָט דאָרט אויסגעפעלט.

פון דעם ערשטן טאָג פון אונזער באַפרייאונג האָבן זיך באַוויזן דעלעגאַציעס און גענערעלער פון אַלע אייראָפּעאישע פעלקער, כדי צו קומען אין קאָנטאַקט מיט זייערע געליטענע ברידער, אָבער די פאַרטרעטער פון דעם אידישן פאָלק מיט זייערע ציווילע גענערעלער האָבן ניט געפונען פאַר נייטיק זיך צו באַווייזן.

אַ צעבראָכענער און אַן אַנטוישטער בין איך געלעגן אין מיין קראַנקענבעט און בין געקומען צום באַשלוס, אַז ביי אונז אידן וועט אויך ווייטער אויספעלן דער נאַציאָנאַלער אַחדות, אַז אויך ביי אונז אידן וועט באַגלייך מיט אמת׳ער ליבע און האַרציקע טרערן דאָמינירן טריקענע ליבע און פּאָליטישע טרערן.

נאָך די אָפיצעלע רעגירונגס דעלעגאַטן האָבן זיך אין דאַכאַו באַוויזן הילפס־אָרגאַניזאַציעס, עס זיינען געגרינדעט געוואָרן קאָמיטעטן פון אַלע פעלקער, אָבער די אידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויסגעפעלט.

וואו זיינען אונזערע פאַרטרעטער מיט זייער אידישער פאָן? — האָב איך זיך געפרעגט.

שוין־זשע איז פון דעם אידנטום גאָרנישט געבליבן?

אויב אַזוי האָט זיך ניט געלוינט איבערצולעבן די דאָזיקע גאַנצע אינקוויזיציע!

ביי אונז אַליין האָט זיך אָבער דערוועקט דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין און מיר האָבן מיט אייגענע כוחות געגרידנעט אַ אידישן קאָמיטעט.

מיר האָבן אויסגעפונען 2,500 געראַטעוועטע אידן אין דאַכאַו, צווישן וועלכע 1,500 זיינען ערנסט קראַנק געווען, און יעדן טאָג זיינען 250, 300 קראַנקע אָפּגעשטאָרבן.

מיר האָבן נאָר געקאָנט אַפּעלירן צום הומאַניזם פון די אַמעריקאַנער, וועלכע האָבן אונז נאָר געקאָנט באַהאַנדלען ניט ערגער ווי זיי באַהאַנדלען די אַנדערע באַפרייטע, אָבער אונז אידן האָט געפעלט אַ ראַדיקאַלע און שנעלע הילף.

צען טעג נאָך דער באַפרייאונג האָט די אַמעריקאַנער אַרמיי

צוגעשיקט אַ טשאַפּלין, וועלכער האָט געהאַלטן אַ תפילה און אַ דרשה, אָבער אין זיין רשות זיינען ניט געווען קיין מאַטעריעלע מיטלען.

אין לאַגער האָבן אָנגעהויבן אויסצושטאַרבן שוין באַפרייטע מענטשן, ווייל קיינער פון אונז האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן די קאָנ־סערווירטע שפייזן, וואָס זיינען אונז אין אַ גרויסער מאָס געגעבן געוואָרן.

מיר זיינען ווייטער געבליבן הינטער די דראָטן און האָבן זיך געוואַלגערט אין זייער שלעכטע היגיענישע באַדינגונגען.

איך האָב דורכגעמאַכט אַלע קאַראַנטין־געזעצן, וואָס אַן עמי־גראַנט פלעג אַמאָל דורכמאַכן אויף דעם טרערן־אינזל ביז ער איז אַריין קיין אַמעריקע, און ערשט אַ חודש נאָך דער באַפרייאונג האָב איך געזען, אַז אויב איך וויל ווערן אַ פרייער מענטש, מוז איך זיך אַליין ראַטעווען.

אם אין אַני לי מי לי?!

## קאַפּיטל 64

# איך בין אַן אמתער בראָדיאַגע

אין לאַגער האָט זיך אָנגעהויבן אַ גענויע רעגיס־טראַציע פון אַלע אינטערנירטע לויט זייער בירגערשאַפט, כדי פעסט־צושטעלן זייער צאָל לויט דעם לאַנד פון וואַנען זיי שטאַמען.

אַזוי ווי איך שטעל מיט זיך פאָר אַן אמת'ן וואַנדער־איד, ווייל איך האָב שוין אין משך פון אַ פערטל יאָרהונדערט ניט אַרויסגעלאָזט דעם וואַנדערשטעקן פון מיין האַנט, האָב איך לחלוטין ניט געוואוסט צו וועלכן לאַנד איך געהער פאַקטיש.

ניט נאָר איך אַליין האָב ניט געוואוסט, נאָר אַפילו די, וואָס האָבן דורכגעפירט די רעגיסטראַציעס, האָבן בשום אופן ניט געקאָנט געבן קיין קלאָרע תשובה דערויף.

עפּעס אַ קלייניקייט, וויפיל לענדער דער דאָזיקער איד האָט

דורכגעמאַכט ? האָבן זיי זיך אַלע געוואונדערט, און איז נאָך אַלץ גע־בליבן אַ בראָדיאַגע. אַלס רוסישער, וואו איך בין געבוירן און האָב דורכגעמאַכט מיין בעסטע יוגנט, האָב איך ניט געקאָנט אָנגענומען ווערן, ווייל איך האָב פאַרלאָזט רוסלאַנד שוין נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אַלס רומענער האָב איך ניט געקאָנט אָנערקעט ווערן, ווייל ערשטנס בין איך ניט געווען קיין געבירטיגער פון דאָרט, און צווייטנס איז איבערהויפּט ניט געווען קיין רומענישער קאָמיטעט אין דאַכאַו.

פאַר אַ טשעכישן בירגער, וואו איך האָב געקראָגן מיין הויכ־בילדונג, האָב איך ניט געקאָנט מיטגיין, ווייל איך האָב דאָרט פאַר־בראַכט נאָר פיר יאָר פון מיין גאַנצן לעבן.

ווידער אַלס פּאָליאַק, אָדער אונגאַרישער איד אָנגענומען צו ווערן האָט מיר אַליין (איך וועל זיך מודה זיין) ניט גאַנץ געשמעקט.

איז מיר נאָר איבעריק געבליבן ווי צו איבערצייגן דעם פראַנ־צויזשן קאָמיטעט, אַז כאָטש איך בין ניט קיין פראַנצויזישער בירגער, האָב איך דאָך רעכט אַריינגעטראָגן צו ווערן אין דער רשימה פון די פראַנצויזן מיט וועלכע איך באַדאַרף אַריינגעפירט ווערן קיין פראַנקרייך. קיים שום באַווייזן האָב איך ניט געהאַט אויף די הענט מיט וואָס זיי איבערצייגן אַז איך בין ווירקלעך דעפּאָרטירט געוואָרן פון פראַנקרייך, און אַז איך האָב דאָרט איבערגעלאָזט מיין קינד, און מיין פאַבריק.

בשעת איך האָב באַדאַרפט אָנגעבן אַלס עדות מיין פרוי און קינד, האָט מיר דאָס האַרץ געפלאָטערט פאַר שרעק. איך האָב מורא געהאַט צוצולאָזן דעם געדאַנק אַז מיט זיי איז געשען אַן אומגליק, איך האָב אָבער אויך געציטערט פאַר דער אומזיכערקייט פון מיין השערה.

צי וועל איך קאָנען אויסהאַלטן און פאַרטראָגן די ידיעה וועגן דעם טרויעריקן גורל זייערן ? האָב איך מיך געפרעגט.

דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיר ממש געבויערט מיין מוח, און איך ווייס ניט אויב טיטוס׳ן האָט די פליג אָנגעטאָן אַזוי פיל ווייטיקן ווי מיר מיינע זאָרגן וועגן מיין פרוי און קינד.

אין פראַנצויזישן קאָמיטעט האָט מען זיך באַצויגן צו מיר מיט מיטלייד, אָבער נעמען אויף זיך די אַחריות און מיך אַנשליסן אין זייער רשימה האָט קיינער פון זיי ניט געוואָלט. זיי האָבן מיך געטרייסט מיט הבטחות, אַז איך וועל שפּעטער קאָנען מיטפאָרן מיט אַנדערע אויס־לענדער, וואָס האָבן פריער געוואוינט אין פראַנקרייך.

מיך האָט די דאָזיקע פּערספּעקטיווע ניט באַפרידיקט, און איך בין יעדן טאָג געלאָפן אין פראַנצויזישן קאָמיטעט און האָב זיך אַנגעהויבן צו פילן ווי אַ ניט־איינגעלאַדענער גאַסט אויף אַ פרעמדע שמחה.

גאַנצע אויטאָס מיט מתנות זיינען אָנגעקומען פון דער פראַנצויזישער אַרמיי אין וועלכע ס'האָבן זיך געפונען ווייסע חלות, וויין, שאָקאָלאַד, סיגאַרעטן און אַנדערע גוטע זאַכן צו וועלכע איך אַלס פרעמדער האָב זיך ניט געטאָרט צורירן. אַ צעבראָכענער, אַ קראַנקער און אַ פאַרשעמטער האָב איך זיך אַרויסגע'גנב'עט פון דעם אַפּיס און האָב ערשט דעמאָלט דערפילט, אַז פאַר מיר איז נאָך די ריכטיקע ישועה ניט געקומען. וואָס פאַר אַ ווערט האָט אַ איד אָן אַ היימלאַנד, אַפילו ווען ער גיט אַוועק זיינע בעסטע יאָרן און זיין לעבן פאַר דער דעמאָקראַטיע?

פראַנקרייך מיט איר טאָלעראַנץ פאַר אויסלענדער איז גוט פאַר די מיטגלידער פון די אומות העולם, וואָס קאָנען זיך אין יעדער צייט אומקערן צו זיך אין לאַנד אַריין, אָבער די יורידישע לאַגע פון די פרעמדע, וואָס האָבן שוין פון לאַנג פאַרלוירן זייער בירגערשאַפט בלייבט הענגען אויף הינערשע פיסלעך.

כל־זמן זיי זיינען אין פראַנקרייך האָבן זיי זייער וואוינרעכט, אָבער ווי נאָר זיי געפינען זיך אויף אַ פרעמדן באָדן, קאָנען זיי זיך ניט צוריקקערן אָן אַ דערלויבעניש.

איך האָב געוואוסט, אַז מיר וועט די פראַנצויזישע רעגירונג ניט מאַכן קיין שום שוועריקייטן, ווייל אויסער דעם וואָס איך בין פיזיש און עקאָנאָמיש פאַרבונדן מיט פראַנקרייך, האָב איך אויסגעפילט מיין מענטשלעכן חוב אין באַציאונג צו דעם לאַנד וועלכעס האָט מיך אויפגענומען, און מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו לעבן.

אין יאָר 1939, ווי נאָר עס איז דערקלערט געוואָרן קריג, האָב איך מיך אָנגעמעלדלט אַלס פריַיוויליקער, און האָב איַינגעשטעלט מיַין לעבן באַגליַיך מיט אַנדערע טויזנטער אידישע פריַיוויליקע, כדי צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד קעגן דער דיַיטשישער בעסטיע. אויב פראַנק־ריַיך האָט פאַרלוירן די שלאַכט איז דאָס געוויס ניט געווען די שולד פון די פריַיוויליקע, וועלכע זיַינען אין סאָמע ברעג פון פראַנקריַיכס דורכפאַל, געוואָרפן געוואָרן דורך דעם גענעראַל וויגאַן אויף די ערשטע פּאָזיציעס ביַי דעם טיַיך סאָממע, כדי אויפצוהאַלטן דעם דרוק פון די נאַציס — און דערמיט שאַפן די מעגלעכקייט פאַר דער פראַנצויזישער אַרמיי זיך צו קאָנצענטרירן און איבערגרופּירן.

די אידישע פריַיוויליקע, וועלכע זיַינען געווען אָנגעשלאָסן אין אַ ספּעציעלער בריגאַדע פון אויסלענדער, זיַינען איַינגנטלעך געוואָרפן געוואָרן אין פּיסק פון דעם וואָלף, און ס'איז נאָך אַ גרויסער חסד, וואָס די דיַיטשישע בעסטיע האָט זיי שפּעטער באַהאַנדלט אַלס קרינגס־געַ־פאַנגענע, און האָט זיי ניט איבערגעשיקט אין די גאַז־קאַמערן.

דעם אָנטייל פון די אידישע פריַיוויליקע אַלס אויסלענדער אין דער פאַרטיידיקונג פון פראַנקריַיך, איז כדאַי צוווידמען אַ גאַנצן בוך. איך האָב נאָר באַרירט די דאָזיקע פראַגע אויף וויפיל איך אַליין האָב געהאַט דערצו אַ שייכות, וויַיל עס זיַינען מיר אין דאַכאַו געקומען אויפן געדאַנק די געשעענישן פון חודש יוני 1940, און מיַין אָנטייל אין דעם קריג.

איך האָב באַקומען מוט, און האָב מיר באַשלאָסן אויס צוקעמפן מיַין רעכט אויף אַריַינגעלאָזן צו ווערן קיין פראַנקריַיך באַגליַיך מיט די פראַנצויזישע אינטערנירטע.

אינצווישן האָבן אונז די אַמעריקאַנער באַהאַנדלט מיט פאַר־שידענע איַינשפּריצונגען קעגן אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן, אָבער איך מוז צוגעבן, אַז די דריטע איַינשפּריצונג קעגן פלעק־טיפוס האָט לחלוטין ניט גובר געווען די באַצילן וואָס האָבן זיך געזאַלט געפינען אין קערפּער. נאָר זי האָט ממש געבראַכט דערצו, אַז פילע זיַינען געפאַלן קראַנק.

דער אָפּגעשוואַכטער קערפּער האָט ניט געקאָנט גובר זיין דעם אַריינגעפירטן דורך דער איינשפּריצונג־באַציל.

צווישן די פראַנצויזן האָט זיך דער פלעק־טיפוס שטאַרק פאַרשפּרייט, און דער קאָמיטעט האָט פעסטגעשטעלט, אַז אויף 2,400 פערזאָן זיינען 400 קראַנק געוואָרן. דער פאָרזיצער פון דעם קאָמיטעט, ה. מישעלע, וועלכער איז איצט מיליטער־מיניסטער פון דער פראַנצויזישער רעגירונג, האָט אַנטוויקלט אַ גרויסע אַקטיוויטעט, און האָט אַלאַרמירט די פראַנצויזישע מיליטער־קרייזן, וועלכע האָבן תיכף אַראָפּגעשיקט אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע אין דער שפּיץ פון וועלכער ס'איז געשטאַנען דער גענעראַל ראַבער.

איך האָב דאַן אויסגענוצט די אַנוועזנהייט פון דער דאָזיקער דעלעגאַציע, און האָב מיך געווענדט צום גענעראַל מיט אַ פּערזענלעכער פּעטיציע, וועלכע האָט אַלזייטיק אויפגעקלערט מיין קאָמפּליצירטע לאַגע.

איך בין אויפן צווייטן טאָג פּערזענלעך צום אים איינגעלאַדן געוואָרן, און נאָכדעם ווי איך האָב אים אַנגערופן ביי די נעמען די אָפיצירן מיט וועלכע איך האָב מיטגעאַרבעט אַלס כעמיקער בשעת דעם קריג, האָט ער געגעבן זיין באַפעל מיך אַנצושליסן צווישן די פראַנצויזן. איך האָב אַזוי אַרום געוואונען מיין ערשטע „שלאַכט“, אין מיין קאַמף פאַר דער פריש געבווירענער עקזיסטענץ.

## קאַפּיטל 65

# דער דייטשישער חורבן

דריי וואָכן נאָכדעם ווי דער לאַגער־דאַכאַו איז באַפרייט געוואָרן פון די עס־עס־לייט האָט מען ענדלעך אַלע געזונטגעבליבענע פראַנצויזישע בירגער (איך בתוכם) געפירט אין מרחץ אַריין. מיר האָבן גוט אָפּגעוואַשן אַלע עבירות פון אַ קאַטאָרזשניק,

און יעדער פון אונז האָט באַקומען בלויז אַ פּאָר נייע געשטרייפּטע הויזן.

האַלב נאַקעטע זיינען מיר אַרויסגעפירט געוואָרן פון דעם קאָנ־צענטראַציע־לאַגער דאַכאַו און זיינען אָפּגעפירט געוואָרן אין די הייזער אין וועלכע ס׳האָבן פריער געוואוינט די עס־עס־לייט.

דער דאָזיקער האַלב־פרייער לאַגער איז פאַר זיך געווען אַרומ־גערינגלט מיט אַ דראָט, און באַוואַכט דורך אַמעריקאַנער.

די וואוינונגס־באַדינגונגען זיינען געווען פיל בעסער, ווי אין דאַכאַו, און די לופט איז שוין געווען פיל פרישער און געזינטער, אָבער דאָס עסן איז געקומען פון דער לאַגער־קיך מיט גרויס פאַר־שפּעטיקונג. מיר פערזענלעך האָט ניט אויסגעמאַכט דאָס צו הונגערן, ווייל איך האָב מיך ווייטער אַרומגעטראָגן מיט זאָרגן וועגן מיין טייער משפּחה אָבער די איבעריקע פּראַנצויזן האָבן אַרויסגעוויזן אַ גרויס אומצופרידנקייט, און די אַמעריקאַנער אַליין האָבן שוין געזוכט אַ וועג ווי אַזוי אַרום פּטור צו ווערן פון אונז.

ענדע חודש מאַי זיינען אַראָפּגעקומען לאַסט־אויטאָס פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי און האָבן אונז אַלע אָפּגעפירט אויפן מיונכענער פלעגפלאַץ, וואוהין ס׳האָבן באַדאַרפט אַראָפּקומען ספּעציעלע פראַנ־צויזישע עראָפּלאַנען אויף אונז איבערצופירן קיין פראַנקרייך. די שמחה איז ביי דעם עולם געווען זייער גרויס, און די פראַנצויזן, וועלכע שמ׳ען אַלס אומפאַרזאָרגטע פאַרשוינען, האָבן געלאָזן אין גאַנג זייער גאַנצן הומאָר. לײדער זיינען אין דעם טאָג געווען גרויסע לופט שווע־ריקייטן אין דער פראַנצויזישער פלאָט, וואָס האָט באַדאַרפט איבער־פליען די גרויסע „וואזשער בערג", האָט ניט געוואָלט איינשטעלן זיין עקזיסטענץ, און מיר זיינען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ צוריק אָפּגע־פירט געוואָרן אין אונזערע וואוינונגען.

צום לופט־פלאַץ האָט מען אונז געפירט אין אונזערע געשטרייפּ־טע קליידער, ווייל קיין אַנדערע מלבושים זיינען אין לאַגער ניט געווען, אָבער מיט אַ טאָג שפּעטער, האָבן די אַמעריקאַנער אַראָפּגעבראַכט גאַנצע וואַגאָנען מיט נייע מיליטער קליידער פון דער עס־עס־אַרמיי,

און יעדער פון אונז האָט געמוזט אָנגעצויגן ווערן אין אַ מלבוש פון אַן עס־עס־מאַן.

ווען היטלער ימח שמו זאָל מיט זיינע אויגן זען, אַז אַ איד איז אָנגעקליידט אין זיין „הייליקער״ יוניפאָם, וואָלט ער מסתמא באַלד באַקומען די פּאַפּלעקציע. נאָר צוליב דעם אַליין וואָלט שוין כדאַי געווען זיך צו באַווייזן אין אַזאַ טריפה׳נער הלבשה, אָבער אַזוי ווי איך האָב מער ניט געהאַפּט זיך צו טרעפן מיט דעם דאָזיקן מלאך־המוות, איז מיר געווען מיאוס צו טראָגן אויף מיין קערפּער די קליידער וועלכע דערמאָנען אונז אין אַזוי פיל צער.

די אַמעריקאַנער האָבן אָבער דאָס ניט פאַרשטאַנען, און אַזוי ווי זיי האָבן פיינט, אַז מ׳זאָל ניט אויספילן זייער ווילן — האָב איך ליידער ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי זיך אונטערצוגעבן.

מיינע מאָראַלע מאַטערנישן האָבן שוין ניט מער לאַנג גע־דויערט, ווייל מיט אַ טאָג שפּעטער האָט מען אונז אַריינגעזעצט אין לאַסט־אויטאָס, און מ׳האָט אונז געפירט צו דער קאָנסטאַנץ — זעע, וואו ס׳האָט זיך שוין געפונען די פראַנצויזישע מיליטער זאָנע.

די רייזע אין די לאַסט־אויטאָס איז געווען ניט פון די אַנגענו־מענע. מיר זיינען ניט געווען באַשיצט קעגן ווינט און רעגן און די אַמעריקאַנער נעגער־דרייווערס זיינען געלאָפן מיט אַ בליץ שנעלקייט צו וועלכער מיר זיינען ניט געווען צוגעוואוינט.

דער וועג האָט מיר צייטנווייז פאַרשאַפט אַ נחת־רוח, ווייל איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט צו זען די צעשטערטע שטעט אין בייערן און אַ קליינעם טייל פון דעם דייטשישן חורבן.

אַריינפאָרנדיק קיין מינכען, זיינען אונזערע אויטאָס שטיין גע־בליבן אויפן צעשטערטן פּלאַץ.

דאָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט אַ געשריי צו טאָן צו אַ גרופּע דייטשן, וואָס זיינען געשטאַנען און אָפּגעוואַרט דעם טראַמווי.

וואָרום באַגריסט איר ניט אייער חורבן מיט הייל־היטלער? מיין מיטפאָרנדער שכן אַ פראַנצויזישער מעדיקער האָט דאָן אויסגע־

שטרעקט צו זיי זיין אונטער־חלק אויף וועלכן ס׳איז געווען צוגענייט אַ גרויסער נאַצישער „אַקען־קרייץ״.

אונזער עס־עס־הלבשה און אויסרוף האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין אַ ספק, און צוויי דייטשישע בירגער האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער גרופּע, און זיינען צוגעגאַנגען נעענטער צו אונזער אויטאָ.

ווי נאָר זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז דאָס זיינען פּראַנצויזן, האָבן זיי זיך אָנגענומען מיט קוראַזש און זיך גאַנץ ערנסט אָפּגערופן:

— יאָ! איצט שרייען אַלע דייטשן, אַז זיי זיינען ניט קיין נאַצים, אָבער וואו זיינען זיי געווען פריער?

אונזער קאָלאָנע האָט זיך מיט אַ שטאַרקן געלעכטער געריטן אין וועג און די „אומשולדיקע דייטשע שעפּעלעך״... האָבן אונז נאָכגעקוקט מיט אַ פאַרביטערטער שנאה.

## קאַפּיטל 66

# דער קאָנטראָל־פּונקט מילהויז

די אַמעריקאַנער מיליטער אויטאָס האָבן אונז טיף אין דער נאַכט אַראָפּגעבראַכט קיין ברעגענץ און אונז אויסגעלאָדן אין אַ ספּעציעלן איינגעריכטעטן צוליב דעם צוועק אויפנאַמס־אַכסניה.

דאָ האָבן מיר זיך שוין געפונען אין אַ היימישער סביבה, אַרומגערינגלט מיט איבערגעגעבענע געטרייע פאָרשטייער פון דער נייער פראַנצויזישער „דע־גאָל׳ס״ אַרמיי.

פרויען־סאָלדאַטן צווישן וועלכע ס׳זיינען אויך געווען אידישע מיידלעך האָבן אונז פאַרזאָרגט מיט עסן און אַ גוטן געלעגער און דאָ האָבן מיר זיך צום ערשטן מאָל דערפילט אַלס פרייע מענטשן. ברעגענץ איז שוין אויפן עסטרייכישן באָדן און געפינט זיך פּאַקטיש ביי דער קאָנסטאַנץ־זעע פון וואַנען מ׳זעט אַרויס די הויכע אַלפּען־בערג באַדעקטע מיט אַ ווייסן שניי ליילעך. אין דער דאָזיקער שטאָט האָט

גערינג ימח־שמו פֿאַרבראַכט מיט זיין פֿרוי זיינע זומער־וואַקאַציעס און אַלע זיינע ויזתא׳ס זיינען דאָרט געבוירן געוואָרן.

אַזוי ווי די עסטרייכישע באַפֿעלקערונג האָט אויך געליטן אונטער דעם נאַציִשן שטיוול, טאַ הערשט צווישן זיי אין דער פֿראַנצויזישער אַרמיי אַ פֿריינטלעכע באַציאונג, בפרט ווען די פֿראַנצויזן זיינען ניט קיין שטאַרק שטרענגע אָקופּאַנטן. אין ברעגענץ איז מיר אויסגעקומען צו בלייבן אַ פּאָר טעג, ווייל די פֿראַנצויזישע אַרמיי האָט ניט פֿאַרמאָגט קיין פֿרייע לאַסט־אויטאָס, מיט וועלכע זיי זאָלן אונז קאָנען ווייטער שיקן און איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט מער גענויער זיך צוצוקוקן צו דער מאַסע פֿראַנצויזן, וואָס האָט זיך דאָרט געפֿונען.

דער קאָנטראָל איז געווען זייער אַ שוואַכער און די אַלע עלעמענטן, וועלכע זיינען פֿריער געפֿאָרן פֿרייוויליק קיין דייטשלאַנד, אָדער זיינען אַפֿילו געווען ריכטיקע נאַציס, וואָס האָבן פֿריער געבילדעט די פֿראַנצויזישע עס־עס־בריגאַדע, האָבן זיך געקאָנט לייכט דורכשמוגלען אַלס קריגס געפֿאַנגענע און ווערן ווידער כשר׳ע דעמאָקראַטן. איבערהויפּט האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן די גרויסע צאָל פֿרויען, וועלכע זיינען באַשטימט געפֿאָרן אַלס פֿרייוויליקע אַרבעטער קיין דייטשלאַנד, ווייל פֿראַנצויזישע פֿרויען האָבן אַפֿילו די דייטשן ניט געצוואונגען צו אַרבעטן. יעדער איינער פֿראַנצויז זאָל ער געווען טראָגן ציוויל־קליידער, מיליטער קליידער אָדער געשטרייפֿטע קליידער איז גלייך באַהאַנדלט געוואָרן, אָבער צו אונזער גרופּע האָט מען זיך באַצויגן מיט אַ געוויסן רעספּעקט און יראת הכבוד. מיט אַ פּאָר חברים בין איך געגאַנגען צום וואַסער, אַנזען די שיינקייט פֿון דער נאַטור, וואו, בערג, וואַסער און טאָל לעבן זיך בשלום וואָס איז אַ קאָנטראַסט צו דער מענטשהייט. איך האָב דערביי אָפּגעשטעלט אַ פּאָר עסטרייכישע אינגלעך און זיי געפֿרעגט צי זיינען זיי ניט געווען פֿאַרשריבן אין דער היטלער־יוגנט ?

מיר האָבן געמוזט זיך פֿאַרשרייבן ! איז געווען דער ענטפֿער, ווייל אויב ניט האָט מען אונזערע עלטערן געשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער.

ס׳איז געוואָרן אַרום אונז פאַרזאַמלט אַ קלײנער עולם פון פרויען און מענער, וואָס האָבן באַוואָרפן מיט שמוץ די נאַציס, אָבער איך פערזענלעך האָב ניט געזען קיין שום אויפריכטיקייט אין זייערע אויגן.

אין מיינע אויגן האָבן זיי אויסגעזען ווי די זעלבע נאַציס, וואָס האָבן פריער געטראָגן די עס־עס־יוניפאָרם און איך האָב לחלוטין ניט געהאַט קיין צוטרוי צו זייער שלאָגן זיך על חטא.

ענדלעך זיינען געקומען לאַסט־אויטאָס און אונז די ערשטע אָפּגעפירט קיין מילהויז וואו ס׳האָט זיך געפונען די ריכטיקע קאָנטראָלשטעלע.

דער טאָג איז געווען זייער אַ וואַרעמער און די נסיעה צו וועלכער מיר האָבן באַקומען צדה לדרך איז באמת פאַרלאָפן אָן שום שוועריקייטן.

די פראַנצויזישע אויטאָ־קאַנדוקטאָרן זיינען מיט אונז ניט געלאָפן, לויט דעם אַמעריקאַנער טעמפּאָ און מיר האָבן איבעראַל באַקומען אַ וואַרעמע פגישה.

שטאַרק רירנדיק איז געווען דער דורכפאָר ביי דער ריין, וואו ס׳זיינען געווען אויסגעשטעלט גרויסע פלאַקאַטן מיט דעם אויפשריפט: ברוך־הבא פאַר די קינדער דעפּאָרטירטע! פילע פון אונז האָבן דערויף געלאָזט אַ טרער פאַר פרייד.

ביים ריין האָבן מיר געזען די גרויסע זיגפריד־ליניע, אויף וועלכער היטלער האָט אַזוי פיל האָפענונג אַרויפגעלייגט און וועלכע איז אין איין שמע־ישראל אין גאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן. דאָ האָט מען געזען וואָס פאַר אַ טעכנישע און סטראַטעגישע קראַפט די אַמעריקאַנער האָבן באַדאַרפט באַניצן כדי איבערצושטרייטן ערשטנס דעם גרויסן מעכטיקן ריין און צווייטנס די זיגפריד־ליניע.

עלזאַס האָט שטאַרק געליטן פון דעם קריג, ווייל די דייטשן האָבן דאָ אַרויסגעוויזן אַ גרויסן ווידערשטאַנד. די באַפעלקערונג פון מילהויז האָט די ערשטע אויטאָס פון אונזער קאָלאָנע באַגעגנט גלייכגילטיק, ווייל ס׳האָט זיי איבערגעשראָקן אונזער עס־עס־הלבשה, אָבער

זיי האָבן באַלד פאַרשטאַנען דעם טעות און פון די הייזער האָבן זיך געטראָגן באַגריסונגען און אויסרופן אויפן אַדרעס פון גענעראַל דע־גאָל.

דער געשריי עס לעבע דע־גאָל! האָט זיך געהערט אויף מיילן ווייט, און אונזערע קאָלאָנע האָט זיך אַריינגעריסן אין דעם גרויסן הויף פון דער קאָנטראָל־שטעלע.

דער דאָזיקער אָנשטאַלט האָט מיך איבערראַשט מיט דער איינריכטונג און אָרדענונג. פאַר מיינע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ גאַנץ אַנדער פראַנקרייך ווי אין יאָר 1939 און איך האָב געזען אַז ווען אַ פאָלק וויל קאָן דאָס לערנען.

ביים אַריינגאַנג האָט יעדער פון אונז באַקומען אַ קאַרטע לויט דעם דעפּאַרטמענט וואוהין ער וויל פאָרן און דער הויכשפּרעכער האָט דערנאָך גערופן צו דער קאָנטראָל אויך לויט דעם דעפּאַרטמענט.

איבער אַכט שטונדן האָט געדויערט די גאַנצע פּראָצעדור, וועל־כע איז געוויינלעך זייער דערמידעט, אָבער זייער ניצלעך. דער הויפּט־פּרינציפּ באַשטייט אין דעם, וואָס מ׳גייט אַריין פון איין זייט געביידע, מ׳ווערט אויטאָמאַטיש געפירט פון צימער צו צימער וואו ס׳ווערן דורכ־געפירט פאַרשידענע קאָנטראָל־אָפּעראַציעס און מ׳גייט אַרויס אָן אויס־געבאָדענער און אַ פּירש־געבוירענער מענטש.

די אַלע אָנקעטעס און פאָרמאַליטעטן, וואָס ווערן געמאַכט זיי־נען ניט אַזוי וויכטיק ווי דאָס צימער אין וועלכן מ׳גייט אַריין פון דער באָד אַ נאַקעטער און וואו מ׳הייבט אויף ביידע הענט, אונטער וועל־כע אַ פּאָר געניטע אויגן זוכן נאָך צי ס׳איז ניט פאַראַן אַ סימן.

פרעגט זיך פון וואָס?

דאָ קלערט זיך אויף אַז די נאַציס האָבן פאַר זייערע עס־עס־לייט צוגעטראַכט אַ בכבודיקן צעכן.

יעדער איינער פון זיי איז אונטערן אָרעם באַצייכנט געוואָרן מיט די אותיות סי־סי.

דורך דער דאָזיקער קאָנטראָל ווערן יעדן טאָג אויסגעפונען פראַנצויזישע עס־עס־לייט, האָט אונזער דערקלערט דער קאָנטראָל־

מאַכער און האָט צוגעגעבן, „ווייל ביים אַריינגאַנג ווייסט קיינער ניט פון דעם וואָס אים דערוואַרט“.

אין דער נאַכט פון אונזער פאַרברענגען אין מילהויז זיינען צוועלף אַזעלכע טיפן אויפגעדעקט געוואָרן אין דעם דאָזיקן קליינעם שמאָלן צימערל און זיינען גלייך אָפּגעפירט געוואָרן צום קאָמענדאַנט וואו מ'האָט מיט זיי די גאַנצע נאַכט געלערנט בלק.

דער פראַנצויזישער דאָקטאָר, וועלכער האָט געטראָגן דעם אָקען־קרייץ אויף זיין אונטער־חלק איז אַפילו איינגעלאַדן געוואָרן דורך דעם קאָמענדאַנט פון דער קאָנטראָל־שטעלע צו מאַכן באַקאַנטשאַפט מיט די פאַרשטעלטע עס־עס־פראַנצויזן און ער האָט זיך דערנאָך באַרימט מיט זיינע צוגעטראַכטע פאַר זיי עקזעקוציעס, וועלכע ער האָט בכבודו ובעצמו דורכגעפירט.

## קאַפּיטל 67

# מיין נסיעה קיין פּאַריז

אין מילהויז האָט אונז די אַדמיניסטראַציע פון דער קאָנטראָל־שטעלע ניט אַרויסגעלאָזט אין דער עס־עס־הלבשה און יע־דער דעפּאָרטירטער האָט באַקומען אַ נייעם מלבוש געמאַכט פון פיבראַן (האָלצשטאָף). ווען איך האָב מיך צום ערשטן מאָל דערזען אין שפּיגל אין דעם נייעם ציוויל־מלבוש מיט מיין גלאַטן קאָפּ, אויסגעצויגענעם געלן געזיכט און איינגעפאַלענע אויגן האָב איך מיך ממש דערשראָקן.

ס'האָט זיך מיר אַליין ניט געגלויבט אַז דאָס זאָל זיין דער דאָזיקער אַהרן וועלכער האָט פאַר דער דעפּאָרטאַציע 180 פונט גע־וואויגן.

איך בין באמת פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זקן מיט דער וואָג פון 110 פונט און ס'האָט זיך מיר געדאַכט אַז אַ שענערן פון מיר לייגט מען אין קבר אַריין.

איך האָב נאָר געבעטן ביי גאָט אַז איך זאָל זוכה זיין צו קומען קיין פּאַריז אַ לעבעדיקער, כדי צו וויסן דעם גורל פון מיין קליינער משפּחה.

דער ווילן צו זען מיין פרוי און קינד האָט אין מיר פאַרמירט פרישע קרעפטן און איך האָב אַפילו ניט געפילט די מידקייט פון מיין שווערער נסיעה.

דעם 30טן מאַי אין דער פרי האָט מען מיך אָפּגעפירט צום באַנהויף און איך בין אַריינגעשטופּט געוואָרן אין אַ צוג וועלכער איז געגאַנגען קיין פּאַריז.

ניט קוקנדיק דערויף וואָס דער צוג איז געווען ענג געשטאָפּט, האָב איך מיך געפילט גליקלעך צו זיין אַ פּאַסאַזשיר פון דער פראַנצויזישער באַן־ליניע, וועלכע האָט זיך ערשט געפונען אויפן וועג פון צוריק אויגעבויט צו ווערן.

מיר זיינען געפאָרן זייער לאַנגזאַם, ווייל אויפן גאַנצן וועג זיינען געווען צעשטערטע בריקן, וועלכע די פראַנצויזישע זשעני האָט פּראָוויזאָריש אויפגעשטעלט.

ס'האָט ווי געטאָן דאָס האַרץ זעענדיק דעם חורבן פון פראַנקרייך און ס'האָט זיך געפילט די אומצופרידנקייט פון דער אויסגעהונגערטער באַפעלקערונג.

דער רויטער־קרייץ האָט אונז אויף די גרעסטע באַן־סטאַנציעס באַגעגנט מיט וואַרעמע קאַווע (דער באַליבטער געטראַנק פון די פראַנצויזן) און מיט דזשעם סענדוויטשעס.

כאָטש מיר האָבן די פינף־הונדערט מייל ביז פּאַריז דורכגעמאַכט אין צוואַנציק שטונדן האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט אַז די נסיעה זאָל זיך ציען וואָס לענגער ווייל איך האָב ניט געוואוסט, אויב איך וועל נאָך אימיצן פון מייניקע געפונען. צוויי אַזייגער פאַרטאָג דעם 31טן מאַי האָט זיך אונזער צוג אַריינגעגליטשט אין דעם גרויסן „עסט" באַנהויף פון פּאַריז און אַ מחנה פון יונגע סקוטן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די וואַגאָנען.

איך האָב מיך דעמאָלט דערמאָנט אין מיין אָנקומען קיין אוישוויץ.

דאָרט איז דער פּלאַץ פאַרן באַנהויף געווען באַלויכטן מיט גרויסע עלעקטרישע לאַמפּן, אָבער פאַר אונז אָנגעקומענע האָט געהערשט אַ טויט־פינצטערניש. דאַגעגן איצט איז דער באַנהויף איינגעהילט אין אַ פינצטערניש אָבער פאַר די אויגן איז געווען ליכטיק. די פּאָליציי־אַגענטן אין אוניפאָרם מיט זייערע בלויע פּעלערינעס, וועלכע האָבן אפשר פריער מיטגעהאָלפן דעם דייטשישן טייוול דורכצופירן זיינע ווילדע מעשים, באַגעגענען אונז מיט אויסרופן: עס לעבע דע גאָל! עס לעבע די דעפּאָרטירטע!

ניט קוקנדיק אויף דער שפּעטער נאַכט־שעה איז אַ גרויסער המון מיט מענטשן געשטאַנען ביי די אייזערנע גראַטעס. אויגן פון פרויען האָבן מיט אויפרעגונג און שרעק נאָכגעזוכט זייערע נאָענטע.

פון צייט צו צייט האָב זיך דערהערשט אַ געשריי און אַן אויסרוף פון אַ נאָמען. מיר האָט זיך געדאַכט אַז איך זע אויסגעשטרעקט אויף מיר אַ פּאָר וויינענדיקע אויגן פון מיין פרוי. איך האָב געפילט אַז מיינע פיס ברעכן זיך אונטער מיר, אָבער איך בין אויטאָמאַטיש ווייטער געגאַנגען.

די דערקענטע דורך די קרובים דעפּאָרטירטע זיינען סיי ווי סיי ניט צוגעלאָזט געוואָרן צו זייערע נאָענטע, ווייל מיר אַלע האָבן באַדאַרפט צוערשט אָפּגעפירט ווערן אונטער אַ שמירה אין דעם האָטעל „לוטעציא״, כדי אויסצופילן פאַרשידענע פאָרמאַליטעטן.

צום אָנהייב האָב איך געהאַט גרויס עגמת־נפש, וואָס איך האָב ניט אויסגעשריגן מיין פרויס נאָמען, אָבער זעענדיק אַז מיר ווערן אָפּגעפירט ווייטער, האָב איך באַשלאָסן בעסער פאַרבאַרייטן מיין באַגעגעניש מיט מיין פרוי, אויב זי לעבט, ווי זי איבערשרעקן מיט מיין שלעכטן אויסזען.

אין אטעל לוטעציע האָט מען אונז איינגעאָרדנט אַ שיינעם קבלת־פּנים מיט אַ הייסע גלאָז טיי און מ׳האָט אונז דערנאָך אָפּגעפירט אין מרחץ אַריין, זיי האָבן אונז פריינטלעך דערקלערט, אַז עס

זיינען לעצטנס דעקלאַרירט געוואָרן פאַלן פון פלעקטיפוס און דערי־בער ווערן אָנגענומען די דאָזיקע מיטלען.

ווידער דער זעלבער „נאָנסענס״ ווי אין פלאָסענבורגער לאַגער.

אויב מ׳וויל ווירקלעך אָננעמען מיטלען קעגן אַזאַ „באַציל״, טאָ ווי אַזוי דערלויבט מען אונז נאָך דער באָד צוריק אָנציען אונזערע מלבושים אָן שום דעזינפעקציע.

ווי ס׳זאָל ניט זיין האָט מיך דער מרחץ דערפרישט, ווייל איך בין פון איין זייט געווען שטאַרק דערשלאָגן דורכדעם פאַקט, וואָס איך בין דורכגעגאַנגען פאַר די אויגן פון מענטשן ניט דערקענטערהייט און פון דער צווייטער זייט בין איך געווען שטאַרק פאַרזאָרגט מיט דער קומענדיקער פגישה.

צוריקקומענדיק אין האָטעל לוטעציע, האָט מען ביי אונז נאָכ־קאָנטראָלירט אונזערע שיינען, וועלכע מיר האָבן מיט זיך מיטגע־בראַכט פון מילהויז און יעדער איינציקער איז באַטראַכט געוואָרן דורך אַ מיליטער־דאָקטאָר.

איך בין אַריינגעפאַלן צו אַ אידישן דאָקטאָר, קאַפּיטען מ. וועל־כער האָט מיך גאַנץ ערנסט באַטראַכט.

מיינע לונגען זיינען אים געוואָרן פאַרדעכטיקט און ער האָט מיך געשיקט אויף אַ ראַדיאָגראַפיע, וועלכע ווערט געמאַכט גלייך אין דעם זעלבן האָטעל.

אויסשטעלנדיק דאָס צעטל צום ראַדיאָגראַפיסט האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אין מיין נאָמען. ער האָט תיכף איבערגעריסן זיין שרייבן און איז צוגעלאָפן צו מיר מיט אַ פרייד.

איך האָב פאַר אייך אַ גליקלעכע ידיעה! אייער פרוי און קינד זיינען געראַטעוועט געוואָרן!

ער האָט ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן זיין פראַזע בין איך שוין געווען אין חלשות.

ווי נאָר איך בין געקומען צו זיך האָט ער מיר דערקלערט אַז מיין פרוי האָט זיך געראַטעוועט דורך אַנטלויפן און אַז זי קומט יעדען טאָג זיך נאָכפרעגען אויב מ׳ווייסט עפּעס וועגן מיר. זי לייגט איין וועלטן צו וויסן אויב איך בין צווישן די געראַטעוועטע. דער דאָקטאָר

האָט מיך פּערזענלעך באַגלייט צום ראַדיאָגראַפיסט, וועלכער איז אויך געווען אַ איד אין מיליטער־אוניפאָרם.

מיין ראַדיאָ־בילד האָב איך ניט געקאָנט באַקומען אויפן אָרט, אָבער דער ראַדיאָגראַפירט האָט מיר געצייגט די פאָטאָגראַפישע בילדער פון זיין שוועסטער און שוואָגער און האָט געוואָלט וויסן, אויב איך האָב זיי געזען אין אוישוויץ?

איך האָב זיין שוואָגער גוט דערקענט. דאָס איז דער דאָקטאָר בין, וועלכער איז מיט מיר צוזאַמען געווען אין דראַנסי־לאַגער און איז אַפילו דעפּאָרטירט געוואָרן צוזאַמען מיט זיין פרוי און צוויי טעכטער מיט דעם זעלבן צוג וואָס איך. ער איז געווען אַן אינוואַליד אין דער רעכטער האַנט פון דעם קריג 14—18 און האָט געהאַט גרויסע מיליטער־אויסצייכענונגען פון דער פראַנצויזישער רעגירונג, פאַר זיינע גרויסע העלד־טאַטן. ער האָט אויך געהאַט די בלום פון דעם ערן־לעגיאָן אַלס קאָמאַנדיר אָבער דאָס אַלץ האָט אים מיט זיין משפחה ליידער ניט געראַטעוועט פון דער גאַז־קאַמער.

איך האָב דעם אומגליקלעכן שוואָגער ניט געקאָנט פאַרעפנטלעכן דעם דאָזיקן טרויעריקן סוד און ער זאָל מיר מוחל זיין פאַר מיין שוויגן. אויף מיר אָבער האָט דער דאָזיקער טרויעריקער עפּיזאָד איבערגעלאָזט אַ שווערן רושם.

דורך די פענצטער פון „לוטעציע" האָט זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן די ליכט פון דעם קומענדיקן פרימאָרגן און איך בין געווען גרייט אַן אָפּגעשוואַכטער צו גיין נעמען דעם ערשטן אונטערגרונט באַן „סאָבוויי" אויף צו פאָרן אַהיים. דער באַקאַנטער דאָקטאָר, האָט אָבער געוואָלט אויספירן זיין מיסיע ביזן סוף און ער האָט מיך אָפּגעפירט אין זיין פּערזענלעכן אויטאָ מיט דער הילף פון סקאוטן, וועלכע האָבן מיר ממש געטראָגן אויף זייערע הענט.

פאַר אונזער אָפּפאָרן האָט ער צוערשט טעלעפאָנירט צו אַ שכנה אַ קריסטין, וועלכע איך האָב געקאָנט אַלס אונזערע אַ פריינדין ביי וועלכע ס'האָט זיך געפונען מיין פרוי און זי האָט זיך אונטערגענומען פאַרצובאַרייטן מיין פרוי צו דער פגישה.

צו באַשרייבן דעם דאָזיקן ליכטיקן אָבער גליקצייטיק שווערן

מאָמענט, איז איבעריק, ווייל יעדער איינער קאָן זיך פאָרשטעלן וויפיל טרערן ס'זיינען אין דעם מאָמענט פאַרגאָסן געוואָרן. די ערשטע ווערטער פון מיין פרוי, וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ווייל זיי זיינען געווען פיל מיט ליבע, טריישאַפט און דרייסקייט.

זי האָט באַלד פאַרשטאַנען, וואָס אייגנטלעך עס דריקט מיין שווער האַרץ און זי האָט מיך תיכף באַרואיקט מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

מיר האָבן עקאָנאָמיש אַלץ פאַרלוירן, מיר האָבן אָבער גובר געווען די ווילדע נאַציס, דערמיט וואָס אונזער קינד איז געבליבן לעבן אַלס איד און וואָס ער האָט צוריק באַקומען זיין פאָטער!!!

דאָס קינד האָט מיך אין דער ערשטער מינוט כמעט ווי ניט דערקענט. מיין שרעקלעך אויסגעמאָגערט פנים מיטן גלאַטן קאָפּ, האָבן אים ווייזט אויס מסופק געמאַכט.

ער האָט פאַר פרייד ניט געקאָנט אויסדריקן מיט ווערטער זיינע געפילן. ער האָט מיך געהאַלדזט, געקושט און ממש געגלעט מיינע מלבושים.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַרואיקט איז זיין ערשטע פראַגע געווען: אויב די דייטשן האָבן מיך שטאַרק געפייניקט? איך האָב אינסטינקטיוו געענטפערט אַז יאָ! דאַן פרעגט ער מיך: אויב איך האָט כאָטש נקמה גענומען פון זיי נאָכדעם ווי די אַמעריקאַנער האָבן מיך באַפרייט? אויך דאָס יונגע נפש'ל האָט געלעכצט נאָך נקמה.

איך בין ערשט נאָכדעם געוואָרן אַ חולה מסוכן, אָבער די וואָרעמקייט פון מיין היים און די ידיעה אַז מיין פאָטער דער לאיעווער טשערנאָבעלער רבי, לעבט (דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות איז שוין איצט באַקאַנט די גרויסע אבדה, וועלכע האָט אים געטראָפן דורך דער פטירה פון זיין פאָטער ז"ל) האָט מיר געגעבן מוט צוריק צו קומען צו מיינע כוחות.

## קאַפּיטל 68

# די געשיכטע פון מיין פרוי און קינד

ווי נאָר מיין געזונט האָט זיך אָנגעהויבן צו בע־סערן, האָב איך שטאַרק געוואָלט אויסהערן די לעבנס־געשיכטע פון מיין פרוי, זינט זי איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשישע רוצחים.

טעג און נעכט זיינען מיר געזעסן און איינער דעם צווייטן איבער־דערציילט די טרויעריקע געשיכטע פון דעם גיהנום, וועלכן מיר האָבן דורכגעמאַכט און אויך די נפלאות׳ן, וועלכע מיט אונז האָט פּאַסירט.

איך קען לײדער ניט איבערגעבן אין די ראַמען פון אַ קאַפּיטל אַלע פּרטים וועגן דער העלדישקייט פון מיין פרוי, וועלכע זי האָט אַרויסגעוויזן בכדי זיך צו ראַטעווען. וועגן דעם איז כדאַי צו שרייבן אַ צווייטן בוך, אָבער בכדי צו באַפרידיקן דעם אינטערעס פון מיינע לייענער וויל איך אין קורצן זאָגן אַז מיין פרוי האָט מיט איר דרייסט־קייט און געשלאָסענעם ווילן צוגעטראָגן אַ שיין קאַפּיטל צו דער אי־דישער געשיכטע פון פרויען־העלדישקייט און ניט אומזיסט טראָגט זי דעם נאָמען חנה.

בשעת מ׳האָט איר אַרויסגעשיקט פון דעם לאַגער אויף אַרבעט, האָט זי רעזיקירט מיט איר לעבן זיך צו ראַטעווען.

ס׳קלינגט אַ ביסל פּאַראַדאָקסאַל, ווייל אין נאָרמאַלן מענטשלעכן לעבן, ריזיקירט קיינער ניט מיט זיין לעבן בכדי זיך צו רעטן, סיידן מ׳גייט אונטערן מעסער אויף אַ כירורגישער באַהאַנדלונג.

אָבער ביי די לאַגער אומשטענדן, אַז מ׳האָט זיך געוואָלט ראַ־טעווען פון די מלאכי חבלה׳ס הענט האָט מען געמוזט איינשטעלן דאָס לעבן.

אויב מ׳איז געשפּרונגען פון די וואַגאָנען, וועלכע האָבן געפירט קיין מאַידאַנעק אָדער קיין אוישוויץ איז אויך געווען מיטן געדאַנק

זיך צו ראַטעווען. וויפל זיינען אָבער ביים שפּרינגען אומגעקומען? ווייסט קיינער ניט!

ס׳קאָן זיין ווען זי זאָל געווען דעמאָלט לאָגיש אויסרעכענען דעם געפאַר וועלכן זי וואַרפט זיך אונטער, וואָלט זי אַזאַ געפערלעכן שריט ניט געווען אונטערגענומען, אָבער דער ווילן צו זיין ווידער מיטן קינד און מאַן איז געווען שטאַרקער פון דער לאָגיק.

די פרויען זיינען איבערהויפּט געווען מער אַנטשלאָסן אין זייערע טאַטן און איך ווייס פון אַ סך פאַלן, ווען זיי האָבן זיך געראַטעוועט אויף אַ מיסטערישן אופן נאָר אַדאַנק זייער ריזיקאַלישע אונטערנעמונגען.

ס׳איז מיר געווען פּיינלעך אויסצוהערן די דערציילונג פון מיין פרוי, וואָס האָט ניט נאָר דערציילט מיט ווערטער, נאָר האָט אויך אין דעם מאָמענט ווידער איבערגעלעבט די אַלע שווערקייטן און גרוילקייטן פון איר לעבן.

אויסער דעם געפאַר,וועלכן זי האָט זיך אונטערוואַרפן ביים ראַטעווען זיך, האָט זי אין איר ווייטערן קאַמף פאַרן לעבן דורכגעמאַכט אַלע שבעה מדורי גהינום.

זי פלעגט ניט איינמאָל אַריינפאַלן אין צווייפל און חרטה האָבן דאַרויף, וואָס זי איז ניט אומגעקומען, ווייל די וואָס האָבן זיך ווייטער געפונען אין די קאָנצענטראַצע־לאַגערן האָבן ניט געהאַט פאַר זיך די שווערע פּראָבלעם פון אויסבאַהאַלטן זיך און טראָגן אויף זיך די אַחריות פאַרן לעבן פון דעם קינד.

דאָס אַנטלויפן אַליין איז באַשטאַנען פון אַ קורצן מאָמענט, אָבער ווען מ׳וויל זיך אַריינטראַכטן אין די שווערקייטן, וועלכע זיינען ווייטער געקומען קאָן קיין נאָרמאַלער מענטשלעכער מוח ניט פאַרשטיין ווי אַזוי האָט מען כוח דאָס אַלץ צו פאַרטראָגן.

יאָ! דער וואָס קעמפט פאַרן לעבן, דער קריגט אָפטמאָל איבערמענטשלעכע כוחות, וועלכע דערפירן אים צום ציל, אָבער ווען דער ציל איז שוין דערגרייכט געוואָרן, דערפילט דער קעמפער די גרויסע שווערע לאַסט, וואָס איז אויף אים אויסגעפאַלן און זיין גוף פאַלט צוזאַמען.

אין דער דאָזיקער שרעקלעכער רעאַקציע ליגט דער גאַנצער שווערער פּונקט פון דעם קעמפער און איך בין גליקלעך, וואָס מיין פרוי איז בייגעשטאַנען דער דאָזיקער רעאַקציע און האָט אויסגעהאַלטן ביז מיין צוריקקומען.

איר געזונט צעשטאַנד איז אַוודאי ניט דער זעלבער, וואָס פאַרן קריג, אָבער דער מאָראַל און דער ווילן צו העלפן די געראַטע־וועטע אידישע יתומים, וועלכע זיינען פאַר איר דער יסוד פון דעם אידישן פאָלק, גיט איר צו מוט אין ווייטערן וועג פון איר לעבן.

איך קום צוריק צו איר געשיכטע.

נאָכדעם ווי זי האָט זיך געראַטעוועט האָט זי זיך דערשלאָגן צו פּראָוונציז, וועגן וועלכע זי האָט געוואוסט אַז זיי שטייען אין פאַר־בינדונג מיט דער אונטערגרונט־באַוועגונג „רעזיסטאַנס".

זיי האָבן זי אויסבאַהאַלטן אַ קורצע צייט און איר פאַרשאַפט פאַלשע אַרישע פּאַפּירן, בכדי זי זאָל זיך קאָנען דערשלאָגן צום אָרט, וואו זי האָט געהאָפט צו געפינען איר מאַן מיטן קינד.

זי האָט געשטרעבט זיך צו פאַרבינדן מיט מיר, אָבער ווי גרויס איז געווען פאַר איר דער קלאַפּ, ווען זי האָט זיך דערוואוסט וועגן מיין אַרעסט.

זי איז דעמאָלט שטאַרק קראַנק געוואָרן פאַר יסורים און די קריסטלעכע פריינט, ביי וועלכע זי האָט געפונען אַ מקום מקלט האָבן זיך ממש מקריב געווען, בכדי זי צו ראַטעווען.

זי האָט זיך דעמאָלט שטאַרק פאַרטראַכט און אַנאַליזירט דעם טרויעריקן און אומזיכערן שיקזאַל פון דעם אידן. אָט, ניט לאַנג צורק האָט דער פאָטער באַקומען פון איר די צוואה אויף צו בלייבן אַ מוטער דעם קינד און איצט מוז זי אַליין אויך זיין אַ פאָטער.

איר איינציקע טרייסט איז דאָן געבליבן דאָס קינד און צו אים האָט זי געשטרעבט.

ניט קוקנדיק אויף דעם גרויסן געפאַר, אין וועלכער זי האָט זיך יעדע רגע געפונען, ווייל אויף יעדן טריט און שריט האָבן זיך

געפונען אידישע שונאים, האָט זי אָנגעשטרענגט אַלע מיטלען ביז זי איז געקומען אויף די שפורן פונעם קינד.

דאָס קינד האָט זיך דעמאָלט געפונען ביי אַ פרומער קריסטלע־כער פרוי, וועלכע האָט אומבאַדינגט אים געוואָלט אָפּשמדן.

ער איז געפירט געוואָרן אין קלויסטער און האָט קעגן זיין ווילן געמוזט זיך צלמ׳ען און אויספירן אַלע קריסטלעכע מידות.

ווען די מוטער איז צו אים ענדלעך אַריבערגעקומען איז ער געווען ניט צו דערקענען.

ער האָט זיך געפונען אין אַ מעלאַנכאָלישער שטימונג און מען האָט געזען אַז ער לעבט איבער אַ שרעקלעכע דראַמע, זיין פנים איז געווען געשוואָלן און די פאָדערשטע ציין געבראָכן.

דערזעענדיק אַז זיין מוטער איז צוריקגעקומען האָט ער באַלד געשטעלט די פראַגע אויב זיין פאָטער וועט אויך צוריקקומען?

ס׳האָט אים געמאַטערט מיין שיקזאַל און ער האָט אומבאַדינגט געוואָלט וויסן צי איך לעב נאָך?

פאַר מיין פרוי איז דעמאָלט געשטאַנען די שווערע פּראָבלעם, ערשטנס אים ראַטעווען פון שמד און אויך ראַטעווען זיין פיזישן גע־זונט־צושטאַנד.

זי האָט בשום אופן ניט געוואָלט מיושב ווערן מיטן געדאַנק אַז אונזער קינד, דער זעקסטער דור פון דעם טשערנאָבעלער מגיד זצ״ל, וועלכער טראָגט דעם נאָמען לוי־יצחק נאָך דעם גרויסן בער־דיטשעווער גאון זאָל חלילה קומען צו שמד.

זי האָט זיך דערשלאָגן צום גלח און געהאַט מיט אים אַ הייסן וויכוח. ער האָט געמוזט צושטימען צו אירע אַרגומענטן און זיך אָפּ־געזאָגט פון שמדן אונזער קניד.

די פרומע קריסטין פון דעם קלויסטער ביי וועלכע ס׳האָט זיך פריער געפונען דאָס קינד, האָט זיך דערנאָך אָפּגעזאָגט צו נעמען אים צוריק בכדי וויטער צו האַלטן. זי האָט געהערט צו דער גרופּע, וואָס האָט געראַטעוועט אידישע קינדער פון די נאַציס און אונזער קינד בתוכם.

שווערע מאָמענטן, זייער שווערע מאָמענטן האָט מיין פרוי דורכגעמאַכט מיטן קינד. ווי זי האָבן געטאָגט האָבן זיי ניט גענעכטיקט און האָבן זיך אַלע מאָל אויסגעדרייט פון דער „געסטאַפּאָ"־נעץ.

צוועלף מאָל אין משך פון איין חודש האָט מיין פרוי אָפּגעגעבן דאָס בלוט פון איר אויסגעמוטשעטן קערפּער בכדי צו מאַכן דעם קינד איינשפּריצונגען.

די דאָזיקע ערנסטע און געהיימע אָפּעראַציע האָט געמאַכט אונזער פריינט, דער באַוואוסטער ציוניסטישער עסקן, ד"ר פילדערמאַן אין זיין פּריוואַט וואוינונג.

דער ד"ר פילדערמאַן האָט זיך קונה שם געווען מיט זיינע וויסנשאַפטלעכע דערפינדונגען אויפן געביט פון מעדיצין און מ'האָט אים צו יענער צייט נאָך ניט אָנגערירט, אָבער מיט אַ חודש שפּעטער, ווען מיין פרוי איז צו אים ווידער געקומען, האָט זי געפונען די וואוינונג פאַרריגלט און די היילונג, וועלכע זי האָט אונטערגענומען פאַרן קינד איז אָפּגעשטעלט געוואָרן.

דער ד"ר פילדערמאַן האָט זיך מיט זיין פרוי, צו אונזער גרויס פרייד, געראַטעוועט, אָבער דער גרויסער פאַרלוסט פון זייער פּעאיקן זון, אויך אַ דאָקטאָר און זייער טאָכטער מיטן איידעם, האָט זיי איינגאַנצן צעבראָכן.

מיין פרוי מיטן קינד האָט אין זייער הויז געפונען אַ גרויס וואַרעמקייט און ס'ווייזט דאָס האַרץ פאַר דעם צער, וואָס דער אידישער שיקזאַל האָט פאַרשאַפט אַזאַ איידעלער אידישער משפחה.

דער ד"ר פילדערמאַן, וועלכער לעבט מיטן נאַציאָנאַלן אידעאַל פון דעם אידישן פאָלק און זיין געשעצטע פרוי וועלכע איז זיך ממש מקריב פאַר אַנדערע וועלן אויף געוויס געפונען אַ טרייסט אין זייער גרויסן צער, דורך זייער אַקטיווער אַרבעט לטובת דעם קיום פון דעם אידישן פאָלק.

אין דעם ווייטערן קאַמף פון זייער רעטונגס־וועג איז מיין פרוי ניט איינמאָל אויסגעקומען צו פאַרלאָזן אינמיטן דער נאַכט די באַהעלטעניש און זיך לאָזן אויף הפקר.

איינמאָל איז איר אויסגעקומען צו פאַרלאָזן דעם מקום מקלט אין דער נאַכט און לויפן אין וואַלד אַריין, וואָס האָט זיך געפונען פינף מייל פון דער וואוינונג.

ווי אויף צו להכעיס האָט אין דער נאַכט שטאַרק גערעגנט און זיי זיינען ביידע דורכגענעצט געוואָרן ביז אין די ביינער.

זיי האָבן זיך אין דער פינצטער קאָם דערשלאָגן צו אַ פּויער, וואָס האָט זיי אַריינגעלאָזט איבערנעכטיקן אין שטאַל און דאָרט האָט דאָס קינד באַקומען גרויסע היץ און איז שטאַרק קראַנק געוואָרן.

די געשיכטע ווי אַזוי מ׳האָט געבראַכט צו אים אַ דאָקטאָר און ווי אַזוי מ׳האָט דאָס קינד, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיטן טויט, גע־ראַטעוועט, האָט מיך ממש צעבראָכן.

די אַמעריקאַנער אַרמיי האָט זיי אין סעפּטעמבער פון דעם יאָר 1944 באַפרייט אין אַ דאָרף, וואו אידן האָבן זיך פּאַקטיש ניט געטאָרט געפינען.

אויף צו להכעיס היטלערן האָט מיין אידיש קינד זוכה געווען אַרויסצוקומען מיט אַן אַמעריקאַנער פאָן אין דער האַנט בכדי מקבל־פּנים זיין די רעטער.

מ׳האָט אים מכבד געווען מיט קישן און שאָקאָלאַד אָבער זיין איינציקער וואונטש איז געווען, אַז זיי זאָלן אים ברענגען צוריק זיין פאָטער.

דער רבונו־של־עולם האָט זיין בקשה צוגעהערט, איך ווידער האָב באַשלאָסן צו פאָרן זען מיין אַלטן טאַטן און זיין אויך אויפן קבר פון מיין פאַרשטאָרבענער מוטער.

איך האָב געבראַכט אַלס קרבן מיין גוף און פאַרמעגן, ווייל אונ־זער פאַבריק, וועלכע מיר האָבן דערהאָבערט נאָך לאַנגע יאָרן פון שווע־רער אַרבעט איז אינגאַנצן צעשטערט געוואָרן דורך צוויי באָמבאַדירונ־גען, אָבער מיין פרוי האָט נעבעך אין דעם דאָזיקן בלוט באָד פאַרלוירן איר אַלטן פאָטער מיט שוועסטער, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אין רוסלאַנד אויף קידוש־השם.

# אהרן טווערסקי

אהרן טווערסקי, איז דער זון פון לאָיעווער־טשערנאָבעלער רבין הרב ברוך בן־ציון זצ״ל. ער איז דער פינפטער דור פון דעם מגיד ר׳ נחום זצ״ל פון טשערנאָביל דעם מחבר פונעם ספר „מאור־עינים״, וואָס איז געווען אַ נאָענטער תלמיד פון דעם „בעל־שם״.

פון דער מוטער׳ס צד שטאַמט ער פון די גור־אַריה׳ס און אויך פון דעם בעל־שם הקדוש ז״ל.

אין יאָר 1903, האָט זיך זיין פאָטער באַזעצט על כסא הרבנות אין אומאַן קיעווער גוב. (רוסלאַנד).

ער האָט אין דעם יאָר 1905 דורכגעמאַכט דעם גרויסען פאָגראָם אין אומאַן און די געשעעניש׳ען האָבן איבערגעלאָזט אַ רושם אויף זיין קינדערשן געמיט.

ביז זיין בר־מצוה האָט ער דורכגעמאַכט זיין יוגנט אין דעם שטרענג אָרטאָדאָקסישען רביישן הויף אונטער דער האַלב־אַסקעטישער דיסציפּלין פון די מלמדים.

נאָך זיין בר־מצוה האָט מען אים אָוועקגעשיקט לערנען ש״ס און פוסקים אין דער שומסקער ישיבה.

דאָרט האָט ער זיך באַפריינדעט מיט ישיבה־בחורים משכילים, וואָס האָבן אים בסוד־סודות אַריינגעפירט אין דער השכלה־ליטעראַטור.

אין אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אַהרן אַרויס־גערופן געוואָרן צוריק אין זיין היים און ער האָט געלערנט אין איי־גענעם בית־המדרש אונטער דער השגחה פון יענקעלע מעדזשיבוזשער — אַ איד פון הייליקע מידות און אַ גרויסער למדן אין נגלה און נסתר.

אין יענע בייזע יאָרען זיינען אין דעם רביי׳שן אויף אָפּגע־שוואַכט געוואָרן די צוואַנגען פון שווערער און אינערלעכער דיסציפּלין.

אהרן האָט שפּעט אין דער נאַכט און אין די פרימאָרגן שעה׳ן, ווען דער גרויסער הויף איז נאָך געשלאָפן זיך געגריבלט אין דער נייער העברעאישער ליטעראַטור.

די מאָדערנע ליטעראַטור האָט שטילערהייט געשפּינט פאַר אים דעם כישוף פון אַ בעסערער און שענערער וועלט, אַ וועלט פון גוטס פון יושר און פון שיינקייט.

אין יאָר 1915 האָט אַהרן צוזאַמען מיט זיין ברודער אַברהם, דעם איצטיקן דיכטער און מחבר פון „משיח׳ן אַנטקעגן״, פאַרלאָזט אין געהיים די היים מיט איר דורות׳דיקן שטייגער און אַוועק קיין אָדעס.

אַזאַ שריט איז בשעתו געווען אַ גרויסער נסיון.

אויף אָדעס האָט מען דעמאָלט געקוקט ווי אויף דעם גרעסטן אידישן נאַציאָנאַלן און קולטורעלן צענטער.

עס האָט זיך פאַר די רבייאישע קינדער אָנגעהויבן טעג פון דאַכלאָזיקייט, הונגער און עלנט, ביז ס׳האָט זיך מיט זיי פאַראינטעד־רעסירט ד״ר יוסף קלויזנער, דעמאָלט דער רעדאַקטאָר פון „השלוח״, ד״ר סאַפיר און ח. נ. ביאַליק זכרונם לברכה.

באַלד נאָכדעם האָט אויסגעבראָכן די פעברואַר־רעוואָלוציע, וואָס האָט פאַרכאַפּט דאָס האַרץ פון דעם יונגן דור. אַהרן האָט זיך געשטעלט אונטער דער פאָן פון פּראַקטישן ציוניזם און איז געוואָרן אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער צעירי־ציון פּאַרטיי.

די אָקטאָבער איבערקערעניש און נאָכדעם די פּאָגראָמען אין אוקראַינע בכלל און אין אומאַן בפרט האָבן מיט איין מאָל אויסגעמישט אַלע ווערטן און באַגריפן. די מלחמה צווישן דעם רבייאישן הויף און די קינדער איז ווי איבערנאַכט אַראָפּ פון דעם סדר־היום.

אַהרן טווערסקי איז צוריקגעקומען אין זיין פאָטער׳ס הויז אַלס סטודענט פון דעם פּאָליטעכניקום און האָט זיך אָנגעשלאָסן אין די רייען פון די ערשטע חלוצים אין אומאַן, וואו ער האָט דורכגעמאַכט די הכשרה.

ער איז אויך געווען אַקטיוו אין דער „מכבי״־באַוועגונג, אָבער די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט זיך שוין אין יאָר 1920 באַפעסטיקט

אין אומאַן און האָט אָנגעהויבן צו פאַרפּאָלגן די אָרגאַניזירטע ציוניס־טשע גרופּן.

אַהרן איז דעמאָלט געגומען געוואָרן אויף צוואַנגס־אַרבעט אין אַ וואַלד אַריין.

ער איז פון דאָרט אַנטלאָפן און געגומען וואַנדערן ביז ער איז געקומען מיט אונטערוועגן צו די ברעגן פון „דניעסטער״.

נאָך עטלעכע חדשים פון שווערע מאַטערנישן האָט זיך אים איינגעגעבן אַריבערצוגיין דעם „„דניעסטער״, אָבער פון יענער זייט טייך איז ער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער גרענעץ־וואַך וואָס האָט אים מיט אַנדערע געפאַנגענע אידן אָפּגעפירט קיין בעלץ (בעסאַראַביע) און זיי אַלעמען איינגעשפּאַרט אין אַ לאַגער.

די ציוניסטישע עסקנים האָבן אים מיט עטלעכע וואָכן שפּע־טער אַרויסגענומען פון דעם לאַגער און אים דערמעגלעכט אָפּצופאָרן קיין קעשענעוו.

צו יענער צייט האָבן זיך אין קעשענעוו געפונען טויזנטער אידישע היימלאָזע פון אוקראַינע וואָס האָבן זיך געמאַטערט אין נויט און אין עלנט און די לאָקאַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך מיט זיי קיין עצה ניט געקאָנט געבן.

אהרן טווערסקי האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט לטובת די דאָזיגע היימלאָזע.

ער האָט ענערגיש געהאָלפן זיי, צו אָרגאַניזירן זיך אין רעליפן לויט לאַנדסמאַנשאַפטן און האָט אין יאָר 1921 מיט דער הילף פון נאָך אַנדערע עסקנים צוזאַמענגערופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע היימלאָזע אין בוקאַרעסט אויף וועלכער ער איז אויסדערוויילט געוואָרן אַלס גענעראַל סעקרעטאַר פון דעם היימלאָזן צענטראַלן־רעליף קאָמיטעט אין גאַנצן רומעניע.

ער האָט אָנגעפירט מיט דער דאָזיקער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט און האָט אַרויסגעוויזן גרויס פעאיקייט אין דער ליזונג פון דער דאָזיקער פּראָבלעם.

דער דאַנק־בריוו מיט דעם „אויסצייכנונג" וועלכע די לעצטע גרויסע פאַרזאַמלונג פון די הימלאַזע אין קעשענעוו, האָט אים ביים שלוס פון דער אַרבעט אונטערגעטראָגן מיט דעם פאָלגנדן אויפשריפט:

„מאת אחיו פליטי אוקראינה בהגמר הליקבידציה
בעד עבודתו באמונה לטובתם והצלתם,
שכר חלף עתודתכם אנו מאחלים לכם
אושר ועושר וכל טוב, ברכת ד' עליכם".

איז געווען דער אויסדרוק פון ליבע און דאַנקבאַרקייט צו אים פאַר זיין ענערגישער טעטיקייט און איבערהויפט פאַר דער ברודערלעכער באַציאונג צו די לײדן פון די הימלאָזע.

צו דער זעלבער צייט איז ער געווען אַקטיוו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און האָט אָנטיילגענומען אין פאַרשידענע אַקציעס איבער גאַנץ בעסאַראַביע לטובת די פאָנדן פון "קרן־קימת לישראל" און „קרן־היסוד".

אהרן טווערסקי האָט אָבער געשטרעבט צו פאַרענדיקן דעם קורס פון „העכערער בילדונג", וואָס די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט איבערגעריסן.

נאָכדעם ווי די הימלאָזע־פּראָבלעם איז געלייזט געוואָרן דורך עמיגראַציע־מעגלעכקייטן, איז ער פון קעשענעוו אַריבערגעפאָרן קיין ווין און דאָרט האָט ער פאַר אַ קורצער צייט שטודירט אין דער האַנדלונגס־אַקאַדעמיע. פון ווין איז ער געקומען קיין פראַג (טשעכאָסלאָוואַקיע), וואו ער האָט מיט דערפאָלג באַקומען דעם דיפּלאָם פון „כעמיקער אינזשעניר".

פאַר דער צייט, וואָס ער האָט געלעבט אין פראַג איז ער געווען דער פאַרזיצער פון „החבר" (פּאָפּולערע ציוניסטישע סטודענטן אָרגאַניזאַציע) און האָט מיט ענערגישער און טרייער אַרבעט פאַרשטאַרקט און פאַרגרעסערט די נאָציאָנאַלע באַוועגונג צווישן דער סטודענטנשאַפט.

אין יאָר 1930 איז ער אַריבערגעפאָרן קיין פּאַריז, וואו ער האָט צוערשט געאַרבעט ביי פרעמדע אַלס אינזשעניר און דערנאָך צוגעקומען מיט אייגענע כוחות צו אַן אייגענער פאַבריק.

אהרן טווערסקי האָט אויסער זיין ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע טעטיקייט אויך געשטרעבט צו פאַרשפּרייטן „מלאכה" צווישן דעם אידנטום.

ער איז געווען אַקטיוו אין טעכנישן־ראַט ביים צענטראַלן אײ־ראָפּעאישן קאָמיטעט פון „אָרט".

ער איז אויך געווען איינער פון די גרינדער און לייטער פון דער נייער אידישער אינטעלעקטועלער אָרגאַניזאַציע אין פּאַריז וואָס טראָגט דעם נאָמען „פאַרבאַנד פון אידישע אַרכיטעקטורן און אינזשענירן אין פראַנקרייך".

אונטער דער אָקופּאַציע פון די דייטשן איז ער צוזאַמען מיט זיין פרוי חנה געווען טעטיק אין אַן אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע פון יחידים, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט שאַפן געלט־מיטלען אויף צו באַזאָרגן די אידישע קינדער, וועמענס עלטערן זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן — מיט וואוינונגס־פּלעצער צווישן דער קריסטלעכער באַ־פעלקערונג.

ער איז נאָכדעם אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשן און האָט מיטגעמאַכט די לאַגערן, דראַנסי, אוישוויץ (אָשווענטשים), פּליאַ־שאָוו ביי קראָקע, פלאָסענבורג און דאַכאַו, וועלכע זיינען באַוואוסט מיט זייערע שוידערלעכקייטן ביי דער פאַרניכטונג פון דעם איירא־פּעאישן אידנטום.

דעם 29טן אַפּריל 1945 איז דער לאַגער דאַכאַו איינגענומען געוואָרן פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי און אהרן טווערסקי, איז געווען צווישן דער קליינער צאָל „שארית הפליטה", וואָס האָט זוכה געווען געראַטעוועט צו ווערן.

דער טאָג איז פאַר אים זיין צווייטער געבוירנטאָג, ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט.

**ל. פּלוצקי**

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף

פון

## „אהרן טווערסקי בוך־קאָמיטעט״:

ס. דינגאָל (פּאָרזיצער)

אָסקאַר גאָרין (סעקרעטאַר)

ש. באָנטשיק

ז. בוימגאָלד

יוחנן טווערסקי

חנה לעווין

שמואל ניגער

לואיס סיגאַל

חנה ספּעקטאָר

בנימין רעסלער

משה שטאַרקמאַן

„געראַטעוועטע נאַצי־קרבנות״
ברענטש 415, ביים א. נ. א. פּ., ניו־יאָרק.



אהרן טווערסקי אין יאָר 1940 איידער די דייטשן
האָבן אָקופּירט פּאַריז.



אהרן טווערסקי אין דאַכאַו בעת
דער באַפרייאונג — אפריל 1945
(פאָטאָגראַפירט דורך אַן אַמערי־
קאַנער דזשי־אַי).



אהרן טווערסקי צוריק אין פאַריז
אַ געראַטעוועטער, אָבער אין אַ
שלעכטן פיזישן צושטאַנד. יוני
.1945



אין דעם דאָזיקן צימער האָט מען געפּייניקט אין דאַכאַו'ער לאַגער ביז צום טויט.



דאָס איז דער אָשוועגטשים־נומער וועלכן אהרן טווערסקי האָט אויף זיין לינקן אָרעם.



דאָס אינקוויזיציע־צימער אין דאַכאַו, וואו מ׳האָט באַשטראָפט די אינטערנירטע.



Prämienschein über RM. 1.—
Konzentrationslager Flossenbürg
KL/101 11.44

מיט דעם ווערטלאָזן פּאַפּירל האָבן די נאַציס געצאָלט אין פלאָסענ־
בורגער קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר דער אוממענטשלעכער
פיזישער אַרבעט.



דער סאַדיסטישער שמייכל אויף די פּנימ׳ער פון די עס־עס אָפיצירן אין ווייסע הענטשקעס
נאָך דער עקזעקוציע פון צוויי אידישע קדושים.



זעקס טויזנט אידישע קרבנות זענען דורך דער אַמעריקאַנער אַרמיי געפונען געוואָרן אין די וואַגאָנען ניט ווייט פון דאַכאַו. אַמעריקאַנער זעלנער באַטראַכטן דאָס שוידערלעכע בילד פון די טויטע.



אַ הויפן פון געשוואָלענע טויטע אידישע
גופים, וועלכע די דייטשע בעסטיעס האָבן
ניט געהאַט קיין צייט צו פאַרברענען.



גוסס׳דיקע אידישע קרבנות אויפ׳ן וועג קיין דאַכאַו
בעת דעם „טויט־מאַרש״.



די אויוונס אין דאַכאַו וואו מ׳האָט פאַרברענט די צום טויט־פאַרמוטשעטע אינטערנירטע.